ספריה עממית בטורונטו
יידישע
פאלקס ביבליאטעק
טאראנטע
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

ספריה עממית בטורונטו
יידישע
פאלקס ביבליאטעק
טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

די אינטערנאציאנאלע ביבליאטהעק.

לעבענס-בעשרייבונגען

פון בעריהמטע מענער.

א זאמלונג פון ביאגראפיעס פון די גרעסטע
דענקער, פאעטען און שריפטשטעלער פון
דער אלטער און נייער צייט.

אין דריי בענדער.

באַנד III

ארויסגעגעבען פון
די אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטהעק פערלאג קאָמפּ.
ניו־יאָרק

Copyright, 1910.
By The International Library Publishing Co.

אינהאלטס-פערצייכניס.

זייטע

שבתי צבי — דער פאלשער משיח — — — — — — — — — — 3

מאהאמעד — גרינדער פון מאהאמעדאניזמוס, זיין לעבען און קאמפף פאר א נייע רעליגיאן — — — — — — 79

ר' ישראל בעל שם טוב — דער גרינדער פון חסידיזמוס, זיין לעבען, טהעטיגקייט און פילאזאפיע — — — 143

רב סעדיה גאון — דער ערשטער אידישער רעליגיאנס-פילאזאף, זיין לעבען, ווערקען און שריפטען — — — 183

דער ווילנער גאון — דער גייסטיגער פיהרער פון מתנגדים 213

יאזעפוס פלאוויוס — זיין לעבען און זיינע שריפטען אין פערבינדונג מיט דער געשיכטע פון דעם קאמפף צווישען אידען און רוימער און פון צווייטען חורבן ירושלים — — — — — — — — — — — 249

בר כוכבא — דער העלדישער קריעגס-פיהרער און קעניג פון אידען אין זייער לעצטען גרויסען אויפשטאנד נעגען רוים — — — — — — — — — — — — 309

שבתי צבי

דער פאַלשער משיח מיט זיינע קאַבאַ-
ליסטישע נביאים און פערעהרערס
אין אַזיען, אַפריקאַ און אויראָפּאַ.

פון פיליפּ קראנץ.

שבתי צבי.

איינלייטונג.

פאלשע משיח'ס און קאבאליסטען.

אין דער הקדמה צו ספינאָזא'ס לעבענסבעשרייבונג (*) איז שוין ערקלערט געוואָרען, אז דער פאלשער משיח שבתי צבי איז גע־וועזן איינער פון דיא צודולטע קאבאליסטען, וועלכע האָבען זיך ארויסגעגעבען פאר נביאים און ערלייזערס פון אידישען פאָלק, און האָט פערקערפערט אין זיך דיא מיסטישע ריכטונג פון 17טען יאָהרהונדערט. נאָר אום ריכטיגער און גרינדליכער צו פערשטיין, וויא אזוי ער איז געקומען צו שפּיעלען דיא ראָלע פון א גאָט און ווארום ער האָט געפונען אזוי פיעל אנהענגער ניט נאָר אין טירקיי און מצרים, אין דיא נעסטען פון דיא אונוויסענדסטע און אבערגלויביגסטע קאבאליסטען, זאָנדערן אפילו אין אזעלכע צענטערס פון אוי־ראָפּעאישע ציוויליזאציאָן, וויא אמסטערדאם, האמבורג, לאָנדאָן א. ז. וו.— איז ניטיג צו ווארפען א נעהנטערן בליק אויף דיא שרעקליכע געשיכטע פון אידען אין מיטעל־אלטער און אויף דיא ענט־וויקלונג פון קבלה און משיח־טרוימען צווישען דיא פערפאָלגטע אידען.

די אינקוויזיציאָן, דיזע מענשליכע יאטקע לשם שמים, האָט גע־יאָגט א שרעק אפילו אויף דיא אידען, וועלכע האָבען זיך געפונען אין ניט קאטוילישע לענדער. דיא בעסטע, געבילדעטסטע און מוט־היגסטע אידען זיינען געוועזן דיא אָפּפער פון קאטוילישען פאנא־טיזמוס, וועלכער האָט זיך בעזאָנדערס פאנאנדערגעפלאקערט אין

*) זעה „ברוך שפּינאָזא—זיין לעבען און פילאָזאָפיע“, ארויסגעגעבען פון דער אינטערנאציאָנאלער ליבּרערי פּובלישינג קאָמפּאניע.

שפאניען און פאָרטוגאל. דיא דאָמיניקאנער גלחים, דיא ווילדעסטע און גרויזאמסטע פון אלע קאטוילישע פאנאטיקער, האָבען זיך אונ־בארמהערציג אָפּגערעכענט מיט דיא אידען פאר דיא קלעפּ, וואָס דיא פאפּסטען און דער קאטאָליציזמוס האָבען געקראָגען דורך דיא הומאניסטען (אזוי רופט מען דיא אנפיהרערס פון דער רענעסאנס־אָדער אויפלעבונגס־צייט און דיא פאָטערס פון פרייען דענקען אין איראָפּא) און דורך דיא רעפאָרמאציאָן. דיא דאָמיניקאנער, וועלכע זיינען געווען דיא הויפּט־אינקוויזיטאָרס, האָבען זיך אויך בלוטיג אָבגערעכענט מיט דיא אידען פאר דיא גוטע צייטען, וואָס זיי, דיא אידען, האָבען געהאט אין דער צייט, ווען דיא מאורען (אראבען) האָבען געהערשט אין זיד־שפאניען.

דער ביטערער קאמפּף, וועלכער האָט זיך געצויגען יאָהר־הונ־דערטע צווישען דיא שפאניער און דיא אראבען, האָט ערוועקט אין שפאניען א הייסען רעליגיעזען געפיהל, וועלכער האָט געפיהרט צו ווילדע אינטאָלעראנץ און בלינדען פאנאטיזמוס. דער נאציאָ־נאלער קאמפּף איז ענג פערבונדען געוואָרען מיט דעם רעליגיעזען קאמפּף צווישען קריסטענטהום און מאָהאמעדאניזמוס. דיא שפּא־ניער, וועלכע האָבען געקעמפּפט פיר זייער נאציאָנאלע איינינקייט, האָבען אין דער זעלבער צייט אויך געזוכט צו פערזיכערן דיא פער־שפּרייטונג און דיא הערשאפט פון דער קריסטליכער רעליגיאָן. וואָס ווייטער דיא שפאניער האָבען געיאָגט דיא אראבען צו זידען, אלץ ערגער איז געוואָרן דיא אידען, וועלכע האָבען זיך דאָרט בע־זעצט נאָך אין אלטע צייטען. דיא ערשטע גרויסע פערפאָלגונגען געגען שפאנישע אידען האָבען זיך אָנגעפאנגען צו ענדע פון 14טען יאָהרהונדערט. מען האָט זיי דאן געצוואונגען מיט געוואלט אָנצו־נעהמען דעם קריסטענטהום; אָבער זיי האָבען זיך נאָך געקענט רע־טען אין דיא ערטער, וואו דיא אראבען האָבען אָנגעהאלטען זייער הערשאפט.

נאָר מיט הונדערט יאָהר שפּעטער, נאכדעם וויא גרענאדא — דיא לעצטע פעסטונג פון דיא אראבען — איז איינגענומען געוואָרן (אין 1492) פון דיא שפאניער אונטער דער הערשאפט פון פער־

דינאנד און איזאבעלא, האָט מען דיא אידען געגעבען דיא ברירה: אָדער צו ווערן קאטאָליקען אָדער צו פערלאָזען דאָס לאנד. וויא בעוואוסט, האָבען אונגעפעהר 300 טויזענד אידען אויסגעוואנ־דערט, אום צו בלייבען טריי זייער גלויבען. א טהייל אידען, וועלכע זיינען געצוואונגען געוועזען צו בעקעהרען זיך צום קריסטענטהום, אום צו רעטען זייער לעבען און פערמעגען, זיינען אין הארצען געבליבען אידען. ביסלעכווייז האָט זיך פון זיי געבילדעט א בעזונדערער קלאס אידען, וועלכע האָבען געקראָגען דיא צונעמענעם „מאראנאָס", וואָס עס בעדייטעט דיא „פערשאָלטענע". זיי זיינען טאקע אין דער ווירקליכקייט געוועזען פערשאָלטענע, דען ניט נאָר זיינען זיי ניט געאכטעט געוועזען פון דיא אידען, וועלכע זיינען פערבליבען טריי זייער גלויבען ביז צום טויט אָדער אויסווייזונג, זאָנדערן דיא קריסטען האָבען זיי אויך זעהר פיינט געקראָגען און יעדענפאלס געהאסט מעהר, וויא ווען זיי וואָלטען זיך אָפען געהאלטען אָן זייער אידישע אמונה.

דער זעלבער נאָמען איז אויך איבערגעגאנגען אויף דיא אונ־גליקליכע אידען, וועלכע האָבען געזוכט רעטונג פון דיא שפאנישע אינקוויזיציאָן אין פּאָרטוגאל און וועלכע זיינען דאָרט מיט געוואלט געטויפט געוואָרן. זייער לאגע איז געוועזען א שרעקליכע אין אלע בע־ציהונגען, דען ניט נאָר האָט מען זיי אויף דער שענדליכסטער און גרויזאמסטער וויזע פערפאָלגט פאר זייער אונטרייהייט צום קריסטליכען גלויבען, וועלכען מען האָט זיי געצוואונגען אָנצונעה־מען — א סך האָבען ליבערסט בעגאנגען זעלבסטמאָרד וויא זיך צו לאָזען טויפען — זאָנדערן מען האָט זיי אויך ניט געלאָזט אויס־וואנדערן. ביז צוויי־דריטעל פון דיא אויסגעוואנדערטע שפאנישע אידען, אונגעפעהר 200 טויזענד נפשות, האָבען זיך צוערשט בע־זעצט אין פּאָרטוגאל, וואו דער קעניג מאנועל האָט זיי פריינדליך אויפגענומען און פערשפּראָכען בעשיצונג. מען האָט זיי נאכהער שענדליך פערראטהען, און זיי זיינען געבליבען וויא אין א פאסטקע. דיא פּאָרטען האָט מען בעוואכט, אז זיי זאָלען ניט קענען זיך ארויס־רייסען פון דיא בלוטיגע הענד פון די פּאָרטוגעזער אינקוויזיטאָרען,

וועלכע האָבען אין אַלעס נאָכגעמאכט זייערע שפאַנישע חברים. מען האָט אויך פערבאָטען צו קויפען זייערע לענדער און געשעפ־טען, אום דערמיט זיי נאָך שווערער צו מאכען א פליטה, וועלכע מען האָט נאָר געקענט אויספיהרען מיט דער גרעסטער לעבענס־געפאהר. הונדערט יאהר האבען דיא פּאָרטוגעזער מאראנאָס געלי־טען וויא אין א גיהנם ביז מען האָט זיי ערלויבט ענדליך אויסצו־וואנדערן.

דאָ איז ניט דער אָרט איבערצוגעבען איינצעלהייטען פון דיא שרעקליכע צרות, וואָס דיא אידען האָבען געהאט אויסצושטעהן אין שפּאניען און פּאָרטוגאל. מיר בעריהרען עס נאָר דאָ, ווייל דאָס האָט נאטירליך געהאט א גרויסען איינפלוס ניט נאָר אויף דיא יע־ניגע, וועלכע זיינען פערבליבען טריי צו זייער גלויבען, טראָץ אלע פייניגונגען און שייטערהויפענס פון דער אינקוויזיציאָן, זאָנדערן אויך אויף דיא ווייטערע געשיכטע פון אידישען פאָלק.

דיא שפאנישע אידען זיינען דאן געווען דיא געבילדעטסטע און ציוויליזירטעסטע אין דער גאנצער וועלט, און זייער געצוואונ־גענע צושפּרייטונג איבער אלע לענדער, וואו נאָר זיי האָבען גע־קראָגען דיא מינדעסטע געלעגענהייט צו פערבלייבען אפילו א קורצע צייט, האָט געהאט זעהר א גרויסע ווירקונג אויף דער אויפ־לעבונג (רענעסאנס־צייט) פון דער גריכיש־אראבישער פילאָזאָפיע, וועלכע האָט אויפגערודערט דיא מוחות און ביסלעכווייז פער־יאָגט דיא פינסטערע וואָלקענס פון מיטעלאלטער און פון קאטאָ־ליציזמוס. זיי האָבען פאנאנדערגעטראָגען דיא זריעה פון דער נייער פילאָזאָפיע און פון וויסענשאפטליכע נאָכפאָרשונגען, דיא זריעה, פון וועלכער אונזער יעצטיגע ציוויליזאציאָן איז אויסגע־וואקסען. אויף דיזער וויזע האָבען זיי זיך אָפּגערעכענט מיט זייערע פינסטערע פערפאָלגערס, מיט דער אונמענשליכער אינ־קוויזיציאָן, וועלכע איז אונטערגעגאנגען צום גליק פון דער מענש־הייט אונטער דעם איינפלוס פון דער נייער פילאָזאָפיע, וועלכע זיי האָבען געהאָלפען צו פערשפּרייטען.

אָבער א גרויסער טהייל איז דורך דיא שוידערליכע פערפאָל־גונגען פערהארטעוועט געוואָרן וויא שטאָל אין זייער רעליגיאָן, פאר וועלכע זיי האָבען אלעס געאָפּפערט, און האָט אויסגעמיידעט א פערקעהר מיט דער אויסערער וועלט. דיא גהעטאָס, אין וועלכע מען האָט ארייננגעשפּארט דיא אידען, אום זיי אָפּצו־זונדערן פון דער אויסערער וועלט, אזוי וויא פערשאָלטענע, האָ־בען זיי אליין געזוכט, דען נאָר אין זייער מיטע, צווישען זייערע אונגליקליכע ברידער, האָבען זיי געקענט געפינען א ביסעל רוהע און זיכערהייט. זיי האָבען זיך פערטיעפט אין זייער אייגענער וועלט, א וועלט מיט טרוימען, מיט זיסע האָפנונגען אויף א בע־סערע צוקונפט. דיא געגענוואַרט איז געווען אזוי פינסטער, אזוי טרויעריג, אזוי שמערצליך און שרעקליך, אז זיי האָבען געמוזט זוכען עפּעס א טרייסט אין דער צוקונפט און זיך אָנכאפּען אָן יעדער איינבילדונג, וויא ווילד זיא איז ניט געווען, אבי זיי האָבען אין דעם געזעהען דעם מינדעסטען פונק פון א גוטער האָפנונג.

דערמיט ערקלערט זיך, וואָס אין דיזער צייט האָבען אויפגע־לעבט אזוי שטארק דער מעסיאניזמוס און דיא קבלה. דיא אונער־טרעגליכע צרות האָבען פערשארפט דעם אלטען גלויבען פון אי־דישען פאָלק אין א משיח. מען האָט געגלויבט און געוועלט גלוי־בען, אז דיא אונערהערטע פערפאָלגונגען זאָגען פאָראויס דעם נאָהענטען אָנקומען פון דעם שטענדיג־ערווארטעטען ערלייזער. אין דעם ים מיט בלוטיגע טרעהרען איז דאָס געווען א רעטונגס־שיפעל. דיזע איינגעבילדעטע האָפנונגען האָבען נאטירליכערווייזע ארויסגערופען אויף דער סצענע מענשען, וועלכע האָבען זיך אליין איינגערעדט און געזוכט איינצורעדען אנדערע, אז זיי זיי־נען עס דיא ערווארטעטע ערלייזערס, אז זיי וועלען עס ענדליך ברענגען דיא היים־געווינשטע גאולה.

מאנכע פון זיי זיינען געווים געווען שארלאטאנעס און שווינד־לער, אָבער דיא מייסטע זיינען טאקי געווען צודולטע טרוימערס, פאנטאסטען, וועלכע האָבען אזוי לאנג זיך פערטיעפט אין דיא וויט־פערשפּרייטעטע און טיעף־איינגעוואָרצעלטע איינבילדונגען

וועגען דיא נאָהענטקייט פון משיח'ס צייטען, אז זיי האָבען פער־לאָרען דאָס לעצטע ביסעלע קלאָרען פערשטאנד און האָבען זיך אליין איינגערעדט, אז זיי זיינען עס געשיקט געוואָרן פון גאָט צו ערלייזען זייערע אונגליקליכע און פערוואָגעלטע ברידער. דער 16טער און 17טער יאהרהונדערטע זיינען דארום בעזונדערס רייך געווען אין אזעלכע איינגעבילדעטע משיח'ס און אויך אין גלויביגע נאָכשלעפּערס, בעזאָנדערס טאקי צווישען דיא אונגליקליכע מאראַ־נאָס.

„יעדען טאָג, יעדע שטונדע, שרייבט פּראָפעסאָר גרעטץ אין זיין „געשיכטע פון אידען", האָבען דיא מאראנאָס זיך געפּלאָגט און פערשאָלטען דיא יאהרען דורך דעם, וואָס זיי האָבען געמוזט פראווען דיא צערעמאָניעס פון א רעליגיאָן, וועלכע זיי האָבען געהאסט אין הארצען. עס איז דארום קיין וואונדער, וואָס פיעלע פון זיי האָבען פערלאָרען דעם גלייכען פערשטאנד און זיינען געוואָרן גאנץ משוגע. אין דער נאכבארשאפט פון הערעראַ האָט זיך א מאראנאָ־מיידעל ערקלערט פאר א פּראָפעטין. זיא האָט געליטען פון ספּאזמען און האָט געהאט האלוצינאציאָנען. זיא האָט ער־קלערט, אז זיא האָט געזעהען משיח'ן און מלאכים, און זיא האָט געזאָגט, אז זיא וועט פיהרען דיא אונגליקליכע אידען אין דאָס היילינגע לאנד. זיא האָט געפונען א סך גלויביגע צווישען דיא מא־ראנאָס. ווען דאָס איז ענטדעקט געוואָרן פון דער אינקוויזיציאָן, האָט מען פערברענט דיזע מיידעל מיט 38 פון איהרע אנהעננערס. דיא מאראנאָס האָבען געאטהעמט אין אן אטמאָספערע פון האָפ־נונג אויף א משיח, דאָס הייסט אין א גאולה דורך נסים".

אום נאָך מעהר צו פערשטארקען דיזע האָפנונגען און אויך צו געפינען „אָנווייזונגען" און „בעווייזע" פיר דיא רעכנונגען וועגען דיא נעכסטע ערשיינונג פון משיח, האָט מען זיך גענומען גריבלען און פערטיעפען אין קאבאליסטישע שריפטען, אין דיזען קוואל פון מיסטיציזמוס (סתרי תורה). אין דיזע משונה'דיגע איינביל־דונגען, אין דיזע לופטשלעסער פון צודולטע מוחות, אין דיזע איינפאכע משוגעת'ן האָבען דיא פאלשע משיח'ס געשעפּט „בע־

גייסטערונג" פיר זייער געפעהרליכע ראָלע און זייערע נאָכשלע־
פּערם האָבען געשעפּפּט גלויבען אין זיי.

דיא קבלה איז א פּראָדוקט פון אונוויסענהייט, וואָס שטיצט
זיך אויף א מיסטישען גלויבען, אויף א גלויבען אין פערבאָרגענע
סודות. דיא קאבאליסטען האָבען דארום רעכט, ווען זיי זאָגען, אז
זיא איז אזוי אלט וויא דיא תורה. דיא איינבילדונגען פון דיא
קאבאליסטען וועגען דיא צעהן ספירות זיינען ווער ווייסט וויא
אלט. יעדענפאלס זיינען דיא „געהיימניסע" פון דער קבלה ניט
ספּעציעל אידישע. זיי שטאמען מייסטענס פון דיא פּערסען, ביי
וועלכע דיא אידען האָבען איבערגענומען דעם גלויבען אין דעם
שטן מקטרג, אין א גן־עדן און גיהנם, אפילו אין תחית המתים.
אויך איז עס זיכער, אז דיא קריסטען האָבען געהאט אונגעפעהר
אזא קבלה און אז דיא אידישע קאבאליסטען האָבען זעהר פיעל
„סודות" און פאנטאזיען איבערגענומען ביי דיא קריסטליכע קא־
באליסטען.

נאָר, וויא ווייט מען קען איצט דערגעהן, האָט דיא קבלה גע־
נומען שפּיעלען צוערשט א גרויסע ראָלע אין דער אידישער רע־
ליגיאָן צום אָנפאנג פון 13טען יאהרהונדערט, ווען עס האָבען זיך
אָנגעפאנגען הייסע מחלקות צווישען דיא אנהענגער און געגנער
פון רמב"ם; אלע די יעניגע, וועלכע האָבען געוועלט בלינד גלוי־
בען אין נסים און פעריאָגען פערנונפט פון רעליגיעזע בעטראכטונ־
גען, האָבען זיך אָנגעכאפּט אָן דיא קאבאליסטישע ביכער צו פער־
טומלען זייערע אייגענע קעפּ און דיא קעפּ פון אנדערע מיט פאנ־
טאזיען און פערדרעהעניסע וועגען כלומרשט פערבאָרגענע געט־
ליכע סודות. דיא צאָהל פון מענשען, וואָס זיינען גענייגט צו
מיסטיציזמוס און אבערגלויבען, איז נאָך זעהר גרויס אין אונזערע
צייטען, נאָר אין פריהערע צייטען, בעזאָנדערס אין מיטעל־אלטער,
זיינען געווען זעהר ווייניג מענשען, וואָס האָבען זיך געזוכט צו
שטיצען אויף פערנונפט און וועלטליכע פילאָזאָפיע. אזעלכע מענ־
שען, וואָס האָבען געקענט פערשטעהן און נאָכפאָלגען דעם רמב"ם'ס

פילאָזאָפיע, וויא שוואך זיא זאָל אונז יעצט ניט שיינען, זיינען געווען גענצעהלטע. דיא גאנצע מאסע האָט בלינד געגלויבט אין יעדען וואָרט פון תלמוד און פון זיינע אנערקענטע קאָמענטאַטאָרס און האָט געקוקט אויף דיא קבלה אלס א הייליגע לעהרע, וועלכע מען קען נאָר בעגרייפען, ווען מען פערטיעפט זיך אין איהר אזוי, אז מען פערגעסט אָן דיא גאנצע וועלט.

אין שפאניען, וואו דער קאמפף צווישען דיא מאימאָניסטען און אנטי־מאימאָניסטען איז בעזאָנדערס היים געפיהרט געוואָרען איז אויך דיא קבלה ענטוויקעלט געוואָרען. עזרא און עזריאל, יעקב פון זשעראָנא, טודרוס און אברהם אבולאפיא, משה דע לעאן (דער פערפאסער פון „זוהר") א. ז. וו. זיינען אלע געווען שפאנישע אידען. זיי האָבען ענטוויקעלט דיא פריהערע קאבאליסטישע חלומות און איינגעפיהרט נייע, וועלכע זיינען אלע צוזאמענגעפלאָכטען געוואָרן אין „זוהר". שפאנישע אידען האָבען אויך צוזעהט און צושפרייט דעם קאבאליסטישען אונזין, ווען זיי האָבען געמוזט אנטלויפען פון דער אינקוויזיציאָן. אין 17טען יאָהרהונדערט זיינען דיא שטארקסטע נעסטען פון קאבאליסטען געווען אין סאַלאָניקע און איבערהויפט אין טירקיי.

דיא פערשפרייטונג און פערעהרונג פוז דער קבלה זיינען געגאנגען האנד אין האנד מיט דער פערשטארקונג פון מעסיאנישע האָפנונגען.ביידע האָבען געהאט דעם זעלבען גרונד — דיא איינבילדונג — און ביידע האָבען געהאט דעם זעלבען רעזולטאט — פערפיהרונג און גייסטיגע פערקריפלונג.

אלע פאלשע משיח'ם זיינען געווען צודולט פון דער קבלה, אין וועלכער זיי האָבען זיך ארייננגעלאָזען מיט לייב און זעעלע. אָהן דעם „זוהר" וואָלטען זיי וואהרשיינליך קיין מאָל ניט ארויסגעטראָטען און ניט געקענט ארויסטרעטען אלס גאָט'ס געזאלבטע. אפילו דער זאָנדערבארער דוד ראובני, וועלכער איז זיכער געווען א שארלאטאן, איז געווען א קאבאליסט. דיזער קליין מענשעלע, כמעט א קארליק, דאר וויא א סקעלעט, האָט בעזעסען א שטארקען כאראקטער אין אויך פיעל מוטה און שכל. קיינער האָט ניט גע־

וואוסט, ווער ער איז און וואו ער איז געבאָרען געוואָרען. מען רע־כענט, אז ער איז געקומען ערגעץ פון אזיען. יעדענפאלס האָט ער לאנג ארומגעוואנדערט אין אראביען, מצרים און סיריען איידער ער איז אָנגעקומען אין איטאליען ארום 1524, וואו ער האָט זיך ארויסגעגעבען אלס א שליח פון זיין ברודער, א הערשער איבער א אידישער מלוכה אין נאָרד־אראביען, אין דעם לאנד חעיבאר (דאָרט איז א מאָל געוועזן אידישע קאָלאָניע, וועלכע איז צושטערט גע־וואָרען פון מאהאָמעד, ווען ער איז ארויסגעטראָטען געגען אידען.*) ער האָט דערצעהלט, אז זיין ברודער האָט אן ארמעע פון 300 טויזענד סאָלדאטען, נאָר זיי נויטיגען זיך בעזאָנדערס אין ביקסען און הארמאטען צו קענען בעזיעגען דיא מאהאָמעדאנער, וועלכע שטערען זיי צו פערבינדען אלע אידישע שטאמען אין אראביען. אום צו קריגען דיזע געוועהר, האָט איהם זיין ברודער געשיקט צו דיא אויראָפּעאישע קעניגע און בעזאָנדערס צום פּאפּסט. אין פאל מען וועט בעוויליגען דיזען פערלאנג, האָט דוד ראובני פערשפּראָכען, אז דיא אידישע ארמעע וועט העלפען דיא קריסטען ארויסצויאָגען דיא טערקען פון פּאלעסטינע.

עס איז איבעריג צו זאָגען, אז דאָס איז אלעס אויסגעטראכט געוואָרען פון דוד ראובני; אָבער ער האָט אזוי קונציג און מוטהיג געשפּיעלט זיין ראָלע, ריזיקירענדיג מיט זיין קאָפּ, און אין אייראָפּא האָט מען אזוי ווייניג געוואוסט וואָס עס טהוט זיך אין אזיען, בע־זאָנדערס נאָך אין אראביען, דאָס ניט נאָר דער פּאפּסט קלעמענט VII זאָנדערן אויך דער פּאָרטוגעזער קעניג האָט איהם אויפגענו־מען זעהר פריינדליך אלס א געזאנדטען. דער פּאָרטוגעזער קעניג האָט זיך געלאָזט נארען אזוי ווייט, אז ער האָט פערשפּראָכען צו שיקען 8 שיפען מיט 4000 שוסגעוועהר צום „אידישען קעניג פון חעיבאר,“ אום צו פיהרען מלחמה געגען דיא טערקען.

עס איז שווער צו זאָגען, וואָס דער סוף וואָלט געווען פון דיזען

*) זעהע „מאַהאָמעד — זיין לעבען און רעליגיאָן,“ ארויסגעגעבען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער לייברערי פּובלישינג קאָמפּאַניע.

מערקווירדיגען שווינדעל, ווען דער יונגער און זעהר פעהיגער מא־ראנאַ דיעגאָ פירעס, וועלכער האָט נאכהער אָנגענומען דעם נאָמען שלמה מאָלכאָ, וואָלט ניט איינפאך פעררוקט געוואָרען דורך דוד ראובני'ס וואונדערבארע ראָלע. מען קען זיך קוים פאָרשטעלען דיא אויפרעגונג און דיא ערשטוינונג פון דיא אונגליקליכע מאראנאָס, וועלכע האָבען אין דער צייט שרעקליך געליטען פון דער ניי־איינגע־פיהרטער אינקוויזיציאָן, ווען זיי האָבען געזעהען, דאָס א איד, וואָס גיט זיך ארויס פאר א געזאנדטען פון א אידישען קעניג, ווערט אויפגענומען און בעהאנדעלט אין קעניגליכען הויף וויא א פרינץ. קיין וואונדער דארום, אז זיי האָבען גענומען גלויבען, אז אין דעם שטעקט גאָט'ס האנד און אז משיח'ס צייטען זיינען נאָהענט. ער אליין איז געווען גענוג געשייט זיך ניט ארויסצוגעבען פאר א משיח און ניט צו פערשפרעכען צו פיעל דיא מאראנאָ'ס, אָבער זיי האָבען אויף איהם געקוקט וויא אויף זייער ערלעזער, האָבען געקוסט זיינע הענד און קליידער און געהאָפט, אז ער וועט זיי באלד פיהרען נאָך ירושלים.

דיעגאָ פירעס איז אזוי בעגייסטערט געוואָרען, דאָס ער האָט אָנגעפאנגען צו גלויבען, אז ער איז א נביא און האָט פאָראויס גע־זאָגט משיח'ס נאָהענטע ערשיינונג. דיזער יונגער מאראנאָ, וועלכער איז שוין געבאָרען אלס קריסט און האָט דערגרייכט צו דער הויכער שטעלע פון א קעניגליכען סעקרעטער, האָט זיך מל געווען, אום צו קענען ערפילען דיא געטליכע מיסיאָן, אין וועלכער זיין קראנק־האפטע פאנטאזיע האָט איהם אלץ מעהר איינגעגלויבט. פון דער אָפּעראציאָן איז ער קראנק געוואָרען און זיין קאָפּ איז נאָך מעהר צו־דולט געוואָרען פון חלומות. ער האָט דערצעהלט, אז א שליח פון הימעל האָט איהם אָנגעזאָגט צו פערלאזען פאָרטוגאל און צו בעגע־בען זיך נאָך טירקיי. דוד ראובני, וועלכער האָט מורא געהאט, אז זיין פערעהרער'ס ענטהוזיאזמוס און דיא בעשניידונג וועלען איהם שטערען אין זיין פאָליטישען שווינדעל, האָט איהם אויך צוגערעט זיך אָפּצוטראָגען וואָס שנעלער פון פאָרטוגאל. ראובני'ס פורכט איז ניט געווען אומזיסט, דען ווען דיא אינקוויזיציאָן האָט זיך דער־

וואוסט, דאָס דיעגאָ פירעס איז אָפען געוואָרען א איד און איז אנט־לאָפען, האָט ער געקראָגען א בעפעהל צו פערלאָזען פּאָרטוגאל.

אינדירעקט האָט דיזער מערקווירדיגער מענש, וועלכער האָט שליסליך געענדיגט זיינע יאָהרען אין א פינסטערן קעלער פון דער שפּאנישער אינקוויזיציאָן (מען האָט בעהויפּטעט, אז דיא אינקווי־זיטאָרען האָבען איהם דאָרטען פערגיפטעט), געהאָלפען דיא פּאָר־טוגעזער מאראנאָס דערמיט, וואָס דיא אינקוויזיציאָן האָט ניט גע־קענט האָבען אזא פרייע האנד זיי צו פערפאָלגען און צו ברענען, וויא זיא האָט עס געוואונשען און וויא זיא האָט עס באלד נאָך זיין אָפּרייזע אויסגעפיהרט. זאָ לאנג דער קעניג האָט פערהאנדעלט מיט דעם שליח פון א אידישען קעניג, האָט ער נאטירליך געמוזט זעהען, אז מען זאָל זיך בעסער בעניין מיט אידען אין זיין לאנד.

דיעגאָ פירעס, וועלכער האָט נאָך שטודירט תלמוד און קבלה, ווען ער איז צום שיין געווען א געבאָרענער קריסט, האָט זיך נאָך זיין פלטה פון פּאָרטוגאל אין גאנצען אָבגעגעבען צו זיינע קאבא־ליסטישע חלומות. ער איז געווען אן עהרליכער מענש, אָבער א צודולטער און ענטהוזיאסטיישער. דורך קאבאליסטישע הריידלעך און רעכנונגען האָט ער אויך גענומען פּאָראויסזאָגען דיא צוקונפט, און עטליכע מאָל האָט ער ווירקליך מערקווירדיג געטראָפען. בע־זאָנדערס בעריהמט זיינען זיינע נבואות, אז ליסאבאָן וועט צו־שטערט ווערן פון א שרעקליכע ערדציטערנים און אז רוים וועט פער־פלייצט ווערען. צוליעב דיזע נבואות, וויא אויך צוליעב זיין זעהר אנגענעהמען אויסזעהען און עדעלע האלטונג, האָט ער אזוי וויט געפונען חן אין דיא אויגען פון פאפּסט, דאָס ווען דיא אינקווי־זיציאָן פון רוים האָט איהם פעראורטהיילט צום טויט דורך פער־ברענען פאר זיין ענטזאגען זיך פון קריסטענטהום, האָט מען אנ־שטאָט איהם אריינגעוואָרפען אין דיא פלאמען אן אנדער אונגליק־ליכען. דער פּאפּסט האָט איהם געהאלטען עטליכע טעג בעהאלטען אין וואטיקאן ביז איהם איז געלונגען צו אנטלויפען ביי נאכט אין 1531.

דיזער ענטהוזיאסט, וועלכער האָט געזוכט דעם טויט פון א

מערטירער און האָט אָנגעמאכט א גרויסען גערודער צווישען אידען און קריסטען, האָט פּאָראויסגעזאָגט משיח'ס אָנקומען אין 1540 און האָט געענדיגט אויף אן אָטאָ־דאפע אין מאנטוא, וואוהין דער קייזער קארל דער פינפטער האָט איהם צוזאמען מיט דוד ראובני געבראכט געשמידעט אין קייטען און האָט איהם איבערגעגעבען אין דיא הענד פון דער אינקוויזיציאָן, וועלכע האָט איהם שנעל פעראורטהיילט צום טויט פאר זיין אָפענעם איבערגאנג צו דער אידישער רעליגיאָן. ער איז געשטאָרבען וויא אן אמת'ער מארטירער, שרייענדיג אין דיא פלאמען „שמע ישראל!" דען פאר'ן טויט ווען ער איז געשטאנען אויפ'ן עשאפאָט און דער שייטערהויפען איז שוין אָנגעצונדען געווען, האָט מען איהם אין נאָמען פון קייזער פאָרגעשלאָגען מוחל צו זיין, אויב ער וועט חרטה האָבען און ווידער ווערען א קריסט. ער האָט זיך נאטירליך אָבגעזאָגט, דען ער האָט געגלויבט, אז ער איז זיך מקריב אום משיח'ס צייטען זאָלען וואָס גיכער קומען.

גאנץ אנדערס האָט געהאנדעלט שבתי צבי, ווען מען האָט איהם געסטראשעט מיט'ן טויט. ער איז אויך געווען א טרוימער, א קאבאליסט און אנפאנגס א'ן ענטהוזיאסט, אבער צו זעלבסט־אָפּפערונג איז ער ניט געווען פעהיג. אין פערגלייך מיט שלמה מאָלכאָ איז ער געווען אי א פייגלינג אי א'ן אונוויסענדער מענש; אבער דאָך האָט ער געהאט דעם גרעסטען ערפאָלג אין דער משיח ראָלע, וועלכע עטליכע דורכגעטריעבענע שנאָרערס און שארלאטאנעס האָבען איהם געהאָלפען צו שפיעלען. קיינער פון אלע פאלשע משיח'ס, וועלכע זיינען ארויסגעטראָטען פאר איהם און נאָך איהם, האָט ניט געפונען אזוי פיעל בלינדע אנהענגער און האָט ניט אזוי אויפגערודערט א וועלט, וויא שבתי צבי. דאָס האָט ער געהאט צו פערדאנקען דעם פאל, דאָס ער איז ניט ארויסגעטראָטען אין א קריסטליכער, זאָנדערן אין א מאחמעדאנער לאנד, דאָס ער האָט זיך אָהן שום דריידלעך ארויסגעגעבען פאר דעם לאנג־ערווארטעטען משיח און דאָס עטליכע זעהר געשייטע שווינדלערס האָבען איהם גלייך פון אָנפאנג אונטערשטיצט, וויא מיר וועלען עס זעהען.

I.

זיין ערציהונג און ערשטער ארויסטרעטען אלס משיח.

שבתי צבי איז געבאָרען געוואָרען תשעה באב 1626 אין דער שטאָט סמירנא, וועלכע האָט צו יענער צייט אָנגעפאנגען צו ווערן א וויכטיגער האנדעלס־פּאָרט אין קליין אזיען צוליעב א מלחמה צווישען טירקיי און דיא איטאליענישע האנדעלס־רעפּובליק וועניג. איינינגע ענגלישע און האָלענדישע שיף־קאָמפּאניעס האָבען דאן געעפענט קאנטאָרען אין סמירנא, אום אויסצומיידען דיא פריהערע האנדעלס־וועגען צווישען אייראָפּא און אזיען, און שבתי צבי'ס עלטערן, וועלכע האָבען געשטאמט פון שפּאנישע אידען און האָבען געוואָהנט אין גריכענלאנד, האָבען אריבערגעוואנדערט אין דעם נייען האנדעלס־פּונקט, אום צו זוכען בעשעפטיגונג. זיין פאָטער איז געווען אן אָרימער מעקלער, נאָר ער איז א קורצע צייט נאָך זיין קומען געוואָרען אן אגענט פון אן ענגלישע האנדעלס־הויז און איז דורך דעם געוואָרען זעהר רייך.

דאָס איז געווען א וויכטיגער אומשטאנד אין דער משיח־ראָלע פון שבתי צבי, דען ער האָט גאָר ניט געהאט צו זאָרגען וועגען חיונה און האָט אויך געהאט מיטעל צו מאכען סעודות פאר אָרימע יונגע לייט. נאָר אן ערציהונג האָט ער געקראָגען גראדע וויא אלע אידישע קינדער פון זיין צייט אין קליין־אזיען. מען האָט איהם אָבגעגעבען יונגערהייט אין א חדר און אויך יונגערהייט אָנגעפאנגען צו שטאָפּען מיט תלמוד. נאָר צו תלמוד האָט ער קיין חשק געהאט, דאָס איז געווען צו טרוקען פאר איהם.. ער האָט גאנץ פריה ארויסגעוויזען א נייגונג צו איינזאמקייט און טרוימען. דיא קבלה האָט איהם דערפאר גלייך צוגעצויגען. און דיא פאנאסטישע שילדערונגען פון „זוהר" האָט ער געפונען א גאנצע וועלט פאר זיינע אייגענע טרוימען און איינבילדונגען. נאָך ווען ער איז געווען א אינגעל האָט ער זיך פערטיעפט אין דער קאבאליסטישער סתרי

תורה. אזוי וויא מען האָט געגלויבט, דאָס מען קען נאָר ווערען א בקי אין דער קבלה, ווען מען פיהרט דעם לעבען פון א פרוש, ווען מען זאָגט זיך אָפּ פון דיא פערגעניגענס פון דער וועלט, האָט דער יונגער קאבאליסט אָנגעפאנגען צו פאסטען, זיך צו שמייסען און זיך אָפּט צו באָדען אין ים, סיי זומער סיי ווינטער. צוליעב דיזע שטרעבונג צו זיין א פרוש, האָט ער וואהרשיינליך אויך אויסגע־מיידעט זיין פרוי, מיט וועלכער מען האָט איהם חתונה געמאכט גאנץ יונג נאָך דיא אזיאטישע פיהרונגען. זיא האָט פערלאנגט א גט, ווייל ער וויל ניט לעבען מיט איהר, און האָט עס געקראָגען. מען האָט איהם ווידער חתונה געמאכט מיט אן אנדער יונגע מיידעל, אָבער זיא האָט זיך צוליעב דיא זעלבע אורזאכע געשיידעט מיט איהם.

דאָס האָט נאטירליך ארויפגעצויגען אלגעמיינע אויפמערק־זאמקייט אויף איהם. ער האָט זיך איבערהויפּט געפיהרט גאנץ אנדערש וויא זיינע חברים. בעזאָנדערס האָט מען זיך געוואונדערט, וואָס ער ווייכט אוים פרויען, חאָטש ער איז געווען א געזונטער און זעהר שעהנער בחור. ער האָט אויך געהאט א זעהר פיינע שטימע און האָט ליעב געהאט צו זינגען שפּאנישע און קאבאליסטישע ליעדער, נאָר אין דיא שפּיעלען פון זיינע חברים פלעגט ער קיין מאָל זיך ניט אריינמישען. דיא ערנסטערע פון דיא אינגלעך האָט ער ביסלעכווייז צוגעצויגען צו זיך מיט זיינע זאָנדערבארע פיה־רונגען, מיט זיין אנגענעהמער פיגור און פיינע שטימע, נאָר בע־זאָנדערס מיט זיינע קאבאליסטישע טרוימען. ער פלעגט זיי בע־קאנט מאכען מיט דיא פאנטאזיעס פון דער קבלה און אין זיי איינפלאנצען דיא נייגונג צו מיסטיציזמוס, וועלכע איז אין איהם איינגעבאָרען געווען.

דארום האָט ער שוין געהאט עטליכע שילער און פערעהרער, ווען ער איז נאָך אלט געווען צוואנציג יאָהר. זייטיגע מענשען האָ־בען אויך אָנגעפאנגען צו קוקען אויף איהם וויא אויף א הייליגען, און דאָס האָט נאָך מעהר צורודערט זיין שוואכע קאָפּ. איינינע האָבען ערקלערט, אז ער איז איינפאך פעררוקט, אָבער זייער צאָהל

איז געוועזן זעהר קליין. זיין פאטער זעלבסט האָט איהם פערעהרט, ווייל ער האָט געגלויבט, אז דורך דעם היילינגען לעבען און די ליעבע פון זיין זוהן צו דער קבלה, איז ער רייך געוואָרען. שבתי צבי האָט אויף דיזער ארט גענומען קוקען אויף זיך, וויא אויף א מין פראָפעט, וואָס זיין מיסיע איז צו ערלייזען דיא אידען פון זייערע צרות און צו בעזעצען זיי ווידער אין ארץ ישראל. יעדענפאלס, אויב ער איז אין אָנפאנג נאָך ניט געוועזן איינגעגלויבט, אז איהם איז עס בעשערט צו ברייננגען דיא אידען דיא לאנג־ערווארטעטע גאולה, איז עס זיכער, אז ער האָט וועגען דעם אזוי פיעל געטרוימט און פאנטאזירט, דאָס אין א קורצע צייט איז ער גאָר צודולט געוואָרען.

דיא קבלה איז, וויא בעוואוסט, פול מיט פאנטאזיעס וועגען משיח׳ס צייטען. דאָרט ווערן געשילדערט דיא צייטען איידער משיח וועט קומען און נאכהער, אזוי וויא אנדערס וואָלט עס גאָר ניט קענען צוגיין. אָהן דיזע משיח־איינבילדונגען וואָלט דיא קבלה ניט געפונען אזוי פיעל ענטהוזיאסטישע פערהערערס און וואָלט זיך אויך ניט פערשפרייטעט אזוי ווייט און שטארק. דערצו נאָך האָט שבתי צבי געהערט פון זיין פאָטער, אז קריסטען גלויבען אויך, דאס אן ערלייזער וועט זיך בעווייזען אין 1666 יאָהר. זיין פאָטער האָט זיך וועגען דעם דערוואוסט אין דער ענגלישער קאנ־טאָר, וואו דיא ענגלענדער האָבען דיסקוטירט וועגען דיא איינ־בילדונגען פון דיא קריסטליכע מיסטיקער, דאָס דיא צייט פון מיללעניום (דיא טויזענד יאָהר נאָך וועלכע יעזוס קריסטוס דאַרף זיך ווידער אראָפּלאָזען אויף דער ערד און ערלייזען דיא זינדיגע מענשהייט) איז גאָר נאָהענט. דיזע מיסטיקער האָבען זיך אין זייערע ערווארטונגען געשטיצט אויף א פסוק פון אפּאָקאליפּסיס (דיא נבואות פון יאָהאן דעם טויפער) און האָבען זיך אויך איינ־געבילדעט, אז אין 1666, ווען משיח האָט נאָך זייערע קאבאליס־טישע רעכנונגען געמוזט ערשיינען, וועלען דיא אידען צוריק גע־בראכט ווערען נאָך ירושלים.

שבתי צבי האָט זיך זשעדנע צוגעהערט צו אלעס, וואָס זיין

פאטער האָט איהם געקענט איבערגעבען וועגען מילעניום אָדער
דיא קריסטליכע משיח־צייט, און האָט נאָך מעהר געגלויבט, אז
דיא גאולה איז אויפ'ן נאָז.

אין „זוהר“ ווערט דער יאָהר 5408 נאָך דער אידישער רעכ־
נונג אָנגעגעבען אלס דיא צייט פון דער גאולה, און גראדע אין
דיזען יאָהר איז שבתי צבי צוערשט ארויסגעטראָטען אין זיין
משיח־ראָלע. איהם איז דאן געוועזען 22 יאהר, נאָר דאָס האָט איהם
ניט אָבגעהאלטען ארויסצוגעבען זיך פאר זיינע שילער און פריינדע
אלס א געטליכער שליח, דען ער האָט נאָך אליין ניט בעשטימט,
אויב ער איז בלויז א נביא אָדער איינפאך דער ערווארטעטער
משיח.

דער אָנפאנג פון זיין משיח־ראָלע איז געמאכט געוואָרן אויף איין
גאנץ איינפאכער ארט, אָבער פאר דיא קאבאליסטען האָט עס גע־
האט א ספעציעלע בעדייטונג. איין מאָל, ווען שבתי צבי איז געוועזען
ארומגערינגעלט פון זיינע יונגע פערעהרער, האָט ער פלוצלונג
הויך און מונטער אויסגעשריען דעם שם המפורש, ניט אכטענדיג
אויף דעם שטרענגען פערבאָט פון תלמוד.

דיא אורזאכע פון דיזען פערבאָט איז געלעגען אין דעם גלויבען
אין צויבער־ווערטער, א גלויבען וועלכער איז געוועזען פערשפרייטעט
ביי פיעלע פעלקער וויא דיא געשיכטע פון רעליגיאָנען צייגט עס
אונבעשטרייטבאר. מען האָט זיך איינגעבילדעט, אז מיט געוויסע
ווערטער קען מען ניט נאָר פעריאָגען שדים, זאָנדערן מען קען
אויך קריעגען א מאכט איבער דיא געטער זעלבסט. דיא נעמען
פון געוויסע געטער האָבען געקראָגען א ספעציעלע בעדייטונג,
מען האָט דיזע נעמען צוגעשריעבען א בעזאָנדערע וואונדער־
קראפט, און דארום האָבען דיא פריעסטער פערבאָטען זיי אויסצו־
שפרעכען. דיא פריסטער פון מצרים האָבען געלערנט, אז דעם
נאָמען פון דעם גאָט „טהאָטה“ (בעדייטעט: געדאנקען, וואָרט)
טאָר מען ניט אויסריידען, גראדע וויא דיא ביבעל האָט עס אָנגע־
זאָגט וועגען „יהוה“ (לא תשא את ש ם יהוה אלהיך לשוא), און

דיא אינדוסען וועגען דיא ד ר י י בוכשטאבען, וואָס ווערען אויס־געשפּראָכען „אָם". *)

נאָר פאר דיא קאבאליסטען האָבען דיא פיער בוכשטאבען פון שם המפורש געהאט א ספּעציעלע מיסטישע בעדייטונג. זיי האָ־בען זיך איינגעבילדעט, אז זייט דעם חורבן בית המקדש זיינען דיזע בוכשטאבען אָבגעטהיילט געוואָרען דורך אָבגרונדען. נאָך זייערע אויספיהרונגען איז אויסגעקומען, אז גאָט אליין איז אזוי וויא אָבגעשוואכט געוואָרען דורך דעם גלות פון זיין אויסגעקליעבענעם פאָלק, נאָר ווען משיח וועט קומען, וועט ער ווידער קריעגען זיין פריהערע פאָלקאָמענע מאכט און דיא פיער בוכשטאבען פון זיין נאָמען וועלען וויעדער פעראייניגט ווערען. דארום האָבען שבתי צבי'ס אנהענגער געגלויבט, דאָס ווען ער האָט ניט מורא געהאט אויסצוריידען דעם פולען נאָמען פון „יהוה," בעזיצט ער א גע־וויסע געטליכע מאכט און זאָגט אָן דערמיט, אז דורך איהם וועט קומען דיא גאולה.

אלזאָ, מיט דעם אויסשפּרעכען פון איין וואָרט האָט שבתי צבי פערשטארקט דעם גלויבען פון זיינע שילער אין זיין געטליכ־קייט. נאָר ווען דיא רבנים האָבען זיך דערוואוסט דערפון, האָבען זיי עס ערקלערט פאר א גאָטעסלעסטערונג. זיי האָבען אויך גע־זאָגט, אז דערמיט, וואָס שבתי צבי האָט געבראָכען א שטרענגע פאָרשריפט פון תלמוד און אויך א בעפעהל פון דער ביבעל זעלבסט, קען ער נאָך פיהרען אנדערע איהם נאָכצוטהאָן, וואָס עס וועט ברייננען צרות דיא אידען. דארום האָבען זיי איהם און זיינע נאכפאָלגער אריינגעלעגט אין חרם. דיזער חרם האָט ארויסגערופען פראָטעסטען און מחלקות אין דער קהלה פון סמירנא. דיא איינ־צעלהייטען פון דיזע שטרייטען זיינען ניט בעקאנט, מען וויים

*) אן אויספיהרליכע ערקלערונג וועגען דיא פערגעטערונג פון ווער־טער און צאָהלען ביי פערשיעדענע פעלקער וועט דער לעזער געפינען אין דעם 18־טען קאַפּיטעל פון דעם דריטען באַנד פון מיין „קולטורגעשיכטע", אַרויסגעגעבען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער לייבּרערי פּובלישינג קאָמפּ.

נאָר, אז זיי האָבען זיך געצוויגען אונגעפעהר 3 יאָהר און האָבען זיך גענענדיגט דערמיט, וואָס שבתי צבי און זיין חברה האָבען גע־מוזט פערלאָזען סמירנא אין 1651.

דיזע פערפאָלגונג האָט נאָך פערשטארקט דעם גלויבען פון שבתי צבי אין זיין משיח־ראָלע, דען ער האָט זיך שוין געהאלטען פאר א מארטירער און האָט זיך איינגעבילדעט, אז פריהער מוז ער אָפּקומען אויף דער וועלט און ליידען צרות, איידער ער וועט קענען ארויסטרעטען מיט גלאנץ אלס ערלייזער. דער גלויבען, אז א משיח דארף פריהער אליין ליידען, איז איבערגעגאנגען פון דיא קריסטליכע צו דיא אידישע קאבאליסטען, וועלכע האָבען עס ביסלעכווייז איינגעפלאנצט צווישען אלע אידען. שבתי צבי האָט פעסט געגלויבט אין אלע קאבאליסטישע פאנטאזיעס און האָט דארום אויך זיך געטרייסט, דאָס ער וועט באלד איבערקומען דיא־צרות און אנערקענט ווערען פאר א משיח.

II.

זיינע וואַנדערונגען און פערבינדונג מיט רפאל יוסף חלבי פון קאַיראָ.

אזוי וויא שבתי צבי איז געשטיצט געווען מיט געלד פון זיין רייכען פאָטער און אויך פון זיינע ברידער, וועלכע זיינען געווען געשעפטס־לייטע איז איהם לייכט געווען צו געפינען פריינדע. מען ווייס ניט גענוי, וואוהין ער איז צו־ערשט אוועק מיט זיינע יונגע נאָכשלעפּערס. מען רעכענט, אז ער האָט אָנפאנגס בעזוכט קאָנסטאנטינאָפּאָל, וואו עס האָבען זיך געפונען א סך פערשיעדענע אידען מיט פערשיעדענע בעשעפטי־גונגען און אויך ניט וויי̇ניג קאבאליסטען און בטלנים. מיט זיין געלד האָט ער צוגעצויגען צו זיך עטליכע אונטערלעקערס און שווינדלערס, וועלכע האָבען איהם אונטערשטיצט אין זיינע איינ־בילדונגען, אום פון איהם אָפּצולעקען א ביינדעל.

דער קליגסטער און געשיקטעסטער פון דיזע שווינדלער איז געווען א געוויסער אברהם יכיני, וועלכער האָט זיך ערוואָרבען א גרויסען נאָמען אלס א גוטער מגיד. ער איז אויך געווען א בע־וואוסטער קאבאליסט און א קענער פון סעמיטישע שפּראכען. נאָר מיט אלע זיינע טאלענטען איז ער פערבליעבען אן ארימאן. ער האָט מן הסתם גלייך איינגעזעהען, אז דורך דעם משוגעת פון שבתי צבי קען ער ציהען פאר זיך נוצען אָדער יעדענפאלס קריעגען א גרויסען איינפלוס אויף אידען. ער האָט דארום ניט נאָר אנ־ערקענט, אז שבתי צבי איז געבאָרען געוואָרען צו ברייגגען דיא גאולה, זאָנדערן האָט נאָך געמאכט א פעלשונג, אום צו איבערצייי־גען אנדערע אין דעם. איין מאָל האָט ער איינגעלאדען דעם רב, וועלכער איז ארויסגעטרעטען געגען שבתי צבי, צו גיין מיט איהם אויף אן אלטען בית עולם, אום דאָרט אויפצוגראָבען א קבר און צו געפינען דארט א בעוויז, אז שבתי צבי איז טאקי ניט אנדערס

וויא דער ערוואַרטעטער משיח. דער רב האָט זיך געלאָזט איבער־רײדען. ווען מען האָט געעפענט דעם קבר נאָך יכיני׳ס אנצייגונגען, האָט מען דאָרטען געפונען א ליימענעם טאָפּ מיט א שטיקעל פּארמעט, אויף וועלכע עס איז געווען אָנגעשריעבען מיט אלטע העברעאישע בוכשטאבען פאָלגענדעס:

איך, אברהם, בין געזעסען פערציג יאָהר אין אַ הייל און האָב געטראכט און געטרויערט, ווארום דיא צייטען פון נסים בעווייזען זיך ניט אזוי לאנג. דאן האָט א שטימע מיר געענטפערט: „אַ זוהן וועט געבאָרען ווערן אין דעם יאָהר 5386 פון דער וועלט און וועט גערופען ווערן שבתי. ער וועט פערניכטען דעם גרויסען דראַגאָן. ער איז דער אמת׳ער משיח און ער וועט פיהרען מלחמה אָהן געוועהר.“

מען וויים ניט, אויב דער רב האָט אָנגענומען דיזע פעלשונג פאר א נבואה, נאָר דער צודולטער שבתי צבי האָט שוין גאָר ניט געצווייפעלט, אז ער איז נאָך פון אלטע צייטען בעשטימט געווען צו זיין דער משיח. זיינע נאָכשלעפּערס און דיא שווינדלערס, וועלכע האָבען זיך בענוצט מיט זיין משוגעת, האָבען נאָכהער געברויכט דיזען דאָקומענט אלס א בעוויז, דאָס ער איז ווירקליך משיח, און האָבען אויף דעם גרונד געמאכט נייע פעלשונגען.

אברהם יכיני און אנדערע פון שבתי צבי׳ס חברה האָבען אָבער דאן גערעכענט, דאָס עס איז נאָך ניט געקומען דיא צייט, אז זייער משיח זאָל אָפען ארויסטרעטען אין קאָנסטאנטינאָפּאָל. זיי האָבען איהם דארום געראטהען פריהער צו פערבלייבען א געוויסע צייט אין סאלאָניקע, וואו דיא קאבאליסטען האָבען זייט לאנג געהערשט. אין דיזען נעסט פון מיסטיציזמוס האָט שבתי צבי געפונען עטליכע נייע אנהענגער און האָט אויך געפּראוועט זיין ערשטע חתונה מיט דער תורה. נאָכהער פלעגט ער אָפט ווידערהאָלען דיזע משונה׳דיגע קאבאליסטישע צערעמאָניע, אום בעסער צו ווירקען אויף דיא אבערגלויביגע קעפּ פון זיינע נאָכשלעפּערס.

ער האָט נעמליך געמאכט א גרויסע סעודה, צו וועלכער ער

האָט איינגעלאַדען אַלע זיינע נאָכפאָלגערס און איבערהויפּט קאַ־באַליסטען. דיא פינאַנציעלע שטיצע פון זיין פאַטער האָט איהם געגעבען דיא מעגליכקייט צו מאַכען אָפט אַזעלכע סעודות. ווען עס האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען אַ סך מענשען צו דער סעודה, האָט ער געהייסען אַריינברייננגען אַ ספר תורה און האָט ערקלערט דיא געסט, אַז ער געהט מיט איהר חתונה האָבען. נאָך קאַבאַליס־טישע אויספּיהרונגען האָט עס בעדייטעט, אַז דיא תורה, דיא טאָכטער פון הימעל, פערבינדעט זיך מיט משיח׳ן, דעם זוהן פון הימעל. שבתי צבי האָט דערמיט געוואָלט געבען צו פערשטיין, אַז ער איז טאַקי דער זוהן פון הימעל, דער ריכטיגער חתן פון דער תורה.

נאָר דיזע „חתונה“ איז ניט געפעלען געוואָרען דיא עלטערע קאַבאַליסטען און זיא האָט אָנגעמאַכט אַזא גערודער אין שטאָדט, אַז מען האָט געהייסען דעם חתן זיך אָפּטראָגען.

שבתי צבי איז דאַן אוועק נאָך גריכענלאַנד, וואהרשיינליך אום זיך צו זעהען מיט זיינע קרובים און דיא פריינדע פון זיין פאָטער. אַ קורצע צייט האָט ער אויך פערבראַכט אין אַטהען, נאָר דיא אידען, וועלכע האָבען שוין געהערט פון זיינע איינבילדונגען און משוגענע שטיק, האָבען איהם אויפגענומען פיינדליך, זאָ דאָס ער האָט אויך פערלאָזען דיזע שטאָט.

ער האָט זיך אַרומגעדרעהט עטליכע יאָהר, האָפענדיג אַלץ, אַז זיין צייט וועט קומען און אַז ער וועט דאָך ברייננגען דיא גאולה. דיא פערפאָלגונגען און אָפּלאַכונגען האָבען גראַדע געווירקט אויף איהם אַזוי, אַז ער האָט אַלץ מעהר געגלויבט אין זיין משיח־שטערן. ענדליך האָט איהם אַ צופאַל געהאָלפען אין קאַאירא. דאָרטען האָט זיך געפונען אַ זעהר רייכער, אָבער זעהר גלויביגער קאַבאַליסט מיט דעם נאָמען רפאל יוסף חלבי: דיזער איד האָט פערנומען אַ זעהר וויכטיגע שטעלע אין דער רעגיערונג, דען ער איז געווען דער זאַמלער פון שטייערן. אַזוי וויא ער איז אויך גע־ווען אַ זעהר גוטהערציגער און וואָהלטהעטיגער מענש, איז ער אַרומגערינגעלט געווען פון אַ סך שנאָרערס און בטלנים. בעזאָנ־

דערם האָט ער געהאָלפען קאבאליסטען, ווייל ער האָט אליין בלינד געגלויבט אין דער קבלה און האָט געלעבט וויא א פרוש, טראָץ זיין רייכטהום. ער פלעגט אָפט פאסטען, זיך באָדען און ביי נאכט פלעגט ער זיך שלאָגען מלקות נאָך דיא אָנגענומענע איינבילדונ־גען, אום צו קענען אריינקריכען אין דיא „טיעפעניסען“ פון קא־באליסטישע חלומות. אין דער צייט ווען ער פלעגט פאָהרען אין א קעניגליכע קאראָט און איז געווען אָנגעטהאָן אין דיא שעהנסטע און רייכסטע צערעמאָניע־קליידער, פלעגט ער אויפ׳ן לייב טראָגען א זאק־העמד. דער קאבאליסט שמואל וויטאל, וועלכער איז געווען זיין לעהרער אין דער קבלה און פלעגט איהם מכבד זיין מיט מלקות, האָט איהם איינגערעט, אז מיט אזא אָפקומענעס אויף דער וועלט וועט מען גיכער ברייננגען דיא גאולה. אלע קאבאליס־טען האָבען איבריגענס אזוי געגלויבט.

ווען שבתי צבי איז אָנגעקומען אין קאאיראָ, האָט מען איהם נאטירליך גלייך אוועקגעפיהרט צו דעם אונטערשטיצער פון אלע קאבאליסטען. ער האָט געמאכט א זעהר גוטען איינדרוק אויף דעם קאבאליסטישען שטייער־זאמלער פון דעם עגיפטישען הער־שער. אזוי וויא שבתי צבי האָט געהאט נענוג פון זיין רייכען פאָ־טער, האָט חלבי איהם מעהר געשעצט וויא א׳ן אָרימען קא־באליסט. וויא צודולט חלבי איז ניט געווען פון דער קבלה, האָט ער נאָך שכל געהאט צו פערשטיין, אז שבתי צבי, וועלכער נייטיגט זיך ניט אין זיין פינאנציעלע שטיצע, מוז זיין אן ערנסטער און אויפריכטיגער קאבאליסט. דארום האָט ער אויסגעהערט גאנץ פריינדליך דיא איינבילדונגען פון שבתי צבי און איז ביסלעכווייז געוואָרען איינער פון דעם פאלשען משיח׳ס הייסעסטע אונטער־שטיצער. שבתי צבי איז שוין צו דער צייט געוואָרען א שטיקעלע דיפלאָמאט — דיא פערפאָלגונגען האָבען איהם גע־

לערנט צו זיין פארזיכטיג און צו בעהאלטען זיינע פלענער ביז א געלעגענהייט — און ער האט דארום נאר ביסלעכווייז מיטגע־טהיילט דעם גלויביגען חלבי זיינע איינבילדונגען און האפנונ־גען, אום איהם וואס מעהר צו פעראינטערעסירען און אריינצו־קריגען אין זיין חברה.

דיא הילפע פון אזא רייכען איד איז נאטירליך געווען פון דער גרעסטער וויכטיגקייט פאר דיא משיח־ראלע, צו וועלכער שבתי צבי האט זיך צוגעגרייט. און ווירקליך, אהן דיא שטיצע פון רפאל יוסף חלבי וואלט שבתי צבי קיין מאל ניט געהאט אזא גרויסען ערפאלג.

אין דער צייט, ווען שבתי צבי האט זיך געפונען ביי זיין רייכען פערעהרער, האט מען אין שטאט פערשפרייט קלאנגען, אז ער איז א געטליכער מאן און בעווייזט וואונדער. פון אלע זייטען האבען זיך א לאז געטהאן צו איהם קראנקע און קאליקעס, אז ער זאל זיי אויסקורירען מיט זיין געטליכער קראפט. ער האט אפילו פערזיכערט, דאס ער האט נאך ניט אזא געטליכע קראפט, נאר דיא גלויביגע פלעגען צו איהם אזוי צושטיין, אז ער פלעגט מוזען ארויפלייגען אויף זיי זיינע הענד און זיי בענטשען. וויא עס טרעפט אין אזעלכע פעללע, ווען מענשען גלויבען אין היילונגען דורך נסים און אמונה, האבען פיעלע קראנקע ערקלערט, אז נאר דורך זיין געטליכע קראפט זיינען זיי געהאלפען געווארן. דיא פערשריענע נסים וועגען דיא אויסגעקורירטע האבען נאטירליך געהאט דעם רעזולטאט, דאס זיין שם איז גרעסער געווארען און דאס קראנקע זיינען אפילו געקומען צו איהם פון וייטע שטעט.

נאר ער האט לאנג ניט געקענט פערברייגען אין קאאירא, וייל דער מילעניום־יאהר האט זיך גענעהערט. ער און זיינע אנ־הענגער האבען עס געהאלטען פאר זעהר נויטיג, דאס אין דיזען

יאָהר (1666), ווען משיח האָט געזאָלט קומען נאָך דיא איינביל־דונגען פון קריסטליכע קאבאליסטען, זאָל ער זיך געפינען אין ירושלים. ער האָט דארום זיך אָנגעשלאָסען אָן א קאראוואן, וואָס איז אוועק פון מצרים נאָך דאמאסקוס (דמשק) דורך ירושלים. מען האָט דאן דערצעהלט, אז פיעלע ארא‌בישע רויבער־באנדען האָבען זיך בעוויזען אויף דיא קאראוואנען־וועגען, נאָר שבתי צבי האָט זיך ניט אָבגעשראָקען. פארקעהרט, ער האָט נאָך אָנגעטאָן תפלין אויפ'ן קאָפּ, אז מען זאָל גלייך זעהען, דאָס ער איז א איד. עס קען אָבער זיין, אז דיא תפלין האָט ער בעטראכט אלס א קמיע איהם צו בעשיצען געגען רויבערישע בעדואינען. נאָר קיין אונגעוועהנלי־כע זאך האָט ניט געטראָפען אויפ'ן וועג, און ער איז בשלום אָנ־געקומען אין ירושלים.

III

פאָהרט אלס משולח פון ירושלים נאָך קאַאירא.

דיא אידען אין ירושלים, וועלכע זיינען שטענדיג געווען אָרים און נידערשלאָגען אונטער דער טערקישער הערשאפט, האָבען דאן בעזאָנדערס געליטען, ווייל זיי האָבען פערלאָרען דיא שטיצע פון דיא אידען אין פוילען, וואו כמיעלניצקי מיט זיינע קאָזאקען האָבען זיך געבאָדען אין אידישע בלוט. ווער עס האָט נאָר געקענט פערלאָזען דיא אידישע שטאָט, האָט עס געטאָן, אום צו קענען מאַכען א לעבען. דיא וואָס זיינען געבליבען, האָבען געליטען, געהונגערט און זיך געטרייסט מיט האָפנונגען אויף דיא נאָהענטקייט פון משיח׳ס צייטען. אונטער אזעלכע אומשטענדען זיינען דיא ווילדעסטע קאבאליסטען געווען דיא גייסטיגע פיהרער פון דער גאנצער געמיינדע. אלע זיינען געווען אזוי פערדומט פון דיא קאבאליסטען, אז זיי האָבען געגלויבט אין דיא אונזיניגסטע געשיכטען וועגען וואונדער.

זיי האָבען, צום ביישפיעל, א מינוט ניט געצווייפעלט אין דיא געשיכטען, וואָס איינער פון זייערע משולחים, א געוויסער ברוך גד, האָט זיי דערצעהלט וועגען דיא בני משה הינטער דעם טייך סמבטיון. דיזער שווינדלערישער משולח איז געשיקט געוואָרן צו קלייבען נדבות אין פערסיען פאר דיא אָרימע אידען פון ירושלים. ווען ער איז געקומען צוריק, האָט ער אָנשטאָט געלט געבראכט א מעשה, אז נאָך פילע צרות און סיבות אויפ׳ן וועג, איז ער ענדליך געראטעט געוואָרן פון א איד פון דעם שבט נפתלי, וועלכער האָט איהם איבערגעגעבען א קאבאליסטישען בריעף פון א בן־משה, וואָס לעבט אין דער געגענד פון סמבטיון. אין דיזען בריעף איז ערקלערט געוואָרן, אז דיא בני־משה לעבען אין א וואונדערלאנד, וואו עס קומען אויף טעגליך פאָר נסים, און אז זיי ווארטען אויך, דאָס משיח וועט באלד קומען. אלע האָבען אזוי

ווייט אָנגענומען דיזע באָבע מעשה פאר א כשר'ע מטבע, דאָס צעהן רבנים האָבען געשיקט א קאָפּיע פון דעם בריעף פון דיא בני משה צו זייער משולח אין איטאליען און האָבען געשוואָרען, אז דיא מעשה איז אמת. דערביי האָבען זיי אָבער אויך נאטיר־ליך אין זינען געהאט, אז דורך דיזע געשיכטע וועלען זיי קענען קריגען מעהר נדבות פון דיא גלויביגע שעפּסעלעך אין אייראָפּא.

אין אזא נעסט פון ביטערע ארמוטה און פינסטערן אבערגלויי־בען איז פאר שבתי צבי ניט שווער געווען צו געפינען פערעהע־רערס, וואָס פאר אן אונזין ער האָט זיי ניט דערצעהלט וועגען זיינע נסים און משיח־ראָלע. נאָר אָנפאנגנס האָט ער זיך ניט ארויס־געגעבען פאר דעם ערווארטעטען משיח. ער האָט געלעבט נאָך דיא שטרענגסטע פאָרשריפטען פון דיא קאבאליסטען. ער פלעגט פייניגען זיין גוף און אָפּט אָפּשטעהן גאנצע נעכט לעבען דיא קברים פון צדיקים, אום צו צוציהען זייערע גייסטער. ער האָט וואהרשיינליך געהאָפּט, אז דערמיט וועט ער ארויסרופען דעם נס, אויף וועלכען ער האָט דיא גאנצע צייט געווארט, אום פאר דיא גאנצע וועלט צו ערקלערען זיך פאר א משיח. דיזע פיהרונ־גען האָבען צוגעצויגען צו איהם א סך קאבאליסטען. דערביי האָט ער אויך זיך בענוצט מיט גאנץ געוועהנליכע מיטעל צו געווינען א גוטען נאָמען ביי דיא אָרימע אידען. ווען ער פלעגט ארויסגעהן אויפ'ן גאס, פלעגט ער מיטנעהמען לעקעכלעך און קאָנפעקטען פאר דיא קינדער, וועלכע פלעגען נאטירליך נאָכלויפען נאָך איהם. דיא אָרימע מוטערס זיינען נאטירליך אויך צופרידען געווען דער־מיט. ווייטער האָט ער איבערהויפּט געטהיילט נדבות. דאָ איז איהם בייגעשטאנען דער זכות פון זיין פאָטער'ס געלט.

צו זיין גליק האָט עס געטראָפען, אז דער פּאשא פון ירושלים האָט פערלאנגט פון דיא אידען א גרויסע סומע געלט, זאָנסט האָט ער זיי געסטראשעט מיט פערפאָלגונגען און גזרות. פון ערפאהרונג האָבען זיי געוואוסט, אז דיא טערקישע פּאשאס פיהרען אויס זעהר גרויזאַמע זייערע סטראשונקעס, ווען מען שמירט זיי ניט אונטער מיט געלט. נאָר מיט אלע זייערע קאבאליסטישע קונצען האָבען זיי

ניט נעקענט שאפען אפילו איין רענדעל. איבערהויפט, מיט געלט טרעפען קיין מאָל ניט קיינע נסים..... וויפיעל וואונדער שבתי צבי האָט ניט בעוויזען נאָך דיא בעהויפטונגען פון זיינע פערגעטע־רערס, נאָר קיינער פון זיי האָט קיין מאָל ניט דערצעהלט, אז ער האָט געשאפען על פי נס אפילו איין גראָשען.

מיט געלט האָט ער זיך פון דעסטוועגען דאָך געהאָלפען, אבער ניט מיט זיינע, זאָנדערן מיט רפאל יוסף חלבי'ס, אָדער ריכטי־גער, מיט דיא גראָשענס פון דיא עגיפטישע שטייער־צאָהלערס. מען וויים ניט, אויב דיא אידען פון ירושלים אליין זיינען געפאַ־לען אויף דעם פלאן צו ווענדען זיך צו דער הילפע פון דעם שטיי־ער־זאמלער פון קאאירא, אָדער שבתי צבי האָט זיי דאָס גע־ראטהען, נאָר זיכער איז עס, אז זיי האָבען איהם אויסגעקליבען אלס זייער משולח. ער האָט עס גערן אָנגענומען, דען ער האָט גע־האָפט, אז ווען ער וועט אויספיהרען זייער ביטע, וועט ער קריגען א גרויסען איינפלוס אויף דער גאנצער געמיינדע און וועט קע־נען שפּיעלען דיא ראָלע פון א רעטער, פון אן ערלייזער.

אין דיזער האָפנונג האָט ער זיך גאָר ניט גענארט, גראדע פון זיין רייזע נאָך קאאירא האָט זיין משיח־שטערן אָנגעפאנגען צו גלאנצען איבער דער וועלט. זיינע פערעהרערס האָבען דערצעהלט פילע נסים וועגען זיין רייזע נאָך מצרים אויפ'ן ים; אָבער אין אמת'ן איז ער גאָר געפאָהרען אויף דער יבשה דורך חברון און גזה. דיא אידען אין ארץ ישראל זיינען צו דער צייט שוין אזוי פעראינטערעסירט געווען אין איהם און אין דיא וואונדער־געשיכ־טען, וואָס מען האָט אלץ מעהר דערצעהלט וועגען איהם, אז דיא איינוואָהנער פון חברון זיינען אויף געוועזן דיא נאכט, וועלכע ער האָט דאָרט פערבראכט.

IV

זיין „געטליכע“ ווייב.

ווי נאָר שבתי צבי איז אָנגעקומען אין קאאיראָ, האָט ער זיך גלייך געזעהען מיט חלבי און האָט געקראָגען דיא גאנצע סומע, וואָס דער פאשא האָט געפאָדערט פון דיא אידען אין ירושלים.

נאָר דאָ האָט געטראָפען א ווירקליך וואונדערבארע געשיכטע, וועלכע האָט זעהר פיעל געהאָלפען שבתי צבי׳ן צו שפּיעלען זיין משיח־ראָלע. דאָס איז געוועזן דיא געשיכטע מיט זיין „געטליכע“ כלה, אָבער שוין ניט אין דער פאָרמע פון א ספר תורה מיט קא־באליסטישע צערעמאָניעס, נאָר טאקע אין דער פאָרמע פון א זעהר שעהנע מיידעל. דיזע מיידעל האָט געשטאמט פון פּוילישע אידען. אין דער צייט פון כמעלניצקי׳ס שחיטות איז זיא געפונען געוואָרן פון קריסטען בלאָנדזענדיג איבער פעלדער. איהרע עלטערן זיינען ערמאָרדעט געוואָרן, איהרער א ברודער איז אנטלאָפען געוואָרן נאָך אמסטערדאם, און דיא גאנצע געמיינדע איז צושטערט גע־וואָרן. זיא איז דאן אלט געוועזן 6 יאָהר, און אזוי וויא קיינער האָט זיך ניט געקימערט וועגען איהר, האָט מען איהר געבראכט אין א קלויסטער און ערצויגען אלס קריסטין. נאָר זיא האָט ניט פער־געסען אָן איהר אידישע אָבשטאמונג און האָט שטענדיג געטרוימט וועגען א צייט, ווען זיא וועט קענען לעבען צווישען אידען. זיא איז אויסגעוואקסען א גרויסע שעהנהייט, אָבער אויך א זעהר נער־וועזע. דאָס לעבען אין א קלויסטער, וואו זיא האָט זיך געפיהלט אונגליקליך, האָט איהר צורודערט. זיא האָט אָפט געהאט פאנ־טאסטישע טרוימען און האָט אויך וואהרשיינליך געליטען פון ספּאזמען. זיא האָט פון דער נאטור געהאט א רייכע איינבילדונגס־קראפט, וועלכע האָט זיך קרענקליך ענטוויקעלט אין דער איינזאמ־קייט פון קלויסטער און אין דיא שרעקליכע עראינערונגען, וויא איהרע עלטערן זיינען ערמאָרדעט געוואָרן צוזאמען מיט פיעלע אנדערע אידען פון ווילדע קאָזאקען.

ווען זיא איז אלט געווען 16 יאָהר, איז זיא אנטלאָפען פון קלויסטער אין איין העמד און האָט זיך בעהאלטען אויף דעם אי־דישען בית־עולם. ווען אידען האָבען איהר דאָרטען דערזעהען און האָבען איהר גענומען אויספרעגען, האָט זיא זיי דערצעהלט, ווער זיא איז און ווארום זיא וויל ניט בלייבען אין קלויסטער. זיא האָט אויך דערצעהלט, אז אין דער נאכט פון איהר פלטה, איז איהר פאָטער'ס גייסט געקומען צו איהר, האָט איהר ארומגענומען, ארויסגעשלעפט פון איהר בעט און געבראכט אויפ'ן בית־עולם. אום צו צייגען, אז דאָס איז אמת, האָט זיא בעוויזען בלויע צייכענס פון נעגעל אויף איהר קערפער. נאָר מען רעכענט, אז אין קלייסטער האָט זיא אויסגעלערנט דעם קונץ צו מאכען געוויסע סיגיאקעס און שניט־צייכענס אויף איהר קערפער.

דיא אידען האָבען מורא געהאט צו האלטען איהר אין פוילען און האָבען איהר אוועקגעשיקט נאָך אמסטערדאם, וואו זיא האָט געפונען איהר ברודער.

באלד האָט זיא אָנגעפאנגען צו דערצעהלען, אז איהר איז בע־שערט צו ווערן דיא ווייב פון משיח, וועלכער דארף באלד קומען. עטליכע יאָהר שפעטער האָט זיא זיך פלוצלונג בעוויזען אין דער איטאליענער שטאדט ליוואָרנאָ, וואו זיא האָט געפיהרט א לוסטיגען לעבען און געהאט א סך ליעבהאָבערס. נאָר אין דער צייט, ווען זיא האָט זיך אזוי אָפּגעגעבען צו איהרע קערפערליכע ליידענ־שאפטען און איז געווען, וויא פיעלע האָבען עס בעהויפטעט, איינ־פאך א שטראכען־מיידעל, האָט זיא דאָך ניט אויפגעהערט צו טרוימען און צו דערצעהלען, אז זיא איז משיח'ס כלה. צוליעב דעם האָט זיא זיך ענטזאגט חתונה צו האָבען מיט איינינגע, וועל־כע האָבען זיך אין איהר פערליעבט צוליעב איהר זעלטענע שעהנ־הייט און האָבען איהר פאָרגעשלאָגען זייער האנד.

דיא מערקווירדיגע געשיכטע פון דיזער מיידעל איז בעקאנט געוואָרן צווישען אידען אין פערשיעדענע לענדער און האָט אויך דערגרייכט קאאירא. ווען שבתי צבי האָט זיך דערפון דערוואוסט,

האָט ער ערקלערט זיינע גלויביגע נאָכשלעפערס, אז אין א טרוים האָט מען איהם אָנגעזאָגט, אז א אידישע מיידעל פון פוילען זאָל ווערן זיין גייסטיגע פרוי. באלד נאָך דעם האָט ער געשיקט זיינעם אן אנהעננגער נאָך ליוואָרנאָ צו ברענגען זיין „בעשערטע“ נאָך קאאירא.

איהר שעהנהייט, לעבהאפטיגקייט און זאָנדערבארקייט האָבען אָבער געמאכט אזא גרויסען איינדרוק אויף שבתי צבי, אז ער האָט בעשלאָסען מיט איהר חתונה צו האָבען גאָר ניט אויף א קאַבאליסטישען שטייגער. ער און זיינע אנהייננגער האָבען געוואוסט פון איהרע חטאים אין ליוואָרנאָ, נאָר דאָס האָט מען גאָר אָנגענומען פאר א גוטען צייכען וועגען משיח׳ס צייטען. שבתי צבי האָט ווידער גערופען צו הילפע א חלום און האָט אָנגעזאָגט זיינע פערבלענדעטע נאכפאָלגער, דאָס גאָט האָט איהם אָנגעזאגט צו הייראטהען א׳ן אונעהרליכע פרוי, אזוי וויא דעם נביא הושע. (לך קח־לך אשת זנונים.) אייניגע קאבאליסטען האָבען ערקלערט, אז אין דער גאנצער געשיכטע מיט משיח׳ס כלה איז פערבאָרגען א טיעפע געטליכע געהיימנים.

יעדענפאלס, דיא חתונה איז געפּראוועט געוואָרן מיט גרויסע צערעמאָניעס אין דער הויז פון רפאל יוסף חלבי, וועלכער איז געוועזן איבערגליקליך, וואָס ער פערבינדט דעם משיח מיט זיין בעשערטע כלה. דיזער הייסער קאבאליסט האָט אויך אין זיין אבערגלויבישער בעגייסטערונג ערקלערט, אז ער גיט איבער זיין פערמעגען אין דיא הענד פון שבתי צבי.

זיין זאָנדערבארע ווייב און דיא גאָר ניט זאָנדערבארע געלט פון דעם שטייער־זאמלער האָבען זעהר פיעל געהאָלפען שבתי צבי אין דער משיח־ראָלע, וועלכע ער האָט יעצט אָנגעפאנגען צו שפּיעלען אויף׳ן גרויסען שטייגער. פיעלע זיינען געקומען צו לויפען קוקען אויף „גאָט׳ס וואונדער“, וויא דער שעהנער משיח האָט געקראָגען א ווייב, וועלכע איז איהם נאָך בעשטימט געוואָרן, ווען זיא האָט זיך געפונען אין א קלויסטער אין פוילען, און א סך קא־

באליסטען און בטלנים האָבען איהם נאָכגעפאָלגט, ווייל זיי האָ־בען געוואוסט, אז דער משיח איז פערזאָרגט מיט חלבי׳ס רייכטהום.

ווען ער איז ארויסגעפאָהרען פון קאאירא צוריק נאָך ירושלים, איז ער שוין דארום בעגלייטעט געוועזן פון א סך אנהענגער, וועלכע האָבען געגלויבט און פאנאנדערגעפויקט, אז ער איז דער אמת׳ער משיח. וועגען זיין צווייטע רייזע נאָך קאאירא האָט מען ריכטיג בעמערקט : „ער איז געקומען אלס שליח פון ירושלים און האָט זיך צוריקגעקעהרט אלס אנערקענטער משיח“.

V.

משיח מיט זיינע נביאים אין ירושלים.

אויף זיין טריאומף־וועג פון קאאירא נאך ירושלים, וואו פיע־לע האבען שוין געווארט אויף איהם וויא אויף זייער ערלייזער, האט שבתי צבי געקראגען נאך א זעהר וויכטיגען מיטהעלפער אין דעם גרויסען שווינדעל, וועלכער איז ענג פערבונדען געווארן מיט זיין משיח־ראלע.

דאס איז געווען נתן הלוי, דער זוהן פון א בעוואוסטען משולח. אין דער צייט, ווען זיין פאטער האט אזוי ארומגערייזט איבער אלע אייראפעאישע לענדער, שנארענדיג פאר דיא אידען פון ירושלים, איז ער פערבליבען אין ארמוטה און האט געלערנט תלמוד און קבלה אין דיא ישיבות. אבער ער האט נאר אבערפלעכ־ליך געקענט דיזע תורה. דערפאר האט ער זיך אויסגעלערנט צו שרייבען מיט א זעהר שעהנע און לעבהאפטע העברעאישע שפראך. דיזע פעהיגקייט זיינע האט ער זעהר געשיקט אויסגענוצט צו נא־רען דיא וועלט מיט דעם משיח־משוגעת פון שבתי צבי.

ווען דער פאלשער משיח איז אנגעקומען אין גאזא (עזה) מיט זיין גאנצע סוויטע און „געטליכע" ווייב, און פיעלע אידען האבען איהם שוין פערגעטערט, איז נתן הלוי צוגעשטאנען צו איהם. וואס עס איז פארגעקומען צווישען זיי, וויים מען ניט, נאר נתן האט זיך באלד ארויסגעגעבען פאר אליהו הנביא, דען נאך דיא אלטע לעגענדען דארף אליהו הנביא אנקינדיגען משיח'ס אנ־קומען. אין געלט האט זיך גראדע נתן הלוי ניט גענייטיגט דאן, דען ער האט חתונה געהאט מיט א טאכטער פון א זעהר רייכען פארטוגעזער איד, וועלכער האט זיך בעזעצט אין גזה, נאר איהם האט זיך וואהרשיינליך געוואלט שפיעלען א גרויסע ראלע אין דעם גערודער, וואס שבתי צבי האט אנגעמאכט. עס איז מעגליך, אז ער איז אויך צודולט געווען פון דיא קאבאליסטישע פאנטאז־

יעב אין פון דיא אלגעמיינע איפרעגונג. וואס דיא ערווארטונגען איוף משיח'ן האבען דאן ארויסגערופען.

נאר וואס פאר א צייערצען דייער פאלשער אליהו הנביא, וועלכער איז בעקאנט אונטער דעם נאמען נתן העזתי (ד. ה. פון עזה) האט ניט געהאט. ווען ער האט זיך פערבונדען מיט שבתי צבי, זיכער איז עס. אז ער האט גלייך איבערגענומען זיין פליכט פעדער צו פערשפרייטען לעגענדס וועגען דעם פאלשען משיח און צו פערפאסען נבואות. ער איז דאן אלט געוועזען 20 יאהר און מיט יוגענדליכע היץ. אינטערעסירט פון קאבאליסטישע נביאות און דיא אלגעמיינע ערווארטונגען איוף דער ערשיינונג פון משיח אין 1666, האט ער גענומען פאנאנדערשיקען הייך־קלינגענדע מגילות אין נאמען פון אליהו הנביא. אידען האבען זיי איבעראל זשעדנע געלעזען. און דיא אלגעמיינע פערבלענדעניש דורך דיא קאבאליסטישע פאנטאזיעס איז געוועזען אזוי גרויס אין מיטע. אז מען האט דיזע פעלשונגען און לעגענדס איינגענומען מיט גרויס פריידע אזוי וויא עס וואלט ווירקליך געוועזען פון גאט'ס מויל.

שבתי צבי'ס נאכפאָלגער האבען דערצעהלט. אז נתן העזתי האט ברוח הקדש געפונען אן אלטע שריפט. אין וועלכער עס איז פאָראויסגעזאָגט געוואָרען, דאס שבתי צבי וועט זיין דער פערשפּראָכענער ערלייזער פון אידישען פאָלק; נאָר דיזער שריפט איז הפנים געוועזען דייעלבע וואס אברהם יכני האט פערפאסט צו בעשווינדלען דעם קאנסטאנטינאפּעלער רב. אליין האט ער פערפאסט א נבואה. אז משיח'ס צייט וועט זיך אָנפאנגען אין 1666. ערקלערענדיג זיך פאר אליהו הנביא, האט ער אָנגעזאָגט. אז שבתי צבי וועט ברענגען דעם טערקישען סולטאן אלס געפאנגענעם אין ירושלים און וועט נאכהער איינגעהמען אלע פעלקער אָהן בלוטפערגיסונג מיט איבנאהמע בלויז פון דייטשלאנד. דעם גרעסטען שונא פון אידען (וואָרום נתן העזתי האט גראדע איבערגעליבען דייטשלאנד פאר דעם ביטערסטען שונא ישראל. ווייס מען ניט). מיט וועלכער מען וועט דארפען פיהרען מלחמה. אין דער צייט. ווען

שבתי צבי וועט איינגעהמען דיא גאנצע וועלט, וועט ער, נתן הלוי העזתי, בעהערשען דיא טערקישע אימפעריע.

נאָך אזעלכע נסים וועט שבתי צבי מאכען א רייזע צום טייך סמבטיון, וואו ער וועט חתונה האָבען מיט דער 13־יעהריגער טאָכ־טער פון דעם גרויסען נביא משה, זיא וועט ערקלערט ווערען פאר דיא קעניגין, און שרה (דיא געטליכע פרוי פון שבתי צבי) וועט ווערען איהר שקלאווין. דאן וועט שבתי צבי צוריקקומען אין היי־ליגען לאנד מיט דיא פערלאָרענע צעהן שבטים, רייטענדיג אויף א לייב, וועלכער וועט האלטען אין זיין מויל א שלאנג מיט 7 קעפּ.

אזוי האָט נתן העזתי אויך געשריעבען אין א בריעף צו רפאל יוסף חלבי, וועמען ער האָט געדאנקט פאר דיא צוגע־שיקטע געלט און וועמען ער האָט געבעטען אויף קיין פאל ניט צו פערלירען דעם גלויבען אין שבתי צבי׳ס געטליכקייט.

דעם משיח און דעם נביא האָט מען אויפגענומען אין ירושלים מיט דעם גרעסטען ענטהוזיאזמוס, און דיא נייעס וועגען דיזע „וואונדערליכע“ פּאסירונגען זיינען שנעל צוטראָגען געוואָרן אי־בער דער וועלט און איבעראל אויסגעהערט געוואָרן מיט זיסע האָפנונגען און פריידע. דיא יעניגע, וואָס האָבען זיך ערלויבט אויסצודריקען דעם מינדעסטען צווייפעל אין שבתי צבי, זיינען אויסגעלאכט און בעשימפּפט געוואָרן. זיי האָבען געמוזט קוקען און שווייגען. ווען שבתי צבי׳ס פּארטיי איז שטארק געוואָרן, האָט מען אויך דיא צווייפלערס און אונצופריעדענע פערפאָלגט נאָך דעם מוסטער פון אלע רעליגיעזע פאנאטיקער.

דיא רבנים און שטרענגע תלמודיסטען פון ירושלים זיינען גאָר ניט צופריעדען געווען מיט דיזער משיח־בעוועגונג און האָבען גע־זוכט מיטעל צו דערשטיקען איהר איידער זיא וועט זיך ווייטער פערשפּרייטען; אבער דאָס איז זיי ניט געלונגען. זיי זיינען מיס־טענס ארויסגעטראָטען געגען שבתי צבי ניט דעריבער ווייל זיי האָבען ניט געגלויבט, אז משיח׳ס צייטען זיינען גאנץ נאָהענט, זאָנדערן ווייל זיי האָבען דערוויילע פערלאָרען זייער איינפלוס און

אויך ווייל חלבי'ס קלינגערס זיינען ניט צוטהיילט געוואָרען, וויא זיי האָבען עס געוואונשען. זיי האָבען זיך בעקלאָגט, אז שבתי צבי האָט געגעבען זיינע אנהענגער מעהר וויא אנדערע אידען, וואָס עס איז וואהרשיינליך אמת געווען (שבתי צבי האָט איבערהויפּט גאנץ גוט פערשטאנען דיא מאכט פון געלט אויף דעם ענטהוזיאז־מוס פון זיינע נאָכשלעפּערס). זיי האָבען דארום בעשלאָסען איהם אריינצולייגען אין דעם גרעסטען חרם. שבתי צבי האָט זיך אָבער גאָר ניט געשראָקען דערפאר, דען ער האָט נאטירליך איינגעזעהען, אז וויא באלד דיא גרעסטע צאָהל אידען פון ירושלים האלטען מיט איהם, קען קיין חרם ניט אויסגעפיהרט ווערן געגען איהם.

פון דעסטוועגען האָט ער דאָך בעשלאָסען צו פערלאָזען ירושלים. ער האָט זיך ארומגעזעהען, אז דיא רבנים ווילען זיין א גרויסע שטערונג פאר איהם און פאר זיין חברה און אז ער וועט קע־נען בעסער אויספיהרען זיין משיח־ראָלע אין זיין געבורט־שטאָט. נתן העזתי האָט דאן ערקלערט בנבואה, אז ירושלים האָט גאָר פערלאָרען דיא מאכט פון א הייליגע שטאדט און אז גזה דארף ווערן דער הייליגער צענטער פון א־ידען. דיא פערבלענדעטע נאָכשלע־פּערס האָבען דיזע משונה'דיגע נבואה אויף ארונטערגעשלונגען, און שבתי צבי האָט זיך א לאָז געטאָן אין 1665 נאָך סמירנא. וואו זיין פאָטער און רייכע ברידער האָבען געמאכט גרויסע פאָרבערייטונגען איהם צו עמפּפאנגען מיט דעם גרעסטען פּאראד און האָבען אויך געטהיילט געלט צווישען דיא אָרימע, אום אויפצו־וואָרעמען דעם ענטהוזיאזמוס פאר איהם.

נתן העזתי האָט געשיקט נבואה־בריעף רעכטס און לינקס, אום אָנצוזאָגען, אז דער משיח איז שוין דאָ, נאָר ער וועט זיך ערשט בעווייזען אין זיין ריכטיגען גלאנץ נעכסטען יאָהר אין סמירנא. שבתי צבי זעלבסט האָט ארויסגעשיקט עטליכע פון זיינע נאָכשלעפּערס מיט גלאטע צינגעלעך פאָרצובערייטען דיא גלויביגע שעפּסעלעך וועגען זיין משיח־ראָלע און צו צוטומלען דיא מוחות מיט וואונדער־געשיכטען. אייניגע פון זיי זיינען געווען בלינדע פאנאטיקער, נאָר דיא געשיקטעסטע, וויא דער שנאָרער שבתי

רפאל, און דער קאבאליסט בלאָך (א דייטשער איד), זיינען געווען איינפאכע שווינדלער און קונציגע ליגנערס.

שבתי צבי'ס רעכטע האנד און דער אמת'ער פיהרער פון דער גאנצער ווילד־משונה'דיגער בעוועגונג, וועלכע צייגט וויא ווייט מענשען קענען אין געוויסע צייטען פערלירען דעם איינפאכסטען פערשטאנד, איז געוואָרן א געוויסער שמואל פרימאָ, א יונגער קאבאליסט פון ירושלים. דיזער חברה־מאן האָט שפּעטער אלעמען געפיהרט פאר'ן נאָז און געהאלטען אין צוים דעם משיח זעלבסט, דען ער האָט געהאט געוויסע אָרגאניזאציאָנס־פעהיגקייטען און האָט זיך ניט פערלאָרען אפילו אין דיא מאָמענטען, ווען אלע ארום זיינען געווען משוגע אזוי, אז מען האָט זיי בעדארפט איינ־שפּארען אין א דול־הויז. ער איז געוואָרן שבתי צבי'ס סעקרעטער און מיניסטער און האָט צוזאמען מיט נתן העזתי גענארט דעם עולם מיט פערשיעדענע פאלשע געשיכטען, אום אויפצומונטערן דעם גלויבען אין דעם פאלשען משיח.

VI

דיא פערגעטערונגען פון פאַלשען משיח אין סמירנאָ און אין אנדערע ערטער.

דיא נביאים און מיסיאָנערן פון שבתי צבי האָבען אזוי שנעל איינגערעדט דיא אונוויסענדע אידען אין קליין־אזיען, אז ער איז דער ריכטיגער משיח, דאָס מען האָט איהם אויפגענומען מיט גרויס פריידע אין אלעפפא, וואו עס האָט זיך דאן געפונען א גרויסע אידישע געמיינדע. אלע זיינען ארויס איהם זעהן און האָבען איהם בעגריסט, אזוי וויא ער וואָלט ווירקליך געווען א משיח און א הערשער פון אידישען פאָלק. זיין משיח־שטערן האָט זיך שוין אויפגעהויבען אזוי הויך און האָט אזוי געגלאנצט, אז אפילו מענשען מיט קלאָרע אויגען זיינען פערבלענדעט געוואָרן.

אָבער נאָך מיט מעהר ענטהוזיאזמוס און משוגעת איז ער אויפגענומען געוואָרן אין זיין געבורט־שטאָט, פון וואנען מען האָט איהם ערשט מיט 15 יאָהר צוריק ארויסגעיאָגט. אָן דעם חרם האָט מען אלע פערגעסען. אלע האָבען זיך געפונען וויא אין א היץ־קריינק און האָבען ערווארטעט, אז שבתי צבי זאָל זיי פיהרען צו דער גאולה. זיין פארטיי איז געוואקסען יעדען טאָג.

ער האָט זיך ניט ערקלערט גלייך פאר א משיח. ער האָט זיך בערעכענט, אז עס איז בעסער אויפצורייצען דיא איינבילדונגען פון עולם, אום נאכהער צו געווינען מעהר אנהענגער און צו מאַכען א גרעסערען איינדרוק. נתן העזתי האָט אונערמיעדליך געאַרבייט צו פערשפרייטען זיינע נביאות און איינצורעדען אלעמען, אז משיח קומט אָן אין דער פערזאָן פון שבתי צבי. אייניגע פון זיינע נאָכשלעפּערס זיינען אין דער צייט געקומען פון ירושלים און האָבען זיך צו איהם געביקט אין נאָמען פון דער היילינער שטאָט, וויא צו א משיח, אָבוואָהל דיא פאָרשטעהער פון ירושלים האָבען זיי גאָר ניט געשיקט. ער אליין האָט דורכגעמאכט דיא

שטרענגסטע פראָבעס נאָך דיא קאַבאַליסטישע פאָרשריפטען פאר דיא פערגעבונג פון זינד און פאר דיא מעגליכקייט צו קריגען משיח'ס געטליכע קראַפט.

דאָס אַלעס האָט אַזוי געווירקט אויף דיא צוקאָכטע מאַסע פון אבערגלויבער און קאַבאַליסטען, אז זיי האָבען פערלאַנגט, דאָס ער זאָל זיך עפענטליך ערקלערן פאר א משיח. זיי האָבען גאָר קיין געדולד ניט געהאַט צו וואַרטען, אַזוי שטאַרק האָבען זיי געגלויבט, דאָס דיא גאולה מוז גלייך קומען, וויא נאָר שבתי צבי וועט זיי זאָגען, אז גאָט האָט איהם געשיקט זיי צו פיהרען אין דאָס הייליגע לאַנד. ענדליך איז דער „גרויסער נס" געשעהען. אונטער דעם קלאַנג פון שופר־בלאָזען האָט שבתי צבי זיך אָפען ערקלערט אין דער סינאַגאָגע פון סמירנא צו ענדע פון 1665 יאהר פאר דעם ערוואַרטעטען משיח, און דער צודולטער עולם האָט אויסגעשריען מיט ווילדען ענטהוזיאַזמוס: „לעבען זאָל אונזער מלך, אונזער משיח!"

וואָס עס איז נאָכדעם פאָרגעקומען, איז שווער צו בעשרייבען. דיא פערבלענדעניס איז געוועזען אַזוי גרויס, אז מען האָט אויפגעהערט צו אַרבייטען און זיך געקליבען אין וועג צו מאַרשירען נאָך שבתי צבי. אום צו זיין זיכער, אז זיי וועלען דערלעבען דיא גאולה, האָבען פיעלע זיך געפייניגט: געפאַסט עטליכע טעג נאָכאַנאַנד, זיך אַריינגעהאַקט היבשע פּאָרציעס מלקות און געשטאַנען גאַנצע נעכט, אום דורך קאַבאַליסטישע תקונים זיך ריין צו וואַשען פון זייערע זינד. פיעלע האָבען געמאַכט טבילות אין גאַנץ קאַלטע וואַסער אפילו מיט שנעע אויפ'ן גרונד. אַנדערע האָבען זיך בעגראָבען ביז'ן האַלז אין דער ערד און זיינען פערבליבען אין דיזע קברים ביז זייערע גלידער זיינען פערגליווערט געוואָרן.

א געוויסער טהייל איז גלאַט געקראָכען פון הויט אויס שמחה מיט דער גאולה. זיי פלעגען הולענען, שפּרינגען און טאַנצען וויא פעריקטע. אלע זיינען געוועזען אַזוי וויא אין היץ־קריינק: יונגע און אַלטע, מענער און פרויען, אפילו קינדער זיינען אַרומגעלאָפען איבער דיא גאַסען, לויבענדיג שבתי צבי'ן אלס דעם אמת'ן משיח. ווען

ער פלעגט זיך בעווייזען אין גאס אין דער בעגלייטונג פון א גרויסע צאָהל קאבאליסטען און טעלערלעקערס — אָהן זיינע אדיוטאנטען און הייסעסטע נאָכפאָלגערס פעלגט ער שוין ניט ארויסגעהן — פלעגען איהם אלע נאָכלויפען מיט פריידע־געשרייען און ווילדע געזאנג. זיינע נאָכפאָלגער פלעגען זינגען דיא ערטער פון תהלים, וואו עס ווערט דערמאָנט וועגען משיח׳ן. ער פלעגט אין דיא פראַ־צעסיאָנען טראָגען א פאָכער, און אלע האָבען זיך געשטופּט אָנ־געריהרט צו ווערן פון דיזען פאָכער, דען מען האָט געגלויבט, אז דאן וועט מען זיכער זיין צווישען דיא גליקליכע, וואָס וועלען דער־לעבען דיא גאולה.

עטליכע מאָל האָט ער גע׳דרשן׳ט אין דער סינאגאָגע צו בע־ווייזען מיט קאבאליסטישע פירושים אויף דער תורה, אז נאָר ער איז דער ריכטיגער משיח. יעדער וואָרט זיינער פלעגט פאנאנדער־געטראָגען ווערן און טויזענד מאָל ווידערהאָלט ווערן אלס א געט־ליכער וואָרט, און דיא קאבאליסטען פלעגען וועגען דעם דיספּוטי־רען און מאכען פירושים.

דיא קאבאליסטישע ענטהוזיאסטען האָבען אויך אָנגעפאנגען חתונה צו מאכען גאנץ יונגע קינדער, אום דיא נשמות, וואָס דאר־פען נאָך געבאָרן ווערן, זאָלען וואָס שנעלער ארייננוואנדערן אין קערפּערס און דערמיט אפּראמען פון וועג דיא לעצטע שטערונגען פאר משיח׳ס צייטען. אויף דעם גרונד פון אזעלכע ווילדע קאבא־ליסטישע דריידלאך האָט מען חתונה געמאכט 700 פּאָרלעך פון קינדער, וואָס מאנכע פון זיי זיינען נאָך אפילו ניט געווען 10 יאָהר אלט.

שבתי צבי׳ס „געטליכע" ווייב האָט נאָך אויפגערודערט דיא צודולטע שטאדט אויף א׳ן אנדער ארט. מיט איהר שעהנהייט און לוסטיגע געגלעך האָט זיא אויפגעוועקט דיא ליידענשאפטען פון פיעלע יונגע לייט. זיא האָט איינגעפיהרט, אז מענער און פרויען זאָלען זיך צוזאמענקומען אויף דיא פעסטען און סעודות, וואָס זיי־נען געגעבען געוואָרען לכבוד שבתי צבי און דיא נאָהענטע משיח׳ס צייטען. דאָס איז געווען א נייעס אין אן אזיאטישע שטאָט. דיא

פערזאמלונגען פון מענער און פרויען זיינען שנעל אומגעוואנדעלט געוואָרן אין משוגענע אויסגעלאסענהייט. אלע זיינען געשפרונגען צוזאמען, אזוי וויא דיא שדים וואָלטען זיך אין זיי אריינגעכאפט. מען האָט אָנגעפאנגען צו טאנצען און צו דרעהען זיך לשם שמים, אויס פריידע, דאָס דיא גאולה קומט שוין, נאָר מען האָט געזינ־דיגט אויף א זעהר מיאוס'ן שטייגער. דיא נאטור האָט גובר געווען דיא ענטהוזיאסטען, און דער סקאנדאל איז געוואָרן אזוי גרויס, דאָס עלטערע מענשען האָבען אָנגעפאנגען צו בייזערן זיך און צו פּראָטעסטירען, נאָר קיינער האָט זיי ניט געהערט.

דיא פּאָר מענשען, וואָס האָבען נאָך געוואגט צו צווייפלען אין שבתי צבי'ס געטליכקייט און צו זאָגען א וואָרט געגען דיא אלגעמיין פערשפרייטעטע קאבאליסטישע משוגעת, זיינען פער־שאָלטען און פערפאָלגט געוואָרען. דעם אלטען רב אהרן־דע־לא־פּאפּא האָט מען געצוואונגען צו פערלאָזען דיא שטאָט, ווייל ער איז געווען איינער פון דיא רבנים, וואָס האָבען ארויפגעלעגט דעם ערשטען חרם אויף שבתי צבי. יעצט איז שבתי צבי ארויסגעטראָ־טען געגען איהם און האָט איהם בעשימפּפט אין א דרשה. דעם רייכען קויפמאן חיים פּעניא האָט מען איינפאך געוואָלט אומברענ־גען, ווייל ער האָט זיך ערלויבט ניט צו גלויבען אין שבתי צבי. אויף דעם בעפעהל פון שבתי צבי האָט זיך דיא צוקאָכטע געמיינדע אריינגעריסען אין דער סינאגאָגע, וואו ער האָט זיך בעהאלטען. מען וואָלט איהם וואהרשיינליך צוריסען אויף שטיקער, ווען זיינע אייגענע טעכטער, וועלכע זיינען אויך צודולט געוואָרן, וואָלטען ניט צוגעשטאנען צו איהם און וואָלטען ניט אָנגעפאנגען צו זאָ־גען נביאות, אז משיח קומט. ער האָט דאן קיין אנדער ברירה ניט געהאט, וויא צו ערקלערן, דאָס ער האָט חרטה און דאָס ער הויבט אויף אָן צו גלויבען, אז שבתי צבי איז טאקע דער ערוואר־טעטער משיח.

אזוי האָט עס אָנגעהאלטען עטליכע מאָנאט. מען האָט זיך אפילו ניט געשראָקען פאר דיא טערקישע בעאמטע, וועלכע האָבען זיך בענוצט מיט דיזער געלעגענהייט צו נעהמען כאבאר. אין אלע

שטעט ארום האָבען זיך שנעל פערשפרייט נאַכריכטען וועגען דיא „וואונדערבארע" פאסירונגען אין סמירנא. פיעלע גלויביגע זיינען געקומען פערשידענע ערטער זעהען, וואס עס טוט זיך אין. זיי האָבען נאכהער דערצעהלט אזעלכע געשיכטען, אז מען האָט זיך אויך דאָרטען גענומען קלייבען אין וועג צו פאָלגען דעם משיח.

שמואל פרימאָ האָט זיך ספעציעל אָבגעגעבען צו פערשפרייטען איבער דער גאנצער וועלט בעריכטען איבער דיא גרויסע נסים פון שבתי צבי און איבער דיא פאסירונגען אין סמירנא. נתן העזתי האָט ניט אויפגעהערט צו שיקען שריפטליכע נבואות. און דיא מיס־סיאָנערן, וואָס מען האָט ארויסגעשיקט צו מאכען בעקאנט אין דער וועלט דיא נאָהענטע גאולה, האָבען דערצעהלט אזעלכע וואונדער. אז אלע האָבען פערלאָרען דעם גליכען פערשטאנד. עס האָט אויס־געוויזען אזוי וויא דיא גאנצע וועלט איז משוגע געוואָרען.

אפילו קריסטען האָבען גענומען גלויבען. זעהענדיג וויא דיא אידען זיינען אויפגערעגט, אז א אידישער משיח האָט זיך ענדליך בעוויזען צו ערלייזען זיינע פערפאָלגטע און פערוואָגעלטע ברידער. איבעראל האָט מען זיך אינטערעסירט מיט שבתי צבי און זיין גדולה אין סמירנא. דיא פערבלענדענעס איז שטארקער געוואָרען מיט יעדען טאָג און אלע ערטער, וואו נאָר מען האָט גערעדט דיא נייעס פון סמירנא. ניט נאָר דיא בלינדע מאסען זיינען דורכגע־דרונגען געוואָרען מיט א טיעפער אמונה אין דער נאָהענטער גאולה דורך שבתי צבי, זאָנדערן אפילו בעוואוסטע און זאָגאר גאנץ געשיי־טע רבנים אין אזעלכע פאָרטגעשריטענע געמיינדען וויא דיא אמ־סטערדאמער און האמבורגער. אין אמסטערדאם האָט זיך נאָר גע־פונען איין בעוואוסטער תלמודיסט, וועלכער האָט געהאט גענוג פערשטאנד צו ערקלערען דיא גאנצע געשיכטע וועגען שבתי צבי פאר אן אומזין און פאלשקייט. דאָס איז געוועזען יעקב זאספאָטראס. וועלכער האָט צושיקט בריעף צו בעוואוסטע רבנים אין פיעלע שטעט זיי צו ווארנען געגען דעם פאלשען משיח.

נאָר דאָס איז געוועזען וויא א קול אין דער וויסטעניס. אלע זיי־נען געוועזען מעהר אָדער ווייניגער קאבאליסטען און האָבען יעדענ־

געוועט צעהן צו איינס, אז אין צוויי יאָהר ארום וועט שבתי צבי געקרוינט ווערען אלס קעניג אין ירושלים....

דאָס שיינט גאנץ אונגלויבליך, אבער דאָס זיינען אלץ ריכ־טיגע היסטאָרישע פאקטען. מיר קענען זיך יעצט קוים פאָרשטעלען, וויא א וועלט מיט מענשען האָבען געקענט אזוי ווייט פערנארט און צומישט ווערען; אבער ווען מען לעזט דיא געשיכטע פון דיא גייסטיגע פערבלענדעניסען אין מיטעלאלטער, פערבלענדעניסען וועלכע ווערען מיט רעכט גערופען גייסטיגע עפּידעמיעס, הערט מען אויף זיך צו וואונדערן וועגען אזא אלגעמיינע משוגעת.

VII

יום טוב אום עשרה בטבת און דיא פערטהיילונג פון מלוכות פאר דער אָפרייזע נאָך קאָנסטאנטינאָפּאָל.

ווען שבתי צבי וואָלט געהאט א פעסטען כאראקטער, ווען ער וואָלט ווירקליך געקענט קאָמאנדעווען איבער מחנות, וואָלט ער פיליכט געקענט טאקע עפּעס אויפטאָן פאר דיא צודולטע אידען, וועלכע האָבען נאָר מיט דער גרעסטער אונגעדולד געווארט אויף זיין בעפעהל צו מארשירען נאָך ירושלים און וועלכע וואָלטען גע־ווים געגאנגען אין פייער און וואסער נאָך איהם אין זייער בלינדער בעגייסטערונג. עס איז אמת, אז פון א בעוועגונג, וועלכע ווערט ארויסגערופען דורך א גייסטיגע פערבלענדענעס און האָט קיין שום ראיעלען גרונד, קען סוף כל סוף קייז גוטעס ניט ארויסקומען; אָבער זאָ לאנג דער געוואלדיגער ענטהוזיאזמוס פאר דיזע משיח־בעוועגונג וואָלט אָנגעהאלטען, וואָלט מען געקענט בעווייזען אעזל־כע ווירקליכע וואונדער וויא אין דיא צייטען פון דיא חשמונאים, ווען א הייפעלע אידען אונטער דער קאָמאנדע פון אזא העלד וויא יהודה המכבי, האָבען געקענט בעזיעגען דיא ארמעען פון אנטיוכוס עפיפאנעס.

נאָר שבתי צבי איז געווען נאָך אלעמען בלויז א צודולטער קא־באליסט, וועלכער האָט מעהר ניט געזעהען וויא זיינע אייגענע פאנ־טאזיעס און וועלכער איז געפיהרט געוואָרן פאר׳ן נאָז פון עטליכע שווינדלער און א באנדע משוגעים. זעהענדיג וויא פון אלע זייטען, וואו נאָר אידען געפינען זיך, פערעהרט מען איהם ווירקליך וויא א משיח און מען ווארט נאָר, אז ער זאָל ערלייזען דעם אידישען פאָלק פון גלות, האָט ער נאָך מעהר אָנגעפאנגען צו גלויבען אין זיינע איינבילדונגען און האָט געווארט אויף דער צייט, ווען עס וועלען טרעפען נסים און זיך אָנפאנגען משיח׳ס צייטען נאָך דיא קאבאליסטישע פאנטאזיעס. ער האָט אליין ניט געוואוסט אויף

וועלכער וועלט ער געפינט זיך און האָט דערוויילע געשעפּט פּער־
גניגען אין דער פּערעהרונג, וואָס אלע האָבען איהם געצייגט. זיין
קליין קאָפּ איז נאָך מעהר צומישט געוואָרן פון דעם משוגעת ארום
איהם.

איינינע פון זיינע אדיוטאנטען, בעזאָנדערס דער שלויער
שמואל פּרימאָ, זיינען געפאלען אויף דעם פּלאן גלייך איינצופיה־
רען נייע רעליגיעזע צערעמאָניעס אויף דעם גרונד, דאָס משיח׳ס
צייטען וועלען זיך באלד אָנפאנגען. דיזע צערעמאָניעס זיינען גע־
ווען געגען דיא תלמוד׳ישע. דיזע חברה־לייט האָבען הפנים גע־
וואָלט בילדען א בעזונדערע סעקטע. געשטיצט האָבען זיי זיך אויף
דיא אויספיהרונגען פון „זוהר“ און פון אנדערע קאבאליסטישע
ביכער, אז ווען משיח וועט קומען, וועלען אלע פאָרשריפטען פון
תלמוד פערלירען זייער האפט. דיא קבלה איז אייגענטליך שטענדיג
געווען געגען תלמוד, און דאָ האָט זיך עס קלאָר און אָפען ארויסגע־
וויזען. שבתי צבי׳ס חברה האָבען ערקלערט, דאָס אזוי וויא משיח
איז שוין דאָ און וועט באלד אָנפאנגען זיין הערשאפט איבער דער
וועלט, דארום איז שוין ניט נויטיג צו פאָלגען דיא פאָרשריפטען
פון שלחן ערוך. שמואל פּרימאָ, וועלכער איז געווען דער אָנפיהרער
פון דיזער אנטי־תלמודישער בעוועגונג, האָט גענומען ענטוויקלען
אזעלכע בעגריפע וועגען גאָט און משיח, וועלכע האָבען מעהר גע־
פאסט צו קריסטליכע וויא צו אידישע פאָרשטעלונגען. דיא צו־
פּלאָנטערטע געדאנקען פון דיא קאבאליסטען וועגען אדם קדמון,
מלכה קדישה, אין סוף (אונענדליכקייט) און דיא שטעלען פון
„זוהר“ וועגען א דרייאייניגקייט זיינען פערטייטשט און ערקלערט
געוואָרן פון שבתי צבי׳ס מאכערס אויף אזא ארט, אז שבתי צבי
זאָל אנערקענט ווערן ניט נאָר פאר א משיח, זאָנדערן פאר גאָט
זעלבסט. משיח, האָבען זיי גע׳טענה׳ט, קען נאָך אויפטהאָן מעהר
וויא דער בורא פון דער וועלט, ער איז דער אמת׳ער גאָט, דער ער־
לייזער פון דער וועלט!....

שמואל פּרימאָ האָט זאָגאר אָנגעפאנגען פאנאנדערצושיקען
בעריכטען און בעפעהלען צו דיא פערבלענדעטע נאָכשלעפּערס מיט

אזא אונטערשריפט: „איך, משיח, אייער גאָט, שבתי צבי“. מען ווייס ניט אויף זיכער, אויב שבתי צבי האָט עס ערלויבט צו טאָן, נאָר שמואל פרימאָ און אנדערע פערשפרייטער פון דיזער וויסטער פערבלענדענעס האָבען זיך אין דער ווירקליכקייט גאָר ווייניג גע־קימערט וועגען זיינע מיינונגען. ער האָט איבערהויפּט געפאָלגט, וואָס זיינע ענערגישע גענעראלען האָבען געהייסען. אין דער צייט איז ער שוין אזוי געלעגען אין זייערע הענד, דאָס ווען ער וואָלט פלוצלונג געקומען צום גלייכען פערשטאנד און זיך אָבגעזאָגט פון דעם גאנצען שווינדעל, וואָלט דיא משיח־בעוועגונג אָנגעגאנגען אָהן איהם. דיא געשיכטע צייגט אונז פיעלע ביישפּיעלען, וויא מענשען, וואָס זיינען אין דיא אויגען פון דער גאנצער וועלט געווען דיא גרינדערס און פיהרערס פון געוויסע בעוועגונגען, זיינען אין דער ווירקליכקייט געוואָרן שפּיעלצייג אין דיא הענד פון זייערע אדיוטאנטען. אזוי איז עס יעדענפאלס געווען מיט שבתי צבי.

דער ערשטער עפענטליכער ארויסטרעטען געגען וויכטיגע אידי־שע מנהגים און פאָרשריפטען פון תלמוד איז געווען, ווען שבתי צבי'ס חברה האָט בעשטימט, אז עשרה בטבת זאָל מען ניט פאסטען, נאָר מאכען א פרעהליכען יום טוב. שמואל פרימאָ האָט צושיקט פאָלגענדען בעפעהל וועגען דיזע ענדערונג:

דער בכור פון גאָט, שבתי צבי, משיח און ערלייזער פון כל ישראל, צו אלע בני ישראל, שלום! אזוי וויא איהר זייט געבענשט געוואָרען צו זעהען דעם גרויסען טאָג און דיא ערפילונג פון גאָט'ס פערשפּרעכען צו דיא נביאים, דארום דארף אייער טרויער און קלאָגען אומגעוואנדעלט ווערען אין שמחה, און אייער פאסטען אין א יום טוב, דען איהר וועט שוין מעהר ניט קלאָגען. זייט זיך משמח מיט ליעדער און געזאנג, ענ־דערט דעם טאָג, וועלכען איהר האָט פריהער פערבראכט אין טרויער און פאסטען, אין אַ טאָג פון יובל, דען איך האָב זיך בעוויזען.“

דיזער בעפעהל איז אויסגעפיהרט געוואָרן אין דיא שטעט, וואו ער האָט נאָך צייט געהאט אָנצוקומען פאר עשרה בטבת. מען האָט שוין אזוי פעסט געגלויבט אין שבתי צבי, אז מען האָט קיין

שאלות געפרעגט און געהוליעט אין דעם פאסט־טאָג, אָבוואָהל מען האָט אין אלגעמיינען געגלויבט, אז נאָר דורך פאסטען און אנדערע אָפּקומענעס אויף דער וועלט וועט מען קענען דערלעבען צו זעהען משיח׳ס מלוכה.

נאָר דיא רבנים און שטרענגע תלמודיסטען האָבען באלד אָנגע־פאנגען צו פּראָטעסטירען געגען דיזען בעפעהל, אָבוואָהל נאָך דער קבלה איז דאָס געווען א גאנץ לאָגישער שלוס, וויא באלד מען האָט נאָר אנערקענט, אז שבתי צבי איז דער ריכטיגער משיח. נאָר דיא תלמודיסטען זיינען אזוי צוגעוואָהנט געוואָרן צו דיא אלטע פיהרונ־גען, אז ווען מען האָט אָנגעפאנגען זיך צו פיהרען אין דער ווירקליכ־קייט נאָך דער קבלה,האָבען זיי געמאכט גוואלדען. א טהייל פון זיי האָבען אויך געוואגט ארויסצוטרעטען געגען שבתי־צבי זעלבסט. דיא פערבלענדענעס איז אָבער געווען אזוי גרויס, אז דיזע שטרענגע תלמודיסטען און אָבהיטערס פון אלטען גלויבען האָט מען א נאָמען געגעבען „כופרים“, אזוי וויא זיי וואָלטען געלייקענט גאָט׳ס עקזיסטענץ.

עטליכע רבנים אין סמירנא, וועלכע האָבען געזוכט איינצורייי־דען דעם עולם, אז מען זאָל פאַסטען וויא פריהער, זיינען שיער ניט פרשטיינערט געוואָרן פון דיא ענטהוזיאסטען, און זיי האָבען געמוזט שנעל פערלאָזען דיא שטאָט.

ווער ווייסט מיט וואָס דיזער מיטוגעת וואָלט זיך געענדיגט אין סמירנא, ווען דיא טירקישע בעאמטע וואָלטען זיך ניט אריינגע־מישט. דיא גאנצע צייט פון דער ווילדער קאָכעריי האָבען זיי גע־שוויגען, ווייל זיי האָבען דורך דעם געהאט געשאנקען און נייע איינ־קינפטע. דער קאדי האָט זיך אָבער דערשראָקען, ווען דיא בעוועגונג איז אזוי גרויס געוואָרן, אז ער האָט איינגעזעהען, דאָס עס וועט איהם שווער זיין איהר צו קאָנטראָלירען. מען בעהויפּטעט, אז ער האָט זיך אויך דערוואוסט פון נתן העזתי׳ס נבואה, דאָס שבתי צבי וועט פאנגען דעם סולטאן און איהם ברענגען נאָך ירושלים. יעדענפאלס האָט ער געוואָלט ארויפנעהמען פון זיך דיא פעראנט־

ווארטליכקייט און האט אנגעזאגט דיא אידען, אז זייער משיח מוז זיך וואס שנעלער אפטראגען פון סמירנא.

עס איז מעגליך און וואהרשיינליך, אז זיינע אנהענגער האבען צוגערעט זייער משיח, דאס ער זאל צייגען זיין געטליכע מאכט אין דער הויפטשטאט פון דער טערקישער אימפעריע, וואו ער וועט אלזא מיט איין קלאפ ברייננגען דיא גאנצע וועלט אונטער זיין הערשאפט און וואו מען וועט אויך קענען אויספיהרען דיא נבואה פון נתן העזתי, דאס דער סולטאן וועט געפאנגען ווערן גאר אהן שום בלוט־פערגיסונג. אויף אזא וואונדער האבען ניט נאר אלע פערבלענדעטע נאכשלעפערס געוווארט מיט דער גרעסטער אונגעדולד, זאנדערן שבתי צבי זעלבסט.

נאר וויא דיא מעשה איז דארטען ניט געוועזן, דער קאדי האט געגעבען דעם משיח דריי טעג צייט צו פערלאזען סמירנא, און מען האט געמוזט פאלגען זאלאנג דער גרויסער נס איז נאך ניט געשעהען. פאר זיין אפרייזע האט שבתי צבי צוטהיילט דיא גאנצע וועלט צווישען זיינע 26 טרייעסטע אדיוטאנטען. מיט איין קלאפ האט ער זיי געמאכט פאר מלכים און פרינצען. זיין עלטרן ברודער האט ער ערקלערט פאר דעם מלך המלכים און זיין ברודער יוסף האט געקראגען דעם טיטול: אויבערקעניג פון אידען. דערביי האט ער נאך קאבאליסטישע חקירות ערקלערט, אז אין יעדען פון דיא ניי־געבארענע הערשער האט אריבערגעוואנדערט א נשמה פון א פריהערען מלך יהודה אדער פון א נביא.

„אין דיר, יצחק סילווערא", האט דער משיח געזאגט, „האט זיך בעזעצט דיא נשמה פון דוד המלך, דארום דארף מען דיך רופען דוד המלך; אין דיר, חיים אינעניא, איז אריין דיא נשמה פון ירבעם, דארום געהערט דיר אראביען; דיר, מנשה אשכנזי, אין וועמען איך דערקען דעם גייסט פון קעניג אסא, גיב איך איבער בערבעריען; דו, מרדכי גאספאר, וואס אין דיר שטקעט דער גייסט פון גרויסען צדקיהו, וועסטו הערשען אין ענגלאנד" א. ז. וו.

ביי אזא לייכטע און פריעדליבע פערטהיילונג פון מלוכות האט שבתי צבי נאטירליך ניט געקענט פערגעסען אן דעם שטייער־זאמ־

לער חלבי. „און דיר רפאל יוסף“, האָט ער ערקלערט, „אונטער וועמעס געבענשטען דאך מיין געליעבטע מ ע ל י ס ע ל ד אָ (דאָס איז געווען שרה'ס קאבאליסטישער נאָמען) איז געוואָרן מיין קעניגליכע פרוי, גיב איך איבער דיא מלוכה מצרים“. א פּאָרטוגע־זער מאראנאָ און דאָקטאָר, וועלכער האָט זיך געראטעט פון דער אינקוויזיציאָן און איז ניט לאנג אָנגעקומען אין סמירנא, האָט גע־קראָגען אויף זיין חלק דיא מלוכה פון פּאָרטוגאל. א געוועזענער בעטלער פון סמירנא, וועמען שבתי צבי האָט אויך „פערזאָרגט“ מיט א מלוכה, איז געווען אזוי זיכער מיט זיין טהראָן, דאָס ער האָט זיך ענטזאגט צו נעהמען גרויסע סומען געלט, וואָס אנדערע בלינדע גלוי־בערס האָבען איהם געוואָלט געבען פאר איבערגעבען זיי דיא קרוין.

מיט גרויסע צערעמאָניעס האָט שבתי צבי פערלאָזען סמירנא. דיא גאנצע שטאָט איז ארויס זעהען, וויא ער פאָהרט ארויס בריינ־גען דעם סולטאן אויף א שטריקעלע נאָך ירושלים און אָנפאנגען דיא משיח־מלוכה טאקע וויא געהעריג נאָך אלע קאבאליסטישע פאנ־טאזיעס. גראדע האָט עס געטראָפען אָדער פיללייכט האָט מען עס פאָראויס געפּלאנעוועט, אז דער טאָג פון זיין אָפּרייזע נאָך קאָנ־סטאנטינאָפּאָל איז געווען דער אָנפאנג פון דעם יאָהר 1666, ווען אידען און קריסטען האָבען ערווארטעט משיח'ס צייטען. נאָר איהם איז שוין ניט בעשערט געווען צו קומען צוריק און נאָך א מאָל צו זעהען זיין געבורט־שטאָט, וואו מען האָט איהם ניט נאָר אנערקענט פאר א משיח, זאָנדערן אפילו פאר א גאָט.

VIII

דער ארעסט אין קאָנסטאנטינאָפּאָל.

אין קאָנסטאנטינאָפּאָל האָט שבתי צבי געקראָגען אן אויפ־נאהמע, וועלכע ער און קיינער פון זיינע נאָכשלעפּערס האָבען גאָר ניט ערוואַרטעט. צוערשט איז ער דורכגעפאלען מיט זיין נבואה, דאָס ער וועט אָנקומען אהין אין א בעשטימטען טאָג. דער ים איז גראדע זעהר שטורמדיג געווען, און דיא שיף מיט דעם משיח איז שיער ניט אונטערגעגאנגען. זיא איז אָנגעקומען אין דיא דארדאנע־לען מיט וואָכען שפּעטער, וויא שבתי צבי האָט פאָראויסגעזאָגט. נאָר דאָס האָט גאָר ניט געשטערט זיינע פערעהרערס צו פערפאסען באָבע־מעשיות, וויא דיא שטורם־ווינטען און דיא וועללען האָבען געפאָלגט זיין בעפעהל און זיינען שטיל געוואָרן, ווען ער האָט נאָר א וואונק געטאָן. דיא שיף איז געווען אין אזא געפעהרליכען צו־שטאנד, דאָס מען האָט געמוזט לאנדען אין א קליינעם פּאָרט ביי דיא ברעגעס פון דיא דארדאנעללען. דאָרט האָבען דיא טערקישע בע־אמטע גלייך ארעסטירט דעם משיח אויף דעם בעפעהל פון דעם גרויסען וויזיר אהמעד קאָפּרילי, וועלכער האָט אין דער צייט געקראָ־גען אזעלכע בעריכטען פון דער משוגענער בעוועגונג, דאָס ער האָט גלייך בעשלאָסען צו מאכען א שנעלען סוף דערפון. דער בעפעהל האָט געלויטעט, אז מען זאָל דעם אידישען משיח שמידען אין קיי־טען און אזוי גלייך ברענגען נאָך קאָנסטאנטינאָפּאָל. דיא טערקישע בעאמטע האָבען בוכשטעבליך אויסגעפיהרט דעם בעפעהל, אָבוואָהל מען האָט זיי אָנגעבאָטען גרויסע סומען געלט אראָפּצונעהמען פון איהם דיא קייטען. מיט געלט האָט מען נאָר אויסגעפיהרט, אז מען זאָל לאָזען דעם משיח בלייבען שבת אין א פּלאץ ניט ווייט פון קאָנסטאנטינאָפּאָל. פון דיזען פּלאץ האָט מען איהם דעם נעכסטען טאָג געבראכט א געשמידטען אויף א שיף נאָך קאָנסטאנטינאָפּאָל. ריזיגע מאסען אידען און טערקען האָבען זיך צוזאמענגעקליבען

אין פּאָרט זעהען דעם פערשריענעם משיח. וואָס פאר אן אונטער־שיעד צווישען דיא גאָלדענע פאנטאזיעס פון דיא פערבלענדעטע נאָכשלעפּערס און דיא טרויעריגע טערקישע ווירקליכקייט דאָס איז געווען! אָנשטאָט טריאומף — קייטען, אָנשטאָט פריידיגע בעגרי־סונגען און געטליכע פערעהרונג וויא אין סמירנא — א פּאטש פון א טערקישען פּאָליציי־בעאמטען. וויא נאָר מען האָט דעם סמירנער גאָט ארויסגעשלעפּט פון שיף אין שווערע קייטען און נאטירליך זעהר א נידערשלאָגענעם, איז צו איהם צוגעגאנגען אן אונטער־פּאשא און האָט איהם גלייך מכבד געווען מיט א שטארקען פּאטש אין באק. מען זאָגט, אז שבתי צבי האָט שכל געהאט גלייך אונטער־צושטעלען דיא אנדערע באק, אום צו צייגען, אז ער קומט דערווייל אָפּ פאר דיא זינדיגע מענשהייט און אז ער איז בערייט אויסצו־שטעהן אלע צרות ביז דער טאָג פון דער גאולה וועט קומען און ער וועט דאן ערשיינען אין דעם געטליכען גלאנץ פון א זיעגרייכען משיח.

אזוי האָבען אויך זיינע אדיוטאנטען און בלינדע נאָכשלעפּערס פערטייטשט זיין ערנידערונג, וועלכע האָט בעדארפט אָפּקיהלען זייער ענטהוזיאזמוס און זיי ברייננגען אויף דעם גלייכען פער־שטאנד; נאָר וואָס פאר אן אונזין שלינגען דען ניט ארונטער אבער־גלויביגע מענשען?

ווען מען האָט איהם געבראכט צום קאימאקאם (אונטער־וויזיר) און גענומען פאנאנדערפרעגען, האָט מען גלייך געזעהען, אז מען האָט צו טאָן מיט א קליין מענשעלע, מיט א טרוימער אָהן א ברע־קעל מוטה און ענערגיע. ער האָט געזוכט זיך ארויסצודרעהען מיט תירוצים, דאָס ער איז בלויז א רב, וואָס איז געשיקט געוואָרן קליי־בען נדבות פאר דיא אידען פון ירושלים. דאָס וואָס א סך אידען פערעהרען איהם, איז ניט זיין שולד, האָט ער געזאָגט. נאָך דעם ערשטען פערהער האָט מען איהם איינגעשפּארט אין א געפענגנים, וואו מען פלעגט האלטען אידען, וואָס האָבען ניט געקענט בעצאָה־לען זייערע חובות.

דיא אידען אין קאָנסטאנטינאָפּאָל זיינען דיא ערשטע פּאָאר

טעג געווען צומישט פון אזא ענדע פון זייערע גאָלדענע האָפנונגען אויף זייער גאולה דורך שבתי צבי. זיי האָבען אויסגעמיידעט צו בעווייזען זיך אין גאס, ווייל טערקישע אינגלעך פלעגען נאָך זיי נאָכלויפען און שרייען: „ווען קומט אייער משיח?" אָבער זיינע אדיוטאנטען האָבען ניט געדרעמעלט. זיי האָבען אָנגעפאנגען איינ־צוריידען דעם עולם, אז שבתי צבי מוז נאָך א געוויסע צייט אָפּקו־מען און אז באלד וועט ער ציינען, אז ער איז דער אמת'ער משיח. מען בעהויפּטעט, אז זיי האָבען זאָגאר געדונקען א טערקישען דער־וויש צו פּרעדיגען אין די גאסען פון קאָנסטאנטינאָפּאָל, דאָס משיח'ס צייטען קומען אָן.

נתן העזתי און שמואל פּרימאָ האָבען ניט אויפגעהערט צו פּערטומלען די וועלט מיט זייערע ליגענס, אז די גאולה איז נאָ־הענט און אז מען זאָל זיין פערטיג צו מארשירען נאָך ירושלים. דעם ארעסט פון זייער משיח האָבען זיי פּערדרעהט מיט געשיכטען, דאָס די טערקישע מיניסטערס און זאָגאר דער סולטאן זעלבסט ציטערן ביי זיך אין הארצען פאר שבתי צבי, זאָנסט וואָלטען זיי דאָך איהם איינפאך אומגעבראכט און ניט געהאלטען אין א גע־פענגנים, וואו מען האָט איהם גוט בעהאנדעלט (די טערקישע וועכטערס האָבען געקראָגען געגנוג כאבאר דערפאר). איז עס דען ניט א וואונדער? ציינט עס דען ניט די געטליכע מאכט פון דעם געפאנגענעם משיח? האָבען די גלויביגע געשריען. אויף דיזער ארט איז דער ארעסט אומגעוואנדעלט געוואָרן אין די צודולטע קעפּ פון די קאבאליכטען אין א נס, און דער רעזולטאט איז געווען, דאָס טויזענדער אידען האָבען זיך געשטופּט צו דער געפענגנים צו קענען ווארפען א בליק אויף דעם „ליידענדען משיח" און האָבען נאָך געקראָגען גרעסערע האָפנונגען אויף א נאָהענטע גאולה.

אין דער ווירקליכקייט האָט די טערקישע רעגירונג צו רוהע געלאָזען דעם פאלשען משיח, ווייל זיא האָט געהאט צו פיהרען א מלחמה וועגען דעם אינזעל קרעטא, און די קאסע איז געווען פּוסט. דער גרויסער וויזיר האָט געמוזט אָנשטרענגען זיינע קרעפטען צו דער מלחמה און ער האָט געפונען פאר צוועקמעסיגער צו האלטען

דערוויילע דעם משיח געפאנגען, אום אויסצומיידען מעגליכע אונ־רוהען אין לאנד. זעהענדיג, וויא דיא אידען זיינען איינגעגלויבט אין שבתי צבי, האָט דער גרויסער וויזיר גערעכענט, אז ווען מען זאָל איהם היגריכטען, וועט עס נאָך פיהרען צו א בונט, און דאָס האָט ער געוואָלט אויסמיידען. אויסער דעם האָבען פיעלע טערקען אָנ־געהויבען צו גלויבען, אז עפּעס מוז דאָ זיין א וואונדער, ווען אזוי פיעלע אידען ערווארטען זייער ערלייזונג דורך שבתי צבי.

אָבער אין קאָנסטאנטינאָפּאָל האָט דער גרויסער וויזיר אויך ניט געוואָלט איבערלאָזען זיין געפאנגענעם זאָלאנג דיא מלחמה וועט דויערן. דארום האָט ער בעפוילען איבערצופיהרען שבתי צבי'ן אין דער פעסטונג אבידאָס אויף דיא ברעגעס פון דיא דארדא־נעלען. אין דיזער פעסטונג פלעגט מען געוועהנליך האלטען פּאָלי־טישע געפאנגענע. דאָס איז געשעהען אין אפּריל, 1666, נאכדעם וויא שבתי צבי איז אָבגעזעסען 2 מאָנאט אין דער קאָנסטאנטינאָ־פּאָלער געפענגנים פאר אידישע שולדנער.

אין דיזער פעסטונג האָט מען געגעבען שבתי צבי אזעלכע פריי־ווילעגיעס (נאטירליך, ניט אומזיסט), אז זיינע אנהענגער זיינען גאָר צומישט געוואָרן. ער האָט געקראָגען מעהר מוטה צו שפּיעלען ווייטער זיין משיח־ראָלע. אָפען האָט ער גאָר ניט געזאָגט, נאָר זיינע אדיוטאנטען האָבען שוין געוואוסט וויא צו מאכען פון שווארץ וויים און צו נארען דעם עולם מיט אונזיניגע וואונדער־געשיכטען און פאלשע האָפנונגען. דיא פעסטונג אבידאָס האָבען זיי א נאָמען געגעבען „מגדל עוז“, אזוי וויא דיא געפענגנים פון זייער משיח וואָלט געווען א טהורם פון מאכט פאר אידען. מיט דער הילפע פון אזעלכע איינפאכע נסים, וויא כאבאר מיט דעם געלט, וואָס זיינע רייכע ברידער און אנהענגער האָבען צוגעשיקט, האָט ער גע־לעבט א גוטען טאָג אין דעם „מגדל עוז“. מען האָט צוגעלאָזען צו איהם גלויביגע, וועלכע פלעגען קומען אויף שיפען פון אלע לענדער. פאר דיא טערקישע בעאמטע און סאָלדאטען איז דאָס געווען א שמאלץ־גרוב. דיא ענטהוזיאסטען פלעגען צאָהלען וויא פיעל מען האָט פון זיי פערלאנגט, אבי נאָר צו האָבען דיא זכיה צו זעהען שבתי

צבי. דער קאָמאַנדיר פון דער פעסטונג פלעגט קריעגען פון 20 ביז 30 מארק פון יעדען בעזוכער. זיין „בעשערטע" ווייב האָט געקראָגען דיא ערלויבניס צו בלייבען מיט איהם אין דעם „מגדל עוז". ער האָט אויך געהאט ביי זיך שמואל פרימאָ, וועלכער האָט געשפיעלט דיא ראָלע פון זיין הויפט־מיניסטער און פלעגט פון דאָרטען צושיקען מגילות מיט פאלשע בעריכטען, אום אויפצורודערן אידען אין דיא פערוואָרפענסטע ערטער.

וואָס ווייטער פון דיזען נייען צענטער פון שבתי צבי'ס באנדע, האָט מען אלץ מעהר וואונדער דערצעהלט וועגען איהם און זיינע „אויפטואונגען". ווען ער איז געבראכט געוואָרען אין דער אבידאָס פעסטונג איז גראדע געווען ערב פסח. ער האָט געשאָכטען א לעמעלע פאר זיך און זיינע אדיוטאנטען און האָט איהר געגעסען צוזאמען מיט איהר פעטס טראָץ דעם פערבאָט פון תלמוד. מען זאָגט, אז דערביי האָט ער אָנגעקינדיגט, אז דיא געזעצע פון משה, פון תלמוד און פון דיא רבנים זיינען אָבגעשאפט. ער האָט דערביי אויסגערופען: „געבענשט זאָל זיין גאָט, וועלכער האָט ערלויבט ווידער וואָס ער האָט פערבאָטען!"

שטראָמען מיט מענשען און גאָלד האָבען זיך געצויגען נאָך אבידאָס, וואו דיא איינוואָהנער זיינען רייך געוואָרן פון דיא גלויביגע, דען זיי האָבען גענומען אלץ העכערע פרייזען פאר שפייז און קווארטיר. מען איז געקומען אפילו פון דיא ווייטעסטע ערטער אין אפריקא. אין דער צייט זיינען געווען זעהר ווייניג אידען, וואָס האָבען ניט געגלויבט, אז שבתי צבי איז דער אמת'ער משיח. אפילו אין דיא גרעסטע און פאָרטגעשריטענסטע שטעט זיינען געווען זעהר ווייניג „כופרים". אין פיעלע ערטער האָט מען זיך גענומען פאַקען, אין איינינגע אונגארישע שטעט האָט מען אָנגעפאנגען אראָפּצורייסען דיא דעכער. אין דיא גרויסע האנדעלס־שטעט איז געוואָרן א קריזיס אין דיא געשעפטען, דען פיעלע אידישע קויפלייטע און באנקירען זיינען פערנומען געווען מיט ספעקולאציאָנען אויף משיח'ס צייטען.

איבעראל האָט מען זיך בעזאָנדערס אָנגעכאפט אָן דעם דריי־

דעל, דאָס אזוי וויא שבתי צבי האָט אָפען געזאָגט, אז ער וועט אראָפּזעצען דעם סולטאן און איהם ברענגען אלס געפאנגענעם אין ירושלים (אין דער ווירקליכקייט האָט ער עס אָפען קיין מאָל ניט געזאָגט: נתן העזתי האָט עס נאָר געשריעבען אין זיינע „נבואות“) און פון דעסטוועגען איז ער אליין אוועק נאָך קאָנסטאנטינאָפּאָל און מען האָט איהם בלויז איינגעשפּארט אין א פעסטונג אָנשטאָט צו פעראורטהיילען איהם צום טויט. איז דען דאָס ניט א ריכטיגער בעוויוז, אז דיא נבואות פון דיא אלטע פּראָפעטען זיינען מקוים געוואָרן און אז שבתי צבי איז טאקי דער בעשטימטער משיח? האָבען דיא פערבלענדעטע גע׳טענה׳ט און האָבען מיטגעשלעפּט דיא יעניגע, וואָס האָבען נאָך געצווייפעלט אָדער ריכטיגער, ניט גע־גלויבט זייערע אויערן, אז גאָט האָט זיך ענדליך מרחם געווען אויף זיין פאָלק און ברענגט זיי שוין דיא גאולה.

כמעט אין אלע סינאגאָגען האָט מען ניט נאָר בעצירט דעם ארון קודש מיט דיא ערשטע בוכשטאבען פון שבתי צבי׳ס נאָמען, זאָנדערן מען האָט נאָך איינגעפיהרט צו זאָגען פאָלגענדע תפילה פאר איהם: „געבענשט זאָל זיין אונזער הערר און קעניג, דער היי־ליגער שבתי צבי, דער משיח פון דעם גאָט פון יעקב“.

דיא אידען אין אמסטערדאם און האמבורג זיינען ניט געווען בעסער וויא זייערע פערבלענדעטע ברידער אין דיא הינטערשטעליג־סטע שטעטלעך פון טירקיי און פוילען. אלע האָבען געקוקט אויף דיזע צוויי פּאָרטגעשריטענסטע געמיינדען און האָבען זיי נאָכגע־טאנצט. דיא פאָרשטעהער פון דער אמסטערדאמער קהילה האָבען איינגעפיהרט, אז מען זאָל זאָגען תפילות פאר שבתי צבי ניט נאָר יעדען שבת, זאָנדערן אויך יעדען מאָנטאג און דאָנערשטאג. דיא עטליכע „כופרים“ האָבען דאן קיין אנדער ברירה ניט געהאט, וויא אָדער אויפצוהערען צו געהן אין שוהל אָדער צו הערען ברכות פאר דעם פאלשען משיח. אין וועגעדיג איז עס געקומען צו א געשלעג אין דער סינאגאָגע, ווען דיא „כופרים“ האָבען זיך ערלויבט צו זאָ־גען א וואָרט געגען שבתי צבי. איינער פון דיא „כופרים“ איז שיער ניט ערמאָרדעט געוואָרן.

ווען מען האָט אָנגעפּרעגט שבתי צבי, וואָס מען זאָל טאָן מיט די „כופרים", האָט שמואל פּרימאָ געענטפערט אין זיין נאָמען, אַז מיט אַזעלכע דאַרף מען קיינע צערעמאָניעס ניט מאַכען, מען מעג זיי טויטען אפילו אום שבת. די גלויביגע, וואָס וועלען עס טאָן, וועלען בעלוינט ווערן מיט אַ גוטען פּלאַץ אין גן עדן. גליק־ליכערווייזע האָט מען אַזעלכע רציחות ניט בעגאַנגען. עס איז מעג־ליך, אַז ווען דער משוגעת וואָלט לייננגער אָנגעהאַלטען, וואָלט מען אַלע „כופרים" איינפאַך ערמאָרדעט. מען איז נאָר אָפּגעקומען מיט מאָרד־סטראַשונקעס. בעוואוסטע רבנים האָבען ערקלערט, אַז יע־דערער וואָס ענטזאַגט זיך צו זאָגען די ברכה פאַר שבתי צבי, פערדיענט דעם טויט.

די קריסטען האָבען געקוקט מיט בעוואונדערונג אויף די אי־דען.זיי האָבען גאָר ניט געקענט פערשטיין, וואָס עס קומט פאָר אונטער זייערע אויגען. אויבען איז שוין בעמערקט געוואָרן, אַז פיעלע קריסטען האָבען געגלויבט אין מילעניום און האָבען געוואַרט, אַז אין דעם 1666טען יאָהר זאָל זיך יעזוס קריסטוס ווידער בעווי־זען. די פערבלענדענעס פון אידען האָט געמאַכט אַזאַ גרויסען איינדרוק אויף פיעלע פּראָטעסטאַנטישע גייסטליכע, דאָס זיי האָבען אָנגעפאַנגען צו פרעגען, וואָס וועט ווערן מיט דער קריסטליכער לעהרע און מיט יעזוס קריסטוס, ווען עס זאָל זיך אַרויסווייזען, אַז שבתי צבי איז טאַקי ווירקליך דער משיח פון די אידען. נאָר לאַנג האָבען זיי ניט געהאַט צו טראַכטען וועגען אַזאַ קלאָץ־קשיה, דען דיזע גייסטיגע עפּידעמיע האָט גליקליכערווייזע באַלד געקראָגען אַ טויט־קלאַפּ דורך אַ שענדליכע האַנדלונג פון דעם משיח זעלבסט.

IX

דיא בעקעהרונג צום מאהאָמעדאנער גלויבען.

אונגעפעהר 5 מאָנאט האָט געדויערט שבתי צבי'ס „מלוכה“ אין דער אבידאס פעסטונג. אין דעם געטומעל און אין דער מערק־ווירדיגער פערבלענדענעם האָט מען פערגעסען, אז ער איז אונטער ארעסט און אז עס וועט קומען א טאָג, ווען דיא טערקישע רעגירונג וועט זיך א נעהם טאָן צו איהם אויף טערקיש. וואָס ער אליין האָט דאן געדענקט און גערעכענט, ווייס מען ניט. זיינע אדיוטאנטען, בעזאָנדעסס דער שלויער און ערפינדערישער שמואל פרימאָ, האָט אלץ באָמבארדירט דיא אידישע געמיינדעס אין אלע עקען וועלט מיט בשורות, אז באלד וועט געשעהען א נס און שבתי צבי וועט ברענגען דיא פערשפּראָכענע גאולה. דיזער הויפּט־מיניסטער פון דעם פאלשען משיח האָט אין דער צייט געפּלאנעוועט אָפּצושאפען דעם גאנצען תלמודישען יודענטהום און איינפיהרען נייע צערע־מאָניעס און פעסטליכקייטען. וואָס ער האָט דערמיט געמיינט אויסצופיהרען, איז ניט קלאָר.

אין א פריהערען קאפּיטעל איז שוין ערקלערט געוואָרן, ווארום און וויא אזוי שבתי צבי'ס חברה האָבען געהייסען אומוואנדלען עשרה בטבת אין א יום טוב. צוליעב דיא זעלבע גרינדע האָבען זיי אויך בעפוילען אָבצושאפען דעם תענית פון שבעה עשר בתמוז. דיא אָפיציעלע ערקלערונג, וואָס מען האָט געגעבען וועגען אזא „רעפאָר־מע“, איז געווען, דאָס גראדע אין דיזען טאָג האָט שבתי צבי צו־ערשט דערשפּירט, אז ער איז דער ריכטיגער משיח, דארום דארפען אלע אידען זיין לוסטיג, אָנשטאָט צו טרויערן און פאסטען. שבתי צבי זעלבסט האָט ארויסגעלאָזען דיזע ערקלערונג, נאָר עס איז זי־כער, אז דאָס איז געווען שמואל פרימאָ'ס פּלאן. נאכהער האָט שבתי צבי פלוצלונג געהייסען, אז דער 23טער תמוז (25 יולי, 1666) זאָל געפייערט ווערן וויא א שבת, אָבוואָהל דער טאָג איז גראדע

אויסגעפאלען מאַנטאג. אלע אידען, וועלכע האָבען זיך דאן געפונען אין אבידאָס — אונגעפעהר 4000 מענער און פרויען — האָבען גע־פאָלגט דיזען בעפעהל און געהאלטען שבת נאָך אלע פאָרשריפטען.

אין דער זעלבער צייט האָט שמואל פּרימאָ צושיקט בעפעהלען אין נאָמען פון שבתי צבי, אז אלע אידען זאָלען פייערן תשעה באב אלס א גרויסען יום טוב לכבוד דעם געבורטסטאָג פון שבתי צבי. אַנשטאָט פאסטען און טרויערן וועגען חורבן בית המקדש, זאָל מען מאכען פרעהליכע און פיינע סעודות, זינגען און טאנצען. מען בע־הויפּטעט, אז שבתי צבי'ס חברה האָט זיך אויך געקליבען אָב־צושאפען אלע אידישע פייערטעג, אפילו יום כפור, און איינצו־פיהרען נייע אויף זייער פּלאץ; אָבער דאָס האָבען זיי שוין קיין צייט ניט געהאט אויסצופיהרען, דען דיא טערקישע רעגירונג האָט זיך אריינגעמישט.

דאָס איז געשעהען דורך א מסירה פון א פּוילישען איד, וועל־כער האָט זיך ארויסגעגעבען פאר א נביא און האָט געענדיגט מיט אַננעהמען דעם מאהאָמעדאנישען גלויבען. שבתי צבי האָט צום ערשטען מאָל געהערט וועגען דעם פּוילישען נביא, ווען צוויי אי־דען פון לעמבערג זיינען געקומען איהם בעזוכען, אום צו זעהען דיא נסים מיט זייערע אייגענע אויגען און צו זיין זיכער צו דערלעבען משיח'ס מלוכה. זיי האָבען דערצעהלט, אז ערגעץ אין פּוילען איז א מאן מיט דעם נאָמען נחמיה כהן ארויסגעטראָטען אלס נביא או'ן האָט ערקלערט, אז משיח דארף באלד ערשיינען, אָבער דיא גאולה וועט ניט קומען דורך שבתי צבי.

מען וויים ניט ווארום, נאָר דיזע נאכריכט האָט געמאכט א זעהר שטארקען איינדרוק אויף שבתי צבי. ער האָט באלד געגעבען דיא צוויי פּוילישע אידען א בריעף, אין וועלכען ער האָט פער־שפּראָכען דיא אידען אין פּוילען נקמה אָן דיא קאָזאקען און האָט בעפוילען, אז נחמיה כהן זאָל קומען צו איהם אזוי שנעל וויא נאָר מעגליך. דיא צוויי פּוילישע אידען זיינען דאן באלד אָפּגע־פאָהרען נאָך לעמבערג מיט גרויס פריידע, און אויפ'ן וועג האָבען זיי איבעראל דערצעהלט, אז שבתי צבי לעבט וויא א מאָנארך און

אז אלע אידען גלויבען באמונה שלמה, דאָס נאָר ער איז דער ריכ־טיגער משיח. ווען נחמיה כהן האָט זיך פון זיי דערוואוסט, דאָס שבתי צבי רופט איהם, האָט ער זיך ניט געלאָזט לאנג בעטען און האָט געדייזט אזוי שנעל, דאָס אין אָנפאנג פון סעפּטעמבער איז ער שוין געווען אין אבידאָס, וואו דער משיח און אלע זיינע אדיו־טאנטען האָבען אויף איהם געווארט מיט גרויס אונגעדולד.

שבתי צבי האָט איהם גלייך אויפגענומען און האָט מיט איהם פערהאנדעלט עטליכע טעג. וועגען וואָס זיי האָבען אזוי לאנג גע־רעדט און וואהרשיינליך דיסקוטירט, בלייבט א געהיימניס. מען בעהויפּטעט, אז זייער שטרייט־פּונקט איז געווען וועגען דעם משיח פון א פ ר י ם, אויב ער איז שוין ערשינען און איז אומגעקומען, וויא עס איז פאָראויסגעזאָגט געוואָרן. יעדענפאלס איז עס זיכער, אז נחמיה כהן איז ניט צופריעדען געווען מיט שבתי צבי׳ס ער־קלערונגען. אזוי וויא ער האָט עס אָפען ארויסגעזאָגט, האָבען איי־ניגע פון דיא הייסעסטע אנהענגער פון שבתי צבי איהם געוועלט אָפּראמען פון וועג אלס א געפעהרליכען מענש. מען זאָגט, אז זיי האָבען זיך געגעבען געהיימע צייכענס איהם צו ערמאָרדען; נאָר איהם איז געלונגען זיך צו רעטען פון זייערע הענד. ער איז דאן גלייך אוועקגעפאָהרען צום קאימאקאם אין אדריאנאָפּאָל און האָט איהם איבערגעגעבען, אז שבתי צבי האָט געפעהרליכע פּלענער געגען דעם סולטאן און דיא גאנצע טערקישע אימפּעריע. אום מען זאָל איהם בעסער גלויבען, האָט ער זיך בעקעהרט צום מאָהאמעדאנער גלויבען. ער האָט אויך ערקלערט, אז דיא טערקישע רעגיערונג וואָלט שוין לאנג געוואוסט וועגען דיא פערדעטהערישע אבזיכטען פון שבתי צבי. ווען דער קאָמאנדיר פון דער אבידאָס־פעסטונג וואָלט ניט געהאט א פינאנציעלען אינטערעס צו קוקען צווישען דיא פינגער אויף אלעם וואָס דאָרטען קומט פאָר.

דער קאימאקאם האָט דאָס גלייך איבערגעגעבען דעם סולטאן, מאהאמעד דעם פערטען. וועלכער האָט צוזאמענגערופען זיינע מיניסטערס און ראטהגעבערס צו בעשטימען וואָס מען זאָל טאָן מיט שבתי צבי. אזוי וויא צווישען דיא פערעהרער פון שבתי

צבי האָבען זיך אויף געפונען מאהאָמעדאנער, האָט דיא טערקישע רעגירונג געהאלטען פאר צוועקמעסיגער צו זוכען אן אנדער אויס־וועג וויא א הינריכטונג. דער מופטי (דער הויפט־ערקלערער פון קאָראן), וועלכער איז גערופען געוואָרן צו געבען זיין מיינונג, האָט אָנגעוויזען, אז ווען מען וועט הינריכטען דעם פאלשען משיח, וועט מען איהם נאָר מאכען פאר א מארטירער און דערמיט ארויסרופען א נייע רעליגיעזע סעקטע און מעגליך אויף אונרוהען. ער האָט דארום פאָרגעשלאָגען, אז מען זאָל פּרובירען פריהער מאכען דעם פאלשען משיח פאר א מוסולמאן. דאן וועט מען מיט איין קלאפּ פערניכטען דעם משיח און טויטען דיא גאנצע משוגענע בעוועגונג. דיזען קלוגען ראטה האָט מען אָנגענומען. דעם סולטאן'ס דאָקטאָר, א אידישען משומד מיט דעם נאָמען גוידאן, האָט מען אויסגעקליבען צו פערהאנדלען מיט שבתי צבי. גלייך נאָך דיזען בעשלוס האָט מען געשיקט אן עסטאפעט נאָך אבידאָס, אום צו ברייננגען שבתי צבי צו דיזען דאָקטאָר. דאָס איז אזוי שנעל אויסגעפיהרט געוואָרן, וויא מען האָט נאָר אין יענער צייט געקענט רייזען.

דאָקטאָר גוידאן האָט ניט לאנג געדארפט טענה'ן מיט שבתי צבי. ער האָט גלייך דערזעהען, אז ער האָט צו טהאָן מיט א צודול־טען טרוימער און א גרויסען פייגלינג. ער האָט דארום גענומען פאָרשטעלען דעם פאלשען משיח, וואָס פאר א שרעקליכען סוף ער וועט האָבען, אויב ער וועט ניט איינשטילען דעם צאָרן פון סולטאן דורך א בעקעהרונג צום מאָהאמעדאניזמוס. דער דאָקטאָר האָט איהם געגעבען צו פערשטיין, אז מען וועט איהם בינדען און שמיי־סען מיט ברענענדע פאקעלען און איהם שיקען אויף יענער וועלט נאָך אנדערע אזעלכע שוידערליכע פייניגונגען.

ניט פיעל צייט האָט עס גענומען דעם „משיח און גאָט“ פון דיא פערבלענדעטע אידישע מאסען אויסצוקלייבען צווישען טויט

און שמד, דען דעם נעכסטען טאָג, (דעם 14טען סעפּטעמבער, 1666), ווען מען האָט איהם געבראכט פאר דעם סולטאן, האָט ער גלייך פון זיך אראָפּגעוואָרפען דיא אידישע יארמעלקע צו צייגען, דאָס ער פעראכטעט דיא אידישע רעליגיאָן. מען האָט איהם דאן דערלאנגט א וויסען טערקישען טורבאן און א גרינעם מאנטעל, וועלכע ער האָט גלייך אָנגעטאָן, און דערמיט איז דיא צערעמאָניע פון זיין בעקעהרונג צום איסלאם געווען צו ענדע. מען זאָגט, דאָס ווען מען האָט אראָפּגענומען פון איהם זיינע אידישע קליידער, האָט מען אין זיינע ברייטע הויזען געפונען עטליכע פונט לעקעכלעך!.....

דער סולטאן איז געווען זעהר צופריעדען מיט אזא סוף פון דער גאנצער משיח־בעוועגונג און האָט דעם פאלשען משיח געגעבען דעם נאָמען מעחמעד־עפענדי. אין דער זעלבער צייט האָט דער סול־טאן איהם געמאכט פאר זיינעם א טיר־היטער און האָט בעשטימט איהם צו געבען א פיינע מאָנאטליכע געהאלט. שבתי צבי׳ס „געט־ליכע" ווייב האָט געפאָלגט דעם שעהנעםביישפּיעל פון איהר „געטליכען" מאן און איז געוואָרן א מוסולמאנקע מיט דעם נאָמען פאטמא קאדין. איינינע פון זיינע נאָכפאָלגער זיינען באלד איבער־געגאנגען צום מאָהאמעדאניזמוס, אנדערע האָבען עס געטאָן שפּע־טער. דער מופטי האָט זיי אלעמען געגעבען אונטעררי‌כט אין דער מאָהאמעדאנער רעליגיאָן. מען זאָגט, אז אויף זיין בעפעהל האָט שבתי צבי אויך חתונה געהאט מיט א מאָהאמעדאנער שקלאווין. דער מופטי האָט עס וואהרשיינליך געטאָן, אום דעם משיח מעהר אָפּצורייסען פון אידישען גלויבען.

אָט אזא פערעכטליכע בעשעפענים איז געווען שבתי צבי וועמען כמעט אלע אידען האָבען פערעהרט אלס זייער משיח און פון וועמען זיי האָבען ערווארטעט דיא גאולה!

ער האָט נאָך געהאט דיא אונפערשעהמטהייט צו שרייבען עט־

ליכע טאָג נאָך זיין שמד צו זיינע ברידער: „גאָט האָט מיך געמאכט פאר א ישמעאל. ער האָט עס מיר בעפוילען און איך האָב געפאָלגט“... נאָך מעהר, ער איז אויך געוואָרען א מסור און א פעררעטהער, דען ער האָט איבערגעגעבען דער טערקישער רעגיערונג, אז דיא אידען האָבען געוואָלט מאכען א מרידה געגען דעם סולטאן. מען זאָגט, אז ער האָט אויסגעזאָגט זיינע אייגענע משוגענע פלענער און ערקלערט, אז אלע אידען זיינען דערמיט געוועזן איינפערשטאנדען.

וואָס אנבעלאנגט צו דעם פוילישען „נביא“ נחמיה כהן, וועל־כער האָט זיך אזוי אָבגערעכענט מיט דעם פאלשען משיח און זיין באנדע, האָט ער זיך שנעל אָפּגעטראָגען פון טירקיי און איז אוועק נאָך פוילען, וואו ער האָט גלייך אראָפּגעשליידערט פון זיך דיא טער־קישע יארמולקע און האָט געמאכט א שווייג וועגען דעם וואָס ער האָט אָפּגעטהאָן.

X

דיא ביטערע ערוואכונג פון אידען און נייע ליעגענס פון שבתי צבי'ס נביאים.

אין דער צייט, ווען שבתי צבי האָט אזוי שענדליך פערראטהען זיינע פערבלענדעטע ברידער, האָט מען אין אלע אידישע געמיינדעס פון אייראָפּא געווארט אויף דעם זיסען טאָג, ווען מען וועט קענען אָנפאנגען דעם מארש נאָך ירושלים. כמעט אלע רבנים און פּאָרשטעהער פון דער אמסטערדאמער קהלה האָבען ארום דעם 25 סעפּטעמבער (צוויי וואָכען נאָך דעם שמד) געשיקט א בריעף צו שבתי צבי מיט אן ערקלערונג, דאָס זיי גלויבען אין זיין געטליכער מיסיאָן און זיינען בערייט צוטאָן, וואָס ער וועט הייסען. פון אנדערע שטעט האָט מען איהם אויך געשיקט אזעלכע אונטערטעניגע בריעף. אין האמבורג האָט מען איהם 5 מאָל געבענטשט אין דער צייט פון דיא תפילות אין יום כפור (דאָס איז געווען 3 וואָכען נאָך זיין שמד!).

עס איז שווער זיך פאָרצושטעלען, וואָס דיא אידען האָבען געפיהלט, ווען עס איז בעקאנט און בעשטעטיגט געוואָרען, אז דער משיח איז געוואָרן א טערק. אזוי ווי א דונער וואָלט אלעמען דערשלאָגען. יעדערער האָט געפיהלט אזוי ווי ער וואָלט ארונטערגעשליידערט געוואָרען פון א הימעל אין אן אבגרונד. איינער האָט זיך געשעמט צו קוקען דעם אנדערן אין דיא אויגען. דער טרוים איז געווען א זיסער, אָבער דיא ערוואכונג איז געווען א צו ביטערע, א צו שענדליכע. אזא מפלה האָבען זיך אפילו דיא „כופרים" ניט געריכט אויף דעם פאלשען משיח מיט זיין באנדע. דיא פערפיהרטע רבנים און פּאָרשטעהער פון אידישע געמיינדעס זיינען געווען אין דער גרעסטער פערצווייפלונג ניט נאָר וואָס מען האָט זיי אָפּגענארט, זאָנדערן וואָס מען האָט געמאַכט אלע אידען צו שאנדע און צו שפּאָט. דיא קריסטען און מאָהאמעדאנער האָבען אויף זיי געטייטעלט מיט דיא פינגער און זיך אויסגעלאכט פון זיי. אין טערקישע

שטעט האָבען דיא אינגליך א לאנגע צייט געמאכט יעדען אידען פינסטער און ביטער אויפ'ן הארצען מיט לצנות וועגען זייער משיח.

אָבער צו אלע צרות האָט נאָך דער סולטאן מאהאָמעט דער פירטער געוואָלט מאכען א קורצען סוף פון אלע אידען אין זיין אימ־פעריע. ער איז אזוי אויפגעבראכט געוואָרן אויף זיי דורך מסירות (און שבתי צבי איז מייסטענס שולדיג געווען אין דיזע מסירות), דאָס זיי האָבען געוואָלט מאכען א מרידה, אז ער האָט געפּלאנעוועט אויסצושלאכטען אָדער צו פערטרייבען אלע דערוואקסענע אידען און צו מאכען פאר מ:סולמאנער אלע אידישע קינדער פאר זיבען יאָהר. נאָר דעם סולטאן'ס מוטער און עטליכע ראטהגעבער, זאָגט מען, האָבען איהם אָבגערעט פון אזעלכע רציחות מיט דער ערקלערונג, דאָס דיא אידען זיינען נאָר פערבלענדעט און פערפיהרט געוואָרען און האָבען איהם פערזענליך קיין בייזעס ניט געוואָלט טאָן. ער האָט אָבער דאָך געוואָלט ציינען דיא אידען זיין צאָרן און האָט דארום געהייסען היגריכטען 50 רבנים דערפאר, וואָס זיי האָבען ניט געטאָן זייער פּפליכט איינצורידען דיא אידען בלייבען טרייע אונטער־טאנען. מען האָט אויסגעקליבען 12 רבנים פון קאָנסטאנטינאָ־פּאָל, 12 פון סמירנא און די איבעריגע 26 זינדבעק פון אנדערע אידישע געמיינדעס אין טירקיי. נאָר גליקליכערווייזע האָט מען דיזען בארבארישען בעפעהל ניט אויסגעפיהרט. וואהרשיינליך האָט דער סולטאן חרטה געקראָגען, ווען זיין צאָרן האָט זיך אָבגעקיהלט. דיא אידען אין טירקיי זיינען שליעסליך אָפּגעקומען מיט זייער שרעק און שאנדע, דען אפילו געלט־שטראפען האָט מען פון זיי ניט פער־לאנגט.

די „כופרים" האָבען נאטירליך אויפגעהויבען די קעפּ, ווען מען האָט ערהאלטען ביסלעכווייז נאכריכטען וועגען שבתי צבי'ס שמד און פערראטהה, און עס איז געקומען אין פיעלע ערטער צו בי־טערע מחלוקות. אָבער אין אלגעמיינען האָבען זיך דיא „כופרים" קלוג געהאלטען און ניט געזוכט צו פערביטערען נאָך מעהר דיא הערצער פון דיא פערבלענדעטע. צוזאמען מיט דיא רבנים און תלמודיסטען, וועלכע האָבען זיך געלאָזט פריהער פערשלעפּען פון

דער משוגענער בעוועגונג, האָבען דיא „כופרים“ זיך געסטארעט צו פערגלעטען דיא וואונדען. אין איינינע ערטער האָט מען זאָגאר בע־שלאָסען אריינצוליינען אין חרם יעדען איינעם, וואָס וועט אפילו מיט ווערטער בעליידיגען א פריהערן פערעהרער פון דעם פאלשען משיח.

אָבער דיא פערביסענע קאבאליסטען און איבערהויפט דיא חברה־לייט, וואָס האָבען געהאט אן אינטערעס אין דער משיח־בע־וועגונג, האָבען ניט צו רוהע געלאָזט. זיי האָבען זיך ניט געוואָלט אונטערגעבען מיט איין מאָל. נאָך די ערשטע נאכריכטען וועגען שבתי צבי'ס איבערקעהרעניש, וועלכע האָבען זיי נאטירליך ער־שטוינט און צומישט, האָבען זיי אָנגעפאנגען צו מאכען נייע דריי־דליך און זוכען קאבאליסטישע תירוצים. פיעלע האָבען גלאט ניט געקענט ארונטערשלינגען, דאָס נאָך אלע „געשעהענע וואונדער“ און נאָך אלע „אָנווייזונגען“ פון דער קבלה, אז משיח'ס צייטען זיינען אויפ'ן נאָז, האָט זיך שבתי צבי אליין בעקעהרט צום מאָהאמעדא־ניזמוס. דאָס מוז עפּעס זיין א „סוד“, האָבען זיי געטענה'עט, דאָס מוז זיין עפּעס א „פּראָבע“ פאר דיא אידען, אום זיי זאָלען פערדיענען דיא נאָהענטע גאולה. שמואל פרימאָ, נתן העזתי און אנדערע „נביאים“ וועלכע האָבען נאטירליך געזוכט צו צייגען אז זיי זיינען ניט איינפאכע ליגנערס און שווינדלערס, האָבען אָנגעפאנגען צו פערשפרייטען א געשיכטע, אז גאָר ניט שבתי צבי איז געוואָרען א מאָהאמעדאנער, זאָנדערן עפּעס א שטן מקטרג. ער אליין האָט געמאכט א רייזע אין הימעל אָדער צו דיא צעהן שבטים און וועט זיך באלד ווידער בעווייזען, אום אויסצופיהרען דיא נבואות וועגען משיח'ן און דיא נאָהענטע גאולה.

דיא קאבאליסטען און דיא בלינדעסטע נאָכשלעפּערס האָבען זיך אָנגעכאפּט אן דיזע נייע ליגענס, וויא איינער וואָס טרינקט זיך כאפּט זיך אָן דעם שארף פון א מעסער. בעזאָנדערס האָט מען זיך נאטירליך געקאָכט אין סמירנא. דאָרטען האָבען א סך געגלויבט, אז שבתי צבי איז אוועק צו דיא צעהן שבטים, און אין עטליכע סינא־גאָגען האָט מען געזאָגט ברכות פאר איהם גראדע וויא פאר דעם

שמר. דאָס האָט געצוואונגען דיא רבנים ארייננצוליינען יעדען איינעם אין חרם, וואָס וועט דערמאָנען דעם נאָמען פון דעם פאלשען משיח אָדער וועט פיהרען דיסקוסיאָנען מיט זיינע בעוואוסטע נאָכשלע־פערס. דיא רבנים האָבען אויך געסטראשעט צו ווענדען זיך צו דער הילפע פון דער טערקישער רעגיערונג, אום איינצושטילען דיא חברה־לייט, וועלכע האָבען נאָך אלץ פערשפרייט פאלשע נביאות וועגען שבתי צבי.

נתן העזתי, וועלכער איז פערבליבען אין ארץ ישראל, וועה־רענד שבתי צבי איז געזעסען אין „מגדל עוז," אום דערוויילע אליין צו פיהרען דיא גרענדע, איז אוועק צוערשט נאָך דאמאסקוס, וואו ער האָט זיך געפיהלט זיכערער. פון דאָרטען האָט ער געשיקט א בריעף צו דיא אידען אין אלעפאָ, אז זיי זאָלען ביי זיך ניט פאלען דורך דיא מעשה, אז זייער משיח איז געוואָרן א מוסולמאן. א טיעפע געהיימניס שטעקט אין דעם, האָט ער געשריעבען, און דיזע געהיימניס וועט באלד ערקלערט ווערען. מען האָט איהם צוערשט ארייננגעלייגט אין חרם אין סמירנא און נאכהער אין אנדערע שטעט. דער חרם האָט אזוי גוט געווירקט, דאָס אין קיין שטאָט האָט ער ניט געקענט פערבלייבען א לענגערע צייט. אין איינינע שטעט האָט ער זיך געמוזט בעהאלטען.

שמואל פרימאָ איז אויך אריינגעלעגט געוואָרען אין חרם, נאָר ער האָט מייסטענס געארבייט און פאנאנדערגעשפרייטעט פאלשע געשיכטען און קונציגע קאבאליסטישע דריידלעך דורך אנדערע. מען רעכענט, אז ער האָט עס אויסגעטראכט פאָלגענדע חקירה וועגען שבתי צבי׳ס שמד: אלעס איז בעשטימט געוואָרען פון גאָט; גראדע דורך אָננעהמען דעם מאָהאמעדאניזמוס האָט שבתי צבי בעוויזען, אז ער איז משיח; דאָס איז א קאבאליסטישע געהיימנים; אזוי וויא משה, דער ערשטער ערלייזער, איז געצוואונגען געווען צו לעבען א געוויסע צייט אין פרעה׳ס הויף ניט אלס א איד, זאָנדערן אלס א מצרי צום שיין, אזוי מוז עס זיין מיט דעם לעצטען ערלייזער; א געוויסע צייט מוז ער פערבלייבען אין א געצענדינערישען הויף, אויסווערטיג זינדיג, אָבער אין הארצען ריין; שבתי צבי איז אויך

בעשטימט געוואָרען צו בעפרייען דיא נשמות פון דיא מאָהאמעדא־נער און צו ברייגגען זיי דורך זיין פערבינדונג מיט זיי צוריק ריין צו זייער קוואל; דורך די ערלייזונג פון אלע נשמות וועט שבתי צבי נאָר זיכערער ברייגגען דיא גאולה.

אין אמונה־זאכען איז גראדע דאָס אונגלויבליכסטע אם לייכס־טען בעגלויבט. דיא אנהענגער פון שבתי צבי, וועלכע האָבען נאָר געזוכט תירוצים וויא זיך ארויסצודרייהען פון זייער פערלעגענהייט נאָך דער שאנדע פון זייער משיח, האָבען געפונען שמואל פרימאָ׳ס געקינצעלטע קאבאליסטישע חקירה פאר דעם בעסטען תירוץ און זיי האָבען דאָס איבערגעקייט מיט אלץ מעהר מוטה און היץ. נתן העזתי האָט עס פארנאנדערגעפויקט אלס א נבואה.

אום נאָך מעהר צו פערטומלען דיא קעפּ, איז נתן העזתי אוועק נאָך אדריאנאָפּאָל, וואו דער משיח מעהמעד עפענדי האָט געוואָהנט צוזאמען מיט עטליכע פון זיינע אדיוטאנטען, וועלכע זיינען אויך געוואָרן מוסעלמאנער. דיא אידען פון קאָנסטאנטינאָפּאָל און אדריא־נאָפּאָל האָבען איהם געבעטען, אז ער זאָל זיי צו רוהע לאָזען און אוועקפאהרען, דען זיי האָבען מורא געהאט, אז זיי וועלען האָבען צרות דורך זיין צוזאמענטרעפען זיך מיט שבתי צבי. אָבער ער האָט זיי מיט זיין געוועהנליכע חוצפה געענטפערט, אז דעם קומענדען שבועות (אין 1667) וועט דער הייליגער גייסט זיך זיכער אריינ־כאפּען אין שבתי צבי און דאן וועלען זיך שוין אָנפאנגען משיח׳ס צייטען. ביז דיזע נבואה זיינע וועט ניט מקוים ווערן, וועט ער ניט אָפּטרעטען פון אדריאנאָפּאָל. ווען שבועות איז אָבער פאָראיבער וויא געוועהנליך, זיינען דיא אידען צו איהם צוגעשטאנען, ער זאָל זיך אָפּזאָגען פון זיינע פאלשע נבואות אָדער פערלאָזען דיא שטאָט. זיי האָבען איהם ענדליך געצוואונגען צו געבען זיי א שריפטליכען פערשפּרעך, דאָס ער וועט אָפּטרעטען ניט נעהנטער וויא 12 טעג רייזע פון אדריאנאָפּאָל, וועט ניט פיהרען א קאָרעספּאָנדענץ מיט שבתי צבי און וועט צוגעבען, אז זיינע נבואות זיינען פאלש, אויב אין א יאָהר צייט וועט זיך משיח ניט בעווייזען. נאָר באלד נאָך דיזען פערשפּרעך האָט ער געשריעבען צו שבתי צבי, דאָס מען דארף

אָנהאַלטען דעם פריהערן בעשלוס שבעה עשר בתמוז ניט צו פאסטען.

אין אדריאנאָפּאָל האָבען זיך ביסלעכווייז צוזאמענגעקליבען עטליכע אנדערע פאַלשע נביאים און א געוויסע צאָהל בלינדע גלויבערם, וועלכע האָבען פערשפרייטעט פערשיעדענע ליגענס און אָנגעמאכט ניט ווייניג עגמת נפש דיא רבנים און אלע אידען. זיי האָבען צוגעקראָגען אנהענגער צו זייער סעקטע און האָבען בעזאָנדערס געלאָזט וויסען פון זיך דורך דעם, וואָס זיי האָבען לוסטיג געפייערט תשעה באב אלס דעם געבורטסטאָג פון זייער משיח. מען האָט זיי אלעמען אריינגעלייגט אין חרם, דאָס האָט גאָר ניט געהאָלפען, דען פיעלע זיינען נאָך פערבליעבען אונטער דעם איינפלוס פון דיא פריהערע חלומות און האָבען זיך נאָך ניט אויסגעניכטערט.

XI

דער סוף פון פאַלשען משיח.

שבתי צבי זעלבסט האָט ביסלעכווייז אויך אָנגעפאנגען אַרוים־צוטרעטען מיט קאבאליסטישע איינבילדונגען. דיא ערשטע צייט נאָך זיין שמד, ווען ער איז געשטאנען אונטער דער אויפפאסונג פון דעם מופטי און האָט געמוזט לערנען דיא מאהאָמעדאנער תורה, האָט ער זיך געהאלטען אָן א זייט ניט נאָר פון אידען, זאָנדערן אויך פון זיינע אדיוטאנטען, וועלכע האָבען זיך נאָך ניט בעקעהרט צום איסלאם. ווען דער מופטי האָט געפונען, דאָס מעהמעד עפענדי איז שוין א כשר'ער מוסולמאן, האָט ער איהם געלאָזען מעהר פרייהייט צו בעשעפטיגען זיך מיט קבלה. מען האָט איהם אויך ערלויבט אי־בערצוגעבען זיינע קאבאליסטישע בעטראכטונגען וועגען גאָט און דיא וועלט. מען זאָגט, אז דער סולטאן זעלבסט האָט איין מאָל אויפ־מערקזאם זיך צוגעהערט צו שבתי צבי'ס קאבאליסטישע חלומות.

ארום פסח פון 1668 — צוויי יאָהר נאָך דער משיח־צייט, וועלכע איז בעשטימט געווען פון אידישע און קריסטליכע קאבא־ליסטען — איז מעהמעד עפענדי ווידער „בעזוכט געוואָרען פון דעם רוח הקדש.“ ער זעלבסט אָדער גיכער איינער פון זיינע אדיו־טאנטען, מעגליך שמואל פרימאָ, האָט אָבגעדרוקט א קאבאליסטישען ביכעל אונטער דעם נאָמען „פינף בעווייזע פון אמונה.“ אין דיזען ביכעל ווערט אָנגעגעבען, אז שבתי צבי איז געווען און בלייבט נאָך אַלץ דער אמת'ער משיח. ער וואָלט דאָס לייכט געקענט בעוויי־זען, ווען ער וואָלט ניט געהאט רחמנות אויף כל ישראל, דען אַלע אידען וואָלטען דאן בעדארפט ליידען אזוי פיעל צרות און שמער־צען וויא דער משיח זעלבסט. ער איז דארום געוואָרען א מוסול־מאן, אום צו בעקעהרען טויזענדער גוים צום אידישען גלויבען. דיזער אונזין איז געווען בעפוצט מיט הויך קלינגענדע און זעהר

דונקעלע קאבאליסטישע פראזען, אום דער עולם זאָל מיינען, אז דער משומד איז גאָר א מארטירער פאר אלע אידען.

אום צו זיין זיכער, אז דיא טערקישע רעגיערונג וועט איהם ניט בעשטראָפען פאר דיזע נייע פּרעטענזיעס אויף א משיח־ראָלע, האָט דער משומד ערקלערט דעם מופטי און אויך דעם סולטאן, דאָס מיט דעם ביכעל צו דיא אידען מיינט ער נאָר זיי גיכער צו בע־קעהרען צום מאָהאמעדאניזמוס. ער האָט אזוי געטאנצט צווישען צוויי שטולען, אום אלעמען צו נארען און צו בעשווינדלען. דער מופטי האָט איהם ערלויבט צו קומען וויעדער אין פארבינדונגען מיט אידען און זאָגאר צו פּרעדיגען אין סינאגאָגען, אום צו זעהען, וויא ווייט דאָס וועט ווירקען אויף אידען זיי זאָלען אָננעהמען דעם מאָהאמעדאנער גלויבען. דיא חברה־לייט, וועלכע האָבען צו דער צייט ארומגערינגעלט דעם משומד, האָבען געשפּיעלט דיא ראָלע פון אידען און מאָהאמעדאנער, וויא עס האָט זיי געפּאסט. ווען טערקישע שפּיאָנען פלעגען זיך בעווייזען אויף זייערע פערזאמלונ־גען, פלעגען זיי שנעל אראָפּווארפען זייערע אידישע היטלעך און אָנטאָן א טורבאן. אויף דיזער וויזע האָט זיך געבילדעט א אידיש־טערקישע סעקטע ארום דעם משיח מעהמעד עפענדי, און פיעלע אידען, וועלכע וואָלטען זיך פריהער מיט עקעל און האס אָבגעטריי־סעלט פון א משומד, האָבען ניט נאָר פערקעהרט מיט דיזער באנדע זאָנדערן זיינען אליין אויך געוואָרען מוסולמאנער, וויינינגסטענס צום שיין, וויא זיי האָבען עס געזאָגט.

פון דער גאנצער משיח־בעוועגונג איז אויף דיזער ארט געוואָרען א מין מאָהאמעדאנישע מיסיאָנערען־געזעלשאפט אונטער דער השגחה פון דעם מופטי און פון מעהמעד־עפענדי....

דאָך האָבען זיך נאָך אלץ געפונען עהרליכע און פרומע אידען, אפילו גוטע תלמודיסטען, וועלכע האָבען זיך געהאלטען אָן דיזען פאלשען משיח, האָפענדיג אין זייער גייסטיגער פערבלענדענים, אז עס וועט ענדליך געשעהען דורך איהם דער פערשפּראָכענער נס, און דיא גאולה וועט קומען!

נתן העזתי האָט ארומגעוואנדערט איבער פיעלע לענדער און

שטעט און האָט געפונען גלויביגע שעפּסעלעך, אָבוואָהל מען האָט איהם געיאָגט וויא א פערשאָלטענעם. פון טירקיי האָט ער זיך א לאָז געטאָן נאָך גריכענלאנד און פון דאָרט נאָך איטאליען, וואו זיין חבר אין פאלשע נבואות, שבתי רפאל, האָט געבאקען איין ליגען נאָך דעם אנדערן וועגען שבתי צבי און איז נאכהער אוועק נארען דיא אידען אין דייטשלאנד, בעזאָנדערס אין דיא ערטער, וואו עס איז שווער געווען צו דערגיין אויף ריכטיג וואָס עס האָט אין דער ווירקליכקייט פאסירט מיט דעם משיח אין טירקיי.

אין ווענעדיג האָט מען געצוואונגען דעם פאלשען אליהו הנביא זיך מודה צו זיין שריפטליך, אז אלע זיינע נבואות וועגען שבתי צבי זיינען נאָר בעגרינדעט געווען אויף פאנטאזיעס און אז ער גלויבט אליין ניט אין דעם. דיזע ערקלערונג האָבען דיא רבנים אָפּגעדרוקט מיט אן הקדמה, אום צו עפענען דיא אויגען פון דיא יעניגע, וואָס זיינען נאָך געבליבען פערבלענדעט; אָבער דאָס האָט איהם ניט אָבגעהאלטען ווייטער צו פערשפּרייטען פאלשע נבואות און דאָס האָט איהם אויך ווייניג וואָס געשטערט צו קריעגען גלויביגע שעפּ־סעלעך. אין רוים איז ער אָנגעקומען פערשטעלט, מיט אן אָבגעשאָ־רענע באָרד. וואָס ער האָט דאָרט געטאָן, וויים מען ניט. מען זאָגט אז ער האָט אריינגעוואָרפען אין טייך טיבער עטליכע צעט־לעך מיט קאבאליסטישע פראזען אין כאלדעאיש, אום דורך דעם צו פערשילטען דיא וועלט־שטאָט זיא זאָל צושטערט ווערען. שלים־ליך איז ער געצוואונגען געווען צוריק צו קעהרען זיך אין טירקיי. ער האָט דאן ווידער בעזוכט שבתי צבי אין אדריאנאָפּאָל, אָבוואָהל ער האָט געשוואָרן דאָס ניט צו טאָן. ער האָט זיך אזוי ארומגעדרייט ביז זיין טויט אין 1680, מיט 4 יאָהר נאָך דעם טויט פון זיין משיח.

פון דיא אנדערע אונטערשטיצערס פון שבתי צבי נאָך זיין שמד איז דער בעריהמטעסטער געווען דער מאראנאָ אברהם קאר־דאָזאָ. דאָס איז געווען א זעהר פעהיגער און זאָנדערבארער מענש. זיין יוגענד האָט ער פערבראכט זעהר לוסטיג אין שפּאניען, וואו ער האָט שטודירט מעדיצין. ער איז געווען א פיינער דאמען־קאַ־וואליער און פלעגט מעהר צייט פערברייגגען אויף זינגען סערע־

נארעו אונטער דיא פענסטער פון זיינע געליעבטע, וויא אויף זיינע שטודיען. פון קבלה איז ער יעדענפאלס געווען זעהר ווייט. נאָר מיט א מאָל האָט ער פערלאָזען שפאניען און האָט זיך בעזעצט אין ווענעדיג צוזאמען מיט זיין עלטערן ברודער.ביידע האָבען דאן געענדערט זייערע קריסטליכע נעמען און האָבען זיך אָפען ערקלערט פאר אידען. ביידע האָבען פלייסיג שטודירט דיא אידישע ליטע־ראטור. ווען אברהם קארדאָזאָ איז געוואָרען א קאבאליסט, ווייס מען ניט. וויא נאָר ער האָט דערהערט וועגען שבתי צבי איז ער געוואָרען אן ענטהוזיאסטישער אָנהענגער פון דעם פאלשען משיח.

בעזאָנדערס טהעטיג איז ער געוואָרען נאָך שבתי צבי'ס אי־בערקעהרענעס. נאָך פריהער האָט ער געליטען פון איינבילדונגען און אילוזיאָנען, אָבער נאָך דיא קאָבעריי מיט דעם פאלשען משיח איז ער גאָר צודולט געוואָרען. ער האָט אָנגעפאנגען צו זאָגען נבואות און פאנאנדערצושיקען שריפטען, אין וועלכע ער האָט ער־קלערט, אז שבתי צבי איז דאָך דער אמת'ער משיח. זיין עלטערער ברודער האָט זיך פון איהם אויסגעלאכט און איהם געפרעגט, אויב ער האָט געקראָגען דעם רוח הקדש פאר זיינע נבואות דורך זיינע סערענאדען לכבוד דיא מאדרידער מיידלעך, אָבער דאָס האָט ניט געווירקט אויף איהם. וואָס ווייטער איז ער אלץ ווילדער געוואָרען אין זיינע פאנטאזיען ביז ער האָט זיך גענומען ארויסגעבען פאר דעם משיח פון אפרים. מען האָט איהם דאן גענומען יאָגען פון איין שטאָט אין דער אנדערע, וואו ער פלעגט אויך בעווייזען קאבא־ליסטישע קונצען און דערמיט צוציהען גלויבינגע שעפסעלעך. זיין אייראָפּעאישע בילדונג האָט ער בענוצט אין דיסקוסיאָנען וועגען זיינע איינבילדונגען און האָט דורך דעם געוואונען מעהר אנהענ־גער פאר דעם פאלשען משיח, וויא אלע אנדערע קאבאליסטען און פאלשע נביאים.

זעהענדיג, אז ער האָט נאָך אלץ אנהענגער און אז נביאים ערקלערען איהם נאָך פאר דעם אמת'ן משיח, האָט שבתי צבי פאָרטגעזעצט זיין משיח־ראָלע, וויא ווייט דיא טערקישע רעגיע־רונג האָט עס געקענט דערלאָזען, נאָר ער האָט אייגענטליך ניט

געוואוסט, אויף וועלכער וועלט ער געפינט זיך. דא פלעגט ער בעשימפפען דיא אידישע רעליגיאָן און געברויכען שענדליכע ווער־טער געגען דעם אידישען גאָט, און אנדערס מאָל פלעגט ער דאווענען וויא אן אמת'ער איד צוזאמען מיט זיינע נאָכפאָלגער און זינגען תהלים. מען בעהויפטעט, אז איין מאָל האָט ער פערמסרט אידען פאר טערקישע ריכטער, דאָס זיי לאכען זיך אוים פון דער מאָהא־מעדאנער רעליגיאָן.

נאָך דיא טערקישע רעגירונג האָט זיך ביסלעכווייז אויפגעהערט צו קימערען וועגען איהם און וועגען זיינע נאָכפאָלגער, וועלכע זיינען אלץ ווייניגער געוואָרען אין צאָהל. דער מופטי האָט זיך ארומגעזעהען, אז מעהמעד עפענדי קען ניט אויספיהרען זיין בעריהמעריי, דאָס ער וועט בעקעהרען אלע אידען צום איסלאם, און דארום האָט מען איהם אויפגעהערט צו צאָהלען זיין פריהערע געהאלט און ארויסגעשיקט פון אדריאנאָפאָל נאָך קאָנסטאנטינאָ־פאָל.

א קורצע צייט נאכדעם האָט א טערקישער פאטרול איהם גע־פונען צוזאמען מיט עטליכע אידען אין א דאָרף לעבען קאָנסטאנטינאָ־פאָל זינגענדיג תהלים. ווען מען האָט עס געמעלדעט דעם גרויסען וויזיר האָט ער בעפוילען, אז מען זאָל דעם משומד פערשיקען אין דער קליינער שטעטעל דולסיגניאָ אין אלבאניען. דאָרטען איז ער שוין פערבליבען ביז זיין טויט. ער איז געשטאָרבען פערלאָזען פון אלעמען אין 1676 יאָהר.

ע נ ד ע.

מאהאמעד

גרינדער פון מאָהאַמעדאַניזמוס

זיין לעבען און קאמפף פאר א
נייע רעליגיאָן.

פון פיליפ קראַנץ

מאהאמעד.*

איינלייטונג : פּראָפעטען און זייער שיקזאַל.

מען זאָגט, אַז די צייט פון נסים און פּראָפעטען איז שוין פאָראיבער ; אבער דאָס איז טאַקע ניט מעהר וויא געזאָגט. אין דער ווירקליכקייט זעהען מיר אויך יעצט, אין אונזערע פּראַקטישע און מאַטעריאליסטישע צייטען, ווען דיא וויסענשאפט מאַכט אַזעלכע ריעזענהאפטע פאָרטשריטע און רייסט אַרויס ביי דער נאַטור איין סוד נאָך דעם אַנדערן, אַז עס קומען אויף מענשען, וועלכע ערקלע־רען זיך פאַר נביאים, פאַר שלוחים פון גאָט צו ברייננגען דיא אמת'ע גאולה, און וועלכע קריעגען אויך מעהר אָדער ווייניגער אנהעננגער, גלויביגע שעפּסעלעך.

אין דער צייט, ווען מיר שרייבען דיזע ציילען, געפינט זיך גראַדע אין ניו יאָרק אַ מאַן, וואָס גיט זיך אַרויס פאַר דיא דריטע פערקערפּערונג פון אליהו הנביא און וואָס איז געקומען מיט עט־ליכע טויזענד פון זיינע אבערגלויבישע אנהעננגער צו רעטען, וויא ער בעהויפּטעט, דיא זינדיגע וועלט־שטאָדט פון מאָראלישען אונטער־גאַנג. דיזער אליהו הנביא נומער 3, וואָס זיין ריכטיגער נאָמען איז דזשאהן אלעקסאַנדער דאָוּאי (Dowie), ערקלערט אויך, אַז ער קורירט קראַנקע מיט גאָט'ס כוח, און פיעלע גלויבען, אַז ער האָט שוין בעוויזען א סך וואונדער מיט זיין געטליכער קראַפט.

אין דיא טעגליכע צייטונגען מאַכט מען פון איהם חוזק. איי־ניגע ערקלערען איהם פאַר א משוגענעם, אַנדערע פאַר אַ שווינדלער, און עס איז מעגליך, אַז ער איז ביידעס צוזאַמען ; אָבער זיכער איז עס יעדענפאַלס, אַז ער האָט שוין געקראָגען א סך אנהעננגער און וועט נאָך קריעגען געגוג אַנדערע צווישען אַזעלכע מענשען, וועלכע זיינען איבערהויפּט געניגט צו גלויבען אין געטליכע סודות, אין קבלה, אין וואונדער, אין דער היילקראַפט דורך אמונה א. ז. וו. אויף זייער רעכנונג לעבען אַלערליי וואַהרזאַגערס, קאָרטענוואר־פערס, עין־הרע אָבשפּרעכערס, כישוף־מאַכערס, קמע־מאַכערס, מאַגנעטיזאָרען, היפּנאָטיזאָרען, זאָ־גענאַנטע „קריסטליכע היילערס" א. ז. וו. ווען דיא אַלטע מיסים עדדי, דיא הויפּט־לעהרערין פון

דער זאַ־גענאַנטער „קריסטשען סייענס“ (קריסטליכע וויסענשאַפט, דאָס מיינט: דיא לעהרע, אז מען דארף קיין מעדיצין און דאָק־טוירים, דען אַלע קראַנקע קען מען אויסהיילען בעסער דורך אמונה) קריעגט אַזוי פיעל אנהעגנגער און פערעהרער, וואָרום זאָל עס דאָוואי אָדער אירגענד וועלכער אַנדערער ניט קריעגען, ווען ער האָט נאָר דיא חוצפה זיך אַרויסצוגעבען פאַר אַ נביא אָדער ווען ער בילדעט זיך איין, אַז ער איז ווירקליך אַ שליח פון גאָט?

דיזע אַלע זעלבסט־געמאַכטע פּראָפעטען און נסים־מאַכערס קריעגען טאַקע גענוג אנהענגער אפילו אין דיא ציוויליזירטע לענ־דער. דיא אַרמעע פון אבערגלויבערס, פון מיסטיקער (גלויבערס אין פערבאָרגענע סודות אַזוי וויא צום ביישפּיעל, דיא קאַבאַ־ליסטען) איז נאָך ליידער אַ ריזיגע אפילו אין אונזערע צייטען, ווען מיר שטעלצירען אַזוי מיט אונזערע וויסענשאַפטען און מאַטעריאַ־ליסטישע פילאָזאָפיע. אין דיזער אַרמעע האָבען אַלע פּראָפעטען און גרינדערס פון נייע רעליגיאָנען געפונען זייערע ערשטע און טריי־עסטע רעקרוטען. אַזוי איז עס געוועזען אין אַלע צייטען, אַזוי איז עס יעצט און אַזוי וועט עס אויך זיין אין דער צוקונפט זאָ לאַנג מיסטי־קער וועלען עקזיסטירען, זאָ לאַנג מענשען וועלען זיין אבערגלויביג.

דער אַלט־רוימישער רעדנער ציצעראָ האָט געזאָגט: „עס איז ניטאָ אַזאַ נאַר, וואָס זאָל ניט האָבען נאָך גרעסערע נאַראָנים אַלס נאָכשלעפּערס.“ דיא וואהרהייט דערפון זעהען מיר אויף יעדען שריט, נאָר בעזאָנדערס אויף דיא ברייטע און פינסטערע פעלדער פון אבערגלויבען. יעצט, נאַטירליך, איז עס שווערער פאַר איי־נעם צו ווערען אַנערקענט אַלס אַ נביא, אַלס שליח פון גאָט, דען דער וויסענשאַפטליכער גייסט דרינגט דאָך אויך ביסלעכווייז אַריין אין די פאָלקסמאַסען; אָבער אין די אַלטע צייטען, וואָס ווייטער אין דער פערגאַנגענהייט, איז עס אַלץ לייכטער געוועזען פאַר געוויסע מענשען זיך צו ערקלערען פאַר פּראָפעטען אָדער זאָגאַר פאַר אַ פער־קערפּערונג פון געטער, און אַלץ גרעסער איז געוועזען זייער צאָהל.

נאָר ניט אַלע פּראָפעטען האָבען געהאַט דעם זעלבען מזל. פיעלע פון זיי זיינען איינפאַך אומגעבראַכט געוואָרען פון זייערע

גענגער אָדער זאָגאר פון זייערע צורייצטע אנהענגער. מען זאָגט, אז קיינער איז ניט א פּראָפעט אין זיין אייגענע היימאטה. דאָס איז אפילו ניט ריכטיג אין גאנצען, דען דיא ערשטע אנהענגער פון א פּראָפעט זיינען שטענדיג זיינע קרובים אָדער שכנים; אָבער עס איז אמת, אז אנדערע שכנים טרעטען ארויס אלס זעהר ביטערע גענגער און פערפאָלגען דעם מאן, וואָס הויבט אָן אויפצוטרעטען אלס א געטליכער שליח אָדער פערטרעטער. פון דיזען ערשטען קאמפף אין זיין אייגענער היימאטה הענגט אָפּ דער שיקזאל פון א פּראָפעט. געווינט ער, דאן קריעגט ער אלץ מעהר אנהענגער און זיין איינפלוס שטייגט אלץ ווייטער ארום; פערלירט ער, דאן כאפּט ער א קורצען סוף: אויב ער שטארבט מיט א נאטירליכען טוידט אָדער ניט, נאָר זיין איינפלוס ווערט צושטערט און זיין נאָמען ווערט פערגעסען. פּאָליטיש שטארבט ער דאן יעדענפאלס. יעצט וויי־ניגסטענס בלייבט א געדעכנים פון אזא געפאלענעם נביא אין דער געשיכטע פון רעליגיאָנען אָדער סעקטען, נאָר אין דיא אלטע און איבערהויפּט אין דיא ביז־היסטאָרישע צייטען איז יעדער שפּור פון ניט־ערפאָלגרייכע פּראָפעטען פערלאָרען געגאנגען. אָן אנדענקען איז נאָר געבליעבען אָן דיא נביאים, וועלכע האָבען א געוויסע צייט געהאט ערפאָלג אָדער וועלכע האָבען איבערגעלאָזען נאָך זיך א גע־וויסע צאָהל אנהענגער. דער איינפלוס און דער שם פון א פּראָ־פעט זיינען אימער געווען פּראָפּאָרציאָנעל צו דער צאָהל פון זיינע אנהענגער, דאָס הייסט פּראָפּאָרציאָנעל צו זיין ערפאָלג. מיט פּראָ־פעטען איז דאָס זעלבע וואָס מיט גענעראלען: דיא זיעגערס ווערען פערשריען און געלויבט ביז'ן הימעל, דיא בעזיעגטע ווערען אויסגע־לאכט און פעראכטעט, האָטשע נאָך זייערע פערזענליכע פעהיג־קייטען קענען דיא בעזיעגטע שטעהן העכער פאר דיא זיעגערס. דער אמעריקאנער ווערטעל: „קיין זאך איז ניט אזוי ערפאָלגרייך וויא ערפאָלג", בלייבט בעזאָנדערס ריכטיג וועגען פּראָפעטען, דען אָהן אנהענגער און פערעהרער ווערען זיי געהאלטען פאר דאָס וואָס זיי זיינען אין דער ווירקליכקייט: פעריקטע טרוימערס, אויב ניט פאָלקאָמענע משוגעים אָדער קונציגע שווינדלער.

אזא דאָואי, צום ביישפּיעל, וועלכער קריכט פון הויט צו גע־פינען אבערגלויבישע נארען, וואָס זאָלען איהם אנערקענען פאר א פערקערפּערונג פון אליהו הנביא, קען מיט דער צייט פערגעטערט ווערען פון מיליאָנען מענשען, ווען ער זאָל קריעגען א סך אנהענגער און דיא אומשטענדען זאָלען איהם צוהעלפען. ער קען נאָך אונטער גינסטיגע אומשטענדען ווערען דער גרינדער פון א נייער רעליגיאָן, אַזוי וויא דער אמעריקאנער פארמער יאָזעף סמיטה, דער פּראָפעט פון דיא מאָרמאָנען. דיזער סמיטה איז אויך אויסגעלאכט און פעראכטעט געוואָרען פון זיינע שכנים אין א דערפעל פון ניו יאָרק סטייט, וואו ער איז געבאָרען אין 1805, אבער ער האָט דאָך געפונען עטליכע אנהענגער, כאָטש זיינע נביאות זיינען איינפאך געווען שווינדעל. זיין משונה׳דיגע לעהרע האָט איהם געקאָסט דאָס לעבען (מען האָט איהם געלינטשט אין 1844); נאָר דיזער טראגי־שער טויט האָט געהאָלפען צו פערשפּרייטען דעם מאָרמאָניזמוב, וועלכער צעהלט יעצט מיליאָנען אנהענגער. וועגען זיין לעבען און טויט דערצעהלען יעצט דיא מאָרמאָנען אזוי פיעל נסים וויא פיעל אנדערע גלויביגע וועגען דיא גרינדערס פון רעליגיאָנען. ווען דיזער מאָרמאָנען פּראָפעט, וועלכער איז געווען א גרויסער עם הארץ און האָט ניט געקאָנט ריכטיג שרייבען ענגליש, וואָלט געשטאָרבען אָדער זאָגאר געטויטעט געוואָרען מיט א יאהר צעהן פריהער, וואָלט יעצט זיכער קיין מאָרמאָנען־קירכע ניט עקזיסטירט.

ווען מען לעזט דיא לעבענסבעשרייבונגען פון דיא פּראָפעטען און גרינדערס פון רעליגיאָנען און סעקטען אין היסטאָרישע צייטען, ווארפט זיך אין דיא אויגען, אז ניט נאָר געוויסע אומ־שטענדען האָבען זיי געהאָלפען אָדער געשעדיגט, זאָנדערן, אז דער צופאל האָט דערביי אויך געשפּיעלט א גרויסע ראָלע. ניט זעלטען האָט עס פּאסירט, דאָס א קלייניגקייט, וועלכע וואָלט קיין שום בע־דייטונג ניט געהאט אין דעם לעבען פון א געוועהנליכען מענשען, האָט גראדע ענטשיעדען דעם שיקזאל פון א זאָ־גענאנטען פּראָפעט. אָבער יעדענפאלס, אום צו קענען ארויסטרעטען אלס פּראָפעט, כ:וז א מענש האָבען ספּעציעלע נייגונגען און פעהיגקייטען דערצי.

פריהער פאר אלץ מוז ער אליין גלויבען אין זיך, אין זיין אייגענער קראפט, אין זיין געטליכער מיסיאָן. וואָס שטאַרקער ער איז איינגעבילדעט אין זיין מיסיאָן, אלץ מעהר און זיכערער קען ער ווירקען אויף זיינע צוהערערס און נאָכפאָלגערס; וואָס בלינדער זיין אייגענער גלויבען, אלץ מעהר קען ער מאכען גלויבען אנדערע אין זיינע ווערטער און פאנטאזיעס. אום אבער צו קענען זיך אליין איינריידען אין דער פראָפעטישער ראָלע, מוז מען בעזיצען אַן אויסערגעוועהנליכע איינבילדונגס־קראפט, א ווילדע און זאָגאר א קרענקליכע פאנטאזיע. אזא מענש מוז האָבען צורודערטע נערווען אזוי ווייט, אז דיא בילדער, וואָס שטעלען זיך איהם פאָר אין זיין שלאָף אָדער אין זיין פאנטאזיע, זאָלען זיך איהם אויסדרוכטען אזוי וויא אלעס וואָלט פאָרגעקומען פאר זיינע אויגען.

עס איז יעדענפאלס בעוואוסט, אז פיעלע פראָפעטען האָבען געליטען פון פערשיעדענע נערוועז־קראנקהייטען און זאָגאר פון עפילעפסיע (דיא פאליגע), ווען מען קריעגט האלוצינאציאָנען, דאָס הייסט, ווען פאנטאסטישע בילדער שיינען וויא ווירקליכע. ווען אזא נערוועז־קראנקער מאן זעהט אין זיינע האלוצינאציאָנען, צום ביישפיעל, א מלאך גבריאל, וויא מאהאָמעד האָט עס בעהויפטעט, דאַן וועט ער שוין אין דעם גלויבען ווען דיא נערוועז־אטאקע וועט פאָראיבערגעהן. דער איינדרוק פון דער איינגעבילדעטער ערשיינונג וועט בלייבען איינגעקריצט אזוי וויא דאָס וואָלט געשעהען אין דער ווירקליכקייט. זיינע האלוצינאציאָנען וועט ער בעטראכטען פאר גאָט'ס וואונדער, און וועט פאָלגליך אויך ווירקען אויף זיינע אבערגלויבישע צוהערער, אויב ער וועט נאָר בעזיצען גענוג רעדנער־קראפט איבערצוגעבען זיינע איינבילדונגען אין לעבעדיגע פארבען און מיט גרויס ענטהוזיאזמוס.

ווייטער מוז א פראָפעט זיין, זאָ צו זאָגען, א הארץ־מענש. דאָס הייסט, ער מוז אליין בעוועגט ווערען פון געפיהלען און מוז אפעלירען צו דיא געפיהלען פון זיינע צוהערער, אבער ניט צו זייער פערשטאנד. וואָס ווייניגער געזונטען פערשטאנד און קענטניסע ער בעזיצט, איז עס אלץ בעסער פאר זיין פראָפעטען־ראָלע, דען

זיינע קריטישע פעהיגקייטען וועלען אלץ קלענער און שוואכער זיין און זיין גלויבען וועט פערשטארקט ווערן. פערנינפטיגע קריטיק איז טויטליך פאר יעדען אונבעגרינדעטען גלויבען, פאר יעדען מיס־טיציזמוס. און אזא קריטיק שטיצט זיך צוערשט אויף וויסען, אויף קענטשאפט. מיר זעהען דארום, אז אלע פראפעטען זיינען טאקע געוועזן אונוויסענדע מענשען, יעדענפאלס זיינען זיי ניט געוועזן גע־בילדעטער, וויא דיא מענשען ארום זיי. גייסטיג זיינען פראפעטען קיין מאל ניט געשטאנען העכער פאר זייער דור. מייסטענס זיינען זיי געוועזן קינדער פון פראסטען פאלק און האבען געלעבט, גע־דיינקט און געפיהלט, וויא זייערע גלייכע.

אויך מוז א פראפעט בעזיצען א געוויסע רעדנער קראפט, א פעהיגקייט צו בעאיינפלוסען, צו מאכען גלויבען און צו בעהערשען זיינע צוהערער און אנהענגער. ער דארף האבען וואס מען רופט „מאגנעטישע קראפט“ און וואס בעדייטעט אין דער ווירקליכקייט א פעהיגקייט צוצוציהען מענשען און איבער זיי צו קאמאנדעווען.

וואס גרעסער דיזע אלע אייגענשאפטען — שלעכטע און גוטע צוזאמען—זיינען ענטוויקעלט ביי א מענש, וואס וויל שפילען די ראָ־לע פון א געטליכען מאן, אלץ א גרעסערער פראפעט קען ער ווערען און אלץ זיכערער איז זיין ערפאלג אונטער גינסטיגע אומשטענדען.

דער ערפאלגרייכסטער פראפעט אין היסטארישע צייטען איז אהנע צווייפעל געוועזן דער קעמעלטרייבער מאהאמעד, דער גרינ־דער פון א שטרענג־מאנאטעאיסטישע רעליגיאן, וועלכע צעהלט יעצט צעהנדליגע מיליאנען אנהענגער און וועלכע האט געמאכט א גוואלדיגע איבערקעהרענעס אין דער וועלט. וויא אזוי ער האט אנ־געפאנגען צו שפיעלען דיא געפעהרליכע ראלע פון א פראפעט, וויא ער האט געקעמפפט געגען זיינע שונאים, וואס ער האט געפרעדיגט און אויפגעטאן און וואס פאר פאלגען זיין רעליגיעזע לעהרע האט ארויסגערופען אין אזיען און אין אייראפא ביי דיא ציוויליזיר־טעסטע פעלקער אין מיטעלאלטער — דאס וועט ערקלערט ווערען אין דיזען ביכעל.

1.

מאהאמעד'ס יוגענד.

דער גרינדער פון דער מוסולמאנער רעליגיאָן האָט אפילו גע־
הערט צו דער אריסטאָקראטיע פון דער הייליגער שטאָדט מעקא,
אָבער זיין פאָטער אבדאלאה איז געווען איינער פון דיא אָרימסטע
פון זיין שטאם. מאהאָמעד איז געוואָרען א יתום נאָך מיט א מאָ־
נאט פאר זיין געבורט, און זיין מוטער איז געשטאָרבען, ווען ער איז
אלט געווען 6 יאָהר. דאָס פערמעגען, וואָס זיין פאָטער האָט איהם
איבערגעלאָזען, איז בעשטאנען פון 2 קעמלען, עטליכע שאָף און
1 אלטע שקלאווין. נאָך דעם טויט פון זיין מוטער, וועלכע האָט
געהערט צום אריסטאָקראטישען און מעכטיגען שטאם קאָרעישיט,
וואָס האָט געהערשט אין מעקא און האָט אויפגעפאסט אויף דעם
דאָרטיגען אלטען הייליגען טעמפעל מיט דעם געטליכען שטיין
קאאבא, איז דער יתום איבערגעגעבען געוואָרען צו זיין זיידען
אבדיעל־מוטאליב. נאָר א קורצע צייט נאכדעם האָט איהם גענומען
צו זיך זיין אָנקעל אבו־טאליב, וועלכער האָט גערייזט מיט קאראוואַ־
נען אלס הענדלער.

דיא צייט פון זיין געבורט איז ניט בעשטימט גענוי. נאָך
גרינדליכע היסטאָרישע נאָכפאָרשונגען איז ער געבאָרען געוואָרען
אין 570 אָדער 571 יאָהר פון דער קריסטליכער צייטרעכנונג. זיין
געבורט איז שפּעטער פערבונדען געוואָרען מיט נסים, וויא דער
שטייגער איז מיט אלע פּראָפעטען. איינציגע פון דיא נסים זיינען
נאָך אראבישע לעגענדען צוזאמענגעפלאָכטען געוואָרען מיט וויכ־
טיגע היסטאָרישע פּאסירונגען אין 570 יאהר.

ארום יענער צייט האָבען, נעמליך, צוויי מעכטיגע מלכים גע־
קעמפּפט וועגען דיא הערשאפט איבער דער וועלט. דאָס איז גע־
ווען א פּאָרטזעצונג פון דעם אלטען קאמפּף צווישען פּערסיען און
גריכען. יוסטין דער צווייטער איז דאַן געווען דער הערשער פון
דער ביזאנטישער אימפּעריע און דער בעריהמטער חאָזראָ אנושיר־
וואן, דער „קעניג פון דיא קעניגע", האָט געהערשט אין פּערסיען און

האָט פערשפּרייטעט זיין מאכט ווייט ארום ביז יעמען און אראביען. דער קאַמפּף צווישען דיזעביידע אימפּעריעס איז ניט נור געווען אַ פּאָליטישער, זאָנדערן אויך אַ רעליגיעזער, דען דיא פּערסען, דיא פערעהרער פון דעם זונען־גאָט מיטרא און פון פייער, דיא אנהענגער פון דער זאָ־גענאנטער זאָראאסטרישער רעליגיאָן, האָבען אויך געזוכט צו בעקעהרען אנדערע פעלקער און זיינען געקומען אין אַ צוזאַמענשטוים מיט אידישע און בעזאָנדערס מיט קריסטליכע מיסיאָנערען אפילו אין רוים זעלבסט. (*) אין פערלויף פון יאהרהונדערטע האָט אַזיען געקעמפפט מיט אויראָפּא וועגען דיא אויבערמאַכט איבער דער וועלט, צוערשט זיינען דיא קעמפּפערס געווען פּערסען און גריכען, נאַכהער מאָהאַמעדאַנער און קריסטען ביז דיא אראַבער זיינען פעריאָגט געוואָרען פון שפּאַניען אין 15־טען יאהרהונדערט.

נאָר אין יאָהר 570 האָבען דיא גריכען געקראָגען מיטהעלפערס געגען דיא פּערסען און דיא אביסיניער, וועלכע זיינען שוין דאַן געווען בעקעהרט צום קריסטענטהום. דער אביסיניער נעגוס (קעניג) האָט געשיקט אַ גרויסע ארמעע נאָך זיד־אַראַביען, אום צוצוקומען צום פּערסישען גרענעץ און זיך צו פערבינדען מיט דער גריכיש־רוימישער אַרמעע געגען דעם פּערסישען הערשער. דיא אביסיניער האָבען מיטגעבראַכט אַ סך עלעפאַנטען, און דיא אראַבער, פאַר וועלכע דאָס איז געווען אַ נייעס, האָבען אַ נאָמען געגעבען דיזע צייט „דער עלעפאַנטען יאָהר.“ דיא אביסיניער האָבען געלאַנדעט אין יעמען און האָבען זיך אַ לאָז געטאָן נאָך מעדינא, וועלכע האָט דאַמאַלס געהייסען יאטריג און וועלכע איז געווען אונטער דער הערשאַפט פון דיא פּערסען. אויפ׳ן וועג האָבען זיי געמוזט צוקומען

(*) עס איז בעוואוסט, אַז דיא אַלטע פּערסישע אָדער זאָראַאסטרישע רעליגיאָן האָט געהאַט אַ סך אַנהענגער אין דער רוימישער אימפּעריע אפילו לאַנג־לאַנג נאָכדעם וויא דיא קריסטען האָבען געזיעגט און דיא פּאַפּסטען האָבען זיך בעפעסטיגט. דער מאָהאַמעדאַניזמוס האָט ביטער בעקעמפפט דיזע ביידע עלטערע רעליגיאָנען און האָט כמעט אין גאַנצען אויסגעראָטעט דיא זאָראאסטריאַנער.

צו מעקא, וועלכע איז זייט דיא עלטעסטע צייטען געוועזן דער רע־ליגיעזער צענטער פון דיא אראבישע שטאמען. דיא קאָרעישיטען, וועלכע האָבען געהערשט אין דיזער היילינער שטאָדט, ווייל זיי האָבען געהאלטען דעם קאאבא־טעמפעל אין זייערע הענד, האָבען נאָך לאנגע בעטראכטונגען בעשלאָסען זיך צו בעפעסטיגען און צו וועהרען זיך געגען דיא אביסיניער ארמעע. נאָר דאן האָט געטראָ־פען א נס. וויא נאָר דיא אביסיניער האָבען בעלאגערט דיא היי־ליגע שטאָדט, האָט צווישען זיי אויסגעבראָכען א גאנץ אונבעקאנטע שרעקליכע מגפה. אזוי פיעל פון זיי זיינען מיט א מאָל געשטאָר־בען אין איין נאכט, אז דיא לעבעדיג געבליבענע מענשען זיינען זיך צולאָפען אין שרעק צוריק נאָך יעמען, און דיא מייסטע פון זיי זיינען אויפ׳ן וועג אויסגעשלאכטעט געוואָרען פון וואנדערנדע בע־דואינען.

אין דערזעלבער נאכט, ווען דיא אביסיניער האָבען געכאפט אזא מפלה לעבען מעקא און דער ביזאנטישער אימפעראטאָר האָט געמוזט אויפגעבען זיינע פלענער צו בעהערשען אראביען, האָט גע־טראָפען נאָך א נס, וויא דיא מאהאָמעדאנער דערצעהלען: אין דעם הויפט־פאלאַץ פון כאָזראָי אנושירוואן זיינען אלע הייליגע זאכען איבערגעקעהרט און צובראָכען געוואָרען און דער הייליגער נר תמיד, דער צייכען פון דער געטליכער קראפט, איז פלוצלינג פערלאָשען געוואָרען.

אָט אין דיזער נאכט איז עס געבאָרען געוואָרען אין איינער פון דיא אָרימסטע הייזער פון מעקא מאהאָמעד, וועמען עס איז בעשערט געוועזן צו ברעכען דיא מאכט פוןביידע גרויסע אימ־פעריעס און צו פערשפרייטען דיא מוסולמאנער רעליגיאָן איבער דער אלטער וועלט. ביידע נסים זיינען געוויס אויסגעטראכט גע־וואָרען לאנג נאכדעם וויא מאהאָמעד׳ס נאָכפאָלגער האָבען מיט פייער און שווערד געצוואונגען פיעלע פעלקער צו אנערקענען דעם קעמעל־טרייבער מאהאָמעד פאר דעם ריכטיגען פראָפעט. אָבער אין דיזע מעשות איז דאָך אויסגעדריקט א גרויסע היסטאָרישע וואהרהייט, נעמליך: אז דיא געבורט פון מאהאָמעד איז געוועזן א

טויטקלאפּ פאר דיא ביזאנטישע און פּערסישע אימפּעריעס און פאה
זייערע רעליגיאָנען אין אזיען און אין אפריקא.

נאָך דער נידערלאגע פון דער אביסיניער ארמעע (דאָס איז א היסטאָרישער פאקט) אויפ'ן וועג צום פּערסישען גרענעץ איז עס דיא פּערסען געלונגען צו פעריאגען דיא אביסיניער אויך פון יעמען און צו בעהערשען א קורצע צייט אראביען, וויא עס איז איבערהויפּט מעגליך געווען צו בעהערשען אזא לאנד, וואָס איז אימער בעזעצט געווען פון וואנדערנדע און רויבערישע בעדואינען און פון פיעלע שטאמען, וועלכע האָבען געקעמפּפט צווישען זיך. דיא הערשאפט האָט זיך געוועהנליך ארויסגעצייגט אין גארניזאָנען, וועלכע זיינען געהאלטען געוואָרן אין דיא גרעסערע שטעדט, בעזאָנדערס אין דיא פּאָרטען.

אָבער לאָמיר לאָזען דיא נסים צו דיא גלויביגע אָן א זייט און בעטראכטען וואָס מען וויים פון דעם לעבען פון מאהאָמעד ביז ער האָט אָנגעפאנגען זיך ארויסצוגעבען פאר א פּראָפעט.

זיינע קינדערשע יאָהרען האָט ער פערבראכט אין ארמוטה. קיין זאך האָט דאן ניט אָנגעצייגט אויף זיין צוקינפטיגע וועלט־איבערקעהרענדע ראָלע. זיינע אָנקלען האָבען ביי זייער בעסטען ווילען איהם ניט געקענט פיעל העלפען, ווייל זיי זיינען אויך געווען אָרימע מענשען. דארום האָט ער געמוזט פּאסען קעמלען און שעפּסען, ווען ער איז נאָך געווען א גאנץ יונגער אינגעל, און נאכהער טרייבען קעמלען, ווען ער האָט שוין געקענט בעגלייטען זיין אָנקעל אבו־טאליב אין דיא קאראוואנען־רייזען נאָך סיריען. אין איין סורא (קאפּיטעל) פון קאָראן האָט ער זיך אזוי אויסגעדריקט וועגען זיין אָרימע יוגענד: „האָט דען גאָט דיך ניט געפונען אלס יתום און דיך ניט בעשיצט? האָט ער דיך ניט געפונען אָרים און געמאכט רייך? האָט ער דיך ניט געפונען אויף א פאלשען וועג און ניט ארויפגעפיהרט אויף א ריכטיגען וועג?“

איין מאָל, ווען ער איז אלט געווען א יאָהר פופצעהן, האָט ער בעגלייטעט זיינע אָנקלען, וועלכע האָבען געפאָכטען צוזאמען מיט אנדערע קאָרעישיטען געגען דעם בעדואינער שטאם בני־

חאוואזין. ער האָט דאן געהאָלפען זיינע אָנקלען, קלייבענדיג דיא פאלענדע פיילען.

פון אירגענד וועלכע ערציהונג און בילדונג אפילו נאָך יענע בארבארישע צייטען אין אראביען האָט גאָר קיין ריידע ניט געקענט זיין. דער צוקינפטיגער פּראָפעט האָט אפילו ניט געלערנט לעזען און שרייבען. ביז 24 יאָהר האָט ער געדיענט ביי זיינע אָנקלען אלס פאסטוך און קעמעל־טרייבער. וואָס ער האָט געטאָן און געטראכט אין דיא פרייע מינוטען אָדער ווען ער איז געלעגען בשעת דיא שעפסען און קעמלען האָבען זיך געפּאסעט, דאָס ווייס מען ניט. דיא אראבישע פאנטאזיע האָט אויסגעטראכט פיעלע וואונדערליכע געשיכטען וועגען אלע יאָהרען פון זיין לעבען. נעהמענדיג אין אנבעטראכט, דאָס ער האָט געהאט א פּאָעטישע נאטור מיט א זעהר צורייצטע פאנטאזיע, וויא זיינע סוראס אין קאָראָן צייגען עס, מוז מען אָננעהמען, אז ער האָט ניט ווייניג פאנטאזירט אין זיין יוגענד. דערצו נאָך האָט ער פון קינדהייט אָן געליטען פון דער פאליגער קראנקהייט, וועלכע האָט איהם ניט פערלאָזען ביז׳ן טויט. דאָס צייגט, אז ער איז געוועזן נערוועז־קראנק, און זיין גייסטיגער צושטאנד איז ניט געוועזן א רעגעלמעסיגער. ער האָט דארום אויך געמוזט ליידען פון האלוצינאציאָנען.

.2

מאַהאָמעד׳ס אנפאנג אַלס פּראָפעט.

אין 594טען יאָהר איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג אין זיין לע־בען. אַ רייכע אלמנה מיט דעם נאָמען חאדידזשא, זיינע אַ ווייטע קרובה, האָט געוואָרפען אַן אויג אויף איהם אַלס אַ שעהנעם און רוהיגען יונגען מאַן, און האָט איהם געמאַכט פאר דעם אָנפיה־רער פון איהרע קאַראוואַנען. אין אַ יאָהר אַרום האָט זיא מיט איהם חתונה געהאַט. איהר איז שוין דאַן געווען 40 יאָהר און איהם אַ יאָהר 25. דאָך איז ער געווען זעהר צוגעבונדען צו איהר און, וויא מען רעכענט, ניט בלויז אויס דאַנקבאַרקייט. ער האָט איהר געאַכטעט ביז דיא לעצטע מינוט פון איהר לעבען, האָט געפאָלגט איהרע ראַטהען און האָט שטאַרק בעדויערט איהר טויט.

זי איז אָהנע צווייפעל געווען אַ זעהר קלוגע און מוטהיגע פרוי. דיא מאָהאַמעדאַנער דערצעהלען וועגען איהר פיעלע נסים און האַלטען איהר פאַר איינע פון דיא גרעסטע און בעסטע פרויען אין דער וועלט. וועגען איהר חתונה מיט אַ מאַן, וואָס נאָך זיין אַלטער, האָט ער געקאָנט זיין זאָגאַר איהר זוהן, דערצעהלען זיי, אַז צוויי מלאכים האָבען זיך בעוויזען, ווען ער האָט זיך צוריקגע־קעהרט נאָך זיין צווייטער קאַראוואַן־רייזע אין סיריען, און האָבען איהר אָנגעקינדיגט, אַז זיא זאָל ווערען זיין ווייב. נאָך אַלע בע־ריכטען האָבען זיי געלעבט גאַנץ געמיטהליך און זאָגאַר גליקליך. זיא האָט נאָך צייט געהאַט צו שענקען איהר יונגען מאַן זעקס קינ־דער, דריי זיהן און דריי טעכטער. דיא זיהן זיינען געשטאָרבען אין דער קינדהייט. דיא טעכטער זיינען שפּעטער געוואָרען זיינע אנהענגער. איינע פון זיי, פאַטימאַ, האָט זיך בעזאָנדערס אויס־געצייכענט און ווערט זעהר פערעהרט פון אַלע מוסולמאַנער. איהר לעצטע טאָכטער האָט חאדידזשאַ געהאַט, ווען זיא איז שוין אַלט געווען 51 יאָהר. דרייצעהן יאָהר שפּעטער איז זיא געשטאָר־בען צום גרעסטען בעדויערען פון דעם פּראָפעט זעלבסט און אַלע, וועלכע האָבען איהר געקענט.

דיא גאַנצע צייט ביז איהר טויט איז ער איהר געבליבען טריי. אויס אכטונג אָדער דאַנקבאַרקייט צו איהר האָט ער בע־שרענקט דיא ווילדע ליידענשאַפט צו פרויען, וועלכע ער האָט אויף דער עלטער אַרויסגעוויזען און צוליעב וועלכע ער האָט בעוויליגט פּאָליגאַמיע (פיעל־ווייבעריי). מען רעכענט אויך, אַז ביז זיין חתונה מיט כאַדידזשא האָט ער קיין פערקעהר געהאַט מיט פרויען. עס איז מעגליך, אַז אַלע זיינע ליידענשאַפטען און פעהיג־קייטען האָבען זיך אָנגעפאַנגען אַרויסצו־ווייזען אַרום דעם אַלטער, ווען ביי אַנדערע ווערען זיי שוין אָבגעשוואַכט, דען זיין פּראָפּע־טען־ראָלע האָט ער אָנגעפאַנגען, ווען ער איז שוין געווען 40 יאָהר.

אָבער אויך דאַן, ווען ער האָט זיך אַרומגערינגעלט מיט פיעלע יונגע און שעהנע מיידלעך, האָט ער שטענדיג געלויבט דיא אַלטע חאַדידזשא און האָט בעדויערט איהר טויט. ער פלעגט איהר אַזוי אָפט דערמאָנען צום גוטען, אַז דיא שעהנע אַאישאַ, וועלכע ער האָט בעזאָנדערס געליעבט אויף דער עלטער, איז אייפערזיכטיג געוואָרען אויף דיא געשטאָרבענע און האָט איהם איין מאָל אַ פרעג געטאָן: „זאָג מיר, בין איך ניט בעסער וויא חאַדידזשאַ? זיא איז דאָך געווען אַלט, אָהן ציינער און מיאוס. דו ליעבסט מיך מעהר; וויא דו האָסט איהר געליעבט, ניט אמת?" ער האָט איהר אָבער גלייך געענטפערט אָהן צערעמאָניעס: „אָה, ניין, ביי אַלאַה, ניין! זיא האָט געגלויבט אין מיר מעהר וויא אירגענד וועלכער אַנדערער. אויף דער גאַנצער ערד האָב איך נאָר געהאַט איין פריינד, און דאָס איז געווען חאַדידזשאַ."

איבער 15 יאָהר האָט מאַהאָמעד געפיהרט דיא געשעפטען פון זיין רייכער פרוי און אין דער צייט איז ער עטליכע מאָל געווען מיט זיינע קאַראַוואַנען אין סיריען, וואו ער האָט געהאַט דיא געלעגענ־הייט צו זעהען דיא וועלט און צו בעקענען זיך מיט אידען און קריסטען און עפּעס צו לערנען פון זיי, וויא מיר וועלען עס שפּע־טער זעהען. ער האָט זיך דיא גאַנצע צייט אויפגעפיהרט אַזוי עהרליך און פריעדליך, אַז ער האָט געוואונען דיא אַכטונג פון פיעלע מיטבירגער. פון צייט צו צייט פלעגט ער אַוועקגעהן צו דיא בערג

הארא הינטער מעקא, און דארט זיך פערטיעפען אין זיינע געראנ־
קען און פאנטאזיעס. וואס ער האט געטראכט, זיצענדיג אזוי אין
דער וויסטע, קען מען נאר אורטהיילען נאך זיינע לעהרען אין
קאראן. עס איז זיכער, אז ער האט געטראכט וועגען גאט און
דיא געהיימניסע פון דער נאטור און אז זיין קרענקליכע פאנטאזיע
האט איהם פערטראגען ווייט אין דער איינגעבילדעטער וועלט.

נאך דיא אראבישע לעגענדען פלעגט ער נאך אין זיינע יונגע
יאהרען ארויסגעהן יעדען יאהר אויף א גאנצען מאנאט אין דער
וויסטע און טראכטען וועגען דיא וועלט. דער רייכטהום פון זיין
פרוי האט איהם ערלויבט אבצוגעבען זיך אין גאנצען צו זיינע רע־
ליגיעזע מחשבות און נעפיהלען, וועלכע האבען איהם אלץ מעהר
בעהערשט וואס עלטער ער איז געווארען. ביז 40 יאהר האט ער
אזוי געטראכט אין איינזאמע ערטער, מייסטענס אין דער וויסטע־
נעס, און האט געשוויגען. זיין איינציגע אנפערטרויטע איז אין
יענער צייט וואהרשיינליך געוועזן זיין קלוגע פרוי חאדידזשא, וועל
כע איז אויך נאכהער געוועזן דיא ערשטע צו גלויבען אין זיין געט־
ליכע מיסיאן, און זיין פראפעטען־ראלע. מען רעכענט, אז ער האט
איהר עטליכע מאל מיטגענומען אין דיא איינזאמע ערטער, וואו
ער פלעגט בעזאנדערס ליעב האבען צו פערטראכטען זיך.

זיכער איז עס יעדענפאלס, אז ער האט לאנג איבערגעטראכט
אלעס וואס עס איז איהם אויסגעקומען צו הערען פון דיא אידען,
קריסטען און דיא זא־געאנטע חאניפען (אראבער וואס האבען זיך
אבגעטרייסעלט פון געצענדיענסט און געגלויבט אין איין גאט), מיט
וועלכע ער האט זיך צוזאמענגעטראפען אויף זיינע רייזען און מיט
וועלכע ער האט שטענדיג געזוכט צו פערפיהרען געשפרעכען. וואס
מעהר ער האט געטראכט, איז ער אלץ פעסטער געקומען צו דער אי־
בערצייגונג, אז דיא געצענדיענערשע רעליגיאן פון זיין אייגענעם
שטאם און פון דיא מייסטע אראבען איז שענדליך און העסליך און
אז עס קאן נאר געבען איין ריכטיגער גלויבען: דער גלויבען אין
איין איינציגען גאט. ער איז אזוי ביסלעכווייז געקומען צו דעם

שטרעננגען מאַנאַטעאיזמוס, וועלכען ער האָט אויסגעדריקט אין קאָראַן.

עס איז שווער צו זאָגען, וויא לאַנג ער וואָלט אַזוי געטראַכט אין דער וויסטענעס, ניט וויסענדיג וואָס ער זאָל אָנפאַנגען צו טאָן, אום אויפצובריינגען זיינע ברידער, אַלע אַראַבען, אויף אַ ריכטי־גען וועג, ווען איין מאָל וואָלט זיך איהם ניט אויסגעדוכט, אַז אַ שליח פון הימעל איז ערשיענען פאַר זיינע אויגען און האָט איהם בעפוילען צו פּרעדיגען דעם גלויבען אין איין גאָט. נאָך דיא מאַ־האָמעדאַנישע לעגענדען האָט עס פּאַסירט אין דעם מאָנאַט ראַמאַ־דאַן פון 610 יאָהר, ווען ער האָט געדרעמעלט אין הייל פון דיא בערג הארא נאכדעם וויא ער איז געפאַלען אַן אויסגעמאַטערטער פון לאַנגע ארומוואַנדערונגען און טראַכטענים. ער אַליין גיט אַזוי איבער דיזע געטליכע ערשיינונג אין קאָראַן: „פּלוצלונג האָב איך דערפיהלט אין שלאָף, אַז אימיצער איז צוגע־קומען נאָהענט צו מיר און האָט געזאָגט: „לעז!“ איך האָב געענטפערט: „ניין!“ דאַן האָט ער מיך אַזוי צוגעדריקט, אַז איך האָב געמיינט, דאָס איך שטאַרב, און האָט וויעדערהאָלט: „לעז!“ איך האָב זיך וויעדער ענטזאַגט און ער איז וויעדער ערשיענען און האָט מיך צוגעדריקט; און איך האָב דערהערט דיא ווערטער: „לעז אין נאָמען פון דיין גאָט, וועלכער שאַפט, שאַפט דעם מענשען פון אַ בלוטיגען קערנדעל. לעז: דיין גאָט, ער איז באַרמהערציג, ער גיט צו וויסען דורך אַ שרייב־שטעקעלע, גיט וויסען דעם מענשען דאָס, וואָס ער האָט ניט געוואוסט.“ ווען איך האָב איבערגעלעזען, איז דיא ערשיינונג אָבגעטראָטען פון מיר, און איך האָב זיך אויפגעכאַפּט. און איך האָב געפיהלט, אַז דיזע ווערטער זיינען פערשריעבען אין מיין הארץ.“

אין דער גרעסטער אויפרעגונג איז ער אוועק פון דער וויסטע־נעס אהיים און האָט באַלד דערצעהלט זיין פרוי, וואָס ער האָט געזעהען און געהערט אין חלום. ער האָט עס דערצעהלט מיט אַזאַ בעגייסטערונג און טיעפען גלויבען, דאָס איינער פון איהרע קרובים, ווען זיא האָט צוגערופען אויסהערען דעם נס, האָט גלייך בע־

מערקט: „אויב דאָס איז אמת, חאדידזשא, הייסט עס, אז אויף איהם איז אַרויף דער גרויסער נאַמוס (דאָס מיינט וואהרשיינליך דער געטליכער גייסט), וועלכער האָט זיך אַ מאָל בעוויזען צו משה'ן, און דאַן הייסט עס, אַז ער איז דער נביא פון אונזער פאָלק.“

עטליכע וואָכען נאַכדעם איז מאַהאָמעד רוהיג געבליבען צו הויזע. נאָר איהם האָט נעצויגען אין דער וויסטענעס, פילייכט וועט ער ווידער זעהען דיא וואונדערבארע ערשיינונג. שטונדענ־לאַנג האָט ער דאָרט איין טאָג געוואַנדערט צווישען דיא בערג זעהר אַ דערשלאָגענער און פערצווייפעלטער. ער האָט זיך געפיהלט אזוי שלעכט און אונגליקליך, דאָס ער האָט געוואָלט זיך אראָפּוואַרפען פון אַ הויכען באַרג, אום ערלייזט צו ווערען פון זיין הארצקלעמע־נעס. נאָר גראדע אין דיזער מינוט האָט עפּעס אַ וואונדערבארער שיין אַ שוועב געטהאָן פאַר זיינע אויגען, און אַ רוהע האָט זיך צוגאָסען איבער זיין האַרץ. נאָר קערפּערליך איז ער געווען זעהר שוואַך און אויסגעמאַטערט. אַהיים איז ער געקומען אין פיעבער־האַפטען צושטאַנד. עס האָט איהם געטרייסעלט, זיין קערפּער האָט געציטערט. ער איז אַרוים אין גאָרטען, וואו מען האָט איהם איינגעוויקעלט אין אַ פּלאַשטש. דאַן האָט ער זיך געלייגט אויף דער ערד, דען ער האָט געפיהלט, אַז אַן אַטאַקע פון דער פאַליגער קראַנקהייט קומט אויף איהם אָן. אין דער צייט, ווען ער האָט געקראָגען ספּאַזמען, האָט ער דערהערט פאָלגענדע ווערטער, וועלכע ער האָט נאַכהער איבערגעגעבען אין קאָראַן: „דו, איינגעוויקעלטער אין אַ פּלאַשטש, שטעה אויף! פּרעדיג דיין גאָט! לויב איהם! דיינע קליידער רייניג אָפּ! אונריינקייט — מיידע איהר אוים! זיי ניט גוט אוים האַבזוכט און האַלט זיך פעסט אָן דיין גאָט!“

נאַכדעם איז ער שוין זיכער געוואָרען ביי זיך אין האַרצען, אַז ער איז ווירקליך גאָט'ס שליח צו פּרעדיגען דעם ריכטיגען גלויבען פאַר זיין פאָלק און צו צושטערען זייער געצענדיענסט. דיזער גלויבען איז אַלץ פעסטער געוואָרען ביי איהם שפּעטער, ווען ער האָט איבערגעגעבען זיינע ווייטערע געשפּרעכען מיט גאָט אָדער מיט מלאכים אין האַלב־פּאָעטישע האַלב־פאַנטאַסטישע בילדער מיט

ווערטער, וועלכע קלינגען יעצט, ווען מען לעזט זיי אין קאָראַן, אַזוי וויא רייד פון אַ היצקריינק.

דיא ערגסטעסטע און גרינגדליכסטע נאַטור־פאָרשער פון מאָ־האמעד'ס לעבען און פון קאָראַן גיבען צו, אַז ער איז ניט געוועזן אַ שאַרלאַטאַן, אַז ער האָט קיינעם ניט געמיינט צו נאַרען, ווייניג־סטענס אין אָנפאַנג פון זיין פּראָפעטען־ראָלע, און אַז ער האָט גאַנץ אויפריכטיג געגלויבט אין דיא וואונדערבאַרע ערשיינונגען, וועלכע ער האָט געזעהן אין דער צייט פון זיינע נערווען־אַטאַקען און שפּאַז־מען. דיא איינפאַכקייט פון זיינע אייגענע שילדערונגען איבער די ערשטע וואונדערבאַרע ערשיינונגען, וועלכע האָבען נאָר געקענט זיין האַלוצינאַציאָנען פון אַ גייסטיג־קראַנקען מענשען, צייגט אויך, אַז ער האָט עס ניט אויסגעטראַכט. ווען ער וואָלט געמיינט צו נאַרען דעם עולם, וואָלט ער עס בעשריעבען מיט שענערע פאַרבען און געשילדערט מיט מעהר צוזאַמענהאַנג און פערשטאַנד. דער אונזין פון דיא ווערטער, וועלכע האָבען זיך איהם געדוכט אַלס געט־ליכע, ווען זיינע קראַנקע נערווען זיינען צורודערט געוועזן נאָך לאַנגע וואַנדערונגען און מחשבות איבער גאָט און דיא וועלט, קע־נען טאַקע נאָר געגליכען ווערן צו דיא רייד פון אַ משוגענעם אָדער פון איינעם, וואָס ליגט אין היצקריינק. דיא מאָהאַמעדאַנער טע־אָלאָגען האָבען געזוכט און זוכען נאַטירליך פערבאָרגענע סודות אין דיזען אונזין, אין דיזע ווערטער פון אַ צומישטען קאָפּ, אבער פאַר יעדען פערנינפטיגען מענשען איז עס קלאָר, אַז דאָס זיינען איינפאַך האַלוצינאַציאָנען.

נאָר דורך זיין פעסטען גלויבען אין זיינע אייגענע קראַנק־האַפטע פאַנטאַזיען האָט ער געוואונען אַנהענגער און געזיעגט. דיא האַלוצינאַציאָנען, פאַר וועלכע מען שפּאַרט אָפּט איין אין אַ דול־הויז, ווערען געטליכע אָפּענבאַרונגען, ווען איינער ערקלערט זיך און ווערט אַנערקענט פאַר אַ פּראָפעט.

אַזוי יעדענפאַלס איז געוועזן דער אָנפאַנג פון מאַהאָמעד'ס קאַריערע אַלס נביא.

דער נעכסטער שריט איז געוועזן צו קריעגען עטליכע אַנהענ־

גער, דיא ערשטע נאָכפאָלגער, פון וועלכע דער ערפאָלג און שיקזאל פון יעדען נביא העננט אָפּ.

נאָר איידער מיר געהען שילדערען מאהאָמעד'ס ווייטערע אויפ־טואונגען ביז ער איז געוואָרען דער הערשער פון אראביען, ווע‏לען מיר פריהער ווארפען א בליק אויף דעם דאמאָלסדיגען צושטאנד פון דיזען מערקווירדיגען לאנד, וואָס איז אזוי רייך געוועזן אין נביאים און פּאָעטען וויא פּאלעסטינע. דאָס איז נויטווענדיג אום צו פערשטיין, וויא און ווארום מאהאָמעד איז געקומען צו זיינע רע־ליגיעזע געדאנקען, וועלכע האָבען געפונען אזא גרויסען און טיעפען אָפּקלאנג אין דיא הערצער פון אלע קינדער פון ישמעאל.

.3

דער צושטאַנד פון אַראַביען אין מאַהאָמעד'ס צייט.

אויב דיא בעדואינען, דיא קינדער פון דער אַראַבישער וויס־טענעס, זיינען נאָך ביז היינט צו טאָג געבליבען אַזוי ווילד וויא מיט טויזענדער יאָהרען צוריק, זאָ האָבען אָבער דיא אַראַבישע שטאַמען, וואָס האָבען זיך בעזעצט אין דיא געגענדען לעבען דיא ברעגעס פון רויטען ים (דיזע געגענדען טראָגען דעם נאָמען „גליקליכע אַראַב־יען") דערגרייכט צו אַ צימליך הויכע קולטור־שטופע אין דיא גרוי־אַלטע צייטען. דיא צענטערס פון דיזע קולטור און פון דעם האַנ־דעל, וועלכער איז געפיהרט געוואָרען דורך יעמען צווישען אַפריקא און אַזיען נאָך אין ביז־היסטאָרישע צייטען, זיינען געוועזן מאַקאָ־ראַבאַ (מעקא) און יאַטריב (מעדינאַ).

מעקא איז געוועזן דער רעליגיעזער צענטער פון אַלע אַראַבישע שטאַמען. זיא איז געוועזן אַ היילינע שטאָדט פון דיא בני־ישמעאל מיט יאָהרהונדערטע פאַר מאָהאַמעד'ס געבורט. מאַהאָמעד האָט נאָר אַנערקענט אַ פאַקט, וועלכער האָט עקזיסטירט פאַר איהם, ווען ער האָט ערקלערט פאַר אַ גרויסע מצוה צו בעזוכען דעם קאַאַבאַ־טעמפעל אין מעקא. נאָך דיא אַראַבישע לעגענדען איז דער קוואַל זעמזעם אין מעקא דער זעלבער, וואו עס האָט געטראָפען דיא ביבלישע געשיכטע מיט הגר און ישמעאל. דיא מאַהאָמעדאַ־נער גלויבען יעצט יעדענפאַלס, אַז דער מלאך גבריאל האָט זיך בע־וויזען אויף הגר'ס געבעט און האָט גערעטעט ישמעאל'ן מיט אַ טרונק פון דעם קוואַל זעמזעם. דיזע און אַנדערע לעגענדען פון די אַראַבען צייגען, אַגב אורחא, אַז זיי געהערען צו איין שטאַם מיט דיא בני ישראל.

לעבען דיזען קוואַל איז געשטאַנען אַן אַלטער טעמפעל מיט דעם בעריהמטען שטיין קאַאַבאַ, וועלכער האָט געדיענט אַלס אַ מזבח. נאָך דיא לעגענדען איז דיזער טעמפעל געבויט געוואָרען פון אברהם זעלבסט, ווען ער איז געקומען בעזוכען זיין פעריאַגטען זוהן ישמעאל, און דער היילינער שטיין איז דאָן געבראַכט גע־

ווארען פון מלאך גבריאל. לעבען דיזען טעמפעל האט מען אנגע־
ציינט אויף א פעלז, וואו אברהם און ישמעאל האבען געבעטען
גאט. דיזער ארט הייסט „מאקאם איבראהאם (מקום אברהם)“.
אין דער ווירקליכקייט איז קאאבא, וואס איז בלויז א שטיק
שווארצליכע שטיין, אן אנדיינקען אן די גרוי־אלטע צייטען, ווען
מען האט פערעהרט שטיינער אלס סימבאלען פון עוויגקייט און פון
דער מוטער ערד און ווען מען האט געגאסען אויל אויף שטיינער
מזבחות צו דיא געטער.

וואס אנבעלאנגט צו יאטריב, האבען זיך דארטען און ארום
געפונען אייניגע קריסטליכע סעקטען און בעזאנדערס א סך אידען.
דיזע שטאדט איז שטענדיג געווען אין פערבינדונגען מיט דיא
האנדעלס־ערטער אין ארץ ישראל און סיריען. אידען האבען זיך
דארום דארטען געפונען נאך אין שלמה המלך׳ס צייטען, וויא מען
רעכענט. יעדענפאלס האבען דיא אידען א געוויסע צייט גע־
פיהרט דיא רעדעל אין יאטריב און האבען בעקעהרט אייניגע ארא־
בישע שטאמען צו זייער גלויבען. אין דער צייט, ווען מאהאמעד
איז ארויסגעטראטען אלס פראפעט, האבען דיא אידען געשפיעלט
א גאנץ גרויסע ראלע ניט נאר אין יאטריב, זאנדערן אין דעם גאנ־
צען נארדליכען טהייל פון אראביען. דיא אראבען אין יאטריב
און אין גאנצען נארד זיינען יעדענפאלס געווען מעהר ענטוויקעלט
און אויפגעקלעהרט, וויא זייערע ברידער אין מעקא און אנדערע
צענטראל־געגענדען, ווייל זיי זיינען געווען נעהנטער ניט נאר צו
דיא אידען, זאנדערן אויך צו דיא צענטערס פון דער אזיאטישער
און גריכיש־רוימישער ציוויליזאציאנען.

מיר האבען שוין געזעהען, אז דיא הערשער פון פערסיען און
ביזאנטיען האבען געקעמפפט וועגען דיא הערשאפט איבער אראב־
יען, נאר דער הויפט־פונקט איז געווען יאטריב. דארטען האבען
זיך געפונען ניט נאר קריסטליכע און אידישע אראבען, זאנדערן
אויך אזעלכע, וואס האבען זיך אפגעזאגט פון זייער נאציאנאלען
געצענדיענסט און וואס האבען אנגעפאנגען צו גלויבען אין איין
גאט. אזעלכע אראבען האבען געטראגען דעם נאמען „חאניף“,

וואָס עס בעדייטעט אונגעפעהר אפיקורס. דיזע חאַניפען זיינען שנעל צוגעשטאַנען צו מאַהאָמעד׳ן, ווען ער איז אנטלאָפען נאָך יאטריב. דיזער וואָרט בעדייטעט יעצט א׳ן אנהענגער פון דעם אַל־טען גלויבען פון אברהם און ישמעאל, ווייל אין דיזען זינען האָט זיך מאַהאָמעד אויך ערקלערט פאַר א חאַניף.

עס איז א פאַקט, אז דיא חאַניפען האָבען איבערזעצט אויף אראַביש איינינע חאַלדעאישע שריפטען וועגען אברהם אָדער האָ־בען אליין צוזאמענגעשטעלט א מאָנאָטעאיסטישע לעהרע אין נאָ־מען פון אברהם, אום בעסער צו קענען ווירקען אויף זייערע גענצנ־דינערשע ברידער. אויך ווייס מען, אז צווישען זיי זיינען געווען מענער, וואָס האָבען געוואָלט שפּיעלען דיא ראָלע פון נביאים, אום צו פעראייניגען אלע אראבישע שטאַמען אין איין נאַציאָן מיט איין גלויבען. דאָס הייסט: זיי האָבען געוואָלט אויפטאָן דאָס זעלבע וואָס מאַהאָמעד, וועלכער איז זיכער געווען אין פערבינדונגען מיט זיי אין דער צייט פון זיינע רייזען, האָט אויסגעפיהרט.

איינער פון דיא עלטעסטע אראבישע שרייבערס איבער מאַ־האָמעד׳ס לעהרע דערצעהלט אזאַ געשיכטע וועגען דיא חאַניפען: „איין מאָל האָבען זיך דיא קאָרעישיטען צוזאמענגעקליבען אין קאַאבאַ־טעמפּעל ארום א געצקע, וועלכע זיי האָבען בעעהרט מיט קרבנות, איידער זיי האָבען זיך בעראַטהען וועגען זייערע אנגעלע־גענהייטען. איין מאָל אין יאָהר איז דאָרטען געווען א גרויסער יום טוב, ווען א סך מענשען פלעגען קומען פון ווייט אַרום. נאָר 4 מענער האָבען זיך אָבגעטהיילט פון דיא אנדערע און האָבען אין געהיים זיך דורכגערעדט וועגען געטליכע זאַכען. דאָס זיינען געווען ווארקאַ, א פּלימעניק פון מאַהאָמעד׳ס ערשטע פרוי חאַ־דידזשאַ, אָסמאַן, ווארקאַ׳ס א קרוב, אובייד־אַלאַך, מאָהאַמעד׳ס א שוועסטערקינד, און זעיד, אמרא׳ס זוהן. און אָט וואָס זיי האָבען געזאָגט: „אונזערע ברידער זיינען אין אירטהום, זיי פערדרעהען אברהם׳ס אמת׳ן גלויבען. וויא לאַנג נאָך וועלען מיר זיך דרייהען, וויא זיי, ארום א שטיין, וועלכער זעהט ניט און הערט ניט און קען

אונז ניט טאָן קיין שלעכטעס און קיין גוטעס. לאָמיר בעסער זו־
כען א בעסערען גלויבען.“

און זיי זיינען אוועק רייזען אין פרעמדע ערטער און לענדער, זוכענדיג אלץ דיא ריכטיגע אמונה פון דיא חאניפען. דריי פון זיי האָבען אָנגענומען צוערשט דיא קריסטליכע רעליגיאָן, נאָר זעיד האָט זיך צוריקגעקעהרט אַן אונצופריעדענער מיט דעם קריסטענ־טהום. דיזער זעיד האָט דאן אָנגעפאנגען צו פּרעדיגען לעבען קאאבא־טעמפּעל געגען געצענדיענסט און האָט ערקלערט דעם גלויבען פון דיא חאניפען. נאָך אראבישע לעגענדען איז מאהאָמעד געווען איינער פון זיינע צוהערער. פון דיזען פארגענגער פון מאַ־האָמעד זיינען אויך געבליבען פּאָעזיען, אין וועלכע ער צייגט דעם אונזין פון געצענדיענסט און פּרעדיגט דעם גלויבען אין איין איינ־ציגען גאָט. ווען מאָהאמעד איז ארויסגעטראָטען אלס פּראָפעט, איז זעיד געקומען פון זיין צווייטע רייזע נאָך סיריען. וויא נאָר ער האָט דערהערט פון מאהאָמעד׳ס פּרעדיגען, האָט ער זיך שנעל א לאָז געטאָן נאָך מעקא, נאָר אויפ׳ן וועג איז ער דער׳הרג׳עט גע־וואָרען פון רויבער. עס איז בעוואוסט, אז מאהאָמעד האָט איהם זעהר געאכטעט און האָט בעדויערט זיין טויט.

דיזער פאל צייגט גאנץ קלאָר, אז מאהאָמעד האָט אייגענטליך נאָכגעפאָלגט דעם ביישפּיעל פון אנדערע און אז דער באָדען איז געווען פאָרבערייטעט פאר א מאן, וואָס זאָל ארויסטרעטען אלס א נביא, אלס רעסול־אלאה (שליח פון גאָט). די חאניפען האָבען נאָר געוואַרט אויף א נביא, וואָס זאָל קענען אויספיהרען זייער וואונש צו געבען דיא אראבען נאציאָנאלע איינינקייט אין פערבינדונג מיט א מאָנאָטעאיסטישע רעליגיאָן, וועלכע זאָל מעהר שטימען מיט דעם אראבישען גייסט, וויא דיא אידישע און קריסטליכע. מאהאָ־מעד, וועלכער איז געווען א׳ן עכטער אראב אין אלע בעציהונגען, האָט דאָס זיי געגעבען און אין דעם איז בעשטאנען דיא הויפּט־אורזאכע פון זיין ערפאָלג. מיר וועלען שפּעטער זעהען, אז מאהאָ־מעד האָט זיך געשטיצט אין זיינע דרשות און נביאות אויף דעם

מאָנאָטעאיזמוס, וואָס דיא חאַניפען האָבען פערבונדען מיט דיא טראַדיציאָנען (מסורות) וועגען אברהם.

אידען און קריסטען האָבען זיך אָנגעשטרענגט צו בעקעהרען דיא אַראַבען און האָבען געקראָגען אַ סך אנהענגער; אָבער זיי איז קיין מאָל ניט געלונגען אויפצורודערן אַלע אַראַבען און ארויסצורופען אַ נאַציאָנאַלע רעליגיעזע בעוועגונג, וויא דיא חאַניפען האָבען עס געוואונ׳שען און מאַהאָמעד האָט עס אויסגעפיהרט.

לאָמיר יעצט בעטראַכטען, וואָס מאַהאָמעד האָט געטאָן, אום אנערקענט צו ווערן פאַר אַ פּראָפעט פון אַראַבישען פאָלק.

.4

מאַהאָמעד׳ס פּרעדיגען אין מעקאַ.

דיא ערשטע, וואָס האָבען אנערקענט מאַהאָמעד׳ן פאַר אַן אמת׳ן שליח פון גאָט, זיינען געוועזען זיין פרוי און קינדער, דאַרונ־טער אויך אַלי, דער זוהן פון זיין גוטען אָנקעל אבו־טאַליב, און זעיד איבן חאַרים, אַ קריסטליכער שקלאַוו, וועלכען ער האָט אדאָפּ־טירט, ווייל זיינע אייגענע זיהן זיינען געשטאָרבען. דיזע צוויי יונגע און קרעפטיגע לייט, בעזאָנדערס אַלי, האָבען געשפּיעלט אַ גרויסע ראָלע אין דער פערשפּרייטונג פון מאָהאַמעדאַנישען גלויבען. זעיד איז געוועזען אַ שקלאַוו ביי מאַהאָמעד׳ן, נאָר ער איז אזוי געפעלען געוואָרען זיינע בעלי־הבתים, דאָס מאַהאָמעד האָט איהם צוערשט בעפרייט און נאכהער אָנגענומען פאַר א זוהן.

נאכהער האָט מאַהאָמעד געוואָלט בעקעהרען זיינע קרובים פון דעם אַריסטאָקראַטישען שטאַם קאָרעישיט. ער האָט זיי אַלע־מען איינגעלאַדען צו זיך און האָט זיי דערצעהלט, וואָס פאַר נסים עס האָבען געטראָפען מיט איהם און ווארום ער גלויבט, אז ער איז געשיקט געוואָרען פון גאָט צו פּרעדיגען דעם אמת׳ן גלויבען, דעם איסלאַם. זיי האָבען געמיינט, אז ער האָט זיי גערופען ווע־גען אַ וויכטיגע געשעפטס־אנגעלעגענהייט, און זיי זיינען דארום אין כעס געוואָרען אויף איהם און האָבען איהם אָנגעקוקט וויא א משוגענעם, ווען זיי האָבען דערהערט זיינע רייד. זיי זיינען זיך גלייך צוגאַנגען מיט געלעכטער און זידלעריי, און אפילו זיינע נעהענטסטע קרובים האָבען צוגעגעבען, אז ער איז פעריקט.

נאָר ער האָט דאָך אויף אַ מינוט ניט פערלאָרען זיין מוטה און פעסטען גלויבען אין זיין פּראָפעטען־ראָלע. זעהענדיג, אז ער קען גאָר ניט מאַכען מיט זיינע קרובים און איבערהויפּט מיט דיא קאָרעישיטען, וועלכע זיינען געוועזען פעראינטערעסירט אָנצוהאַלטען דיא אַלטע געצענדיענעריי מיט דיא שוידערליכסטע צערעמאָניעס (מען פלעגט אויך מקריב זיין קינדער און בתולות צו דיא אָבגעטער), ווייל זיי האָבען געהאַלטען דיא שליסלען פון קאאבאַ־טעמפּעל,

האָט ער אָנגעפאַנגען צו פּרעדיגען עפענטליך צום פאָלק. זיינע דרשות געגען דעם אַלטען נאַציאָנאַלען גלויבען און זיינע אָפּלאַכונ־גען פון דיא פיעלע געטער און געצקעמס האָבען ארויסגערופען אַלץ שטאַרקערע פּראָטעסטען פון דיא קאָרעישיטען, אָבער זיי האָבען איהם עטליכע יאָהר צו רוהע געלאָזען, ווייל זיי האָבען מורא גע־האַט, אַז זיין משפחה וועט זיך פאַר איהם דאָך אָננעהמען און אַז דאָס וועט פיהרען צו געפעהרליכע רייסערייען און גאולת הדם נאָך דעם אראַבישען מנהג. מאַהאָמעד'ס בלוט־פערוואַנדטע האָבען זיך ענטזאַגט צו אַנערקענען איהם פאַר אַ פּראָפעט, אָבער זיי האָבען איהם ניט אויסגעשלאָסען פון דער משפחה. ער איז דאַרום גע־שטאַנען אונטער איהר שוץ. בעזאָנדערס איז ער בעשיצט געוואָרען פון זיין אָנקעל אבו־טאַליב, וועלכער איז צו איהם זעהר צוגעבונדען געוועזן.

דיא ערשטע דריי־פיער יאָהר פון זיין פּרעדיגען האָט מאַהאָמעד סך הכל געקראָגען 43 אנהענגער. מייסטענס זיינען זיי געוועזן אָרימע לייט און שקלאַווען, וועלכע זיינען צוליעב דעם פערפאָלגט געוואָרען פון זייערע הערען. דיא וויכטיגסטע פון דיא נייע אַנ־הענגער זיינען געוועזן דער בעריהמטער אָסמאַן, וועלכער האָט חתונה געהאַט מיט דעם פּראָפעט'ס טאָכטער און איז נאַכהער געוואָרען דער דריטער שטעל־פערטרעטער פון דעם פּראָפעט, און אבו־בעקר, וועל־כער קען גערעכענט ווערען פאַר אַ גרינדער פון מוסולמאַניזמוס און וועלכער האָט געהאַט אַזאַ איינפלוס אויף מאַהאָמעד'ן זעלבסט און אַלע מוסולמאַנער, דאָס ער איז געוואָרען דער ערשטער שטעל־פער־טרעטער פון דעם פּראָפעט. אבו־בעקר איז ניט נאָר געוועזן קלוג און געבילדעט, זאָנדערן אויך רייך. ער האָט אויסגעקויפט דיא מו־סולמאַנער שקלאַווען, אום זיי צו רעטען פון פערפאָלגונגען, נאָר ער האָט זיי געראַטהען, מיט דער צושטימונג פון מאַהאָמעד זעלבסט, אַז זיי זאָלען זיך האַלטען אָן אַ זייט, בלייבענדיג אין הארצען טריי צום נייען גלויבען.

דיא צאָהל פון אנהענגער איז אַזוי לאַנגזאַם געוואַקסען און יעדער פון זיי איז אַזוי פערפאָלגט געוואָרען פון דיא קאָרעישיטען,

דאָס מאהאָמעד האָט געזוכט דיא הילפע ניט נאָר פון די חאניפען, פון וועלכע ער האָט זיך דאַן ווייניג אונטערשיעדען, זאָנדערן אויך פון אידען און קריסטען. אַלע זיינע אנהעננגער, וועלכע האָבען איי־גענטליך געקעמפפט געגען געצענדיענסט, האָבען נאַטירליך סימפּאַ־טיזירט מיט יעדען איינעם, וואָס האָט נאָר געגלויבט אין איין גאָט. זיי האָבען זיך אַלע געפיהלט וויא מיטגליעדער פון איין פּארטיי געגען דיא פּאַרטיי פון געצענדיענערס.

א צייכען פון דיזער פריינדשאפט צו אידען און קריסטען איז אויך פערבליבען אין פיעלע פסוקים פון קאָראַן. צום ביישפּיעל, דאָרט שטעהט געשריעבען: „נאָך דיא נביאים (אידישע) האָבען מיר געשיקט מאַריע׳ן און יעזוס׳ען, אז זיי זאָלען בעשטעטיגען דעם חומש. מיר האָבען איהם געגעבען דאָס יעוואַנגעליום וואָס איז א ליכט־טהורם פון גלויבען און חתימה אויף דער וואהרהייט פון דיא אַלטע הייליגע שריפטען... זינג א לויב־געזאַנג צו מאַריע׳ן, וועלכע איז געבליבען א ריינע בתולה. מיר האָבען אין איהר אריינגע־אָטהעמט אונזער גייסט. זיא און איהר זוהן זיינען געווען דיא וואונדער פון דער וועלט... יעזוס, מאַריע׳ס זוהן, איז דער שליח פון אַלמעכטיגען גאָט און פון זיין וואָרט. ער איז גאָט׳ס אָטהעם.“

נאָר אזוי וויא דיזע חן׳דעלעך צו אידען און קריסטען האָבען איהם ווייניג געהאָלפען, איז ער אוועק נאָך ווייטער. איין מאָל האָט ער אין זיינע א דרשה לעבען קאַאבאַ־טעמפּעל אויסגעשריען: „האָט איהר געטראַכט וויא עס דאַרף צו זיין וועגען אַלל־אָט, אוזא און מאַנאט? עס איז אמת, זיי זיינען געטליכע שוואַנען, אויף זייער אריינמישונג קען מען זיך פערלאָזען.“ אַלאט, אוזא און מאַ־נאַט זיינען געווען דריי פון דיא פערעהרטעסטע געטינען ביי דיא אראבען, און ווען דיא קאָרעישיטען האָבען דערהערט, אז מאהאָמעד אנערקענט זייער מאַכט, זיינען זיי געווען זעהר צופריעדען. נאָר א קורצע צייט נאָכדעם האָט ער חרטה געקראָגען און האָט ערקלערט, אז זיינע פריהערע ווערטער זיינען איהם אונטערגעזאָגט געוואָרען פון טייוועל. אין קאָראַן טהוט ער תשובה וועגען דעם מיט דיזע ווערטער: „דיא אונגלויביגע האָבען מיך שיער ניט געצוואונגען צו

פערוואַרפען אונזער לעהרע און אויסצוטראַכטען עפּעס אַנדערעס אין אונזער נאָמען. מיט דיין אונטערגעבען זיך וואָלסטו געקויפט זייער פריינדשאַפט. ווען מיר וואָלטען ניט געשטאַרקט דיין האַרץ, וואָלסטו ערפילט זייער וואונש. נאָר ווען דו וואָלסט זיי געפאָלגט, וואָלסטו אַרויפגעצויגען אויף זיך דעם טויט און אונזער צאָרן."

דאָס צייגט, אַז מאַהאָמעד האָט גאַנץ גוט פערשטאַנען דיא נו־צען פון נאָכגעבען עטוואָס צו דיא געצענדיענערס, נאָר זיין געוויסען האָט איהם ניט דערלאָזען צו מאַכען אַזעלכע פשרות מיט דעם גרונד פון זיין רעליגיעזע לעהרע — גאָט׳ס איינהייט. אויך האָט ער מורא געהאַט איינצורייסען מיט זיינע טרייעסטע אַנהענגער, וועלכע זיינען גאָר ניט צופריעדען געוועזען מיט זיין דרשה וועגען דיא דריי געטינען.

דיא געצענדיענערס זיינען דאַן נאָך מעהר אויפגעבראַכט גע־וואָרען אויף דיא מוסולמאַנער, און אין 617 יאָהר האָבען דיא קאָ־רעישיטען בעשלאָסען זיי אַריינצולייגען אין חרם און ניט אַריינצו־לאָזען זיי אין קאַאבאַ־טעמפּעל. מאַהאָמעד׳ס אַנהענגער, צווישען וועלכע עס האָט זיך שוין געפונען אָמאַר, דער צוקינפטיגער עראָבע־רער פון מצרים און סיריען, דער צערשטערער פון דער אַלעקסאַנד־ריער ביבליאָטהעק, האָבען דאַן געמוזט זיך בעזעצען הינטער דער שטאָדט. מאַהאָמעד האָט זיך בענוצט דערמיט צו פּרעדיגען אין דיא אַרומיגע שטעדטלעך, וואו דיא איינוואָהנער זיינען ניט געוועזען אַזוי פעראינטערעסירט אין אַלטען געצענדיענסט וויא דיא קאָרעי־שיטען. אָבוואָהל ער האָט אויך אויסערהאַלב מעקאַ געוואונען וויי־ניג אַנהענגער, דאָך איז זיין אַרויסטרעטען אַלס פּראָפעט אַלץ מעהר בעקאַנט געוואָרען איבער אַראַביען.

דער חרם האָט אָנגעהאַלטען 2 יאָהר. דיא קאָרעישיטען האָבען אין 619 ערלויבט דיא מוסולמאַנער אַריינצוקומען אין מעקאַ, נאָר מיט דער בעדינגונג, אַז מאַהאָמעד זאָל ניט פּרעדיגען אין דער היי־ליגער שטאָדט זעלבסט, אָבער ער האָט שוין צו דער צייט פערלאָרען דעם חשק צו פערבלייבען אין מעקאַ, וואו דיא קאָרעישיטען האָבען איהם געשטערט אויף יעדען ישריט. ער האָט איינגעזעהען, אַז מיט

זיי וועט ער גאָר ניט אויספיהרען אזוי לאנג עס וועט איהם ניט גע־לינגען צו געווינען א סך אנהעננגער און דורך דעם אויך מאכט אין אנדערע ערטער פון אראביען. דערצו נאָך זיינען אין דיזען יאָהר געשטאָרבען זיין פרוי חאדידזשא און אבו־טאליב, זיין בעסטער אָנ־קעל און טרייעסטער בעשיצער. דארום האָט ער בעשלאָסען צו מאכען א פּראָבע ביי דעם שטאם בענו־טאקיפאס, וועלכע האָבען געהאט א בעפעסטיגטען פּלאַץ א 100 קילאָמעטער פון מעקא. נאָר דאָרטען האָט מען איהם אזוי שלעכט אויפגענומען, אז ער איז קוים א לעבעדיגער אנטלאָפען.

נאָך דיזען דורכפאל האָט ער אלץ מעהר אָנגעפאנגען צו דענ־קען וועגען יאטריב (מעדינא), וואו אידען און קריסטען האָבען פרידליך געלעבט צוזאמען מיט דיא אראבישע געצענדיענער. פון זיינע רייזען האָט ער געוואוסט, אז דאָרטען געפינען זיך אויך א סך חאניפען און אז דיא געדאנקען וועגען איין גאָט וועלען געפינען א בעסערע אויפנאהמע, וויא אין מעקא, דעם צענטער פון אלטען געצענדיענסט.

אין זיינע האָפנונגען אויף מעדינא האָט ער זיך גאָר ניט אָפּגע־נארט. דיא רעזולטאטען פון זיין פּלאַן צו בעזעצען זיך אין דיזען צענטער פון אידישען גלויבען אין אראביען זיינען פיעל גרעסערע און וויכטיגערע, וויא ער האָט עס גאָר געקענט ערווארטען. ניט אומזיסט רעכענען דיא מאָהאמעדאנער זייער צייט פון דעם יאָהר 622, ווען מאהאָמער איז אנטלאָפען פון מעקא נאָך מעדינא. דיזער יאָהר טראָגט דעם נאָמען ה ע ד ז ש ר א, וואָס עס בעדייטעט פּליטה.

.5

מאהאָמעד׳ס פליטה נאָך מעדינא.

אום צו קומען אין פערבינדונגען מיט דיא אראבען פון מעדינא, האָט זיך מאהאָמעד בענוצט מיט דעם גרויסען פריהלינגס־יום־טוב אין מעקא, ווען פון אַלע עקען פון אראביען פלעגען זיך צוזאמענקומען דיא געצענדיענער אין קאאבא־טעמפעל, אום בייצו־וואָהנען דאָרטען פערשיעדענע געצענדיענערישע צערעמאָניעס. אין דער זעלבער צייט איז אויך געווען א יריד, און פיעלע הענדלער פלעגען זיך צוזאמענקומען. דאָס איז געווען דער ארבישער חג הפסח, וואָס האָט געהייסען האדזשא און וואָס האָט אָבגעשטעלט אויף א מאָנאט אַלע שטרייטען צווישען דיא שטאממען און אויך גאולת הדם.

מאהאָמעד האָט אויפגעזוכט אין דער מאסע פילגרימען (וואנדערער צו הייליגע ערטער) צום קאאבא־טעמפעל א גרופע מענשען וועלכע האָבען געהערט צום שטאם בעני־חאזראדזש אין יאטריב. דיזער שטאם איז געווען אין זעהר פריינדליכע בעציהונגען מיט אידען און איז דארום געניינט געווען צום מאָנאָטעאיזמוס. „געהערט איהר צו דיא יעניגע וואָס זיינען פערבונדען מיט אידען?“ האָט זיי מאהאָמעד געפרעגט. ווען זיי האָבען געענטפערט יא, האָט ער זיי געבעטען איהם אויסהערען. זיי האָבען איהם געפאָלגט, און ער האָט זיי דאָן ערקלערט, אז ער איז געשיקט געוואָרען פון אַלאה צו פרעדיגען א ריכטיגען מאָנאָטעאיסטיישען גלויבען, דעם איסלאָם. זיי האָבען זעהר ערנסט אויסגעהערט זיינע רייד און האָבען צווישען זיך געזאָגט: „איז עס ניט דער זעלבער נביא, וועגען וועלכען דיא אידען האָבען דערצעהלט, אז ער מוז קומען און ערלייזען דיא מענשהייט? ווארום זאָלען מיר ניט צושטעהען צו איהם?“ זיי האָבען פערשפּראָכען איבערצוגעבען אַלעס, וואָס מאהאָמעד האָט זיי דערצעהלט, צו זייערע לאַנדסלייט און נעכסטען יאָהר ווידער צו קומען נאָך מעקא מיט עטליכע חברים.

זיי האָבען געהאַלטען וואָרט. 12 אראבען פון יאטריב זיינען געקומען און האָבען געשוואָרען טרייהייט צו מאהאָמעד׳ן און ניט

צו גלויבען אין קיין אנדער גאָט אויסער אין אלאה, וויא אויך ניט צו אָפּפערען זייערע קינדער, ניט צו גנב'ענען, רויבען א. ז. וו. מאהאָ־מעד האָט זיי פערשפּראָכען א פּלאץ אין גן־עדן, ווען זיי וועלען נאָר ריכטיג האלטען זייער שבועה, און האָט זיי געגעבען אלס בעגלייטער און לעהרער זיין טרייען שילער מוסאב.

אויף דיזער וויזע האָט מאהאָמעד איינגעפּלאנצט דעם איסלאם אין דער שטאָדט יאטריב, וועלכע האָט איהם שפּעטער גערעטעט און געגעבען זיין גאנצע מאכט.

א קורצע צייט נאָך דיזער פּאסירונג האָט מאהאָמעד, וועלכער האָט אלץ זיכערער געשפּיעלט זיין פּראָפּעטען־ראָלע, געזעהען גאָט אליין אין דיא הימלען, וואוהין אן אונבעקאנטע קראַפט האָט איהם פערטראָגען און נאכהער צוריקגעבראכט, אלץ אין דער צייט ווען ער איז געשלאָפען. וויא ער האָט דערצעהלט, האָט איהם דער מלאך גבריאל פּלוצלונג אויפגעהויבען אין לופטען און ארויפגעזעצט אויף דעם צויבער־פערד על־באָראק (דיזער וואָרט בעדייטעט: בליץ), וועלכער האָט איהם אין א סעקונדע געבראכט אין ירושלים לעבען בית המקדש. דאָרט האָט ער זיך צוזאמענגעטראָפען מיט א גאנצער מאַסע נביאים, צווישען וועלכע עס האָבען זיך אויך געפונען אברהם, משה און יעזוס. צוזאמען מיט זיי האָט ער געזאָגט תפילות. נאכהער האָט מען איהם דערלאנגט דריי בעכערס: איינעם מיט וואסער, דעם אנדערן מיט וויין און דעם דריטען מיט מילך. אין דער זעלבער צייט האָט ער דערהערט א שטימע, אז „אויב ער וועט נעהמען דאָס וואסער, וועט ער דערטרונקען ווערען מיט זיין קהלה, אויב ער וועט נעהמען דאָס וויין, וועט ער בלאָנדזשענען מיט זיין קהלה, אויב ער וועט נעהמען מילך, וועט ער אוועקגעהן אויף א גלייכען וועג מיט זיין קהלה.“ ער האָט דאן אויסגעקליבען דעם בע־כער מיט מילך. נאכדעם האָט מען איהם געטראָגען דורך זיעבען הימלען ביז ער האָט דערגרייכט צום כסא־הכבוד און געזעהען גאָט אליין, וועלכער האָט איהם איבערגעגעבען פאר דיא מוסולמאנער (רעכטגלויביגע) 50 טעגליכע געבעט. נאָר אויפ'ן וועג צוריק, ביי דיא טויער פון יעדען הימעל, האָט ער געטראָפען איינעם פון דיא

גרויסע נביאים, וועלכער האָט איהם אָנגעזאָגט, אז דיא מוסולמאַנער וועלען ניט אויסהאַלטען אזא גרויסע צאָהל געבעט, און האָבען איהם געדאַטהען צו בעטען גאָט פערקלענערען זייער צאָהל. ער האָט זיי געפאָלגט, און ווען ער איז ארויס פון לעצטען הימעל, זיינען נאָר גע־בליבען דיא 5 טעגליכע געבעט, וועלכע זיינען פאַרגעשריעבען אין קאָראַן. ווען ער האָט זיך צוריקגעקעהרט אין זיין שלאָף־צימער נאָך דיזע הימלישע וואַנדערונגען, האָט ער געפונען, אז דער קרוג מיט וואַסער, וועלכען ער האָט איבערגעקעהרט, ווען דער מלאך גבריאל האָט איהם ארויסגעטראָגען, האָט נאָך ניט צייט געהאַט אין גאַנצען אויסצורינען.

דיזער חלום האָט אזלאַ ניט לאַנג געדויערט. אויף מאָרגען האָט ער דערצעהלט וועגען זיין הימלישע רייזע צו זיינע טרייעסטע נאָכפאָלגער, נאָר אזוי וויא ער האָט זיך אליין ניט געקענט אָבגעבען א קלאָרע רעכנונג וועגען זיין חלום אין אן אויפגערעגטען צושטאַנד (דער פאַקט, אז ער האָט אומגעוואָרפען א קרוג מיט וואַסער, צייגט, אז ער האָט זיך געוואָרפען אין שלאָף אָדער האָט געהאַט א נערווען־אַטאַקע), האָבען זיינע צוהערער איהם אָנפאַנגס אָנגעקוקט פער־וואונדערט און האָבען געצווייפעלט. נאָר אבו־בעקר, זיין רעכטע האַנד און לייטענדער גייסט, איז איהם דאָ געקומען צו הילפע און האָט בעמערקט: „אָט וויא ער זאָגט, אזוי איז עס געוויס געוועזן.“ מאַהאָמעד האָט איהם דערפאַר א נאָמען געגעבען „על סידיק“, דאָס הייסט: עדות פון אמת. דיא איבעריגע האָבען דאַן אָנגענומען אבו־בעקר׳ס בעשטעטיגונגען און געגלויבט אין דעם נייען נס.

אין יאַטריב האָט זיך מאַהאָמעד׳ס לעהרע אזוי שנעל פער־שפרייט, אז דעם נעכסטען יאָהר זיינען צום נאַציאָנאַל־רעליגיעזען יום טוב האַדזשאַ אין מעקאַ געקומען 75 נייע בעקעהרטע זעהען דעם פּראָפעט. מיט זיי האָט מאַהאָמעד אָבגעמאַכט, אז זיי זאָלען איהם נעהמען אונטער דעם שוץ פון זייער שטאַם נאָך דעם אראַבישען מנהג, דען ער האָט ערקלעהרט, אז ער וויל זיך אויסשליסען פון זיין אייגענעם שטאַם. ער האָט פערלאַנגט, אז זיי זאָלען שווערען, דאָס זיי וועלען איהם פערטהיידיגען מיט געוועהר אין האַנד, אזוי וויא

זייערע אייגענע פרויען און קינדער, און זיי האָבען געשוואָרען. אום דיזער אָבמאַך זאָל האָבען א געזעליכע פאָרמע נאָך דיא אראבישע מנהגים, האָט מאהאָמעד מיטגענומען זיין אָנקעל אבאס, אלס דעם עלטסטען פון זיין משפחה, צו בעוויליגען, אז זיין פלעמעניק זאָל ווערען א מיטגליעד פון דיא יאטריבער שטאַמען.

באלד נאָך דיזער שבועה האָבען דיא מייסטע מוסולמאַנער פון מעקא אריבערגעוואנדערט נאָך יאטריב אונטער דער פיהרונג פון אָמאר. מאהאָמעד איז פערבליבען צוזאַמען מיט אבו־בעקר און עטליכע אנהענגער אין מעקא, וואהרשיינליך אום אָפּצו־ווארטען, וואָס זיינע אנהענגער וועלען אויפטאָן אין זיין נייעם צענטראל־פונקט. נאָר דיא קאָרעישיטען האָבען איהם ניט געלאָזט לאַנג ווארטען. זיי האָבען זיך צוזאמענגערעדט צו פערהאלטען דעם פּראָפעט מיט געוואלט, און עס האָבען זיך ארומגעטראָגען קלאַנגען, אז זיי קלייבען זיך איהם איינפאך אומצובריינגען. וויא ווייט דיזע קלאַנגען זיינען געוועזען בעגרינדעט, ווייס מען ניט; נאָר אבו־בעקר האָט געקויפט צוויי נייע קעמלען און אין איין פינסטערע נאכט האָט ער זיך אָבגעטראָגען פון מעקא צוזאמען מיט מאהאָמעד'ן. דריי טעג זיינען זיי געלעגען בעהאלטען אין א הייל הינטער דער שטאָדט, וואוהין אבו־בעקר'ס דיענער האָבען זיי געבראַכט שפּייז. אין דער נעכסטער נאכט זיינען זיי ארויס פון הייל צו אַן אָרט, וואו א וועגפיהרער האָט אויף זיי געווארט מיט קעמלען, און האָבען זיך א לאָז געטהאָן דורך זייטיגע וועגען נאָך יאטריב, וואוהין זיי זיינען בשלום אָנגעקומען און דאָרט אויפגענומען געוואָרען מיט דער גרעסטע פריידע פון אלע זיינע אנהענגער, דיא מאָגאדזשירען (אויסוואנדערער) פון מעקא און דיא אנסארען (פערבונדענע) פון יאטריב, וועלכע שטאָדט האָט זייט דאַן געקראָגען דעם נאָמען מע־דינא נאבי (מדינת נביא), דיא שטאָדט פון פּראָפעט.

דיזע פליטה, אויף אראביש העדזשרא — דיא וויכטיגסטע פּאַ־סירונג אין דער געשיכטע פון מאהאמעדאַניזמוס — איז געשעהען אין מאָנאט יולי, 622 יאהר. (פון 16טען יולי פאנגט זיך אָן דיא מאָהאמעדאנער צייט־רעכנונג).

6.

די מוסולמאַנער אין מעדינאַ און זייער ערשטע „הייליגע מלחמה“.

אין מעדינא האָט מאהאָמעד פיעל שנעלער געקראָגען אנהענגער וויא אין מעקא. מיר ווייסען שוין, אז דער באָדען איז דאָרטען גרייט געווען פאר דעם מאָנאָטעאיזמוס איבערהויפט און פאר דעם מאָהאמעדאניזמוס בעזאָנדערס.

אָנפאַנגס האָט ער געזוכט צו לעבען בשלום ניט נאָר מיט דיא אידען, זאָנדערן אפילו מיט דיא געצענדיענערס. אלע זיינע אנהענגער האָט ער אָרגאַניזירט אין אַ רעליגיעז־פּאָליטישע געמיינדע. ער האָט אָבגעשאַפט זייערע פריהערע צוטהיילונגען אין שטאַמען און אויך גאולת הדם, וואָס עס איז געווען א זעהר וויכטיגער פאָרטשריט אין אלע בעציהונגען. זיין שטרעבונג איז געווען צו פעראייניגען אַלע אַראבען אונטער דעם פלאַג פון זיינע לעהרען, פון איסלאַם. דיאַ מענשהייט האָט ער צוטהיילט אין רעכטגלויביגע אָדער מוסולמאַנער און אין אונגלויביגע. געגען די אונגלויביגע האָט ער נאָך דערווייל ניט געהייסען ארויסטרעטען מיט פייער און שווערד, ניט נאָר אזוי וויל ער האָט זיך ניט געפיהלט גענוג שטארק צו בעקעהרען מיט געוואלט, זאָנדערן ווייל זיינע אויספיהרונגען וועגען דיזען פונקט זיינען נאָך ניט געווען גענוג קלאָר פאר איהם אליין. זיין לעהרע וועגען א הייליגע מלחמה האָט זיך צוערשט ארויסגעוויזען אין זיין געבאָט, אז דיא מוסולמאַנער זאָלען זיך פערטהיידיגען געגען זייערע געגנער מיט געוועהר אין האנד.

מיט דיא געצענדיענערס פון מעדינאַ האָט ער אָבגעמאכט, אז זיי זאָלען זיך ניט פערבינדען מיט דיא קאָרעישיטען און אנדערע זיינע געגנער. ער האָט געהאָפט אז זיי וועלען מיט דער צייט ווערען זיינע אנהענגער, וואָס עס איז אויך געשעהען, און ער האָט זיי ניט געריהרט. מיט דיא אידען האָט ער געשלאָסען א פריינדליכען בונד. זיי האָבען זיך פערפליכטעט צו אונטערשטיצען איהם

מיט געלד און אָנצונעהמען זיינע בעשליסע אין פּראָצעסען מיט מו־סולמאַנער.

יעדענפאַלס האָבען זיך אַלע דריי טהיילען פון דער בעפעלקע־רונג אין מעדינא, דיא מוסולמאַנער, אידען און געצענדיענערס, פערפּפליכטעט צו בעשיצען געמיינשאַפטליך דיא שטאָדט געגען אַלע אָנגרייפערס.

נאָר באַלד האָט מאַהאָמעד, וועלכער האָט געלייגט גרויסע האָפנונגען אויף דיא מיטווירקונג און אַנערקענונג פון דיא אידען, זיך אַרומגעזעהען, אז ער האָט אַ גרויסען טעות געהאַט וועגען זיי. וויא שטאַרק דיא אידען האָבען ניט סימפּאַטיזירט מיט דיא חאַני־פען, מוסולמאַנער און אַלע געגנער פון געצענדיענסט, האָבען זיי דאָך ניט געקענט אַנערקענען מאַהאָמעד׳ן פאַר אַ נביא אוים דעם איינפאַכען גרונד, ווייל זיי האָבען גלייך געזעהען, אז ער איז אַן אונוויסענדער מענש, אַן עם־הארץ. ער איז אַזוי געווען איינגע־גלויבט אין זיין פּראָפעטען־ראָלע, אז ער האָט גאָר ניט געהאַלטען פאַר נייטיג זיך צו בעקענען נעהענטער מיט דיא אידישע און קריסטליכע הייליגע שריפטען, אויף וועלכע ער האָט זיך אָפט גע־שטיצט אין זיינע דרשות און נביאות. ער האָט איבערגעגעבען וועגען דיזע שריפטען וואָס עס איז איהם איינגעפאַלען אין קאָפּ און האָט פערדרעהט פסוקים מיט׳ן קאָפּ אַראָפּ. דיא אידען האָבען נאַ־טירליך גלייך נאָך זייערע ערשטע געשפּרעכען מיט דעם אַראַבישען פּראָפעט געזעהען, אז ער וויים נאָר פון דער ביבעל אַזוי פיעל, וויא פיעל עס איז איהם אויסגעקומען צו הערען פון זייטיגע אונוויסענדע מענשען, און זיי האָבען זיך דאַרום איינפאַך אויסגעלאַכט פון איהם.

דאַן איז ער אין כעס געוואָרען און האָט ערקלערט מיט זיין געוועהנליכען בלינדען גלויבען אין זיין געטליכער קראַפט: „גאָט האָט געשיקט דעם קאָראַן דיא אידען צו בעשטעטיגען זייערע שריפ־טען, אָבער זיי האָבען ניט געגלויבט.“ באַלד נאָכדעם האָט ער אָנגע־זאָגט זיינע אנהענגער, אז זיי זאָלען ענדערן דיא זאָ־גענאַנטע „קובלא“, דאָס הייסט, זיי זאָלען זיך אין זייער געבעט ניט שטעלען

מיט׳ן פנים צו ירושלים, וויא ער האָט פריהער געהייסען, זאָנדערן צו מעקא, וויא אַלע מאָהאַמעדאַנישע טוען עס טאָקע זייט דאַן.

דערמיט האָט ער געגעבען צו וויסען, אַז ער האָט זיך אין גאַנ־צען אָבגעזונדערט פון דיא אונגלויביגע אידען. נאָר באַלד איז ער פון ווערטער און נביאות איבערגעגאַנגען צו געוואַלט און בלוטיגע אַטאַקעס אויף אידען. זיין שרעקליכע לעהרע וועגען א „הייליגע מלחמה“ איז אַלץ אָפּענער און געשייטער געוואָרען. צו דיזער צייט האָט ער שוין ערקלערט פאַר א מצוה צו בעקעמפּפען מיט׳ן שווערד דיא אונגלויביגע און האָט פערשפּראָכען אַלע גליקען פון גן־עדן צו דיא מוסולמאַנער, וואָס וועלען פאַלען אין א שלאַכט פאַר דעם איסלאַם. „אויב איהר וועט בעגעגענען אונגלויביגע,“ שטעהט אויסדריקליך אין קאָראַן, „זאָלט איהר קעמפּפען מיט זיי ביז איהר וועט זיי ניט אויס׳הרג׳ענען. לייגט אַרויף קייטען אויף דיא גע־פאַנגענע. גאָט וואָלט זיי געקענט אויסראָטען אָהן אייער הילפע, אָבער ער וויל אייך אויספּרובירען. פיהרט מלחמות מיט אייערע פיינד פאַר אייער גלויבען, אָבער פאַלט ניט אָן דיא ערשטע. גאָט האַסט אָנגרייפערס. טויטעט אייערע פיינדע, וואו איהר וועט זיי נאָר געפינען... אויב זיי וועלען אָנפאַלען אויף אייך, באָדט זיך אין זייער בלוט. אָט דאָס איז דער לוין פון דיא אונגלויבעריי... פיהרט שלאַכטען מיט פיינדע ביז מען וועט שוין ניט דאַרפען מורא האָבען פאַר פערפיהרונג, ביז דער איסלאַם וועט שטאַרק ווערען“....

אין דעם זעלבען קאַפּיטעל פון קאָראַן געפינען זיך אָבער אַזעלכע פּסוקים: „געברויכט ניט געוואַלט געגען מענשען צוליעב זייער גלויבען. דער וועג פון ערלייזונג אונטערשיידעט זיך גענוג פון דעם וועג פון טעות.“

אום צו פערשטיין דיזען ווידערשפּרוך צווישען פּסוקים פון איין קאַפּיטעל, דאַרף מען נעהמען אין אַנבעטראַכט, אַז דיא הייליגע מלחמה האָט מאַהאָמעד געפּרעדיגט ניט געגען אַזעלכע אונגלויביגע, וואָס גיבען זיך אונטער אָדער טרעטען ניט אַרויס געגען קאָראַן, זאָנ־דערן געגען אַזעלכע, וואָס שטערען די פערשפּרייטונג פון מוסולמאַ־נער גלויבען. די הייליגע מלחמה איז איבריגענס נאָר געוועזען א מי־

טעל צו געווינען אנהעננגער אָדער צו פערניכטען אָפענע געגנער ביז דער איסלאַם וועט ווערען אַ שטאַרקער מאַכט. אום צו קענען בע־קעמפפען דיא אונגלויביגע, האָט ער אויך אָרגאַניזירט מיליטערישע זיינע אנהעננגער.

דער אָנפאַנג פון אַ הייליגע מלחמה איז געמאַכט געוואָרען דעם צווייטען יאָהר פון הידזשרא. עטליכע מוסולמאַנער, וועלכע מאַהאָמעד האָט געשיקט שפּיאָנירען אין מעקא, זיינען פּלוצלונג בעפאַלען אַ קאַראַוואַן, וואָס איז אָנגעפיהרט געוואָרען פון 4 קאָרעי־שיטען. איינעם האָבען זיי געטויטעט, איינעם איז געלונגען צו אנטלויפען נאָך מעקא, און 2 האָבען זיי געפאַנגען און געבראַכט נאָך מעדינאַ. דיזע רויבערישע אטאַקע איז גראַדע געמאַכט גע־וואָרען אין דער צייט פון דעם הייליגען מאָנאַט, ווען עס האָט גע־הערשט פריעדען אין אַראַביען. ווען מאָהאַמעד האָט דערהערט פון דיזער אַטאַקע, איז ער אָנפאַנגס זעהר אין כעס געווען, וואָס מען האָט געבראָכען דעם נאַציאָנאַלען פריעדענס־מנהג; אָבער באַלד האָט ער זיך בערוהיגט און ערקלערט, אַז „געצענדיענעריי איז ער־גער וויא מאָרד.“

אַ מאָנאַט 3 נאָך דיזער מערדערישער אַטאַקע און איינפאַכער רויבעריי (דיא גערויבטע זאַכען האָט מאַהאָמעד אליין צוטהיילט צווישען זיינע אנהעננגער) האָט דער פּראָפעט אַליין בעשלאָסען צו בעפאַלען אַ גרויסען קאַראַוואַן, וואָס דער רייכער קאָרעישיט אבו־סאָפּיאַן האָט געפיהרט פון סיריען נאָך מעקאַ. 950 מאַן האָבען בע־גלייטעט דיזען קאַראַוואַן, וועלכער האָט געפיהרט טייערע סחורות אויף 700 קעמלען און 100 פערד (דיא סחורות האָבען בעטראָפען 50.000 דינאַרען, דאָס הייסט אונגעפעהר 100,000 דאָלאַר.) מאַהאָמעד האָט צוזאַמענגעקליבען 314 פון זיינע מוטהיגסטע אנ־העננגער מיט 70 קעמלען און 2 פערד און איז פּלוצלונג בעפאַלען די קאָרעישיטען אין דעם אַזיס בעדר אויף'ן וועג צווישען מעדינאַ און מעקאַ (אונגעפהר 150 קילאָמעטער פון מעדינאַ.)

דאָס איז געווען דיא ערשטע „הייליגע“ שלאַכט פון דעם פּראָ־פעט. זיא האָט זיך געענדיגט מיט אַ זיעג פאַר דיא מוסולמאַנער,

ווייל דיא מעקאנער האָבען זיך גאָר ניט געריכט אויף אזא אטאַקע און זיינען צומישט געוואָרען. דיא מייסטע פון זיי זיינען זיך צו־לאָפען אין שרעק. מאָהאמעד׳ס באַנדע האָט געפאַנגען אַ 50 „אונ־גלויביגע” און אַלע סחורות פון קאַראַוואַן צוזאַמען מיט דיא קעמ־לען און פערד. נאכהער זיינען זיי אריין מיט פריידע־געשרייען אין מעדינאַ, און מאָהאמעד האָט ערקלערט, אַז דיא שלאַכט איז גע־וואונען געוואָרען דורך דיא אריינמישונג פון 3000 מלאכים אונטער דער קאָמאַנדע פון גבריאל און מיכאל. דערמיט האָט ער ארויפ־געלייגט אַ געטליכען שטעמפעל אויף דיזער איינפאַכער רויבעריי. דיזע הייליגע מלחמה איז איינגענטליך געווען אַ רויבערישע אטאַקע אויף אַ קאַראַוואַן אזוי וויא דאָס האָט זיך געפיהרט אין אראַביען, נאָר דיא מוסולמאַנער זיינען געווען בעגייסטערט, ווייל מאָהאמעד האָט זיי דערפאַר פערשפּראָכען דיא בעסטע פּלעצער אין גן־עדן.

דיא גערויבטע זאכען האָט מען באַלד צוטהיילט. אַ פינפטעל איז בעשטימט געוואָרען פאַר דיא הייליגע קאַסע. מאַהאָמעד האָט פאַר זיך גענומען אַ שווערד און אַ קעמעל, דאָס איבעריגע איז פער־טהיילט געוואָרען גלייך צווישען אַלע קעמפּפערס. צוויי פון דיא געפאַנגענע קאָרעישיטען האָט מאַהאָמעד געהייסען טויטען, דיא איבעריגע האָט ער געלאָזען לעבען, אום צו קריעגען פאַר זיי אויס־קויפס־געלד.

.7

מאהאָמעד און דיא אידען פון מעדינא.

דער רויבערישער זיעג איבער אבו־סאָפיאן׳ס קאראוואן האָט נאטירליך פערשטארקט דיא וואקסענדע מאכט פון דעם פראָפעט, און פיעלע אראבען זיינען צו איהם צוגעשטאנען אין דער האָפנונג אויף א חלק אין ווייטערע אזעלכע „היילינע“ מלחמות. ער האָט זיך שוין געפיהלט אזוי שטארק, דאָס ניט נאָר האָט ער געהייסען אומברייננען אן אראבישע פרוי און א אידען, ווייל זיי האָבען זיך אויסגעלאכט פון זיין פערזאָן און נביאות, זאָנדערן האָט בעשלאָסען צו אונטערדריקען דיא אידען אין מעדינא. ער האָט געוואָלט זיך אָפרעכענען מיט זיי, פאר וואָס זיי האָבען זיך ענטזאגט צו אנערקע־נען איהם פאר א פראָפעט, און צו גלייכער צייט פטור צו ווערען פון געפעהרליכע געגנער.

גראדע האָט עס געטראָפען, אז אין א פּאָאר וואָכען נאָך דער שלאכט אין אָאזיס בעדר איז פאָרגעקומען א געשלעג אין א פאָר־שטאָט פון מעדינא, וועלכע איז געווען בעוואָהנט פון דעם אידישען שטאם בני־קעינאָקא. דער געשלעג האָט זיך אָנגעפאנגען צוליעב דעם, וואָס א מוסולמאן איז בעפאלען א אידישע פרוי, און האָט זיך געענדיגט מיט דעם טויט פון דיזען מוסולמאן און פון איין איד, וואָס האָט פערטיידיגט די בעליידיגטע פרוי. מאהאָמעד האָט זיך בענוצט דערמיט, אום צו ערקלערען קריעג דיזען אידישען שטאם. אונגליקליכערווייזע זיינען דיא אידען אין אראביען געווען צוטהיילט אין קליינע שטאמען, אזוי ווי די אראבען, און האָבען אויך אָנגע־נומען פיעלע אראבישע מנהגים. יעדער שטאם האָט זיך געלעבט פאר זיך און האָט זיך גאנץ ווייניג געקימערט פאר אנדערע. דא־רום האָבען זיך דיא אנדערע אידישע שטאמען ניט אָנגענומען פאר זייערע ברידער פון שטאם בני־קעינאָקא. דיא אידען האָבען אויך ניט געזעהען, אז מאהאָמעד׳ס שטייגענדע מאכט איז דיא גרעסטע געפאהר פאר זיי. ווען אלע אידישע שטאמען וואָלטען זיך פער־

בונדען, וואָלט מאהאָמעד זיי ניט געקענט בייקומען, נאָר געגען יע־
דען בעזונדער האָט ער שוין געהאַט גענוג מאכט.

דיא פאָרשטאדט פון דיא בני־קעינאָקא איז ארומגערינגעלט
געוואָרען פון דיא מוסולמאנער. דיא אידען האָבען בראוו גע־
קעמפּפט, אָבער נאָך א 2 וואָכעדיגער בעלאַגערונג האָט זיי דער הונ־
גער געצוואונגען זיך אונטערצוגעבען. מאהאָמעד האָט נאָר פער־
לאַנגט פון זיי, אז זיי זאָלען פערלאָזען מעדינא, און זיי האָבען אויס־
געוואנדערט נאָך סיריען.

אין א יאָהר ארום איז ער אָהן שום אורזאכע בעפאַלען דעם
שטארקען אידישען שטאַם בני־נאַדיר און האָט זיי אויך געצוואונגען
אויסצו־וואנדערען. אום זיך צו רעכטפערטיגען פאר דיזע שענדליכע
אטאקע אפילו נאָך דער מאָראַל פון רויבערישע אראבען, האָט
מאָהאמעד ערקלערט, אז דער מלאך גבריאל האָט איהם אזוי גע־
הייסען טאָן. דיזען מלאך האָט ער איבערהויפּט אלץ עפּטער אָנ־
געפאנגען צו געברויכען, ווען ער פלעגט געפינען פאר נויטיג צו גע־
בען א געטליכע הסכמה אויף זיינע „הייליגע מלחמות“.

דיא לענדער פון דיא פעריאָגטע אידען האָט ער צוטהיילט
צווישען דיא מאָגאַדזשירען (אויסוואנדערער פון מעקא), וועלכע
האָבען פריהער געלעבט אויף דער רעכענונג פון זייערע מוסולמאנער
ברידער אין מעדינא. ער האָט אלזאָ פערזאָרגט זיינע אָרימע אנ־
הענגער פון מעקא אויף דער רעכנונג פון דיא אידען.

דיא בערויבטע בני־נאַדיר זיינען אוועק נאָך סיריען, נאָר
אויפ'ן וועג האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט אין דער אידישער קאָלאָניע
חעיבאַר, וועלכע איז צו דער צייט צוגעטראָטען צו דעם בונד פון
אראבישע שטאַמען אונטער דער פיהרונג פון דיא קאָרעישיטען.
דערפאר האָט מאהאָמעד גענומען בלוטיגע ראכע פון דעם אידישען
שטאַם בני־קאָרעיזא, וועלכער איז נאָך פערבליבען אין מעדינא.
ווען מאהאָמעד'ן איז געלונגען צו ברעכען דעם בונד פון דיא קארעי־
שיטען, וויא מיר וועלען עס באלד זעהען, האָט ער בעלאַגערט דיא
בני־קאָרעיזא אין זייער קווארטאל און זיי געצוואונגען זיך אונטער־
צוגעבען. זיי האָבען געהאָפט אויף דער הילפע פון דעם אראבישען

שטאָם אאוס, מיט וועלכען זיי זיינען געווען אין פריינדליכע בע־ציהונגען אין פריהערע יאָהרען. דיזער שטאָם האָט שוין אָבער אָנגענומען דעם איסלאַם, און זייער אַלטער פיהרער, וועלכער איז שטערבליך פערוואונדעט געוואָרען אין דעם קאַמפּף מיט דיא קאָרעישיטען, איז געוואָרען א וויסטער פאַנאַטיקער און האָט גע־וואָלט נעהמען ראַכע פון דיא אידען דערפאַר, וואָס זיי האָבען זיך פערבונדען מיט דיא שונאים פון איסלאַם. ווען דיא בעזיעגטע אי־דען האָבען פערלאַנגט מען זאָל זיי לאָזען פריי אויסוואַנדערן פון מעדינא אַזוי וויא זייערע ברידער, דיא בני־קעינאָקא און דיא בני־נאַדיר, האָט מאַהאָמעד איבערגעגעבען זייער שיקזאַל אין דיא הענד פון דעם פיהרער פון דיא אַאוסען, ווייל ער האָט גוט געוואוסט, אַז דיזער פאַנאַטישער מוסולמאַן וועט זיך בלוטיג אָפּרעכענען מיט זיי. דערמיט האָט מאַהאָמעד געוואָלט אראָפּנעהמען דיא פעראַנטוואָרט־ליכקייט פון זיך.

ווען מען האָט איבערגעגעבען דעם פיהרער פון דיא אַאוסען, וועלכער האָט זיך שוין געראַנגעלט מיט'ן טויט, אַז דער פּראָפּעט האָט איהם געלאָזען ענטשיידען, וואָס מען זאָל טאָן מיט דיא בני־קאָרעיזאַ, האָט ער גלייך בעפוילען, אַז אַלע ערוואַקסענע מענער זאָל מען אויסשלאַכטען און אַלע פרויען און קינדער פערקויפען אין שקלאַווען. דיזער שרעקליכער בעפעהל איז גלייך אויסגעפיהרט געוואָרען. ביז 600 אידען האָט מען אויסגעקוילעט. בלויז איי־נער האָט זיך געראַטעוועט פון טויט דורך דעם, וואָס ער האָט אָנגענו־מען דעם איסלאַם. איין שעהנע אידישע מיידעל האָט מען גע־צוואונגען אָנצונעהמען דעם איסלאַם, און מאַהאָמעד האָט איהר אַריינגענומען אין זיין האַרעם. דיא איבעריגע אידישע פרויען און קינדער זיינען צוטהיילט געוואָרען צווישען דיא מוסולמאַנער.

נאָך דיזער פערניכטונג פון דיא בני־קאָרעיזא האָט שוין מאַ־האָמעד מעהר ניט געהאַט צו פירכטען פאַר אידען, און מעדינא איז געוואָרען א מוסולמאַנער שטאָדט אונטער זיין אונבעשרענקטער הערשאַפט.

.8

דער קאַמפף מיט דיא קאָרעישיטען.

אין דער צייט, ווען מאַהאָמעד האָט געזוכט צו בעפעסטיגען זיך אין מעדינא נאָך דער רויבערישער אטאקע אויף אבו סאָפיאן'ס קאַראוואַן אין אָאַזיס בעדר, האָבען די קאָרעישיטען נאטירליך געזוכט זיך אָבצורעכענען מיט איהם און זיינע נאָכפאָלגער. זיי האָבען בעשטימט אַ טרויער־צייט אין מעקא אַזוי לאַנג ביז מאַהאָמעד וועט ניט בעזיעגט ווערען. אבו־סאָפיאן, וועמען עס איז געלונגען צו רעטען זיך נאָך זיין ניעדערלאַגע אין בעדר, האָט צוזאַמענגעקליבען 3000 מאַן מיט 200 פערד, אום צו זיין זיכער געגען דיא אנהענגער פון מאַהאָמעד אין מעדינא. אויסער דעם האָבען דיא קאָרעישיטען זיך פערבונדען מיט עטליכע געצענדיענערשע שטאַמען.

דעם 24טען יאַנואַר, 625 (דעם דריטען יאָהר נאָך הידזשרא) איז דיזע מחנה צוגעקומען צו די בערג אָכאָד לעבען מעדינא. מאַהאָמעד האָט ניט געוואָלט ווארטען ביז דיא מעקאנער וועלען איהם בעלאַגערען אין מעדינאַ און האָט בעשלאָסען צו פּרובירען מזל אין אַן אָפענער שלאַכט. ער איז ארויס סך הכל מיט 700 מוסולמאַנער און 300 מעדינער אַראַבען, וועלכע האָבען נאָך ניט אנערקענט דעם איסלאַם, נאָר האָבען זיך פערבונדען מיט איהם אין דיא אינטערעסען פון דער שטאָדט. נאָר ביי נאַכט האָבען זיך דיא געצענדיענערס שטילערהייט אָבגעטראָגען, און מאַהאָמעד איז בלויז געבליבען מיט זיינע אנהענגער געגען דיא גרויסע מאַכט פון דיא קאָרעישיטען.

דער פעררעטה פון דיא געצענדיענערס האָט איהם ניט אָבגעהאַלטען. איהם איז געלונגען צו פערנעהמען זעהר גוטע פּאָזיציאָנען אויף דיא בערג, זאָ דאָס אָנפאַנגס האָבען דיא מוסולמאַנער צוריקגעשטויסען אַן אטאקע פון דיא קאָרעישיטען, אָבער שליסליך האָט זיך דיזע שלאַכט געענדיגט זעהר טרויעריג פאַר דעם פּראָפעט. ער אַליין איז לייכט פערוואונדעט געוואָרען אין געזיכט און אין קניע און איז אַריינגעפאַלען אין א קאַנאַווע. עס האָט געפעהלט א

האָאַר, אַז ער זאָל זיך אָבטראָגען צום דעם מלאך גבריאל, וועלכער האָט זיך דיזען מאָל ניט בעוויזען מיט זיינע מחנות ענגלען. ווען א צופאַל וואָלט דאָ ניט געהאָלפען דעם פּראָפעט, וואָלט וואהר־שיינליך געווען אַן ענדע פון זיין איסלאַם און עס וואָלט געבליבען אַן אנדענקען אָן איהם אין אראבישע לעגענדען.

נאָר זיינע אנהענגער האָבען איהם אויפגעהויבען א צובלוטיג־טען און אַוועקגעטראָגען אין א זיכערען אָרט, וואו דיא לעבעדיג געבליבענע מוסולמאַנער האָבען איהם ארומגערינגעלט. זיין אָנקעל חאַמזאַ, אַ זעהר מוטהיגער און פעהיגער קריעגער, איז געטויטעט געוואָרען צוזאַמען מיט 70 מוסולמאַנער. אין דיא רייהען פון דיא זיעגרייכע קאָרעישיטען האָט זיך פערשפּרייטעט אַ קלאַנג, אַז מאַ־האָמעד איז געטויטעט געוואָרען. אבו־סאָפיאַן איז דאַן צוגעריטען צו אַ פּאָזיציאָן פון דיא מוסולמאַנער אונטער דער קאָמאַנדע פון אָמאַר און האָט אויסגעשריען: „איז עס אמת, אַז מאַהאָמעד איז טויט?“ „ער לעבט און וועט נאָך אייך דערלאַנגען פעפער!“ האָט אָמאַר געענטפערט. „אויב אזוי, וועלען מיר זיך נעכסטען יאָהר צוזאַמענטרעפען אין בעדר!“ האָט אבו־סאָפיאַן אויסגערו־פען, און איז אַוועק צו זיין לאַגער.

אבו־סאָפיאַן׳ס פרוי, וועלכע האָט בעגלייטעט דיא קאָרעישי־טען צוזאַמען מיט אַנדערע פרויען, האָט אין דער זעלבער צייט בע־גאַנגען א שוידערליכע טהאַט. אַזוי וויא איהר פאַטער איז געטוי־טעט געוואָרען פון מאַהאָמעד׳ס אָנקעל חאַמזאַ ביי דער רויבערישער אַטאַקע אין דעם אַאַזים בעדר, האָט זיא זיך יעצט אַ וואָרף געטאָן אויף זיין טויטען קערפּער, האָט אויפגעשניטען זיין בויך, האָט אַרויסגעריסען זיין לעבער און עס אויפגעפרעסען רויערהייט!... אַנ־דערע פרויען האָבען אָבגעשניטען ביי דיא געטויטעטע מוסולמאַנער דיא נעזער און אויערען און געמאַכט דערפון האַלזבענדער!... אַט אַזוי ווילד זיינען נאָך דיא אראַבען געווען אין יענער צייט.

דיא קאָרעישיטען האָבען ניט אויסגענוצט זייער זיעג צו פער־יאָגען מאַהאָמעד׳ן פון מעדינאַ. דאָס האָט איהם גערעטעט פון אַ מעגליכען אונטערגאַנג. זיי האָבען זיך צוריקגעקעהרט נאָך מעקאַ,

דיינקענדיג נעכסטען יאָהר צו קומען מיט אַ גרעסערע מאַכט און מאַכען אַ סוף פון דיא מוסולמאַנער.

מאַהאָמעד האָט זיך בענוצט דערמיט, אום אויפצומונטערן זיינע נידערגעשלאָגענע אנהענגער. ער האָט ניט בעוויזען מוטה אין דיזער שלאַכט. ער האָט געטראָגען 2 שטאַרקע פּאַנצירען, וועלכע האָבען איהם גערעטעטעט פון טויט, און ער איז אַריינגעפאַלען אין דער קאַנאַווע איינפאַך אויס שרעק. נאָר ווען דיא קאָרעישיטען האָבען אָנגעפאַנגען זייער מאַרש צוריק, איז ער אַרויס מיט זיינע טרייעסטע אנהיינגער כלומרשט נאָכצויאָגען זיך נאָך דיא שונאים. אין דער ווירקליכקייט אָבער איז ער פערבליבען דריי טעג צווישען דיא בערג און האָט זיך צוריקגעקעהרט נאָך מעדינאַ. וועגען זיין נידערלאַגע האָט ער זיך אַרויסגעדרעהט מיט פאָלגענדען תירוץ: „זאָ לאַנג איהר האָט מיר געפאָלגט, האָט איהר געזיעגט; אָבער וויא נאָר איהר האָט אויס געמיינע האַבזוכט ניט געהערט דעם ווילען פון גאָט און דיא בעפעהלע פון זיין שליח, האָט איהר געקראָגען דיא פערדיענטע שטראָף, און אייערע פיינדע האָבען געזיעגט. נור גאָט איז באַרמהערציג, ער האָט שוין פערגעבען אייערע זינד און וועט ניט דערלאָזען, אַז איהר זאָלט אונטערגעהן.“

זיינע ווערטער וועגען דיא „געמיינע האַבזוכט“ האָבען זיך בעצויגען אויף דעם פאַל, ווען דיא מוסולמאַנער, וועלכע האָבען צוריקגעשטויסען דיא ערשטע אַטאַקע פון דיא קאָרעישיטען, האָבען אָנגעפאַנגען צו רויבען זייער לאַגער. דיא „גלויביגע“ האָבען זיך אַזוי „פערטיעפט“ אין דיזער רויבעריי, אַז זיי האָבען ניט בעמערקט, וויא דער שונא האָט זיך צוזאַמענגעקליבען זיי צו פעריאָגען. מען רעכענט, אַז דאָס איז טאַקי געוועזען דיא הויפּט־אורזאַכע פון מאַהאָמעד'ס נידערלאַגע אין דיזער שלאַכט לעבען דיא בערג אָכאָד.

אום נאָך מעהר אויפצומונטערן זיינע אנהענגער, האָט ער עס געהייסען אין נאָמען פון מלאך גבריאל בעפאַלען דעם אידישען שטאַם בני־נאַדיר. דעם נעכסטען יאָהר איז זיין מאַכט אַזוי געוואַקסען, אַז ער האָט שוין געקאָנט צוקומען צום אָאַזיס בעדר מיט

1500 „הייליגע“ קריגערס, אום דאָרט צו געבען אַ שלאַכט דיא קאַרעישיטען, וויא עס איז אָבגעמאַכט געווען מיט אבו־סאָפיאַן. נאָר דאָרט האָבען זיי אָנשטאָט שונאים געפונען אַ פריעדליכען יריד. דיא קאָרעישיטען זיינען ניט געקומען, ווייל זיי האָבען זיך געקליבען אויסצופיהרען אַ גרויסען פּלאַן געגען דיא מוסולמאַנער. זיי האָבען זיך נעמליך פערבונדען מיט דריי גרויסע געצענדיענערשע שטאַמען און מיט דיא אידען פון דער קאָלאָניע חעיבאַר, וואו עס האָבען זיך געפונען פיעלע פון דיא פעריאָגטע בני־נאַדיר. אבו־סאָפיאַן, דער פיהרער פון דיזען בונד, האָט צוזאמענגעקליבען אַ גרויסע מחנה צו בעלאַגערען מעדינא. נאָר אין דיזער געפעהרליכער לאַגע איז מאַ־האָמעד'ן צו הילפע געקומען אַ פערס מיט דעם נאָמען סאַלמאַן, וועלכער האָט לאַנג געדיענט אין דיא פערסישע ארמעען און איז ענדליך געפאַנגען און פערקויפט געוואָרען אין שקלאַווערייַ צו איי־נעם פון דיא אראַבען אין מעדינא. ווען סאַלמאַן האָט אָנגענומען דעם איסלאַם, האָט מען איהם בעפרייט. ער האָט דערפאַר זעהר טרייַ געדיענט דעם פּראָפעט. וויא נאָר מען האָט זיך דערוואוסט אין מעדינא וועגען דיא גרויסע ארמעע וואָס אבו־סאָפיאַן האָט צו־זאַמענגעקליעבען, איז דיזער פערס אַוועק צו מאַהאָמעד'ן און האָט איהם געגעבען אַ פּלאַן צו בעשיצען דיא שטאָדט מיט גראָבענס און ערד־פעסטונגען ארום. דיא אראַבען האָבען גאָר ניט געוואוסט פון אַזעלכע בעשיצונגס־מיטלען, נאָר מאַהאָמעד האָט גלייך איינגעזעהען דיא גרויסע נוצען פון אַזעלכע בעפעסטיגונגען און האָט געהייסען זיינע נאָכפאָלגער אויספיהרען דעם פערסישען פּלאַן.

ווען דיא קאָרעישיטען זיינען אין 627 צוגעקומען צו מעדינא, זיינען זיי ניט ווייניג ערשטוינט געווען, ווען זיי האָבען זיך אָנגע־שטויסען אויף גראָבענס און ברוסטווערק. זיי האָבען פּרובירט אַרי־בערגעהן דיא גראָבענס, אָבער זיי זיינען שנעל פעריאָגט געוואָרען. זיי האָבען דאַן בעשלאָסען צו בעלאַגערען דיא שטאָדט, נאָר אַזוי וויא זיי האָבען ניט מיטגענומען גענוג פּראָוויאַנט פאַר אַזעלכע גרויסע מחנות, האָבען זיי אין עטליכע וואָכען ארום געמוזט אין גאַנצען אָפּטרעטען.

מאהאמעד איז דארום פערבליעבען דער הערשער פון מעדינא, און זיין גאנצע מאכט האָט ער בענוצט, אום זיך אָפּצורעכענען מיט דיא אידען, וועלכע האָבען געהאָלפען דיא קאָרעישיטען. דאן האָט ער עס אומגעבראכט דעם גאנצען שטאם בני־קאָרעיזא. וויא עס איז ערקלערט געוואָרען אין פאָריגען קאפּיטעל.

9.

מאהאָמעד'ס נצחון אין מעקא.

אין פריהלינג פון נעכסטען יאהר האָט מאהאָמעד ערקלערט, אז ער האָט געזעהען אין חלום, דאָס ער איז אוועק נאָך מעקא בע־טען גאָט און דאָס מען האָט איהם דערלאַנגט דיא שליסלען פון קאאבא־טעמפעל. דאַרום האָט ער געהייסען זיינע אנהענגער איהם נאָכפאָלגען נאָך מעקא, אום איינפאַך צו בעטען גאָט. מעהר וויא שווערדען האָט ער זיי ניט געהייסען מיטנעהמען, דען דער צוועק פון דיזען מאַרש איז געווען א פרידליכער און רעליגיעזער. עס איז נאָך גראַדע געווען דיא צייט, ווען אראַבען האָבען עס געהאַלטען פאַר זייער היילינע פפליכט ניט צו בעפאַלען און ניט צו רויבען, ווען אין מעקא האָט מען געפּראוועט דיא געצענדיענערשע צערעמאָניעס לכבוד דעם גרויסען פריהלינגס־יום טוב האַדזשא.

1500 גלויביגע האָבען נאָכגעפאָלגט דעם פּראָפעט. ווען זיי זיינען צוגעקומען צום גרענעץ פון דער הייליגער פריעדענס־געגענד חאָדעיביא, האָט מאהאָמעד געשיקט זיין איידעם אָסמאַן נאָך מעקא מיט א פאָרשלאַג זיי אריינצולאָזען אין קאאבא־טעמפעל פיר רע־ליגיעזע צוועקען, און דערפאַר וועלען זיי זיך פערפליכטען מעהר ניט צו בעפאַלען דיא קאַראַוואַנען פון דיא קאָרעישיטען. נאָך לאַנגע פערהאַנדלונגען האָט מאהאמעד בעשלאָסען אָנצונעהמען דיא פאָרדערונג פון דיא קאָרעישיטען, אז דיא מוסולמאַנער זאָלען זיך צוריקציהען פון מעקא, נאָר נעכסטען יאָהר וועט מען זיי דערפאַר ערלויבען בעזוכען דעם קאאבא־טעמפעל. אָסמאַן און אנדערע הייסע מוסולמאַנער האָבען פּראָטעסטירט געגען דיזען ערנידערי־גענדען פאָרשלאַג און האָבען געבעטען מאהאמעד'ן ער זאָל ניט אנ־דערס פאָרדערן גלייך צו בעזוכען דעם קאאבא־טעמפעל; אָבער ער האָט געזעהען, אז ער איז נאָך ניט שטאַרק גענוג געגען דיא קאָרעי־שיטען און אנדערע געצענדיענערס און ער האָט דאַרום זעהר דיפּלאָמאַטיש געשלאָסען פריעדען מיט זיינע הויפט־געגנער אויף צעהן יאָהר.

מאהאָמעד האָט אונטערגעשריעבען דעם אָבמאַך מיט דיא קאָרעישיטען, אָבוואָהל מען האָט איהם אין דיזען דאקומענט ניט אנערקענט פאר א פּראָפעט, וואָס עס האָט זעהר געערגערט זיינע אנהענגער. דער איינציגער וואָס האָט איהם אונטערשטיצט אין דיזען דיפּלאָמאַטישען שריט איז געווען דער קלוגער און געלאסענער אבו־בעקר.

אזוי וויא מאהאָמעד איז יעצט זיכער געווען, דאָס דיא קאָ־רעישיטען וועלען איהם שוין ניט אָנגרייפען, האָט ער זיך א לאָז געטאָן איינצונעהמען שוואַכע שטאַמען און בעזאָנדערס דיא עטליכע אידישע קאָלאָניעס, וועלכע האָבען זיך געפונען צום נאָרד פון מע־דינא. דיא אידען האָבען זיך ווידער ניט פערבונדען צוזאמען, און יעדער קאָלאָניע בעזונדער האָט זיך פערטהיידיגט אין א טהורם. דער רעזולטאַט איז געווען, אז זיי האָבען זיך אַלע געמוזט אונטער־געבען. מען האָט ביי זיי צוגענומען זייער גאַנצען פערמעגען, נאָר זיי אַליין האָט מען געלאָזען אויסוואַנדערען נאָך סיריען מיט זייערע פרויען און קינדער.

נאָכדעם וויא דיא אידען פון דער קאָלאָניע חייבאר האָבען זיך געמוזט אונטערגעבען, האָט אַ אידישע טאָכטער מיט דעם נאָמען זעינאַב בעשלאָסען צו נעהמען נקמה פון דעם פּראָפעט זעלבסט, ווייל איהר גאַנצע משפחה איז אויסגעשלאַכטעט געוואָרען פון דיא מוסולמאַנער. זיא האָט זיך אָנגעגעבען פאַר אַ בעקעהרטע צום איסלאַם און האָט געשיקט מאהאמעד׳ן אַלס געשאַנק אַ געקוילעטען באַראַן, וועלכען זיא האָט בעשמירט מיט א שטאַרקע גיפט. דער פּראָפעט האָט גראַדע איינגעלאַדען צו זיך עטליכע געסט צו אַן אבענד־שפּייז און האָט געהייסען אויף דערלאַנגען דעם פערגיפטעטען באראַן צום טיש. נאָר ווען ער האָט אַריינגענומען אין מויל אַ ביסען, האָט ער גלייך דערפיהלט עפּעס א ביטערען טעם און האָט עס אויסגעשפּיעגען. איינער פון דיא געסט, וועלכער האָט אַרונ־טערגעשלונגען א ביסען, איז באַלד אויסגעגאַנגען.

זייט דער צייט האָט מאהאָמעד געקרענקט. ער האָט צוגע־שריעבען זיין לעצטע קראַנקהייט און טויט דעם סם פון דער אידי־

שער פרוי. זיא האָט זיך אַלזאָ דאָך אָבגערעכענט מיט דעם פּראָ־פעט פאר דיא אויסשלאכטונג פון איהר פאמיליע און פאר דיא צרות, וואָס אַלע אידען אין אראביען האָבען פון איהם געליטען.

דיא קאָרעישיטען האָבען געהאלטען וואָרט. אין פריהלינג פון נעכסטען יאָהר, אַלזאָ 7 יאָהר נאָך מאהאָמעד׳ס פליטה פון מעקא, האָבען זיי איהם געלאָזען בעזוכען דעם קאאבא־טעמפּעל צוזאמען מיט 2000 נאָכפאָלגער. אָבער מעהר וויא דריי טעג האָט מען איהם ניט ערלויבט צו פערבלייבען אין מעקא.

אין דער צייט איז זיין מאכט אזוי גרויס געוואָרען, אז ער האָט געשיקט 3000 סאָלדאטען אונטער דער קאָמאנדא פון זיין אדאָפּ־טירטען זוהן זעיד נאָך סיריען, אום צו בעקעהרען דיא דאָרטיגע אראבען און אנדערע איינוואָהנער. נאָר ניט ווייט פון דיא זידלי־כע ברעגעס פון טויטען ים (ים המלח) האָבען זיי זיך צוזאמענגע־שטויסען מיט דער ארמעע פון דעם גריכישען קייזער הערא̇קליוס, וועלכער האָט בעזיעגט דיא פערסישע ארמעען. דיזער צוזאמענ־שטויס איז געווען זעהר אַן אונגליקליכער פאר מאהאמעד׳ס „היי־ליגע" קריעגערס. נאכדעם וויא זעיד און אנדערע קאָמאנדירען זיינען געפאלען טויט אין דער שלאכט, זיינען דיא איבעריגע זיך צולאָפען.

אום אָפּצושוואכען דעם שלעכטען איינדרוק פון דיזער ביטע־רער נידערלאגע, האָט מאהאָמעד ארויסגעשיקט, וויא ער האָט עס געוועהנליך געטאָן אין אזעלכע פעלע, זיינע אנהענגער געגען שוואכע שטאמען אין אראביען. זיי האָבען זיך מייסטענס אונטערגעגעבען פריעדליך, און מאהאָמעד איז אַלץ ווייטער אנערקענט געוואָרען אלס גאָט׳ס שליח.

אין מעקא זעלבסט האָט ער געקראָגען אַלץ מעהר אנהענגער. פיעלע האָבען איבערהויפּט ניט געוואָלט איינרייסען מיט איהם, זעהענדיג וויא זיין מאכט שטייגט אַלץ אין אַלע אנדערע טהיילען פון אראביען. דערמיט ערקלערט זיך דער מערקווירדיגער פונקט, דאָס אין 630 יאהר האָבען דיא קאָרעישיטען ניט נאָר אריינגעלאָזען מאהאָמעד׳ן אין מעקא, נאָר האָבען אנערקענט זיין אויבערמאכט

און איהם געלאָזען צושטערען אַלע געצקעס אין דעם קאַאבאַ־טעמ־פעל. ער האָט זיך בענוצט מיט געוויסע שטרייטיגקייט וועגען דעם אָפּמאַך מיט דיא קאָרעישיטען און איז אַרויס מיט אַ מחנה פון 10,000 מאַן געגען מעקאַ. פיעלע איינוואָהנער פון דער היי־ליגער שטאָדט זיינען אַרויס איהם צו בעגריסען אויפ׳ן וועג און צו ערקלערען, אַז זיי נעהמען אָן דעם איסלאַם. אפילו אבו־סאָפיאַן, וועלכער איז געשיקט געוואָרען פון דיא קאָרעישיטען צו פערהאַנד־לען מיט דעם פּראָפעט, האָט זיך בעקעהרט צום נייעם גלויבען. דיא איינוואָהנער פון מעקאַ האָבען אַלזאָ קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, וויא אַריינצולאָזען דעם פּראָפעט מיט זיין ארמעע און צו אַנערקע־נען איהר פאַר זייער אויבערהאַר. דיא מייסטע איינוואָהנער האָ־בען אויך גלייך אָנגענומען דעם איסלאַם.

מאהאמעד איז דאַן 7 מאָל אַרומגעריטען אויף זיין קעמעל אַרום דעם קאַאבאַ־טעמפּעל, האָט זיך 7 מאָל צוגעריהרט מיט זיין שטעקען צום הייליגען שטיין און האָט געהייסען פערניכטען אַלע געצקעס אין טעמפּעל און אין דיא הייזער. דיא געצענדיענערס, וועלכע האָבען דערזעהען, אַז זייערע אָבגעטער זיינען אונשעדליך, האָבען שוין קיינע צערעמאָניעס ניט געמאַכט מיט דיא געצקעס. נאָכהער האָט ער ערקלערט, אַז אַלע מענשען זיינען גלייך פאַר גאָט און אַז זייער הייליגסטע פפליכט איז צו בעשיצען און צו פערשפּריי־טען דעם איסלאַם.

דאָס איז געווען דער גרעסטער טריאומף אין זיין לעבען. בלויז 8 יאָהר נאָך דער פּליטה, ווען זיין לעבען איז געווען אין געפאַהר, איז איהם געלונגען ניט נאָר אַריינצומאַרשירען מיט צעהן טויזענד אנהענגער אין מעקאַ, זאָנדערן צו ווערען איהר אנערקענטער הער־שער. קיין טראָפּען בלוט איז ביי דיזער מערקווירדיגער איבער־קעהרעניש ניט פערגאָסען געוואָרען. זיינע אנהענגער האָבען ווירקליך געקענט גלויבען, אַז דאָס איז אַ נס, אַז אין דיזער וויכ־טיגער היסטאָרישער פּאַסירונג שטעקט אַלאה׳ס האַנד און אַז מאַ־האמעד איז גאָט׳ס שליח.

מאהאָמעד׳ס זיעג איבער דיא בעדואינען און טויט.

נאָר אין מעקא איז מאהאמעד ניט פערבליבען. ער האָט ער־קלערט, אז ער וויל לעבען און שטארבען צוזאמען מיט זיינע נאָכ־פאָלגער פון מעדינא. דאָס האָט ער אָבער ניט געטאָן אויס ליעבע צו זיי, זאָנדערן ווייל ער האָט פערשטאנען, אז אין מעקא איז ער נאָך ניט אין גאנצען זיכער, דען עס זיינען נאטירליך פערבליבען פיעלע זיינע שונאים און פערבאָרגענע געצענדיענערס. ער האָט דאָ ארויסגעצייגט א קלאָרע בערעכנונג און א דיפלאָמאטישע האנד־לונג, מיט וועלכע ער האָט זיך אויסגעצייכענט אלץ מעהר, וואָס מעהר ערפאָלג ער האָט געהאט אין זיינע אונטערנעהמונגען און מלחמות. זיינע נביאות האָט ער פערבונדען מיט פאָליטישע בע־טראכטונגען און אויסרעכנונגען זייט ער איז געוואָרען דער הער־שער פון מעדינא און א קריעגספיהרער. אָנפאנגס איז ער געוועזן א טרוימער מיט א קרענקליכער פאנטאזיע און מיט האלוצינאציאָנען, נאָר ביסלעכווייז איז ער געוואָרען א געשיקטער פאָליטיקער און דיפלאָמאט. זיין רעליגיעזע לעהרע, וועלכע האָט אין זיך גלייך פון אָנפאנג ענטהאלטען א פאָליטישע שטרעבונג צו פעראייניגען אלע אראבען, איז געוואָרען אַן אימפעריאליסטישע. רעליגיאָן איז דאָ געגאנגען האנד אין האנד מיט א נייע שטאאטליכע אָרגאניזא־ציאָן, און דער פראָפעט פון איסלאם איז צוגלייך געוואָרען א קריעגספיהרער, א פאָליטישער הערשער, א דעספאָט.

אין דעם איז בעשטאנען דער גרונד פון מאהאמעד׳ס מערק־ווירדיג שנעלען ערפאָלג זייט זיין ערשטע „הייליגע מלחמה" אין אָאזיס בעדר, וועלכע איז אייגענטליך געוועזן אַן איינפאכער רױ־בערישער אָנפאל אויף א קאראוואַן, וויא עס איז אויבען ערקלערט געוועזן.

א שלאכט האָט אויך ענטשיעדען דיא פערשפרייטונג פון איסלאם צווישען דיא בעדואינען, דיא אראבען פון דער וויסטענעס, וועלכע מאהאמעד האָט צו רוהע געלאָזען דיא גאנצע צייט. זיי

האָבען אָבער אַליין אָנגעפאַנגען דעם קאַמפּף. גראָדע ווען מאהא־מעד האָט זיך געקליבען אין וועג פון מעקא נאָך מעדינא, זיינען אָנגעקומען בעריכטען, אַז דער שטאַרקער פערבאַנד פון בעדואינער שטאַמען אונטער דעם נאָמען על־חאוואַזין האָט צוזאַמענגעקליבען גאַנצע 20.000 מאַן געגען דעם פּראָפעט. דיזע שטאַמען האָבען פערנומען אַ גרויסע געגענד אין דער ווירסטענעס ביז די גרענעצען פון דער מעקאַנער פּראָווינץ. זייער וויכטיגסטע שטאָדט איז געווען טאַאיף, ניט ווייט פון מעקא. לעבען דיזען פּלאַץ האָבען זיך אויס־געשטעלט 20.000 בעדואינען, נאָך וועלכע עס האָבען געפאָלגט זייערע פרויען, קינדער און מאַסען בהמות.

מאהאָמעד איז אַרויס געגען זיי מיט 12.000 אַנהענגער, צווי־שען וועלכע עס זיינען שוין אויך געווען אַ פּאָאַר טויזענד פון מעקא. די שלאַכט איז געווען אַ לאַנגע און אַ ברענענדע, אָבער די בעדואינען האָבען שליסליך געמוזט זיך אָפּטראָגען, איבערלאָ־זענדיג אין מאהאמעד'ס הענד זייער לאַגער מיט 6000 פרויען און קינדער, 24000 קעמלען, מאַסען שעפּסען און פיעלע ווערטהפאָלע זאַכען. די בהמות און זאַכען האָט ער צוטהיילט צווישען זיינע אַנהענגער (דעם גרעסטען טהייל האָט ער געגעבען די מעקאַנער, אום זיי בעסער צוצוציהען אויף זיין זייט), אָבער די פרויען און קינדער האָט ער צוריקגעשיקט אָהן אויסקויפס־געלט, אום צו ציי־גען זיין גוטסקייט די בעדואינען, וועלכע ער האָט נאַטירליך גע־וואונשען וואָס שנעלער צו בעקעהרען. דאָ האָט ער ווידער אַרויס־געצייגט זיינע דיפּלאָמאַטישע פעהיגקייטען. אייניגע בעדואינער פיהרער האָט ער אונטערגעקויפט מיט געשאַנקען, אַנדערע האָט ער געטרויסט און ווייך געמאַכט מיט גוטע רייד. ווען ער האָט צוריק־געקעהרט די בעדואינער פרויען און קינדער, איז דער קאָמאַנדיר פון די על־חאוואזינען אַזוי בעגייסטערט געוואָרען פאַר דעם פּראָ־פעט, אַז ער האָט גלייך אָנגענומען דעם איסלאַם.

אַזוי איז מאַהאָמעד געוואָרען דער הערשער פון אַראַביען. ווען ער איז געקומען אין מעדינא נאָך דעם זיעג איבער די בעדואינען, האָט ער זיך שוין געפיהלט אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט צוזאַמענגעקלי־

בען אַן אַרמעע פון 30.000 מאַן און ערקלערט, אַז ער טרעט אַרויס געגען דיא ביזאַנטישע אימפּעריע. נאָר ווען ער איז צוגעקומען צום גרענעץ פון סיריען, האָט ער זיך פּלוצלונג אָבגעשטעלט און האָט נאָר אָפּגעמאַכט מיט עטליכע בעדואינער שטאַמען אויף דעם סיני האַלב־אינזעל, אַז זיי זאָלען אַנערקענען זיין אויבערמאַכט אָנ־שטאָט דיא אויבערמאַכט פון דעם ביזאַנטישען קייזער הערקליוס.

מען רעכענט, אַז דיא אורזאַכע, ווארום ער האָט זיך צוריק־געקעהרט נאָך מעדינאַ אנשטאט צו בעפאַלען סיריען, וויא ער האָט עס געפּלאַנעוועט, איז געווען, ווייל ער האָט זיך געפיהלט שטערבליך קראַנק. ער האָט מורא געהאַט צו שטעלען אין קאָן זיין גאַנצע שווער־ערוואָרבענע מאַכט אין א קאַמפּף מיט דיא גרי־כען און איבערהויפּט מיט דיא קריסטען. מען זאָגט, אַז ער האָט געפיהלט, דאָס עס בלייבט איהם שוין ניט לאַנג צו לעבען. אין דער צייט פלעגט ער עס אָפט דערמאָנען, אַז זיין קראַנקהייט האָט ער צו פערדאַנקען דער פערגיפטונג פון דער אידישער פרוי זעינאב.

יעדענפאַלס, ווען ער איז געקומען דעם נעכסטען יאָהר אין מעקא, האָט ער שוין גערעכענט, אַז דאָס איז זיין לעצטע רייזע. ער האָט צוזאמענגעקליבען זיינע פיהרער און האָט פאַר זיי געהאַל־טען אַ דרשה, אין וועלכער ער האָט זיך אזוי וויא געזעגענט מיט זיי און מיט דער וועלט. ער האָט זיי איבערגעגעבען נאָך אַ מאָל דיא הויפּט־געבאָט פון איסלאַם און זיי אָנגעזאָגט צו לעבען אין פריעדען און אחדות, זיך אויף אימער צו ענטזאַגען פון גאולת הדם און זיך גוט צו בעגעהען מיט זייערע פרויען און שקלאַווען. געענדיגט האָט ער מיט דיא ווערטער: „יעצט האָב איך ערפילט אַלעס וואָס עס איז מיר בעשטימט געווען אויפצוטאָן.“

ווען ער איז צוריק געקומען אין מעדינאַ, האָט ער זיך שוין גע־פיהלט אַזוי שוואַך, אַז ער האָט בעשטימט אבו־בעקער׳ן פאַר זיין שטעלפערטרעטער און איז פערבליבען אין דער הויז פון זיין געליעב־טעסטער פרוי יאַאישאַ. מיט יעדען טאָג איז איהם אַלץ ערגער גע־וואָרען. איינִיגע פון זיינע יונגע פערעהרער האָבען איהם געוואָלט ערקלערען פאַר גאָט׳ס זוהן, אָבער ער האָט זיך ענטזאָגט דערפון

און געזאָגט: „גאָט האָט קיין זוהן, איך בין בלויז אַ מענש, וויא אַלע אַנדערע.“ דיא יעניגע, וואָס האָבען געטרויערט וועגען זיין קראַנקהייט און נאָהענטען טויט, האָט ער איין מאָל געטרויסט מיט דיא ווערטער: „איך זעה, אַז מיין טויט יאָגט אויף אייך אַ שרעק; אָבער האָט דען איינער פון דיא פריהערע פּראָפעטען אייביג גע־לעבט? איהר מוזט אַלזאָ וויסען, אַז עס וועט קומען דער טאָג, ווען איך וועל זיך שיידען מיט אייך און אַוועק צו אַלאַה, מיין הערר.“

נאָך דיזע רייד האָט ער בעפוילען צו בעפרייען אַלע זיינע שקלאַווען און צו פערטהיילען זיין געלט צו אָרימע. אין זיין קאַסע האָט מען אָבער געפונען בלויז 6 דינאַרען, וואָס עס האָט געצייגט, אַז דער הערשער איבער אַראַביען איז געשטאָרבען אַן אָרימאַן, וויא ער איז געבאָרען געוואָרען. וויא ווייט מען וויים, האָט ער זיך קיינמאָל נימ געיאָגט נאָך רייכטהימער פאַר זיך. זיין גרעסטע שוואַכקייט איז געוועזען זיין ליעבע צו פרויען נאָך דעם טויט פון חאַדידזשאַ. ער האָט אַליין ערקלערט: „מעהר פון אַלעס אין דער וועלט האָב איך ליעב געהאַט פרויען און פּערפיומען, אָבער אמת׳ע ענטציקונג האָב איך נאָר געפונען אין געבעט.“

ער איז אויסגעגאַנגען דעם 7טען אָדער דעם 8טען יוני, 632טען יאָהר, ווען ער איז אַלט געוועזען 63 יאָהר.

אין מעדינא האָט ער אַלזאָ געלעבט 10 יאָהר, אָבער אין דיזער קורצער צייט האָט ער איינגעפּלאַנצט דעם איסלאַם כמעט אין גאַנץ אַראַביען, וויא מיר האָבען דאָס שוין אויבען געזעהען.

11

דער קאָראַן.

יעצט וועלען מיר ווארפען א בליק אויף מאהאָמעד'ס גייסטיגע ווערק, אויף דעם קאָראַן, דיא ביבעל פון אַלע מוסולמאַנער. על־קאָראַן בעדייטעט בוך; אָבער דאָס איז ניט אַ געוויינליכער בוך, זאָנדערן דער אויסדרוק פון איסלאַם (פון געטליכען ווילען). דיא מוסולמאַנער גלויבען, אַז יעדעס וואָרט אין דיזען בוך איז דירעקט דיקטירט פון גאָט דורך מאהאמעד'ס מויל און אַז אַלעס צוזאמען איז דיא געטליכע וואהרהייט זייט דיא וועלט איז בעשאפען געוואָרען.

אין דער ווירקליכקייט אָבער איז נאָר אַ טהייל פון קאָראַן דיקטירט געוואָרען פון מאהאָמעד'ן זעלבסט אין פערשיעדענע צייטען פון זיין פראָפעטען־קאריערע און אונטער פערשיעדענע אומשטענדען. זיינע שילער האָבען פערשריעבען, וואָס ער האָט געזאָגט. נאָך זיין טויט האָט מען געפונען טהיילען פון זיינע נביאות און דרשות פערשריעבען אויף פאַרמעט, לעדער, פּאַלמבלעטער און זאָגאַר אויף דיא שולטער־ביינער פון שעפּסען. אייניגע שילער האָבען פערצייכענט איינפאַך, וואָס זיי האָבען זיך געקאָנט דערמאָנען פון דעם פּראָפעט'ס ווערטער. מאהאמער זעלבסט האָט ניט געזאָרגט וועגען אַ ריכטיגע צוזאמענשטעלונג פון זיינע פּראָפעצייהונגען און אויפקלעהרונגען. נאָר אַ קורצע צייט נאָך זיין טויט האָט מען געפונען פאַר נייטיג צוזאמענצוקלייבען אַלע פערצייכענטע נביאות, און אבו־בעקר, דער ערשטער חאַליף (שטעלפערטרעטער פון פּראָפעט) האָט זיך דערמיט פלייסיג בעשעפטיגט. עס איז העכסט וואהרשיינליך, אַז דער קלוגער און דיפּלאָמאַטישער מענש האָט עפּעס געענדערט און פערגלעט געוויסע פּסוקים פון קאָראַן. דיא ענדליכע צוזאמענשטעלונג פון קאָראַן אין דער פאָרמע, וויא ביז היינט צו טאָג, איז געמאַכט געוואָרען אין דער צייט, ווען אָסמאַן איז געוועזן חאַליף.

דיא צוזאמענשטעלונגען פון קאָראַן איז אָבער אָהן שום מעט־

האָרע און אָרדנונג. דער קאָראַן איז אַ מיש־מאַש פון פסוקים, וועלכע ווידערשפּרעכען זיך גאַנץ אָפט. מען דאַרף זיין אַ בלינדער פאַנאַטיקער צו זעהען אין דיזען בוך ניט נאָר גאָט'ס ווילען, זאָנדערן אפילו דעם געדאַנקען־אויסדרוק פון אַ מענשען מיט אַ קלאָרען פערשטאַנד. דער בוך איז צוטהיילט אין 114 סוראַס אָדער קאַפּיטלען, אָבער אָהן שום צוזאַמענהאַנג. איינינע קאַפּיטלען זיינען זעהר לאַנג, אַנדערע פערנעהמען בלויז עטליכע צייל[ע]ן. די פאָרמע פון די פסוקים איז אַ פּאָעטישע (מאַהאַמעד איז געוועזען אַ פּאָעטישע נאַטור), און מאַנכע ענדיגען זיך זאָגאַר מיט גראַמען.

די רעדאַקטאָרען פון קאָראַן זיינען וואהרשיינליך אַליין צומישט געוואָרען פון די ווידערהאָלונגען און ווידערשפּריכע, וועלכע זיי האָבען געפונען פערצייכענט אלס דיקטירונגען פון פּראָפעט, און אַזוי וויא זיי האָבען בלינד געגלויבט, אַז יעדער וואָרט איז אַ געטליכע אָפענבאַרונג, האָבען זיי אַלעס איבערגעשריעבען, וויא זיי האָבען עס געקראָגען אונטער דער האַנד, איבערלאָזענדיג די מוסולמאַנער צו מאַכען פשט'לעך און פּלפּולים וועגען די מיינונג פון יעדען פסוק און יעדען וואָרט. וועגען קאָראַן האָט מען טאַקע מיט דער צייט אָנגעשריעבען אַזוי פיעל בערג מיט קאָמענטאַרען, וויא וועגען די ביבעל.

נאָך זייער אינהאַלט זיינען איינינע טהיילען פון קאָראַן איינפאַך פאַנטאַסטישע בילדער, וויא צום ביישפּיעל די שילדערונגען וועגען די „דזשינען" אָדער בעשעפּעניסען, וועלכע שוועבען אין דער לופט; אַנדערע ענטהאַלטען אַלגעמיינע מאָראַל־דרשות אַזוי וויא אין די ביכער פון אַנדערע פּראָפּעטען און איבערהויפּט אַזוי וויא אין אַלע רעליגיעזע לעהרען, און די איבעריגע זיינען פול מיט ווידערהאָלונגען וועגען די ספּעציעלע פּונקטען פון מאָהאַמעדאַניזמוס.

וועגן דיזע פּונקטען וועלען מיר דאָ זאָגען עטליכע ווערטער. אויף איינינע פון זיי איז שוין אָנגעדייטעט געוואָרען אין די שילדערונגען איבער זיין לעבען און קאַמפּף.

דער צענטראַל פּונקט פון איסלאַם איז: „קיין גאָט אויסער אַלאַה, און מאהאָמער איז זיין פּראָפּעט.“ קאָראַן איז פול מיט ווידערהאָלונגען וועגען דיא איינהייט פון גאָט. דערמיט איז מאַ־האָמעד׳ס לעהרע אַ שטרענג מאָנאָטעאיסטישע. אין דער 112־טער סורא ערקלערט ער: „גאָט איז איינער. ער עקזיסטירט אייביג. קיינער איז ניט גלייך צו איהם.“ דאָך האָט ער ניט נאָר אנערקענט דיא געגענמאכט פון טייוועל נאָך דיא פּערסיש־אידישע בעגריפע, זאָנדערן אויך גאַנצע מחנות פון מלאכים און שדים. נאָר זייערע אויפטואונגען זיינען ניט בעשטימט. דיא פּסוקים וועגען דעם טיי־וועל זיינען צומישט און ווידערשפּרעכענד.

מאהאָמער גיט זיך ניט אַרויס פאַר דעם ערשטען גרינדער פון איסלאַם. אין עטליכע פּסוקים, וועלכע זיינען צו־וואָרפען אין פער־שיעדענע סוראס, ערקלערט ער: „אָנפאַנגס האָבען אַלע מענשען גע־האַט איין גלויבען, נאָר נאָכהער האָבען זיך צווישען זיי אָנגעפאַנ־גען רעליגיעזע שטרייטען... איסלאַם איז דיא רעליגיאָן פון נח, אברהם, משה און יעזוס... זאָג: מיר גלויבען אין גאָט, און דאָס וואָס ער האָט ענטדעקט צו אברהם, ישמעאל, יצחק, יעקב און דיא 12 שבטים. מיר גלויבען אין דיא הייליגע ביכער, וועלכע משה, יעזוס און דיא נביאים האָבער ערהאַלטען פון הימעל....“

אַלס אַן אַראַב און אַ חאַניף מיט נאַציאָנאַלע שטרעבונגען האָט ער בעזאָנדערס פערעהרט דעם ביבלישען פּאַטריאַרך אברהם! דעם גאַנצען איסלאַם האָט ער אַרויסגעשטעלט אַלס אברהם׳ס רעליגיאָן, פון וועלכער ער האָט נאָר אַזוי פיעל געוואוסט, וויא ער האָט עס געהערט פון דיא חאַניפען. אין איינינע פּסוקים שטעלט ער אַרויס דיזע גאַניץ־אונבעשטימטע רעליגיאָן געגען דיא אידישע און קריסט־ליכע, וויא צום ביישפּיעל: „אברהם איז ניט געווען אַ איד און ניט אַ קריסט, ער איז געוועזן אַ רעכט גלויביגער, אַ מוסולמאַן, אַ פער־עהרער פון איין גאָט... דיא אידען און דיא קריסטען זאָגען: נעהמט אָן אונזער גלויבען, אויב איהר ווילט געראַטעט ווערען. ענט־פער זיי: מיר אנערקענען דעם גלויבען פון אברהם, וועלכער האָט

זיך אָבגעזאָגט צו דיענען צו געצקעס און האָט זיך נאָר געבוקט צו איין איינציגען גאָט.“

אינטערעסאַנט זיינען דיא פּסוקים, אין וועלכע ער ענטפּערט דיא אונגלויביגע אין איסלאַם. אין איין אָרט פון קאָראַן ערקלערט ער: „ווען מען רעדט איין דיא אונגלויביגע אָנצונעהמען גאָט׳ס וואָרט, ערווידערען זיי: „מיר פאָלגען דעם גלויבען פון אונזערע על־טערען.“ אָבער דארפען זיי רען אויך פאָלגען, ווען זייערע עלטערן זיינען געוועזן אין פינסטערנים און אירטהום?“ דעם זעלבען אַר־גומענט, וועלכען מען קען אָנווענדען געגען יעדען אַלטען גלויבען, ווידערהאָלט ער כמעט מיט דיא זעלבע ווערטער אין פערשיעדענע סוראס. אין איין סורא ווענדעט ער זיך צו דיא יעניגע, וואָס האָבען פערלאַנגט נסים פון איהם, מיט דיזע ווערטער: „דיא פריהערע פּראָפעטען האָבען געצייגט וואונדער, און דיא אונגלויביגע האָבען זיי דאָך געטויטעט... נסים זיינען אין גאָט׳ס מאַכט. ער צייגט זיי אייך ניט, ווייל ווען איהר וואָלט זיי געזעהען, וואָלט איהר אויך גע־בליבען אין אייער אונגלויבען... ווען מיר וואָלטען אַראָפּגעשיקט מלאכים פון הימעל, ווען טויטע וואָלטען גערעט, וואָלטען זיי אויך ניט געגלויבט... ווען זיי וואָלטען געזעהען וויא דער הימלישער גע־וועלב פאַלט אויף זייערע קעפּ, וואָלטען זיי נאָר געזאָגט דאָס זיינען געריכטע וואָלקענס... יעדעס פאָלק האָט צוריקגעשטויסען זיינע נביאים — אַלע דיזע פעלקער זיינען אונטערגעגאַנגען. זיי האָבען גערופען גאָט׳ס שליחים: שווינדלער, און זיי זיינען אומגע־קומען... אויך פריהער האָט מען זיך אויסגעלאַכט פון גאָט׳ס דיענער, אָבער דער סוף איז געווען א ביטערער פאַר דיא אָפּלאַ־כערס.“

אין קאָראַן זיינען צווייהט פערשיעדענע פּסוקים, אין וועלכע דיא אונגלויביגע ווערען געסטראשעט מיט דיא שרעקליכסטע שטראָ־פען פון גאָט... קוריעז איז אויך דער פּסוק, וואו מאהאמעד ענט־פערט זיינע געגנער, וועלכע האָבען איהם אויפגעוואָרפען, דאָס ער פּרעדיגט אין דער אַראַבישער פאָלקסשפּראַך (קיין אנדערע האָט ער

איבערהויפּט ניט געקענט): „ווען מיר וואָלטען איבערגעגעבען דעם איסלאַם אין אַן אונבעקאַנטע שפּראַך, וואָלטען זיי געשריען: „וואָרום האָט ער ניט דייטליך ערקלערט?“

דער זאָנדערבאַרסטער טהייל פון קאָראַן איז דיא לעהרע וועגען דעם זאָגענאַנטען פאַטאַליזמוס. מאַהאָמעד האָט נעמליך געפּרע־דיגט, אַז דער שיקזאַל פון יעדען מענשען איז פאָראויס בעשטימט פון גאָט אַליין. דיזע לעהרע איז אָבער זעהר צומישט און אונדייט־ליך, דען ווען מען זאָל איהר פיהרען צו לאָגישע שליסע, בלייבט דעם מענשען זעלבסט גאָר ניט צו טאָן, אום צו ענדערן זיין שיקזאַל. שטרייטיגקייטען וועגען דיזען וויכטיגען פּונקט פון דער מאַהאמע־דאַנער רעליגיאָן האָבען געפיהרט צו דער ערשטער פערטהיילונג פון מוסולמאַנער און דיא סעקטען פון סוניטען און שיאיטען.

אין איין סורא שטייט אַזוי געשריבען: „גאָט האַלט אין זיינע הענד דיא שליסלען פון דאָס פערבאָרגענע. ער וויים אַלעס, וואָס עס קומט פאָר אויף דער ערד און אין דער טיפענים פון ים. א בלעטעל פאַלט ניט פון אַ בוים אָהן זיין וויסען. עס איז ניטאָ קיין קערנדעל אויף דער ערד, וואָס זאָל ניט זיין פערשריעבען אין גאָט׳ס בוך...“ אין אַן אַנדער סורא ערקלערט ער: „ניט איהר האָט גע־טויטעט דיא פיינדע פון איסלאַם, זיי זיינען געפאַלען אונטער דעם שווערד פון אַלמעכטיגען. ניט דו, מאַהאמעד, ביזט אָנגעפאַלען אויף זיי, זאָנדערן גאָט, אום צו צייגען זיין שוץ. יעדעם פאָלק האָט זיין בעשטימטען שיקזאַל, מען קען איהם ניט אָפּלייגען, ניט שנעלער מאַכען.“

ניט אַכטענדיג אויף דיזען פאַטאַליזמוס, אַנערקענט מאַהאָמעד דאָך דעם פרייען ווילען פון יעדען מענשען. דער פרייער ווילען איז אָבער, נאָך זיין לעהרע, בעשרענקט אויף דעם מענשען׳ס אינערליכע מאָראַל און אויף זיין טרייהייט צו גאָט׳ס געבאָט. דער מענש קען טאַקע ניט ענדערן דעם שיקזאַל, וועלכער איז בעשטימט פון אויבען, אָבער ער האָט דאָך דיא פרייהייט צו בלייבען גוט אָדער שלעכט, גלויביג אָדער אונגלויביג.

אויף דיזער וויזע האָט ער זיך אַרויסגעדרעהט פון דעם שטענ־

דיגען ווידערשפּרוך צווישען דער געטליכער השגחה, וועלכע בע־שטימט און בעזאָרגט אַלעס אויף דער וועלט, און דעם פרייען ווי־לען פון מענשען. אַזוי וויא ער איז ניט געוועזן אַ פילאָזאָף און זיינע אנהענגער האָט ער נור געלערנט צו גלויבען בלינד, צו זוכען דיא גרעסטע בעפרידיגונג אין תפילות און צו קויפען זיך אַ זיכערן פּלאַץ אין גן־עדן דורך פּינקטליכע אויספיהרונגען פון אַלע פאָר־שריפטען אין קאָראַן פאַר אַ גוטען מוסולמאַן, האָבען זיי זיך גאַנץ ווייניג געקימערט וועגען פילאָזאָפישע חקירות און האָבען זאָגאַר ניט געזעהען דעם אָפענעם ווידערשפּרוך אין זיין לעהרע וועגען פאַטאַ־ליזמוס און וועגען דיא שטראפען אָדער בעלוינונג פאר מענשליכע האַנדלונגען.

אין איין סורא ווערט ערקלערט: „דער מענש איז ארומגערינ־געלט מיט מלאכים, וועלכע בייטען זיך שטענדיג. גאָט האָט זיי געהייסען בעוואַרען דעם מענש. ער נעהמט צו זיין הילפע נאָר דאַן, ווען דער מענש ווערט פערדאָרבען.“ נאָר וויא אַזוי אַ מענש קען פערדאָרבען ווערען אָהן גאָט'ס צושטימונג און וואָרום איהם קומט אַ שטראָף, ווען גאָט האָט פאָראויס אַלעס בעשטימט — דאָס זוכט מאהאָמעד גאָר ניט צו ערקלערען.

אויך זוכט ער ניט צו ערקלערען, וויא אַזוי דער טייוועל קען האָבען אַזאַ מאַכט איבער מענשען, אַז זיי זאָלען טאָן שלעכטעס, ווען גאָט וויל, אַז זיי זאָלען טאָן גוטעס און ווען ער האָט איבער־הויפּט בעשטימט זייער שיקזאַל בשעת זיי ווערן געבאָרען.

נאָר וויא באַלד מאהאָמעד האָט אנערקענט דעם פרייען ווילען פון מענשען און דיא גרויסע פערדארבענדע ווירקונג פון טייוועל אויף מענשען, טראָץ דער געטליכער בעשטימונג פון אַלעס, וואָס עס פּאַסירט און דאַרף פּאַסירען אין דער וועלט, האָט ער שוין גע־מוזט קומען צו דיא געוועהנליכע לעהרען פון אַלע רעליגיאָנען וועגען אַ גן־עדן פאַר גוטע און פרומע און אַ גיהנם פאַר שלעכטע און אונ־גלויביגע. דאָ האָט זיך זיין קרענקליכע פאַנטאַזיע פאַנאַנדערגע־לאָזען. אייגענטליך האָט ער אין זיינע שילדערונגען וועגען גיהנם, גן־עדן, לעצטען געריכט און איבערהויפּט וועגען דעם לעבען אויף

יענער וועלט קאָפּירט דיא פאָרשטעלונגען פון פערסען, אידען און קריסטען, נאָר ער האָט דיא בעלוינונגען אין גן־עדן געמאַכט אנצי־הענדער דורך פערשפּרעכונגען צו בעפרידיגען געוועהנליכע מענש־ליכע לײדענשאַפטען. ער האָט אײנפאַך בעשריעבען דעם גן־עדן אַלס אַ פּרעכטיגען גאָרטען, וואו דיא גלויביגע וועלען לעבען אײ־ביג אין קערפּערליכע פערגניגען צוזאַמען מיט שעהנע און רײצענדע מײדלעך, דיא זאָגענאַנטע הורי...

אזא גן־עדן האָט פאָלשטענדיג געשטימט מיט דיא בעגריפע און בעגעהרען פון דיא אַראַבען און איבערהויפּט פון דיא אזיאַטען. דאַ־רום האָט דער מאַהאָמעדאַניזמוס גנהאַט אזא שטאַרקע צוציהונגס־קראַפט פאַר זײ. אזוי וויא מאַהאָמעד האָט פערשפּראָכען אַלע גלי־קען פון גן־עדן יעדען מוסולמאַן, וואָס וועט פאַלען אין אַ שלאַכט מיט אונגלויביגע, — דאָס וואָס ער האָט גערופען „הייליגע מלחמה“, וויא עס איז שוין ערקלערט געוואָרען אין אַ פאָריגען קאַפּיטעל — זאָ זײנען דיא פאַנאַטישע מוסולמאַנער גערן געגאַנגען ריזיקירען מיט זײער לעבען אויף דעם בעפעהל פון זײערע חאַליפען.

דיא בעגײסטערונג פון דיא אַראַבען פאַר דעם איסלאַם איז גע־ווען אזוי גרויס, אַז אין אַ קורצער צייט האָבען זײ מיט דער מאַכט פון שווערד פערשפּרײטעט זײער גלויבען איבער גאַנץ וועסט און צענטראַל אזיען, איבער טהײלען פון אינדיען און כינאַ, איבער גאַנץ נאָרד־אַפריקא, פון וואַנען אַ טהײל פון זײ האָט זיך אַרײנגעריסען אין שפּאַניען און האָט געסטראָשעט צו פערפּלײצען אײראָפּא. אַלע קריסטליכע פעלקער פון אײראָפּא האָבען געמוזט קעמפּפען יאהר־הונדערטע געגען דיא מוסולמאַנער וועלט, וועלכע איז ריעזיג גע־וואַקסען ניט נאָר אין צאָהל, זאָנדערן אויך אין קולטור.

וואָס מען זאָל ניט דענקען וועגען מאַהאָמעד׳ן זעלבסט און זײן רעליגיעזע לעהרע, וויא זיא איז אויסגעדריקט אין קאָראַן, נאָר זי־כער איז עס יערענפאַלס, אַז אונטער דעם אײנפלוס פון איסלאַם האָבען דיא אַראַבען גײסטיג אויפגעלעבט, האָבען אויפגערודערט דיא גאַנצע וועלט און האָבען אויך פיעל געווירקט אויף דעם פראָ־

גרעס אין אייראָפּא. דיא הויפּשטעדט פון דיא מוסולמאַנער מלוכות, ספּעציעל באַגדאַד און קאָרדאָווא, זיינען געוואָרען דיא צענטערס פון בילדונג און ציוויליזאַציאָן אין מיטעלאַלטער, און פון דיזע צענטערס האָט זיך צוגאָסען א ליכט איבער אייראָפּא, וועלכע איז דאַן בעדעקט געווען מיט דיא פינסטערע וואָלקענס פון קאַ־טאָליציזמוס.

ע נ ד ע.

ר׳ ישראל בעל שם טוב

דער גרינדער פון חסידיזמוס.

זיין לעבען, טהעטיגקייט און פילאָזאָפיע.

פון

א. פרומקין.

ערשטער קאַפּיטעל.

זיין געבורט און זיין יוגענד.

קוועלען און לעגענדען וועגען זיין געבורט. — זיינע עלטערן. — ער ווערט אַ יתום. — אין חדר. — דיא פּאַרציייטיגע מלמדים און דער „בעהעלפער". — זיין אַנטלויפען אין וואַלד. — זיין ליעבע צו דער נאַטור און צו מוזיק. — ער ווערט אַ „בעהעלפער", דער נאָך א שמש פון שוהל.

אַם ענדע פון זיעבעצעהנטען יאהרהונדערט זיינען דיא אידען אין פּוילען געשטאַנען אויף אַ טרויעריגער שטופע פון קולטור. דיא בלוטיגע טעג פון דיא יאָהרען 1648—55, וועלכע זיינען בעקאַנט אין דער אידישער געשיכטע אונטער דעם נאמען „גזרות ת״ח", האָבען געלאָזט אַ טיעפען איינדרוק אויף דעם גייסטיגען צושטאַנד פון דיא דאַמאָלסדיגע אידען. דיא ווילדע קאָזאַקען האָבען פערטרונקען דאַס גאַנצע לאַנד מיט אידיש בלוט; דיא ישיבות זיינען פערניכטעט געוואָרען. אויף אַ צייט לאַנג האַט דאָרט אויפגעבליהט דיא ק ב ל ה, דיא תורה פון דיא אידישע מיסטיקער. דיא בּעוועגונג פון „שבתי צבי" האָט זיך פערשפּרייט איבער דער לייננ און דער ברייט פון פּוילען. זיא האַט זיך אזוי טיעף איינגעגעסען אין דיא ביינער פון דיא דאָרטיגע אידען, אַז זאָגאַר דאַן, ווען דער „פּאַלשער משיח" איז שוין געווען טויט, האַבען זיי איהם ניט אויפגעגעבען אין גאַנצען. פון דיעזער

משיח־בעוועגונג איז אין פוילען געבאָרען געוואָרען דיא סעקטע „חסידים“, וועלכע האט געוואָלט אראָבברייגגען דיא גאולה דורך תעניתים און דורך פערשיעדענע קערפערליכע פייניגונגען, און אן דער שפיצע פון וועלכער עס זיינען געשטאנען דיא צוויי בעריהמטע קאבאליסטען יהודה חסיד און חיים מלאך. אָבער אויך פון זיי האָט זיך גאָר ניט אויסגעלאָזען. נאָר אן איינדרוק האָבען זיי געלאָזען איבעראל, וואו זיי זיינען געוועזן; און וויא ענטטוישט דאָס פאָלק איז ניט געוועזן, האבען זיך פון דעססטוועגען געפונען מאסען, וואס האבען ארויסגעקוקט אויף וואונדער.

אונגעפעהר אין יענער צייט איז אין א קליין שטעטעל אין וואָלאכיע געבאָרען געוואָרען דער פאָטער פון דעם „חסידיזמוס“, ר׳ ישראל בעל שם טוב.

* ▪ *

וואו און אין וועלכען יאָהר ער איז געבאָרען געוואָרען, ווייס מען ניט גענוי. ביאָגראפיען האָט מען דאָרט אין יענע צייטען ניט געשריעבען. כמעט אלעס וואָס מיר ווייסען וועגען ר׳ ישראל בעל שם טוב, קומט צו אונז פון לעגענדען און מעשיות וואָס זיינע חסידים, זיינע נאכפאָלגער האבען איבערדערצעהלט איינע דיא אנדערע, ביז וואנען מען האָט דיזעלבע מעשה׳לאך אנגעפאנגען צו פערעפענטליכען אין שריפט. פאר דיא גלויביגע, וואס האבען דערצעהלט דיא שבחים פון דעם „בעש״ט“ (בעל שם טוב) נאָך זיין טויט, איז ניט וויכטיג געוועזן צו בעשטימען אויף ריכטיג, וואו און ווען זיי האָבען פאסירט. אויב דער בעל שם האט עטוואס געזאָגט אָדער בעוויזען א וואונדער איז פאר זיי גענוג צו ווייסען, אז ער האָט דאס און דאָס געזאָגט און דאָס און דאָס געטהאָן. געהן אויסרעכענען אויף ריכטיג ווען דאס איז געשעהן, דאס איז געוועזן א צו שווערע ארבייט און דיא חסידים האָבען עס געמוזט בעטראכטען פאר א׳ן איבעריגע זאך.

לעגענדען זיינען דערצעהלט געוואָרען וועגען יעדען גרויסען מאן, זאָגאר אין דיא לעצטערע צייטען, ווען מען האָט שוין געפיהרט טאגע ביכער און געשריבען ריכטיגע ביאָגראפיעס. בעזאָנדערס זיינען דיא לעבענס־בעשרייבונגען פון אלע רעליגיאָנס־גרינדער פול מיט לעגענדען.

און דער גרינדער פון׳ם „הסידיזמוס״ איז אין דיזער הינזיכט ניט נאָך ניט געווען קיין אויסנאהמע, נאָר גראָד פערקעהרט, זיין לעבען איז אזוי איינגעוויקעלט אין א וואָלקען פון בבא מעשיות און פון וואונ־דערליכע, צויבערהאפטע ערצעהלונגען, אז ער ווייזט עפּעס אין גאנצען אויס וויא א פאבעלהאפטע פּערזאָן.

איבערהויפּט זיינען דאָ זעהר ווייניג ביאָגראפישע ידיעות מכח זיינע קינדער־יאָהרען. וויא מען קען ארויסנעהמען פון דיא פערשיע־דענע ישריפטען וואס זיינע אנהייננער האָבען פערשפּרייט א צייט נאָך זיין טויט, איז ער געוועזן א קינד פון אָרעמע, פּראָסטע עלטערן. זיין פאָטער ר׳ אליעזר איז געוועזן א פרומער איד פון׳ם איינפאכען פאָלק, פון׳ם המון עם. קיין פרנסה, ווייזט אויס, האָט ער אליין ניט געהאט. ער האָט געלעבט אויפ׳ן חשבון פון זיין פרוי שרה, דעם בעל שם׳ס מוטער, וועלכע איז געוועזן א הייבאמע. ישראל איז געוועזן א בן יחיד ביי זיינע עלטערן.

וועגען זיין געבורט דערצעהלען דיא חסידים א וואונדערבארע מעשה׳לע. אָהן דעם פאנגט זיך גאָר ניט אָן. דיא פאנטאזיע פון דעם בעל שם׳ס אנהייננער וואָלט ווירקליך געבליבען באנקראָט, ווען זיא וואָלט ניט אויסגעטראכט עטוואָס וואונדערבארעס וויא אזוי זייער געטליבער רבי איז געקומען אויף דער וועלט.

„איינמאָל — דערצעהלט דיא לעגענדע — זיינען דיא ווילדע טאטארען בעפאלען דאס שטעטעל, וואו ר׳ אליעזר, דעם בעל שם׳ס פאָטער, האָט געלעבט. וויא זייער שטייגער איז געוועזן, האָבען זיי אויסגעליידינט דיא הייזער פון׳ם גאנצען שטעטעל, גענומען דיא איינ־וואוינער געפאנגען און זיי דערנאָך פערקויפט פאר קנעכט און דיענ־סטען. צווישען דיא געפאנגענע איז אויך געוועזן דער פאָטער פון דעם גרינדער פון „חסידיזמוס״. דיא מוטער זיינע האָט זיך אויסגעדרעהט פון דיא טאטארישע הענד און איז אנטלאָפען ערגעץ־וואו.

„דיא טאטארען האָבען אליעזר׳ן אוועקגעפיהרט אין א ווייטער מדינה, וואו קיין אידען זיינען ניט געווען. דאָרט האָבען זיי איהם פערקויפט פאר א שקלאף. נאָר ער האָט נושא חן געוועזן ביי זיין

בעל הבית, וועלכער האט איהם געמאכט פאר דעם פערוואלטער פון זיין הויז.

„און עס פליהען דיא טעג, א טאָג נאָך א טאָג. אליעזר מאכט ביי זיך אָב צו אנטלויפען פון זיין בעל הבית. נאָר פון הימעל גיט מען איהם א וואונק צו בלייבען—

„מען דארף איהם נאָך האָבען דאָ, אין דער מדינה...

„און ווייל ער איז געווען אזוי טהייער ביי זיין הערר, האָט ער איהם א מאָל אוועקגעשיינקט צו דעם שני למלך, דיא רעכטע האנד פון סולטאָן.

„איינמאָל האט זיך געמאכט, אז דער שני למלך איז געווען שטארק צוטראָגען. דער סולטאן האָט זיך געפונען אין א שרעקליכער צרה, און ער האָט בעדארפט אן עצה,

„און אליעזר האָט דיא עצה געגעבען. פון הימעל האט מען זיא איהם מגלה געווען...

„וואָס נאָכדעם איז געווען פערשטעהט זיך שוין פון זיך אליין. אלץ האָט ער געקראָגען, אי גדולה, אי כבוד, אי עשירות, און דערצו נאָך א פרוי אויך!

„און דיא פרוי איז א שעהנע געווען, דיא שעהנסטע טאָכטער פון לאנד. נאָר אליעזר האט זיך ניט צוגעריהרט צו איהר...

„אז זיא פלעגט איהם פרעגען פאר וואָס ער בעהאנדעלט איהר אזוי, און אז זיא פלעגט איהם זאָגען, וויא ליעב זיא האָט איהם — פלעגט ער זיך אויסדרעהען יעדעס מאָל מיט אן אנדער תירוץ.

„נאָר איינמאָל האָט זיא איהם שטארק דערקוטשעט, ער זאָל איהר זאָגען וואָס מיט איהם איז, דערצעהלט ער איהר מיט טרעה־רען אין דיא אויגען, אז ער איז א איד...

„האָט זיא איהם אָבגעלאָזען, און גאָלד האָט זיא איהם מיט־גענעבען, און זילבער און אלערליי גוטע זאכען.

„נאָר אויפ׳ן וועג זיינען איהם בעפאלען גזלנים און האָבען אוועקגערויבט זיין גאנצען פערמעגען.

„דאָן האָט זיך אליהו הנביא צו איהם בעוויזען אויפ׳ן וועג און האָט איהם אָנגעזאָגט, אז פאר דיא אלע צרות וואָס ער האָט איבער־

געליטען, וועט איהם גאָט בענשען אויף דער עלטער מיט א זוהן, וואָס וועט אויפּעפענען די א אויגען פון אידישען פאָלק.

„און אזוי — ענדיגט דיא לעגענדע — איז געבאָרען געוואָרען ר׳ ישראל בעל שם טוב.״

לאנג, ווייזט אויס, האָט דער אינגעל ניט זוכה געווען צו זיין מיט זיינע עלטערן צוזאמען. זיין פאָטער אליעזר איז געווען זעהר אלט און שוואך. ער איז געשטאָרבען, ווען זיין זוהן ישראל איז אלט געווען עטליכע יאָהר. פאר׳ן טויט,—אזוי דערצעהלט זיך אין דיא „שבחי בעש״ט״ — האָט ער ישראל׳ן גענומען אויף דיא הענד און האָט איהם געזאָגט: „וויא דו זעהסט, מיין קינד, איז געקומען מיין צייט זיך אָבצוזעגענען מיט דער וועלט. איך בין זיכער, אז דו וועסט זיין א גרויסער, געטליכער מאן. געדענק זשע, מיין זוהן, אז גאָט ברוך הוא וועט זיין שטענדיג מיט דיר, און דוא דארפסט פאר קיינעם קיין מורא ניט האָבען.״

אָט דיא לעצטע ווערטער פון זיין שטערבענדען פאָטער זיינען איינגעקריצט געוואָרען אין זיין קינדערש הערצעל; ער האָט זיי, ווייזט אויס, קיינמאָל פון זינען ניט ארויסגעלאָזען.

אָבער דאס איז ניט געווען אלעס. נאָך דעם פאָטער איז דיא מוטער, הפנים, אויך באלד געשטאָרבען, און ישראל איז געבליבען א פאלשטענדיגער יתום, עלענד און אליין; זיין ערציהונג איז איצט געווע אין דיא הענט פון פרעמדע מענשען, וועלכע האָבען פון איהם געוואָלט מאכען א לערנער, א בן תורה.

וויא דער שטייגער איז, האָבען איהם זיינע פערזאָרגער אריינ־געגעבען אין א „חדר״. עס זיינען איצט דאָ זעהר ווייניג פּלעצער, וואו מען קען נאָך זעהן א פארצייטיגען חדר. דאס איז געווען א מורא׳דיגער פּלאַץ, א מין גיהנום פאר דיא קליינע חברה. דער אידי־שער פילאָזאָף שלמה מיימון, וועלכער האָט געלעבט אין יענער צייט, דערצעהלט זיך אָן שוידערליכעס וועגען דעם. „דער הדר—זאָגט ער—דאס איז אן ענגער, שמוציגער צימער, פול מיט רויך. א טהייל פון דיא קינדער זיצען אויף ביינק און א טהייל אויף דער ערד. דער מלמד, אין א שמוציגע העמד, זיצט ביים טיש מיט א גראָבען

שטעקען אין דער האנד. דיזער שטעקען דיענט אויף צוויי זאכען: ער צורייבט דערמיט דעם טאבאק אין דער שיסעל וואס שטעהט אויף דער ערד, לעבען איהם; און אז מען דארף הויבט זיך דערזועל־בער שטעקען אויף איבער דיא פלייצעס און איבער דיא קעפ פון דיא קינדער..."

נאָר אויסער דעם „מלמד" איז דאָ א „בעהעלפער" אין חדר. דאס איז א ווילדע חיה, פאר וועמען דיא קינדער ציטערן וויא פאר פייער. דער בעהעלפער שלאָגט זיי נאָך מעהר פון דעם רבי'ן. ער עסט אויף דעם גרעסטען טהייל פון דיא „וואַרמעסען," וואס אָרעמע מאַמעס גיבען מיט דיא קינדער אין חדר. מיט איין וואָרט, דער „בעהעלפער" איז געווען דער שד פון דיא קליינע חברה; זיי האָבען געציטערט פאר איהם און זיי האָבען איהם אין הארצען געהאסט וויא דעם טויט.

וואָס פלעגט מען אין דיא „חדרים" לערנען? דאווגען, חומש מיט רש"י און מיט דיא עלטערע קינדער אויך גמרא. אָבער אַלצ־דינג פלעגט געלערנט ווערן אָהן א ברעקעל סיסטעמע, אָהן געשמאק. דער אינגעל האָט ניט געקענט האָבען קיין שום אינטערעסע אין דעם.

און אין אזא מין „חדר" האָט זיך געפונען דער יתום ישראל. ער האָט ניט געקענט איינזיצען דאָרט. זיין קאָפ איז ניט געלעגען ביים לערנען. בשעת דער מלמד האָט איהם איינגעטייטשט א פסוק פון חומש, האָט ער געטראכט וועגען עפּעס אנדערש. איהם האט זיך געוואָלט זיין אין דרויסען, ווייט, העט ווייט אין וואלד, וואו עס איז ניטאָ ניט קיין „מלמד", ניט קיין „בעהעלפער," ניט קיין שמור־ציגער חדר און ניט קיין פערוויינטע, פערטרויערטע פנים'לאך פון קליינע קינדער... שוין אלס קינד האָט זיך אין איהם ארויסגעצייגט דיא ליעבע צו דער נאטור, דיא פערגעטערונג פון דאָס שעהנע און ערהאבענע. דעם וואלד האָט ער געליעבט דאָס לעבען, און מעהר וויא איינמאָל פלעגט ער פערשוואונדען ווערען אויף עטליכע טעג. מען פלעגט איהם ארומזוכען און ענדליך געפינען אליין אין וואלד, פערטראכט, פער'חלום'ט. דיא בוימער און דיא בערגלאך האָבען אין זיך געהאט א בעזונדערן צויבער פאר איהם. עס ווייזט אויס, אז ער

האָט אויך שטארק ליעב געהאט צו הערען דעם געזאנג פון פויגעל. זיינע נאכפאָלגער דערצעהלען, אז ער איז געווען זעהר מוזיקאליש. מוזיק איז געווען זיין לעבען. און אזוי בעהאווענט איז ער געווע אין מוזיק, אז ער האָט געקענט דערקענען פון דעם ניגון וואָס דער „כליזמר" האָט געשפיעלט, וואָס פאר א סאָרט מענש ער איז, וואָס ער האָט אין זיין לעבען געטהאָן.

אין דעם בעל שם'ס מנין — אזוי דערצעהלט דיא לעגענדע — איז געווען אן ארענדאר וואָס האָט געהאט א אינגעל מיט זעהר שלעכטע פעהיגקייטען. דאָס איז געווען אן איינפאכער „גולם" וואָס האָט זיך ניט געקענט אויסלערנען קיין „אלף בית" אפילו. ימים נוראים אָדער יום טוב, אז דער פאָטער פלעגט געהן אין שטאָדט דאווענען, פלעגט ער דעם אינגעל לאָזען אין דערהיים. אזוי האָט ער זיך געפיהרט ביז זיין זוהן איז געוואָרען „בר מצוה." איינמאָל, ערב יום כפור, האָט דער ארענדאר מורא געהאט צו לאָזען זיין אינגעל אין דערהיים ; ער קען נאָך מחלל זיין דעם הייליגען טאָג ; ער ווייס דאָך ניט, אז מען דארף פאסטען...

דער אינגעל האָט געהאט א פייפעלע. בשעת ער פלעגט ליגען אויף'ן פעלד, מיט דיא שאָף און דיא רינדער, פלעגט ער דערויף אויס-פייפען פערשיעדענע, שעהנע ניגונים. דיזע פייפעלע האָט ער מיטגע-נומען מיט זיך אין שוהל אריין. דער פאָטער האָט דערפון ניט גע-וואוסט.

דעם גאנצען טאָג איז דער אינגעל געזעסען אין קלויז און געקוקט מיט אן אָפענעם מויל אויף דיא אידען וואָס האָבען געדאווענט. א געפיהל פון קנאה האָט דורכגעדרונגען זיין הארץ. אלע דאווענען, אלע שרייען, אלע וויינען און ער שווייגט. ער טהוט גאָר ניט. א פּאָר מאָל האָט ער זיך גענומען צום פייפעל און געוואָלט ווייזען וואָס ער קען... נאָר דער ארענדאר האָט עס דערזעהן און האָט איהם ניט געלאָזען. ער בעט זיך ביים פאָטער ער זאָל איהם לאָזען כאָטש איין פייף טהאָן—אונמעגליך ! דער אינגעל האָט געהאלטען דאס פייפעלע אונ-טערן קאפּטען, און כדי צו זיין זיכער, אז ער זאָל ניט פייפען, האָט עס דער פאָטער צוגעהאלטען ביי איין ברעג...

דער עולם האָט שוין אָבגעדאַוועגט מוסף, מנחה; מען האַלט שוין ביי „נעילה". דער איינגעל בעט זיך ביים פּאָטער, ער זאָל איהם לאָזען אַ פּייף טהאָן, אָבער דער אַרענדאַר ענטפערט מיט אַ בייזער, אַז ער זאָל זיצען שטיל.

מיט אַמאָל האָט ביים איינגעל געפּלאַצט דיא געדולד...

ער האָט אַרויסגעריסען דאָס פייפעלע פון דעם פּאָטער'ס האַנד, און אין קלויז האָט זיך דערהערט אַ מורא'דיגער פּייף...

דיא חסידים זיינען פערציטערט געוואָרען און האָבען זיך אומ־געקוקט אין אַלע זייטען.

און דער „בעל שם" האָט מפסיק געווען אין מיטען דאַוונען און האָט געזאָגט:

— אָט דער איינגעל האָט מיט זיין פּייף אַרויפגעשיקט אַלע אונזערע תּפילות צום הימעל... דער וואָס קען דאַוונען, רעדט צו גאָט דורך דיא תּפלות... אָבער דער איינגעל קען נאָר פּייפען, ניט מעהר, און דאָס איז ביי גאָט אָנגענומען וויא אונזערע תפלות...

פון דעם פּייף — אַזוי האָבען זיינע נאָכפאָלגער געדרונגען — האָט ער דערקענט וואָס פאַר אַ איינגעל דעם אַרענדאַר'ס זוהן איז געווען; ער האָט אין איהם ענטדעקט אַ פערבאָרגענעם צדיק.

אָבער ישראל'ס אויפפיהרונג, זיין אַנטלויפען איינמאָל נאָך'ן אַנדערען פון חדר אין וואַלד אַריין, האָט איהם פערמאוס'ט אין דיא אויגען פון זיינע פערזאָרגער און זיי האָבען זיך אָבגעטרייסעלט פון איהם. דער איינגעל האָט אַלזאָ גאַנץ פריה געמוזט אָנהויבען זאָרגען פאַר זיך אַליין.

אין אַ קורצע צייט אַרום געפינען מיר איהם ווידער אין „חדר"; אָבער ניט אַלס „תּלמיד," נאָר אַלס „בעהעלפער".

און אַלס בעהעלפער איז ער געווען אַן אויסנאַהמע פון זיינע חברים. ער האָט באַלד געוואונען דיא הערצלאַך פון דיא קליינע קינדער. זיי האָבען איהם זעהר ליעב געהאַט. ער פלעגט זיי ניט נאָר פיהרען אין חדר און צוריק, נאָר ער פלעגט אויך מוזען געהן מיט זיי אין שול אַריין און זאָגען מיט זיי „אמן" און „קדושה". דיזע אַרבייט

פלעגט ער טהאָן מיט דעם גרעסטען פערגניגען. ער איז געוועזען צופריע־דען מיט זיין בעהעלפערשען לעבען.

נאָר לאנג האט ער זיך דערביי ניט געהאלטען.

מען קען ניט וויסען אויף ריכטיג פאר וואס, נאָר אין א צייט ארום האָט ער געביטען זיין בעשעפטיגונג און איז געוואָרען דער שמש פון דער שוהל. מעגליך, אז דאָס איז געוועזען דערפאר, ווייל אלס שמש האט ער געקענט זיין אונאבהייננגינער, מעהר פאר זיך. דער דאמאלס־דיגער שמש איז געוועזען א מין שומר וואס פלעגט היטען דיא שוהל, און דער יונגער ישראל האט געטהאָן זיין ארבייט וויא עס דארף צו זיין. זיינע בעלי בתים, דיא גבירים פון שוהל, זיינען געוועזען צופרידען מיט איהם, נאָר זיי האָבען איהם בעטראכט פאר א שטיקעל משוגע'נעם, מחמת ער פלעגט אויף זיין דיא גאנצע נאכט, און בייטאָג, בשעת דער עולם האָט זיך ארומגעדרעהט און שוהל, איז ער געשלאָפען.

דיא גאנצע נאכט, ביז טאָג, פלעגט ער זיצען אין שוהל און לערנען.

צווייטער קאפיטעל

זיין ענטוויקלונג און זיינע למודים.

וואָס ער האָט געלערנט. — ר׳ אדם און דיא געהיימע כתבים. — זיין חבר ר׳ אדם׳ס זוהן און זיין סוף. — דער בעש״ט ווערט א מלמד. — זיין שידוך מיט דעם בראָדער רב׳ס שוועסטער און זיינע צרות.

וואָס האָט ער געלערנט? פון וועלכע ספרים האָט דער שפּעטערדיגער גרינדער פון׳ם חסידיזמוס געשעפּט זיינע קענטניסע? וואָס פלעגט ער לערנען אין דיא נעכט וואס ער איז אויף געוועזן אין שוהל?

א גענויען ענטפער דערויף קען קיינער פון זיינע ביאָגראַפען ניט געבען. נאָר פון דיא בעקאנטע פאַקטען וועגען זיינע קינדערישע יאָהרען, פון דעם וואָס דערצעהלט זיך וועגען זיין פאַנטאַסטישע נאַטור און זיין ליעבע צום וואַלד, קען מען פערשטעהן, אז ער האָט זיך ניט געבלענדעט דיא אויגען און ניט געבראָכען דעם מוח איבער דער גמרא און איבער דיא „פּוסקים“. דיזע ספרים זיינען, אָהן צווייפעל, געוועזן פאַר איהם צו טרוקען. עס איז גיכער צו גלויבען, אז ער האָט זיך שוין אין דער יוגענד אָבגעגעבען מיט קבלה־ספרים, מיט׳ן „זוהר“, דיא ביבעל פון דיא קבלה־לייט, און אַנדערע ווערקע פון אלטע און נייע קאַבאַליסטען וואס האָבען אין יענער צייט געהאַט אן אָבגאַנג אין פּוילען.

אז דער „זוהר“ איז שפעטער ניט ארויס פון זיינע הענד, פערגעסען זיינע פערעהרער ניט צו דערצעהלען אויף יעדען שריט און טריט. דיזער ספר, פול מיט ווינקען און סודות, מיט לעגענדען און טיעפזיניגע געדאנקען, געשריבען אין א צויבערהאפטען סטיל, האט געמוזט מאכען א טיעפען רושם אויף דער צארטער, פיהלענדער זעעלע פון דעם יונגען אינגעל. און מען דערצעהלט, אז ווער עס איז שפעטער געקומען צו איהם, האט איהם געפונען ביים „זוהר“. דאס איז געוועזען זיין טרייעסטער חבר אין לעבען. „אין דיזען ספר“, פלעגט ער אליין זאגען, „האט גאט ברוך הוא בעהאלטען פאר די צדיקים דאס ליכט וואס ער האט בעשאפען אין די ששת ימי בראשית.“

אויסער די קבלה־ספרים, דערצעהלט מען, האט ער אויך ליעב געהאט דעם „עין יעקב“, יענעם טהייל פון תלמוד, וועלכע גיט זיך ניט אב מיט טרוקענע דינים און מיט פלפולים; דעם טהייל פון די אגדתות, די לעגענדען פון דער גמרא. ער פלעגט ליעב האבען, אימיצער זאל זיצען לעבען איהם און איהם פארלעזען שטיקער פון „עין יעקב“.

נאר אחוץ די ספרים איז אויך דא א לעגענדע וועגען געהיימע כתבים, מאנוסקריפטען, וואס דער יונגער ישראל האט „על פי נס“ געקראגען אין יענער צייט, ווען ער איז געווען שמש פון שוהל.

אין א געוויסער מדינה — דערצעהלט די לעגענדע — האט אין יענער צייט געלעבט א הייליגער מאן, א מקובל מיט'ן נאמען ר' אדם. דיזער מאן האט אמאל אין א מערה געפונען א פאק מיט הייליגע כתבים, דורך וועלכע ער פלעגט בעווייזען וואונדער. פיעלע נסים האט ר' אדם געצייגט. ער איז געווען א גרויסער אביון. איינמאל האט זיך א גרויסען קעניג פערגלוסט אראבצוקומען צו איהם צו גאסט מיט א גאנצע מחנה פון גענעראלען און אפעצירען און סאלדאטען. און דער הייליגער מאן האט דורך די הייליגע מאנוסקריפטען פאר איהם אויפגעשטעלט א פראכטפאלען פאלאץ אין איין מינוט; און א סעודה האט ער פאר זיי געמאכט כיד המלך, מיט געבראטענע קאטשקעס און מיט וויין און מיט אלערליי זיסע און געשמאקע מאכלים — אלץ דורך די הייליגע כתבים...

פאר׳ן טויט האָט מען איהם פון הימעל מגלה געווען, אז דיא כתבים געהערן צו ר׳ ישראל דעם זוהן פון אליעזר, וועלכער געפינט זיך אין דער שטאָדט אָקופּ. ר׳ אדם האָט געהאט אן איין איינציגען זוהן, האָט ער איהם אָנגעזאָגט, אז נאָך זיין טויט זאָל ער פאָהרען נאָך אָקופּ און איבערגעבען דיא שריפטען צו דעם, וועמען זיי געהערן. דער זוהן האָט געפאָלגט און איז אוועקגעפאָהרען קיין אָקופּ. דאָרט איז ער אריינגעפאָהרען צום „פרנס חודש" און האָט איהם דערצעהלט, אַז זיין פאָטער האָט איהם פאר׳ן טויט אָנגעזאָגט חתונה צו האָבען אין דער שטאָדט.

האָט מען איהם גלייך געקראָגען א כלה. מען האָט איהם חתונה געמאכט מיט א נביר׳ס א טאָכטער.

נאָך דער חתונה האָט ער געגומען זוכען דעם, וואָס ער דאַרף, נאָר ער האָט ניט געקענט געפינען קיינעם, אויסער דעם 14 יעהריגען אינגעל ישראל, דער זוהן פון אליעזר, וועלכער האָט געדיענט אלס שמש פון שוהל. דער יונגער בעל הבית׳ל האָט אלזאָ גענומען נאָכ־שפּירען דעם אינגעל. ער האָט איהם א פּאָר מאָל אונטערגעוואָרפען א פּאָר כתבים און האָט געזעהן, וויא דער אינגעל האָט זיי מיט ציטערנדע הענט א כאפּ געטהאָן, זיי דורכגעקוקט און זיי בעהאַלטען אין קעשענע. ער איז אלזאָ געווען איבערצייגט, אז דאס איז דער, וועמען ער זוכט...

דער סוף איז געווען אז דיא צוויי יונגע לייט האָבען זיך בע־קענט איינע מיט דיא אַנדערע. דער בעל הבית׳ל האָט דעם אינגעל איבערגעגעבען דיא איבעריגע מאנוסקריפּטען און האָט איהם געבעטען, ער זאָל זיין זיין חבר און לערנען מיט איהם צוזאַמען. ישראל האָט איינגעווילינגט דערויף, נאָר מיט א בעדינגונג קיינער זאָל דערפון ניט וויסען; פאר׳ן עולם איז ער געווען דעם בעל הבית׳ל׳ס משרת.

דער יונגער מאן האָט געהאט א רייכען שווער, האָט ער ביי איהם גע׳פּועל׳ט, ער זאָל איהם אויסבויען א שטיבעל ערגעץ וואו, הינטער דער שטאָדט. דאָרט איז ער מיט ישראל׳ן געזעסען און געלערנט. זיי האָבען אויך דאָרט געמאכט פּראָבעס מיט דיא הייליגע כתבים; זיי האָבען פּרובירט בעווייזען וואונדער, וויא דער הייליגער

מאַן ר׳ אדם האָט געטהאָן. נאָר דיא פּראָבעס זיינען ניט געלונגען. איינמאָל האָבען זיי דורך דעם אָנגעמאַכט א גרויסע שרפה, א צווייטען מאָל האָט זיך דאָס געענדיגט מיט נאָך א גרעסערן אוננליק: דער בעל הבית׳ל איז דער׳הרג׳עט געוואָרען, און ישראל איז געבליבען אליין, אָהן א חבר...

עס דערצעהלט זיך אויך אז בשעת ישראל איז געווען שמש פון שוהל, האָט מען איהם חתונה געמאַכט, נאָר זיין ווייב האָט געמוזט שטאַרבען אין איין צייט מיט זיין חבר. דער יונגער מאַן איז אַלזאָ געבליבען אליין, אָהן אירגענד וועלכע שטיצע. און ער האָט זיך ווידער געמוזט אוועקלאָזען „איבער דער וועלט" זוכען פּרנסה.

און ווידער אמאָל געפינען מיר איהם ביי זיין אמאָליגער בעשעפטיגונג אלס „בעהעלפער" אין פערשיעדענע „חדרים", ארומפאָהרענדיג פון איין שטעטעל אין דער אַנדערער. קיין גליקען, פערשטעהט זיך, האָט ער דערפון נים געמאַכט; ער האָט קוים געהאַט א שטיקעל ברוים. ער פלעגט געהן אָבגעריסען, אָבגעשליסען, וויא א בעטלער: אפילו אויף א שבת׳דיגע קאַפּאָטע האָט איהם זיין פּרנסה ניט געסטייעט.

און אזוי וויא פריהער איז איהם דיא „בעהעלפעריי" גיך נמאס געוואָרען. זיין ליעבע צו איינזאַמקייט, זיין חשק צו וועלדער און פעלדער, צו דער נאַטור, האָבען איהם געטריבען אוועקצואווארפען דיא בעהעלפער־שטעלע און צו ווערן א מלמד ביי אַן ארענדאַר.

דער ארענדאַר אָדער „ישוביניק", וויא מען האָט איהם גערופען און מען רופט איהם נאָך יעצט ביי אידען, איז געווען א מערקווירדיגער טיפּ. מאָדנע זאַכען דערצעהלט מען זיך אָן פון ישוביניקעס. זייער לעבען איז געווען קלעגליך און טרויעריג. „אָרימקייט און אונוויסענהייט האָבען געהערשט אין הויז פון יעדען ארענדאַר," דערצעהלט דער פילאָזאָף שלמה מיימון אין זיין אייגענע לעבענס־בעשרייבונג. „דער בעל הבית איז געווען גראָב און שמוציג, א פאָלשטענדיגער „עם הארץ" וואָס האָט ניט נאָר ניט געקענט קיין איין לשון קדש׳דיגען וואָרט, נאָר אפילו זשאַרגאָן האָט ער ניט געקענט ריידען. זיין שפּראַכע איז געווען א פערדאָרבענעס, צובראָכענעם רוסיש. וועגען

זיין פרוי און קינדער איז שוין גאָר ניטאָ וואָס צו ריידען; זיי זיינען געשטאַנען נאָך נידעריגער פון איהם. זיין הויז איז געווען אַ פוידערישע כאַטקע וואָס האָט געהאַלטען ביים איינפאַלען, שוואַרץ פון רויך. קיין קוימען איז ניט געווען אין שטוב, און דער רויך פלעגט אַרויסגעהן דורך אַ גרויסען לאָך וואָס איז געווען אין דאַך. אַזוי ניך וויא דער אויווען פלעגט זיך אויסהייצען, פלעגט מען פערשטאָפּען דיא לאָך, כדי דיא ווארימקייט זאָל ניט אַרויס פון שטוב. דיא גאַנצע וואוינונג איז בעשטאַנען פון איין צימער וואָס האָט געדיענט פאַר אַלצדינג: אַ שלאָף־צימער, אַ שיינק, אַן עסס־שטוב, און אַ „חדר" פאַר דיא קינדער צום לערנען. אין דיעזען צימער איז שטענדיג געווען הייס צום דערשטיקט ווערן, און מען פלעגט זיך דאָרט באָדען אין שמוץ. אַלעס איז געווען אויסגעמישט, דיא ריינע וואַסער און דיא פּאַמוניעצע, דיא שמוציגע קליידער און דיא אויסגעוואַשענע. דאָרט וואו מען פלעגט באַקען און קאָכען, האָט מען אויך געמוזט מעלקען דיא קוה... און אַלע, אַלע אין איין און דעמזעלבען צימער: דיא שכור'ע פּויערים, דער אַרענדאַר, זיין פרוי און קינדער און — דער מלמד..."

צו אַזאַ לעבען האָט זיך דער בעל שם טוב בשום אופן ניט געקענט צוגעוואוינען. איינע פון זיינע בעדינגונגען, בשעת ער האָט אָנגענומען דיא שטעלע ביים אַרענדאַר, איז געווען, מען זאָל איהם אויפשטעלען אַ בעזונדער שטיבעל הינטער'ן דאָרף. דאָרט פלעגט ער לערנען מיט דעם אַרענדאַר'ס קינדער און אויך פערברייננגען זיין גאַנצע צייט. נאָר עסען פלעגט ער געהן צום „ישוב'ניק" אין הויז.

מיט דער צייט האָט ער שטאַרק נושא חן געווען ביי דיא אַרומיגע אַרענדאַרען און ביי דיא „פּריצים", מחמת ער האָט געקענט פּויליש, און ער פלעגט זעהר אָפט דיענען אַלס דאָלמעטשער צווישען דיא אַרענדאַרען און זייערע פּריצים.

אין עטליכע יאָהר אַרום געפינען מיר איהם אין דער שטעטעל טלאָסט, ניט ווייט פון בראָד. ער איז שוין זעלבסטשטענדיג און האַלט אַ „חדר" פאַר זיך. זיינע פעהיגקייטען און זיינע קענטניסע אין לעבען האָבען איהם געמאַכט אַ גוטען נאָמען ניט נאָר אין יענער שטעטעל אַליין, נאָר אויך אין אַלע אַרומיגע פּלעצער. ער איז געוואָרען בעליעבט

ביי אלעמען. מען פלעגט אפט קומען צו איהם האבען א דין תורה. אז עס האט זיך געמאכט א „בוררות״, א מין שיעדס־געריכט. האט מען איהם גענומען פאר א „שליש״. מען האט געהאט צו איהם פולען צוטרויען.

צווישען דיא גרויסע לייט, מיט וועמען ער איז דאן געקומען אין בעריהרונג, איז אויך געווען א געוויסער איד מיט'ן נאמען ר' אפרים פון דער שטאדט קאטעוו. ער איז געווען דער פאטער פון דעם בעריהמ־טען רב, ר' אברהם גרשון קאטעווער, וועלכער האט געוואוינט אין בראד. ר' אפרים האט געהאט א שטיקעל סכסוך מיט זיינעם א בעקאנטען און האט זיך געקליבען צו פאהרען קיין בראד האבען דארט א דין תורה. אבער אזוי וויא זיין בעל דין האט איהם שטארק אבגע־לויבט דעם מלמד ישראל פון זיין שטעטעל, האט זיך ר' אפרים מיישב געווען און איז צוגעפאהרען קיין טלאסט, אום פארצולייגען דארט זיינע טענות. דעם בעל שם'ס פסק האט אזוי אויסגענומען ביי ר' אפר'ם'ן, אז ער האט געזוכט זיך מיט איהם בעסער צו בעקענען; און ווען ער האט זיך דערוואוסט, אז דער מלמד איז אן אלמן, האט ער איהם אנ־געבאטען זיין טאכטער, א גרושה, פאר א ווייב. ישראל האט מסכים געווען דערצו, נאר מיט א בעדינגונג, אז דיא חתונה זאל ניט אב־געלעגט ווערן אויף א בעשטימטע צייט און אז קיינער זאל ניט וויסען דערפון ביז דאן.

אויף'ן וועג, צוריק פאהרענדיג אהיים, איז ר' אפרים געשטארבען.

צווישען דיא פאפירען וואס דער פערשטארבענער האט איבער־געלאזען, האט זיין זוהן, ר' אברהם גרשון, געפונען דיא „תנאים״, דורך וועלכע זיין שוועסטער איז געווארען א כלה פאר א געוויסען אלמן מיט'ן נאמען ישראל דער זון פון אליעזר. ער איז ערשטוינט געווא־רען און האט ניט געקענט פערשטעהן וויא אזוי זיין פאטער האט געקענט פער'קנס'ן זיין טאכטער אהן איהר וויסען. ר' אברהם גרשון'ס שוועסטער האט עס אויך ניט געקענט בעגרייפען. זיא האט געצויגען מיט דיא פלייצעס און האט געשוויגען. עס איז געבליבען צו שווייגען דערוויל און אבצואווארטען, אום צו זעהן וואס דא וועט ווערן.

אז דער „זמן״ פון דיא מלמדות איז אריבער, האָט ישראל פערלאָזען טלאָסט און איז אוועק קיין בראָד צו ר׳ אברהם גרשון׳ען אין הויז. אָנגעטהאָן אין פראָסטע, פויערשע קליידער האָט ער זיך אוועקגעשטעלט ביים טהיר. דער רב האָט געמיינט, אז דאָס איז עפּעס אַן אָרעמאַן און האָט איהם געוואָלט געבען א נדבה. אָבער וויא ערשטוינט איז ער געוואָרען, אז אָנשטאָט צוצונעהמען דיא נדבה, האָט איהם דער אָבגעריסענער „שלעפּער״ דערלאנגט דיא „תנאים״ און האָט איהם ערקלערט, אז ער איז געקומען חתונה האָבען.

ר׳ אברהם גרשון איז געבליבען א צוטומעלטער. אין זיין לעבענס־טאָג וואָלט ער זיך ניט געגלויבט, אז זיין פאָטער וועט אויסקלויבען פאַר זיין שוועסטער אזא פּראָסטאק, אזא „גאָרנישט״ פאַר א מאַן. ער האָט אלזאָ געשיקט רופען זיין שוועסטער און האָט איהר דערצעהלט דיא גאַנצע געשיכטע. זיא האָט ניט געוואָלט געהן געגען דעם ווילען פון איהר פערשטאָרבענעם פאָטער און עס איז געבליבען צו מאכען דיא חתונה.

פאַר דער חופּה האָט דער חתן זיך דורכגעשמועסט מיט דער כלה. ער האָט איהר אויסגעזאָגט דעם אמת, ווער און וואָס ער איז, נאָר ער האָט איהר בעשוואָרען, זיא זאָל עס קיינעם ניט ענטדעקען, ווייל ער וויל זיך נאָך אזוי פערשטעלען ביז א געוויסע צייט. דיא כלה האָט איינגעווילינגט.

לאָזען אז זיין שוואָגער זאָל בלייבען אזא „עם הארץ״, האָט ר׳ אברהם גרשון בשום אופן ניט געקענט, ער האָט דארום געזוכט איהם אויסצובילדען, מיט איהם צו לערנען. אבער זיין מיה איז געווען ארויסגעוואָרפען. ישראל האָט זיך געהאלטען ביי זיין אָבמאַך, זיך ניט אויסצוגעבען מיט זיינע קענטניסע און מיט זיינע פעהיגקייטען פאַר קיינעם. ער האָט עס געהאלטען פאַר אַן ערנידערונג, פאַר א פּחיתת הכבוד, צו ווערען בעעהרט פאַר עטליכע בלאַט גמרא וואָס מען קען. זיין כלל איז געווען, אז מען דאַרף אָבשאצען דעם מענשען׳ס מעשים זיינע מדות, זיין כאַראַקטער, און ניט זיינע קענטניסע. עס איז קיין ספק ניט, אז ער האָט זיך געקענט אויסגלייכען מיט דיא דאמאָלסדיגע רבנים אין למדנות אויך, נאָר ער האָט זיך ניט געוואָלט גרויס האלטען דערמיט.

איהם איז געווען אַלץ איינס וואָס פאַר א מיינונג מען וועט האָבען וועגען זיינע קענטניסע. ער האָט געקוקט מיט גלייכגילטיקקייט אויף דיעזע מיינונגען. דיזע מדה איז ביי איהם געבליבען לאנג, זאָגאר דאַן, ווען ער איז אַרויס פאַר דער וועלט, ווען מען האָט שוין געוואוסט ווער ער איז. „עס דאַרף זיין אַלץ איינס פאַר דעם מענשען", זאָגט ער אין זיין צוואה, „צו מען לויבט איהם, צו מען טאַדעלט איהם; צו מען האָט איהם ליעב אָדער פיינט, צו מען האַלט איהם פאַר א גרויסען קענער אָדער פאַר א פשוט'ן „עם הארץ"...

נאָר פאַר ר' אברהם גרשון'ען איז דאָס קיין תירוץ ניט געווען. ער האָט געוואָלט אז זיין שוואָגער זאָל ווערן א למדן, און ווען ער האָט געזעהן אז ער קען מיט איהם גאָר ניט מאַכען, האָט ער געשיקט רופען זיין שוועסטער און האָט איהר פאָרגעלייגט: ענטוועדער זיא זאָל זיך גט'ן מיט איהר מאַן, דעם „עם הארץ", אָדער זיי זאָלען זיך אוועקפאָהרען פון בראָד, וואו זיי ווילען. ער וויל זיי מעהר ניט קענען.

זיא האָט אויסגעקליבען דיא צווייטע בעדינגונג.

ישראל האט אַלזאָ געמוזט נעהמען זיין פרוי און פערלאָזען בראָד. דער האַרטנעקיגער רב, וועמען דער יחוס און דער שטאָלץ פון זיין למדנות האט געמאַכט פאַר אן אכזר, האָט זיך ניט געלאָזט בויגען. ער האָט דיא פאָר פאָלק געקויפט א פערד און וואָגען און האט זיי אַרויסגעשיקט פון שטאָדט.

דריטער קאַפּיטעל.

זיין „ענטפּלעקונג“ און טהעטיגקייט אַלס „בעל שם“.

זיין לעבען אויף דיא בערג. — צוריק אין בראָד. — ווערט אַ שוחט און שפּעטער אַ בעל־הבית פון אַ קרעטשמע. — זיין „ענטפּלעקונג“ — זיין טהעטיגקייט אלס „בעל שם“ און זיינע וואונדער.

וואו זיינען זיי אַהינגעקומען ? אַ צייט לאַנג זיינען זיי ארומגע־פאָהרען פון איין אָרט צום אַנדערן ביז וואַנען זיי האָבען זיך בעזעצט אין אַ דאָרף צווישען דיא שטעדט קאָטעוו און קאָסעוו. עס ווייזט אוים, אַז נאָר זיא, דיא פרוי האָט געוואוינט אין דאָרף. ער פלעגט, וויא געוועהנליך, פערברייינגען דיא צייט אַליין, צווישען דיא הויכע בערג, אַרום יענעם דאָרף. זיי האָבען געפיהרט אַן אָרעמען, קיעגליכען לעבען. דיא איינציגע שטיקעל שטיצע זייערע איז געוועזן דאָס פערד און וועגעלע וואָס ר׳ אַברהם גרשון האָט זיי געקויפט פאַר זייער אָבפאָהרען פון בראָד. אַ פּאָר מאָל אין דער וואָך, דערצעהלט מען, פלעגט דיא פרוי קומען מיט׳ן פערד און וואָגען צו איהר מאַן אויף דיא בערג. ער פלעגט אָנלאָדען דעם וואָגען מיט ליים און זיא פלעגט עס פיהרען אין דיא ארומיגע שטעטלעך פערקויפען. דערפון האָבען זיי געלעבט.

אָבער לאַנג האָט עס ניט אָנגעהאלטען. מען קען ניט וויסען וואָס דאָרט איז געשעהן. אפשר איז דאָס פערדיל, דיא איינציגע שטיצע זייערע, אַוועקגעפאלען. עס איז זיי געוואָרען זעהר ביטער און

זיי האָבען זיך געמוזט אומקעהרען קיין בראָד, צו ר' אברהם גרשון'ען אין הויז.

און דאָ האָט זיך ווידער א מאָל אָנגעפאנגען דער אלטער קאמפף. דער למדן ר' אברהם גרשון האָט געזוכט אלערליי מיטלען צו מאכען זיין שוואָגער דעם „עם הארץ", פאר א „לייט". אָבער אומזיסט! ער האָט צו קיין זאך ניט געטויגט; א לא יוצלח, און גענוג! ער האָט איהם געמאכט פאר זיין משרת. איינמאָל האָט ער איהם מיטגענומען מיט זיך אויף דער רייזע. ר' אברהם גרשון האָט איינגע־דרעמעלט, און ער, ישראל, איז געווען אזוי פערטיעפט אין זיינע מחשבות, אז דיא פערד האבען ארייננגעשלעפט דעם וואָגען אין א טיעפען זומפ און מען האָט ניט געקענט ארויסקריכען פון דאָרט. דער רב האָט זיך געמוזט אליין מטריח זיין און צוגעהן אין דאָרף רופען איינינע פויערים ארויסצושלעפען דעם וואָגען מיט דיא פערד. ישראל'ן האָט ער שוין מורא געהאט צו שיקען, ער זאָל ניט פער־בלאָנדזשעט ווערן...

דעם מאָל האָט ישראל אליין שוין ניט געקענט בלייבען לאנג ביים שוואָגער. ער האָט זיך אויסגעלערנט „הלכות שחיטה" און איז געוואָרען א שוחט. אזוי פלעגט ער ארומפאָהרען אין דיא ארומיגע דערפער וואו ער האָט געדיענט אלס שטענדיגער שוחט. שפעטער האָט זיך איהם געמאכט אָנצונעהמען א קליינע קרעטשמע. ער האָט זיא אָבגעדונגען ניט ביים „פריץ" אליין נאָר ביי א אידישען ארענדאר, וועלכער האָט געהאט אונטער זיין האנד עטליכע קרעטשמעס און האָט איהם אָבגעלאָזען איינע. קיין גליקען האָט ישראל דערביי ניט געקענט מאכען. עס האָט איהם זאָגאר ניט געסטייעט צום לעבען, מחמת ער פלעגט מוזען קויפען שנאפס און וויין ביים ארענדאר און פלעגט מוזען צאָהלען וויפיעל יענער האָט פערלאנגט. ער האָט אלזאָ געמוזט זעהר אָפט ארויספאָהרען איבער דיא דערפער און צומאכען א ביסעל געלד פון דער שחיטה.

אין דער קרעטשמע האָט ער זיך געפיהרט וויא געוועהנ־ליך. זיין ווייב און זיינע קינדער האָבען געוואוינט דאָרט, און ער פלעגט זיין אונגעשטערט און האָט געקענט זיך פערטיעפען אין זיינע

געדאנקען ווי פיעל ער האָט געוואָלט. אהיים פלעגט ער נאָר קומען שבת און יום טוב, אָדער דאַן ווען זיין פרוי האָט איהם געשיקט רופען צו בעדיענען דיא אורחים.

און אין דיעזער קרעטשמע, הייסט עס, איז געקומען זיין צייט זיך צו „ענטפלעקען", ארויסצוצייגען פאר דער וועלט זיין גרויסקייט און זיין „ליכט". ער איז דאַן געווען אונגעפעהר 36 יאהר אַלט. מען האָט איהם, וויא זיינע נאָכפאָלגער דערצעהלען, פון הימעל גע־הייסען אראָבוואַרפען פון זיך דיא מאסקע פון דעם פּראָסטען, איינ־פאכען מענשען.

וויא אזוי איז דאָס צוגעגאנגען? וויא אזוי האט דיא וועלט דערזעהן זיין הייליגקייט? דערויף זיינען דאָ עטליכע לעגענדעס, און איינע פון זיי דערצעהלט זיך אויף אזא אופן:

איינמאָל איז צו איהם אין קרעטשמע אריינגעפאָהרען אַן אורח, אַ רב, זיין שוואָגער ר' אברהם גרשון'ס אַ תלמיד. ישראל האט איהם אַליין בעדיענט. ארום דיענסטאָג רופט זיך אָב דער אורח צו איהם: „ישראל, זיי אזוי גוט און גרייט צו דעם פערד און וואָגען, מחמת איך מוז באַלד אָבפאָהרען". בעט איהם דער „בעש"ט" ער זאָל בליי־בען ביי איהם אויף שבת. דער רב קוקט איהם אַן וויא אַ משוגע'נעם. אָבער דיא השגחה האט זיך געטהאָן איהרס. וויפיעל דער אורח האָט זיך ניט געאיילט צו פאָהרען, האָט זיך כסדר געמאַכט עפּעס וואָס האט איהם פערהאלטען, און ער האט געמוזט בלייבען ביז איבער שבת אין קרעטשמע.

שבת, ביים טיש, האָט דער אורח דערקענט דעם בעל הבית פון דער ארענדע. ער האָט דערזעהן זיין גרויסקייט... אָבער דער „בעל שם טוב" האט אויף איהם גוזר געווען ער זאָל עס ניט דערצעהלען זיין שוואָגער, נאָר ער זאָל אריבער געהן צו דיא פרומע אידען פון שטאָדט און זאָל זיי זאָגען בזה הלשון: „אַ גרויסער שטערן געפינט זיך אַרום אייך. עס איז אַ יושר איהר זאָלט איהם אריינגעהמען אין שטאָדט אריין".

פון דאַן אָן האָט ער זיך שוין מעהר ניט בעהאַלטען. דיא וועלט האָט איהם דערקענט...

* * *

פאר דעם גרויסען עולם האט זיך דער גרינדער פון חסידיזמוס צוערשט בעוויזען אלס "בעל שם". דאס האט איהם געגעבען זיין גרוי־סען נאָמען, דאס חאָט איהם געבראכט אין בעריהרונג מיט טויזענדע און טויזענדע מענשען, אידען און קריסטען, וועלכע האָבען גענומען גלויבען אין זיין גרויסקייט, אין זיין היילינקייט.

ער איז ניט געווען דער ערשטער און ניט דער איינציגער „בעל שם". אין יענער צייט איז גאַנץ פּאָדאָליען, גאליציען און בוקאָווינא געווען פול מיט געשיכטען פון דיא וואונדער, וואס דיא „בעלי שמות" האָבען געוויזען. דער גייסטיגער צושטאנד פון דיא אידען אין יענע מקומות איז געווען וויא צוגעמאָסטען דערצו. דער אידישער המון עם האָט געלעבט אין אַ מורא׳דיגער פינסטערנים, אונטערדריקט און פערפאָלגט פון דיא בייזע „פריצים". וואס פאר א ווערדע האט א איד געהאַט ביים פריץ אין דיא אויגען? אויך דער קריסטליכער פויער איז דאַן געווען גענוג אונטערדריקט; נאָר פאר איהם האט דער פריץ כאָטש אמאָל געהאט א שטיקעל אָבשיי; ער האט פּשוט געציטערט פאר איהם, ער זאָל ניט רעוואָלטירען. פאר דעם אידישען ארענדאר האט ער קיין שום מורא ניט געהאט. אז ער פלעגט האָבען א כעס אויף א אידען, פלעגט ער איהם אָבט׳שטאטעווען אויף׳ן וועג, איהם צו׳הרג׳ענען און איבערלאזען זיין טויטען קערפּער פאר דיא ווילדע חיות. ווען עס האָט זיך איהם פערגלוסט, האט ער געלאָזט אונטערצינדען דעם אידען׳ס הויז, און אין דער מהומה פלעגט ער דער׳הרג׳ענען דעם אידען קיינער זאָל ניט וויסען ווער דאס האט געטהאָן. דיא „שאלות ותשובות" פון דיא דאמאלסדיגע רבנים זיינען פול מיט פראגען און אנטוואָרטען וועגען דיא מאסען עגונות וואס זיינען דאַן געבליבען דורך דעם וואס מען האט ניט געקענט געפינען דיא קערפּערס פון זייערע ערמאָרדעטע מענער.

און פונקט אזוי קלעגליך וויא דיא עקאָנאָמישע לאגע איז אויך געווען דער גייסטיגער צושטאנד פון יענער צייט. ניט נאָר דיא מוחות פון׳ם המון עם זיינען געווען פערפינסטערט, נאָר דיא דאמאלסדיגע רבנים, מישטיינס געזאָגט, זיינען אויך ניט געווען בעסער. אין יענער צייט האט זיך געקענט געפינען א רב וואס האָט געפרעגט דעם אנדערן אזא שאלה: „א פאָטער וואס האט א נדר געטהאָן ניט צו לערנען

זיין זוהן דיא פוילישע שריפט, צו האט ער עובר געווען אויף זיין שבועה דורך דעם וואס ער האט איהם אויסגעלערנט דעם פוילישען „אלף בית" אויסענווייניג, ניט צייגענדיג איהם דיא בוכשטאבען, נאר דער זוהן איז אזא חכם און האט עס דערנאך אליין אויסגעפונען ?"... דיזע און עהנליכע שאלות צייגען אויף וואס פאר א נידריגע גייסטיגע מדרגה דיא אידען זיינען דאן געשטאנען אין יענע געגענדען.

וואס זשע איז דער וואונדער, אז דיא „בעלי שמות" האבען דאן געפונען אזא אויפנאהמע ? ניט נאר אין פאדאליע און אין גאליציען אליין האבען זיי געפונען א פעלד פאר זייער טהעטיגקייט ; זיי האבען זיך פערשפרייט איבער דער לייננ און דער ברייט פון אייראפא. זייערע „קליענטען" זיינען געווען ניט בלויז אידען, נאר אויך קריסטען, בעזאנ־דערס רייכע דאמען וואס זיינען געקומען צוא דיא „הייליגע מענער" זוכען א רפואה צו זייערע געבראכענע הערצער, צו זייערע דערשלאגענע געמיטהען און אפטמאל צו זייערע קערפערליכע קראנקהייטען. כמעט אין יענער צייט איז צווישען דיא קריסטען גופא, אין ענגלאנד און אין נארטה אמעריקא, ארויסגעוואקסען דיא סעקטע פון „תפלה־דאקטוירים", אזוי וויא דיא זאָ־גענאנטע קריסטשיאן סייענטיסטס" אין אמעריקא, וועלכע האבען געוואלט היילען גייסטיגע און קערפערליכע קראנקהייטען דורך געבעט.

עס איז גאר קיין צווייפעל ניט, אז צווישען דיא פערשיעדענע „בעלי שמות" פון יענער צייט האבען זיך געפונען געגוג שווינדלער, וועלכע האבען געזוכט צו מאכען געלד פון זייערע „שווארצע קונצען". אויף דעם „בעל שם טוב" קען דאס אבער קיינער ניט זאגען, אפילו זיינע ביטערסטע געגנער ניט. „צו זיין עהרע", זאגט גרעטץ, „מוז מען צוגעבען, אז ער האט קיינמאל ניט מיסברויכט זיינע פעהיגקייטען. ער האט ניט געמאכט קיין מסחר דערמיט ; ער האט אפילו ניט געזוכט דערפון א לעבען צו מאכען."

אויף וויא ווייט מען קען ארויסנעהמען פון זיינע אייגענע ווער־טער ביי פיעלע געלעגענהייטען, איז ער געווען איבערצייגט אין זיין כח אלס „בעל שם". עס איז געלעגען אין זיין טהעאריע, אין זיין תורה. „דיא גאטהייט געפינט זיך איבעראל, אין אלע ברואים"—דאס איז געווען זיין

פרינציפ. דאָס איבריגע פערשטעהט זיך שוין פון זיך אליין. וויא באלד דיא שכינה איז איבעראל, דאַקענען דיא וואָס זיינען מסוגל דערצו ווירקען אויף איהר ווילען, איהר בויגען וואו זיי וויכען, דאָס הייסט בעווייזען וואונדער...

האָט ער זיך אימער בענוצט מיט דיזער „געטליכער“ קראפט זייד נער, אין וועלכער ער האָט אליין געגלויבט? זיינע נאכפאָלגער זאָגען, אז ניט. נור דאן ווען עס איז קיין אנדער ברירה ניט געווען, האָט ער געברויכט איבער־נאטירליכע מיטלען. געוועהנליך האָט ער אלס „בעל שם“ אנגעווענדעט נאטירליכע מיטלען, באַבסקע רפואות און סגולות, וועלכע ער האָט זיכער געלערנט אין דער יוגענד, ארומפאָהרענדיג אין דיא דערפער און פערברייננגענדיג מאָנאטען און יאָהרען אין דיא וועלדער און אויף די בערג. קראַנקהייטען פלעגט ער מייסטענס היילען מיט קרייטיכער און גראָזען. ער פלעגט אויך געבען „קמיעות“, אָבער דאָס נאָר זעלטען, ווען ער האָט זיך ניט געקענט העלפען. אָפטמאָל, ווען זיין פּאציענט איז געשטאָרבען, האָט ער געהאט א פּארטיגען תירוץ: ער האָט ניט געקענט העלפען דערצו; ער האָט געהערט וויא מען האט אויף׳ן הימעל אויסגערופען, אז דער חולה מוז שטארבען; אָדער אז ער האָט געזעהן וויא דער מלאך המות שטעהט שוין הינטער דעם טויטען און עס איז געווען פערפאלען!...

דאָס וואָס ווערט אָנדערצעהלט פון זיינע וואונדער אלס „בעל שם“, קען אָנפילען גאנצע ביכער. נאָך דיא שילדערונגען פון דיא חסידים האָט ער געצייגט זיין כח אין פערשיעדענע פעלע. דיא געד פעהרליכסטע קראַנקהייטען האט ער געהיילט, וואהנזיניגע האָט ער קלאָר געמאכט. נאָר דאס איז ניט אלעס. ער איז אויך געווען א „רואה ואינו נראה“. אז ער האט געוואָלט, האָט ער געקענט שטעהן לעבען אייך, און איהר זאָלט איהם ניט זעהן. דערצו האָט ער זיך אויסגעצייכענט אָלס „נביא“. זיינע פערעהרער וייסען פון צעהנדליגע מעשה׳לאך ווענען זיין ווייטען בליק אין דער צוקונפט. פיעלע זאכען וואָס ער האט נביאות געזאָגט, דערצעהלען זיי, זיינען מקוים געוואָרען.

אין דער גאנצער צייט וואָס דער גרינדער פון חסידיזמוס איז געווען טהעטיג אלס „בעל שם“ איז ער ארומגעפאָהרען איבער׳ן לאַנד.

מען געפינט איהם אַלע ווײַלע אין אַן אנדער שטאָדט. דיזע טהעטינ־קייט זיינע האָט אָנגעהאַלטען עטליכע יאָהר און האָט איהם פער־שאַפט אַ גרויסען נאָמען. ער איז געוואָרען בעריהמט איבעראַל. יעדער איינער האָט גערעדט פון איהם. מען האט זיך ניט געקענט אָבלויבען גענוג פון זיינע וואונדער וואָס ער האט געציינט. ארום איהם האָבען זיך ארומגעקליעבען הונדערטער מענשען פון אַלע קלאַסען, וואס זיינען איהם נאָכגעגאַנגען דיא טריט און האָבען געשלונגען זיינע רייד. דאָן, ווייזט אויס, איז איהם שוין נמאס געוואָרען דער וואַנדערענדער לעבען, און ער האט בעשלאָסען זיך צו בעזעצען אין אַ שטאָדט און פאָרט־זעצען פון דאָרט זיין טהעטיגקייט ניט נאָר אלס „בעל שם“, אלס וואונדער־היילער, נאָר אויך אלס פיהרער פון אַ נייער כתּה, פון אַ נייע ריכטונג איי יודענטהום.

פערטער קאפיטעל.

זיין טהעטיקקייט אַלס „צדיק" און זיין פילאָזאָפיע.

דער בעש"ט אַלס „צדיק" אין מעזביז. — אַן אייגענע הויז.—זיין לוסט צו זיצען אין דערתיים.—דיא נייע תורה.—זיין בעגריעף וועגען גאָט.—געגען דיא קאַבאַליסטען און דיא רבנים,

פון דיא פיעלע שטעדט, וואו דער בעש"ט איז ארומגעפאָהרען, האָט ער אויסגעקליבען דיא קליינע שטעטעל מעזביז און האָט זיך דאָרט בעזעצט מיט זיין פאַמיליע. פאַר וואָס איז דער גורל גראָד געפאַלען אויף מעזביז? מחמת דיא קליינע שטעטעלע האָט געהאַט אין זיך פיעלע זאַכען וואָס האָבען איהם צוגעצויגען. זיא האָט ערשטענס געהאַט א היסטאָרישען ווערטה: אין איהר פנקס זיינען פערשריבען פיעלע פאסירונגען פון דיא „גזרות ת"ח". אויסער דעם צייכענט זיא זיך אויך אויס מיט איהר געאָגראַפישער לאַגע; זיא ליגט אויף א זעהר שעהנעם פלאַץ, און דאָס לאַנד ארום איהר איז זעהר בעוואַקסען. דאס איז געווען נענוג צו געווינען דעם בעש"ט'ס הארץ.

און עס האָבען זיך אָנגעהויבען קלייבען אין מעזביז הונדערטער און טויזענדער אידען. אויסער דעם פּראָסטען עולם, דעם המון עם זיינען אויך געווען פיעלע געלעהרנטע יונגע לייט, תּלמידי חכמים וואָס זיינען געקומען הערען תּורה פון דעם גרויסען און בעריהמטען מאַן.

דיא ערש־ע צייט, באלד וויא ער האָט זיך בעזעצט אין מעזביז, האָט דער בעש ט געוואוינט אין א דירה וואס ער האָט געדונגען פון פרעמדע. זיין פרוי אָבער האָט געוואָלט האָבען אן אייגענע הויז. און זיא האט שטילערהייט אָבגעשפאָרט פון איהרע הוצאות, אָנגע־קליבען א „קניפעל" און אויסגעפיהרט איהר פלאן. דיא גאנצע צייט וואָס דאָס הויז האָט זיך געבויט, האט דער בעש"ט גאָר ניט געוואוסט דערפון. איינמאָל, דערצעהלט מען, איז ער דורכגעגאנגען מיט זיינע תלמידים דורך יענער גאס, און מען האט איהם אויסגעזאָגט אז דאס נייע הויז איז זיינס; אז זיין ווייב האט עס אויסגעבויט פאר זיי אויף צו וואוינען, האט ער זיך זעהר געפרייט דערמיט.

ארויספאָהרען פלעגט ער אין יענער צייט זעלטען פון מעזביז. מען דערצעהלט, אז זיין פרוי פלעגט איהם כסדר ציטראָגען דעם חשבון פון איהרע חובות וואס זיא איז שולדיג, פאר מעהל, פאר פלייש און אנדערע נייטיגע שטוב־זאכען, און ער פלעגט אלץ אָבלייגען דיא רייזע, ביז וואנען דער חוב איז געוואָרען זעהר גרויס, אז מען האט שוין מעהר ניט געקענט אָבלייגען. דאן פלעגט ער ערשט פאָהרען.

איבערהויפט איז איהם געוועזן אונאנגענעהם ארומצופאָהרען אין דיא לעצטע צוואנציג יאהר פון זיין לעבען, ווען ער האט געוואָלט וויר־קען אוף'ן פאָלק אלס גייסטיגער פיהרער און לעהרער און ניט אלס „בעל שם" און „וואונדער־דאָקטאָר". דיא „בעל־שם'עריי" האט איהם זעהר פיעל געשטערט דערצו. דיא רבנים און למדנים פון יענע געגענ־דען האבען איהם שטענדיג אויפגעוואָרפען זיינע וואונדער און זיינע „קונצען", אין וועלכע זיי האבען ניט געגלויבט. איהם האט זיך גע־וואָלט ווירקען אויף זיי מיט זיין נייע לעהרע, מיט זיין פילאָזאָפיע. און דאס האט ער אם בעסטען געקענט טהאָן, זיצענדיג אין דערהיים אין דער סביבה פון זיינע געלעהרנטע תלמידים.

נאָר אין וואס איז בעשטאנען זיין נייע לעהרע? וואס איז אזוינס געוועזן זיין „אני מאמין", וועלכער האט זיך דערנאָך ענטוויקעלט צו דער פילאָזאָפיע פון דעם מאדערנעם חסידיזמוס?

צוערשט קומט זיין בעגריף וועגען גאָט. דאס איז ניט געוועזן דער אלגעמיינער אידישער בעגריף, אז „השמים שמים לה' והארץ נתן לבני

אדם", אז גאָט זיצט אויבען אין הימעל און קוקט אראָב אויף דיא מעשים פון דעם מענשען אונטען אויף דער ערד. נאָך זיין בעגריף נאָך איז דיא גאָטהייט דאָ איבעראל; ניטאָ קיין ליידיגער פלאץ, וואו זיא געפינט זיך ניט. דיא שכינה רוהט אין דער גאנצער שעפפונג, אין אלע וועזענס, אין דער גאנצער נאטור.

צו דיזען בעגריף איז ער זיכער געקומען נאָך אין דער יוגענד. זיך ארומטראָגענדיג שטענדיג מיט'ן געדאנק, אז גאָט איז אימער מיט איהם, אז ער געהט שטענדיג ביי זיין זייט, וויא זיין פאָטער האָט איהם אָנגעזאָגט פאר'ן טויט; זיך געפינענדיג שפּעטער אזוי נאָהענט צו דער נאטור, אימער צווישען דיא בערג, אימער אין דיא פעלדער און דיא וועלדער, האט ער גאָר אנדעריש ניט געקענט גלויבען נאָר אז דער כח פון גאָט בעלעבט דאס אלעס וואס ער זעהט. זאל דיזער כח אָבגע־טהאָן ווערן פון דער נאטור, זאָל גאָט פערלאָזען דיא בערג, דיא בוי־מער און דיא פעלדער, און אלעס וועט מוזען אָבשטארבען, ווערן צו גאָרנישט!

דיזען געדאנק, וועלכער ווערט אין דער געשיכטע פון פילאָזאָפיע בעצייכענט אלס פאנטהעאיזמוס (אל גאָטטהייט), האט ער אם בעס־טען ערקלעהרט מיט פאָלגענדען משל:

„א מעכטיגער קעניג האָט אמאָל אויסגעבויט א זעהר גרויסען פּאַ־לאַץ. און אין פּאַלאַץ זיינען געווען הונדערטער חדרים איינע אין דיא אנדערע, ארומגערינגעלט מיט פיעלע ווענט און מחיצות. נאָר איין טויער איז געווען אָפען; און אנטקעגען דיזען טויער זיינען געווען מאַסען טהירען, דורך וועלכע מען האָט געקענט אריינקוקען און זעהן וואָס טוט זיך אינוועניג אין פּאַלאַץ, דיא גאַנצע שיינקייט, דעם גאַנצען פּראַכט פון פּאַלאַץ. און הינטען, אין דעם לעצטען חדר איז געזעסען דער קעניג, ווייט, ווייט פון דיא צוטויער. אז דער פּאַלאַץ איז גע־ווען פארטיג, האָט מען געשיקט רופען אלע מיניסטאָרען און אלע גרויסע לייט פון דער מדינה אָנצוקוקען דעם שעהנעם בנין און צו בעגריסען דעם קעניג. נאָר ווען זיי זיינען צוגעקומען צום טויער, האָט ער זיך פערשלאָסען און מיט איהם האָבען זיך אויך צוגעמאכט אלע טהירען אינעווייניג.

„שטעהען זיי אזוי און וואונדערן זיך וויא געהט מען דאָס אריין אין פּאלאץ, אז עס זיינען דאָ אזוי פיעל מחיצות, אזוי פיעל ווענט, אזוי פיעל פערשלאָסענע טהירען. מיט אמאָל קומט אָן דעם קעניג'ס זוהן און זאָגט: איהר קענט דאָך מיין פאָטער, וואָס פאר א חכם ער איז. ער האָט אייך פּשוט פערבלענדעט דיא אויגען. אָט דאָס אלעס וואָס איהר זעהט, דיא ווענט, דיא מחיצות, דיא פערשלאָסענע טהי־רען זיינען גאָר ניט; זיי זיינען גאָר ניטאָ. דאָס דוכט זיך אייך נאָר אויס אזוי... אָט זיצט ער דאָרט, מיין פאָטער... דער וועג איז ליידיג פאר אייך, געהט! —

„פּונקט אזוי איז מיט אלע וועלטען, און מיט אלעס וואס גע־פינט זיך אין זיי. אונז ווייזט זיך אויס, אז זיי זיינען אָבגעטהיילט פון איהם, כביכול, נאָר אין דער אמת'ן איז ער און זיי אלץ איין זאך; נאָר ער האט זיך בעהאלטען, פערשטעלט און ארומ־געצאמט מיט טויזענדער זאכען, כדי זיך צו פערהוילען פון דיא אויגען פון זיינע ברואים, וועלכע זעהען אין יעדער מין מחיצה צווישע זיי און זייער בורא —".

צוויי גרונד־פּרינציפּען האָט דער גרינדער פון חסידיזמוס געזוכט צו בעקעמפּפען מיט זיין פילאָזאָפיע: דיא נזירות, דיא זעלבסטלאָזיג־קייט פון דיא דאמאלסדיגע רבנים. דיא קבלה־לייט האָבען געפּרעדיגט דיא דערנידריגונג פון „עולם הזה", דיא פּייניגונג פון'ם גוף, פאסטען תּעניתים, זיין טרויעריג און וואָס וויניגער הנאה האָבען פון דער וועלט. דער „בעל־שם" האָט אדרבה געהייסען הנאה האָבען פון דער וועלט. דיא „חיי העולם הזה", דאס לעבען אויף דער וועלט,—דאס איז א תּכלית, א צוועק אן און פאר זיך. דער מענש וואס לעבט אין פרייד טהוט דערמיט גאָט'ס ווילען. דאס איז דיא הויפּט אויפגאבע פון דעם מענשען, וועלכער איז נור א רינגעלע פון דער גרויסער, אלגע־מיינער קייט פון דער שעפּפונג. עס איז אמת, אז ער איז דער בעס־טער רינג, מחמת ער צייכענט זיך אויס מיט זיין שכל, מיט זיין פער־נונפט; דארום דארף טאקי זיין לעבען האָבען א העכערן ציעל. אָבער ער איז ניט דער איינציגער וואס דיענט זיין שעפּפער.

„אלע, אלע דיענען איהם, כביכול", זאָגט ער אין זיין צוואה, „נאָך זייער שכל נאָך; אפילו דאָס ווערעמעל אויך".

„ווער עס בעהויפּטעט, אז דיא וועלט האָט אין זיך קיין ממשות ניט", זאָגט ער ווייטער, „האָט א גרויסען טעות. עס איז א גרויסע, א וויכטיגע וועלט פאַר דעם וואס ווייס וויא זיך מיט איהר צו בענוצען".

איבערהויפּט האָט ער זעהר שטאַרק אגיטירט געגען דיא תעניתים.

„אז א מענש פאַסט אפילו פון שבת צו שבת", זאָגט ער אין זיין צוואה, „און מיינט, אז ער טהוט דערמיט אויף ווער ווייס וואָס, ווערט דער תענית ניט אָנגענומען. דיא נשמה קען נור דאַן ווערן אויסגעלייטערט, ווען דער מענש האָט קיין שום פּניה ניט און טראַכט זיך ביי זיך וואָס פאַר א בעטרעף האָט דער מענש און אלע זיינע מעשים אנטקעגען זיין ליעבען נאָמען".—

אין דער צייט פון דעם בעש"ט, דערצעהלט מען, איז געווען א מאַן וואָס האט זיך געפּייניגט דעם קערפּער דורך תעניתים און אלערליי אנדערע פּייניגונגען, כדי צו קריגען דעם „רוח הקדש", האָט דער בעש"ט וועגען איהם געזאָגט: „אויבען לאַכט מען פון איהם"...

געגען דיא טרוקענע רעליגיאָן פון דיא אידישע רבנים האָט דער בעש"ט ארויסגעשטעלט א טערמין, וועלכען ער רופט: „עבודה בדבקות", דיענען גאָט מיט הארץ, מיט פייער.

דיא רבנים האבען געהאַלטען פון לערנען. דאס איז ביי זיי געשטאַנען זעהר הויך. לערנען גמרא און פּוסקים און אָבהיטען פּינקט־ליך אַלע מצוות — אויף אזא אופן געהט צו דיא גאָטעס־דיענסט ביי זיי. געפיהל, כונה—דאָס איז ביי זיי א גאָר נישט. ווער זשע קען לערנען? געצעהלטע מענשען, למדנים און רבנים. אויף אזא אופן האט זיך אויסגעבילדעט א „הויכע" קלאסע, א רעליגיעזע אריסטאָ־קראַטיע ביי אידען פון איין זייט, און פון דער אנדערער זייט א קלאסע פון „גראָבע יונגען", פון „עם הארצים".

געגען דיעזע אָבטהיילונג, געגען דיזען גייסטיגען מאָנאָפּאָל וואָס דיא רבנים האָבען געהאט, איז דער גרינדער פון'ם הסידיזמוס ארויס

מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין טהעטיגקייט און האט פּראָקלאַמירט דיא „עבודה בדבקות", גאָטעס־דיענסט פון הארצען, מיט כונה.

„דיא „דבקות", דיא פערטיעפטקייט איז דאס שטארקע געפיהל, דיא בּיינקענעש פון דער נשמה צו דעם בורא, דיא אומארמונג פון דער גאַנצער נאַטור און דיא בעהעפטונג אין זיין ליעבען נאָמען—דאס איז דער עיקר אין דעם גייסטיגען לעבען פון'ם מענשען".

נעגען דיא פּינקטליכקייט פון דיא דינים און דיא מצוות, געגען דיא „חומרות", אויף וועלכע דיא רבנים האָבען געלייגט אזא גרויסע געוויכט האט ער געזאָגט:

„דער מענש דארף ניט צו שטארק מדקדק זיין אין דעם וואס ער טהוט, מחמת דאס איז אויך פון דיא תחבולות פון דעם יצר הרע, איהם איבערצושרעקען, ווארפען אויף איהם א מורא. און אפילו ווען ער טהוט, חס ושלום, אן עבירה, דארף ער זיך ניט שטארק מצער זיין נאָר חרטה האָבען אויף דעם וואס ער האָט געטהאָן און זיך נעהמען ווידער צו דיענען גאָט פון שמחה"—

דיא „קבלה" האט געלערנט פיעלע זאכען, וועלכע זיינען פּשוט געווען אונמעגליך צו ערפילען, מחמת זיי זיינען געווען געגען דעם אירדישען לעבען. דיא מקובלים האָבען געוואָלט, אז דער מענש זאָל זיך וואָס וויינינער אָבגעבען מיט משא ומתן, מיט מסחר. וויינען איז געווען איינע פון זייערע וויכטיגע מיטלען צו לייטערן דיא נשמה. „אז איינער קען ניט בעגרייפען וואס עס איז"—לערנט דיזע תורה—„דארף ער תשובה טהאָן מיט אלע כחות, פערגיסען אויף יעדע זאך ביטערע טרעהרען און שלאָפען באָטש איין שעה ביינאכט אויף דער ערד מיט א שטיין צוקאָפּענס."

היינט תעניתים אויף יעדען שריט און טריט. קיין פלייש טאָר מען ניט עסען און קיין וויין ניט טרינקען א גאַנצע וואָך; ניט ריידען, ניט לאַכען—נאָר וויינען און קלאָגען.

נעגען דעם איז דער גרינדער פון חסידיזמוס ארויס מיט אלע כחות. דער צוזאמענקומען זיך פון מענשען, דער ריידען און דער פערברייננען פרייליך—דאָס איז געווען איינער פון זיינע הויפּט פּרינציפּען.

„גאָט ברוך הוא", פלעגט ער שטענדיג זאָגען, „וויל מען זאָל איהם דיענען אויף פערשיעדענע ערליי אופנים: אמאָל אזוי און אמאָל אנדערש. דערפאַר אז איינער געהט, למשל, און רעדט מיט א מענ־שען, און דאַן קען ער דאָך ניט לערנען; אָדער אז ער איז אין וועג און ער קען ניט דאַווענען וויא עס דאַרף צו זיין, — זאָל ער עס זיך ניט נעהמען צום האַרצען; מחמת גאָט ברוך הוא וויל מען זאָל איהם דיענען אויף אלע אופנים: אמאָל אויף דעם אופ'ן און א מאָל אויף אַן אנדערן. דערפאַר האָט ער געמאַכט, אז ער זאָל איצט זיין אין וועג אָדער ריידען מיט א מענשען, כדי ער זאָל איהם קענען דיענען אויף אזא וועג".

„וויינען", פלעגט דער בעש"ט שטענדיג ווידערהאָלען, „איז זעהר שלעכט, ווייל דער מענש דאַרף דיענען גאָט פון שמחה. נאָר אויב טרערען קומען פון פריידע, דאַן איז עס זעהר גוט!"

פינפטער קאפיטעל.

זיינע לעצטע יאהרען.

זיין לוסט צו פאָהרען קיין פאלעסטינא. — דיא רייזע און דער אונגליק אויפ'ן וועג.— דיא „עלילת דם" אין זאסלאוו און זיין „חלום". — ר' בער מעזריטשער.— זיין גייסטיגער יורש. — זיינע אנהייגגער און געגנער. — דיא „פראנקיסטען" און זיין אנטהייל אין קאמפף געגען זיי. — זיין קראנקהייט און טויט — זיינע נאכפאָלגער.

אין דיא לעצטע 10, 15 יאָהר פון זיין לעבען האט זיך אין דעם בעש"ט ערוועקט א גרויסער חשק צו פאָהרען קיין ארץ ישראל. געקומען איז עס דורך דעם וואָס אין יענער צייט האָבען זיך כמעט אלע קאבאליסטישע גדולים אריבערגעקליבען קיין פאלעסטינא. דאס „הייליגע לאנד" איז געווען דער קוואל, פון וואַנען דיא גאנצע קדושה איז ארוים. דאס איז געווען דער מיטעל-פונקט פון דער קאבאליסטי־שער אויטאָריטעט. און דעם גרינדער פון חסידיזמוס האָט זיך הפנים געוואָלט, אז זיין נייע תורה זאָל זיך אויך פערשפרייטען פון דאָרט. עס וואָלט איהם לייכטער געווען אויף דיא עלטערע יאָהרען צו ווירקען פון דעם פלאץ, וואו עס האָבען זיך געפונען אזוי פיעל קדושים, אזוי פיעל גרויסע און הייליגע מענשען. אויסער דעם האָט עס איהם גע־מוזט ציהען צו דער ערד, וואָס האָט בעהאלטען אין זיך דיא גרעסטע, דיא הייליגסטע מענשען, דיא זיילען פון יודענטהום; צו דיא שטיינער וואָס דערמאָנען אָן דער אמאָליגער אידישער גדולה.

זיין שוואָגער, ר׳ אברהם גרשון, וועלכער האט זיך ענדליך איבערגעבעטען מיט איהם, אָבוואָהל ער האָט נאָך ניט געהאַלטען פאַלשטענדיג פון זיין שטה, מחמת ער האָט בעלאנגט צו דער אַלטער קבלה־וועלט, איז געווען אין ארץ ישראל. ער האט דאָרט געוואוינט עטליכע יאָהר און איז געקומען צוריק אויף א קורצע צייט קיין חוץ־לארץ, חתונה צו מאַכען זיינע קינדער. דער בעש״ט האָט איהם ניט אָבגעלאָזען. דער שוואָגער האָט איהם געמוזט דערצעהלען אַלעס, וואָס דאָרט טהוט זיך, וויא אַזוי עס לעבט זיך און פיהלט זיך דאָרט; און יענעמ׳ס מעשה׳לאך האבען געוואונען זיין הארץ און האָבען בעצויבערט זיין נשמה. עס האט איהם געצויגען, געריסען אהין, אין דאָס הייליגע לאַנד. נאָר דיא אומשטענדען האָבען ניט געלאָזען. ער האט ניט געקענט איבערלאָזען זיין פרוי און קינדער, וויא זיין שוואָגער האָט געטהאָן. יענער איז געווען א מקובל פון דער אַלטער שוהלע. זיך פייניגען, זיין א נזיר איז געווען זיין פרינציפ. דער פרינציפ פון דעם בעש״ט איז אבער געווען פונקט דער היפוך דערפון: לעבען אין פריי־דען און געניסען אַזוי פיעל פון לעבען, וויפיעל עס איז נור מעגליך, דיענענדיג דערמיט דעם בורא. ער האָט אַלזאָ ניט געקענט כאַפּען און פאָהרען.

האָט זיך אָבער געמאַכט, אז זיין פרוי איז געשטאָרבען. זיין איין איינציגער זוהן, ווייזט אויס, איז דאַן ניט געווען ביי איהם, און ער האָט בעשלאָסען צו פאָהרען מיט זיין טאָכטער און מיט זיין שרייבער קיין ארץ ישראל. מען קען ניט וויסען אויף ריכטיג, וואָס דאָרט איז געשעהן. נאָר אויפ׳ן וועג האָט זיי געטראָפען א גרויסער אונגליק. מאַנכע זאָגען, אז עס איז געווען א גרויסער שטורם אויפ׳ן ים־ווארצען מעער, און דיא שיעף האָט געהאַלטען ביים אונטערגעהן. זיי האבען אַלזאָ פערלאָרען זייער גאַנצען פערמעגען און האָבען זיך ענדליך געמוזט אומקעהרען פון קאָנסטאַנטינאָפּעל צוריק נאָך מעזביז.

א שוידערליכע פאַסירונג האָט אין יענער צייט געטראָפען ארום מעזביז, וועלכע האָט, ווייזט אויס, שטארק געווירקט אויף דעם גע־דאנקען־גאַנג פון דעם בעש״ט.

זארגען פאר נאָך'ן טויט, צו געפינען א מאן וואס זאָל איבערנעהמען זיין לעהרע און זיא פערשפּרייטען אין אלע אידישע קרייזען. לאַנג האט ער ניט געדאַרפט זוכען. ער האט געפונען דעם פּאַסענדסטען מאַן אין ר' בער מעזעריטשער, וועלכער האט זיך גערופען דער „מגיד פון מעזעריטש".

ר' בער איז געוועזן זיינער א געגנער. אלס א שטאַרקער אנהיינגער פון דער קבלה, האָט ער פערבראַכט יאהרען אין פאסטען תעניתים און פייניגען זיין גוף, ביז וואַנען ער איז געוואָרען שטאַרק קראַנק. דעם בעש"ט'ס א מקורב האט איהם צוגערעדט צו פאָהרען צו דעם גרויסען וואונדער־מאַן, וועלכער וועט איהם זיכער אויסהיילען. עס וועט אויך ניט שאַדען זיך מיט איהם צו בעקענען. ר' בער האט זיך אין אָנפאַנג געלאזט בעטען; דערנאָך איז ער אַריינגעפאָהרען קיין מעזביז, וואו דער בעש"ט האט איהם געדונגען א דירה און האט איהם גענומען היילען. זיי פלעגען אויך פערברייגגען שטונדען לאַנג אין ויכוחים, און ענדליך איז ר' בער געווארען א פאָלשטענדיגער אנהיינגער פון דעם בעש"ט — זיין רעכטע האנד.

ער האט אַלזאָ שוין געהאַט א גייסטיגען יורש, א מאַן וואס זאָל פאָרטזעצען זיין ארבייט נאָך זיין טויט. אנהענגער האבען אויך ניט געפעהלט. ער האט געהאַט צעהנדליגע תלמידים, וואס האבען ניט געוואָלט אָבטרעטען פון זיין הויז, הונדערטער וואס האבען איהם אויפגעזוכט ביי יעדע געלעגענהייט און טויזענדער וואס האבען געגאַרט איהם צו זעהן און צו הערען זיין תורה. אבער צוזאַמען מיט זיינע אנהענגער האבען זיך גענומען אָברופען געגנער אויך. דאס זיינען, אמת, נאָך ניט געוועזן אזעלכע שרעקליכע געגנער, וויא זיין סעקטע האט ארויסגערופען שפּעטער. ער איז מיט זיי פאַרטיג געווארען אויף א קורצען אופן. איינמאָל האט מען איהם גערופען פאר דעם „ועד פון דיא פיער לענדער". דאס איז געוועזן א מין קאָמיטע פון פערשיעדענע רבנים, וועלכע האבען געוואָלט וויסען וואס פאר א מענש דער בעש"ט איז. זיי האָבען געהערט זיין גרויסען נאָמען, זיינע מופתים; א טהייל האבען אויף איהם געזאָגט, אז ער איז אַן „עם הארץ", האבען זיי איהם געוואָלט פערהערען. איינער פון דיא רבנים ווענדעט

ניט ווייט פון דער שטאָדט זאַסלאַוו האט מען געפונען דעם טויטען קערפּער פון א קריסט אונטערן שנעע. טויטע אידישע קערפּערס פלעגט מען דאן געפינען אין דיא צעהנדליגע; מען פלעגט זיי ערמאָרדען אויף יעדען שריט און טריט און קיינער האט זיך פאר זיי ניט אָנגענומען. נאָר אז מען האט געפונען דעם טויטען קריסט וועלכער האט וואהרשיינליך פערבלאָנדזשעט און איז פערשאָטען געוואָרען פון שנעע, איז געוואָרען א מורא דיגער טומעל. עס איז גלייך געוואָרען דערפון אן עלילת דם. עס האט זיך שוין געפונען א פויער, וואס האט געזעהן וויא א וואָגען מיט אידען זיינען צוגעפאָהרען צו דער אידישער קרעטשמע און האבען דאָרט געמאַכט א „שמחה״. דאס איז געווען נענוג. מן הסתם האבען זיי דאס גע׳הרג׳עט דעם קריסט און אויסגעצאַפּט דיא בלוט פון זיין קערפּער אויף פסח. אומזיסט האבען דיא דארטיגע אידען זיך פערטהיידיגט און ערקלערט, אז דיא „שמחה״ איז געווען דערפאר, וויל אין דער קרעטשמע איז געווען א ברית. עס האט ניט געהאָלפען, מען האט ארעסטירט 5 אידען און מען האט זיי געמאַרטערט און געפייניגט, זיי זאָלען זיך מודה זיין. ענדליך האט מען זיי אלעמען הינגעריכטעט. דיא לעגענדע געהט, אז צוויי אָדער דריי פון זיי האבען זיך פאר׳ן טויט געלאָזט איבעררריידען פון דיא גלחים און האבען זיך געשמד׳ט. זיי האבען געמיינט, אז דערמיט וועלען זיי רעטען זייער לעבען. נאָר אז זיי האבען געזעהן, אז מען פיהרט זיי דאָך צו דער תליה, האבען זיי ביי דער לעצטער מינוט חרטה געהאט און זיינען געשטאָרבען מיט דיא ווערטער: „שמע ישראל״ אויף זייערע ליפּען...

דיזע שוידערליכע געשיכטע, הייסט עס, האט געמאַכט א געוואלדיגען איינדרוק אויף דעם גרינדער פון חסידיזמוס. צו יענער צייט געהערט זיין בעריהמטער „חלום״ וואס ער האט בעשריבען אין א בריעף צו זיין שוואָגער, ווען ער האט געהאט „עלית נשמה״, ווען ער איז ארויף אויפ׳ן הימעל און האט זיך דאָרט געזעהן מיט דער גאנצער פמליא און גערעדט מיט זיי וועגען דיא מורא׳דיגע פאַסירונג...

דערווייל האָט זיך דיא צייט געדרוקט, און דיא אלטקייט און שוואַכקייט האבען דעם גרינדער פון חסידיזמוס דערמאָנט, אז עס איז צייט צו

זיך צו איהם און פרעגט איהם א „דין". עס איז געווען ראש חדש, האט איהם דער רב געפרעגט: וואס איז דער דין, אויב מען פערגעסט זאָגען „יעלה ויבא"? גאַנץ קאַלטבלוטיג און מיט א זיסען שמייכעל אויף די ליפּען ענטפערט דער גרינדער פון חסידיזמוס:

— דיזער דין איז ניט נייטיג ניט פאַר אייך און ניט פאַר מיר; מחמת איהר, ווען איהר זאָלט אפילו נאָך אמאָל איבערדאַווענען, וועט איהר א צווייטען מאָל פערגעסען, און איך וועל זיכער דעם ערשטען מאָל אויך ניט פערגעסען...

דאָס איז געוועזען געווענונג; מעהר האט מען איהם שוין ניט געפרעגט.

אין דיא לעצטע עטליכע יאָהרען פאר זיין טויט האט ער גענו־מען א גרויסען אנטהייל אין דעם קאמפף געגען דיא „פראַנקיסטען", וועלכע האבען אָנגעטהאָן דיא פוילישע אידען גרויסע צרות און האבען אויף זיי געמאַכט איין בלבול נאָך'ן אנדערן. י ע ק ב פ ר א נ ק איז געווען א פוילישער איד, א נאכפאָלגער פון דעם „פאלשען משיח" שבתי צבי. ער האט געוואָלט אליין שפּיעלען דיא ראָלע פון א „משיח". נאָך א שרעקליכע נידערלאגע אין דער טירקיי, וואו ער האט פערבראכט א היבשע צייט, איז ער אין 1755 געקומען צוריק קיין פוילען. דאָרט האבען זיך ארום איהם ארומגעקליבען א קליינע צאָהל אנהענגער און האבען זיך געמאַכט א „קלייזעל". דיא פרומע אידען האבען עס ניט געקענט דערלאָזען און האבען גענומען פערפאָלגען דיא „שבתי צבי'ניקעס". יענע האבען אויך ניט געשוויגען און ענדליך האט זיך ענטוויקעלט צווי־שען זיי א ביטערער קאמפף. דיא „פראַנקיסטען" האבען זיך צוגעשאַרט צו דיא קאטוילישע גלחים, וועלכע האבען זיך אָנגענומען פאר זיי. מען האט גענומען פערפאָלגען דיא אידישע רעליגיאָן און פערברענען דיא אידישע ספרים. דער סוף איז געווען, אז דיא אידען האבען געזיעגט, און פראנק מיט זיינע אנהענגער האבען געמוזט אריבערגעהן צום קריס־טענטהום.

דיעזער קאמפף, אין וועלכען דער בעש"ט האט אריינגעלייגט אַלע כחות, האט איהם געקאָסט געזונד. ער איז געווען שטארק אויפגערעגט אויף דיא רבנים פאר זייער שטרענגקייט, דורך וועלכער זיי האבען אריינ־געטריבען דיא „פראנקיסטען" אין דיא אָרעמס פון קריסטענטהום.

דאס האט איהם ענדליך אזוי צונעדריקט, אז ער האט זיך אנידערגעלייגט אין בעט א קראנקער און איז שוין מעהר ניט אויפגעשטאנען...

זיין טויט, דערצעהלט מען, איז געווען זעהר ריהרענד. וואָכען לאַנג האבען זיינע טרייע תלמידים ניט אָבגעטראָטען פון זיין בעט. ער האט ניט געקענט צוזעהן זייער צער. „פאר מיר," פלעגט ער כסדר זאָגען, „דאגה איך ניט; מחמת איך וועל ארויסגעהן פון דער טהיר און גלייך אריינגעהן אין אן אנדערער."

עס איז געווען דעם ערשטען טאָג שבועות 1760. נאָכמיטאג האָבען זיך פערזאמעלט אין זיין הויז דיא נכבדים פון דער שטאָדט. א קורצע ווײלע האָט ער פערבראכט מיט זיי, זאָגענדיג תורה. מיט א מאָל איז ער געבליעבען ליגען אָהן כחות... צוויי זייגערס, דערצעהלט דיא לעגענדע, זיינען געווען אין שטוב. און „אז ביידע זייגערס וועלען זיך אָבשטעלען", האָט דער קראנקער געזאָגט, „דאן וועל איך מעהר ניט זיין צווישען אייך..."

און כך הוה. דיא זייגערס זיינען געבליעבען שטיל און מיט זיי אויך דאָס הארץ פון דעם גוסס...

* * *

וואָס מען זאָל זיך ניט דיינקען וועגען זיין לעהרע, וועגען דיא בבא מעשיות, דיא לעגענדען וואס וויקלען ארום זיין לעבען און זיין טהעטיגקייט — איין זאך איז זיכער, אז ר' ישראל בעל שם טוב איז געווען א ריינע פערזאָן מיט אן עהרליכע, אויפריכטיגע נאטור. דיא ריכטונג, וועלכע ער האָט אריינגעבראכט אין יודענטהום, איז אָהן צווייפעל געווען א פאָרטשריט. זיא האָט אריינגעבלאָזען לעבען אין דיא טרוקענע אידישע ביינער; זיא האט זאפטיג געמאכט דיא פער־טריקענטע, איינגעדארטע אידישע נשמות. יעדעס וואָרט זיינס הויכט מיט לעבען, מיט פייער, מיט הארץ. יעדענפאלס האָט ער געמיינט גוט. וואס איז ער שולדיג, אז א גרויסער טהייל פון זיינע פערטרע־טער האבען דערנאָך פערקריפעלט זיינע לעהרען און האָבען זיין תורה געמאכט פאר א מיטעל אויסצולײדיגען דיא קעשענעס פון דעם פאָלק?

ער האָט געהאט דעם שיקזאל פון אלע רעפאָרמער, פון אלע רעליגיאָנס־גרינדער, וועמעס לעהרען ווערן דאס רוב צודרעהט און

פערטייטשט אזוי, אז זיי וואָלטען זיי פּאָזיטיוו אליין ניט געקענט דערקענען. און מען דערצעהלט, אז דער גרינדער פון חסידיזמוס האָט עס געזעהן בנבואה נאָך ביי זיין לעבען... עס איז געוועזן א נאָכ־מיטאג אין פריהלינג. דער בעש"ט איז געגאנגען שפּאַצירען מיט זיינע תלמידים. אין מיטעי וועג איז אָנגעקומען דיא צייט פון מנחה, האָבען זיי זיך געשטעלט אונטער א בוים דאַוונען. מיט אמאָל האָט ער אויפגעהויבען דיא אויגען צום בוים און האט זיך פערטראכט. דיא געבורט פון דער נאטור האט איהם וואהרשיינליך ארויפגעפיהרט צו דיינקען וועגען דיא ענטוויקלונג פון זיין ריכטונג, פון זיין פהילאָ־זאָפיע. און ער האט הפנים געמוזט אריינקוקען ווייט, ווייט אין דער צוקונפט; וייל זיך אומקוקענדיג צו זיינע תלמידים, האט זיך ארויס־געריסען א טיעפער זיפץ פון זיין הארצען, און ער האט געזאָגט:

— איך וויים, אז וויפיעל בלעטער אָט דער בוים האָט, אזוי פיעל "צדיקים" וועלען אויפשטעהן נאָך מיר, מיט זייערע שיטות, מיט זייערע ריכטונגען; און יעדער איינער וועט מיינען, אז ער געהט אין מיין וועג...

אָרעמער מענש! ער האט געזעהן עטוואס, אָבער זיכער ניט אלעס. ער וואָלט ניט געקענט שטארבען אזוי רוהיג, אזוי צופריעדען, ווען ער וואָלט געוואוסט וואס פון דעם חסידיזמוס וועט ווערן אין דער ווירקליבקייט...

אין דיזער ביאָגראַפיע האָב איך זיך בענוצט מיט אברהם כהנא, "ר' ישראל בעל שם טוב"; פּראָפ. גרעטץ, "געשיכטע דער יודען"; "מעשה צדיקים"; "דברי צדיקים"; "סדר הדורות החדש"; "שבחי בעש"ט" און אנדערע קוועלען.

א. פּ.

רב סעדיה גאון

דער ערשטער אידישער רעליגיאָנס-פילאָזאָף
זיין לעבען, ווערקען און שריפטען.

נאָך פערשיעדענע קוועלען בעארבייטעט.

פון

מ. וויערניק.

ערשטער קאפּיטעל.

אידען מיט טויזענד יאָהר צוריק.

אידישקייט איז מיט טויזענד יאָהר צוריק שוין אויך געווען אן אַלטע רעליגיאָן און די אידען זיינען דאַן שוין געווען פון א לאנגע צייט אין גלות. אָבער די לאַגע פון די אידען, אזוי וויא די לאַגע פון די לענדער, אין וועלכע זיי האָבען געוואוינט, איז דאן געווען גאַנץ אַנדערס וויא איצטער. אידען האָבען אויך געהאַט אַנדערע מיטעלפּונקטען, און די ענטוויקלונג פון גייסטיגען און מאַטעריעלען אידישען לעבען האָט דאַן ערדייכט א הויכע שטופע אין געגענדען, וועלכע האָבען שפּעטער פערלאָרען זייער גאַנצע וויכטיגקייט. דאַגע־גען זיינען די איצטיגע וויכטיגע אידישע מיטעלפּונקטען, דאס הייסט די אייראָפּעאישע, ערשט געשטאַנען אויף א גאַנץ ניעדריגע שטופע אָדער האבען זיך נאָך גאַר ניט אָנגעפאַנגען צו ענטוויקלען. מען ווייס אז עס זיינען אין יענע צייטען געווען אידען אין שפּאַניען, איטאַליען, אין די איצטיגע דייטשלאַנד און פראַנקרייך און אין פּלעצער וועלכע זיינען איצטער א טהייל פון אייראָפּעאישע טירקיי אָדער פון רוסלאַנד. אָבער מען ווייס כמעט מעהר ניט וויא דאָס, אז זיי האָבען עקזיסטירט. די רייכע האָבען געהאַנדעלט מיט שקלאַפען אָדער זיינען געווען געלד־פערלייהער, די אָרעמע האָבען זיך בעשעפטיגט מיט ערד־אַרבייט אָדער מיט מלאכות און מיט קליין־האַנדעל.

אידען האָבען זיך דאָן אין פיעלע הינזיכטען וועניגער אונטערשיידעט פון קריסטען וויא מיט יאהרהונדערטע שפּעטער, ווען די קריסטליכע קירך האט דורכגעפיהרט איהר פּלאַן אָפּצושיידען די קריסטען פון דיא ניט־קריסטען. דיא געשיכטע פון דיא אידען אין אייראָפּא פון יענער צייט בעשטעהט מייסטענטהיילס פון בעשרייבונגען פון דעם שיקזאַל פון איינצעלנע פּערזאָנען אָדער געמיינדען. אויף איין פּלאַין האָט מען געמאכט איין איבערפאַל אויף אידען און פון אַן אַנדער פּלאַין האט מען זיי פעריאָגט; דאָ האָבען זיי עטוואס געמעגט טהאָן און דאָרטען האבען זיי ניט געטאָרט. דאָ האט א איד זיך ערוואָרבען רייכטהום און דאָרטען — א הויכעס אמט. אָבער דיא פינסטערנים אין וועלכע אייראָפּא איז דאָן געווען פערוויקעלט, בעזאָנדערס ווען דיא לעצטע ליכט־שטראַהלען פון דיא פעריאָדע פון קאַרל דעם גרויסען (געשטאָרבען 814) זיינען פערשוואונדען, האט געמאַכט אַן אַלגעמיינעם אָדער צוזאַמענהייגענדעם אידישעם לעבען אונמעגליך. דיא צאַהל פון אידען אין גאַנץ אייראָפּא איז דאָן וואהרשיינליך געווען קלענער וויא דיא איצטיגע צאָהל אידען אין דער שטאָדט ניו־יאָרק. זיי זיינען געווען צו־וואָרפען אין לענדער, וועלכע זיינען געווען פיעל מעהר פערעמד איינע פון דיא אַנדערע וויא אין איצטיגע צייטען. דאַרום ווייס מען פון זיי כמעט ניט מעהר וויא דעם פאַקט, אַז זיי האבען דאָרט געלעבט.

דער גרויסער אידישער מיטעלפּונקט איז נאָך דאַן געווען יענער טהייל פון דער וועלט, פון וועלכען זיי האָבען געשטאַמט—אזיען. ארץ ישראל איז אָבער ניט מעהר געווען א אידישעס לאַנד און האָט געהאט נור א גאַנץ קליינע אונבעדייטענדע אידישע בעפעלקערונג זייט דער ביצאַנטישער (גריכיש־רוימישער) קייזער הערַאקליוס האט אין יאָהר 628 פון דאָרטען צום לעצטען מאָל פערטריעבען דיא אידען צוזאַמען מיט זייערע פריינד און בעשיצער: דיא פערזיער. דער פּלאַץ וואו אידען זיינען געווען אַם מייסטען אין צאהל און וואו זיי האָבען עררייכט דיא העכסטע גייסטיגע און מאטעריעלע שטופע פון יענער צייט איז געווען בבל. אידען האָבען זיך דאָרטען געפונען אין גרויסע מאַסען זייט דעם ערשטען גלות דורך נבוכדנצר (586 יאָהר פאַר דיא

איצטינגע צייטרעכנונג). ווען דאס אראבישע פאָלק האָט זיך אויפגע־
וועקט צו א נייעם לעבען אונטער מחמד און זיינע נאָכפאָלגער און
ווען דיא הערשאפט פון איסלאם האָט זיך פערשפרייט איבערן פאָ־
דערסטען טהייל פון אזיען, איבער נאָרד אפריקא און איבער דיא
שפאנישע האלב־אינזעל אין אייראָפּא, איז בבל געוואָרען א מיטעל
פונקט פון מאכט און פון אויפקלערונג. דיא גרויסע אידישע בעפעל־
קערונג, וועלכע האָט מיט דיא נייע הערשאפט זיך צימליך גוט פער־
טראָגען, האָט אָנגענומען אראבייש אלס איהר מוטערשפּראך און האָט
זיך ביסלאך־ווייז אָנגעפאנגען צו בעטהייליגען אין דיא פּאָליטישע און
גייסטיגע בעוועגונגען פון דיא אראבער. ווען דער גרויסער קאליף
הרון־אל־רשיד (געשטאָרבען אין 809) האָט געמאכט דיא שטאָדט
בגדד (דיא שטאָדט בבל פון תלמוד) זיין הויפּשטאָדט, פאַר דיא
שעהנסטע און וויכטיגסטע שטאָדט פון דיא דעמאָלטיגע ציוויליזירטע
וועלט, איז עס געוועזן נאַטירליך אז דיא דאָרטיגע אידען זאָלען דער־
פון אויך פּראָפיטירען.

עס האָט ביי דיא אידען פון בבל זיך נאָך געהאט אָנגעהאל־
טען א לעצטער צייכען פון אונאבהענגיגקייט אָדער זעלבסט־רעגיערונג;
דאָס איז געוועזן דאס אמט פון ר י י ש ג ל ו ת א (עקסילארק), וועל־
כער איז אנערקענט געוואָרן פון דער רעגיערונג אלס דער אידישער
פירסט און וועלכער האָט געהאט דיא הויפּט דעה איבער אידען אין
אלע זייערע אינערליכע אנגעלעגענהייטען. דאס אמט איז אימער
געהאלטען געוואָרען אין דיא זעלבע פאמיליע, וועלכע האט אָפּגע־
שטאמט פון דינאסטיע פון דוד המלך, אָבער דיא אָרדנונג פון
ירושה איז ניט געוועזן פעסטגעזעצט און דיא אידישע בעפעלקערונג
אונטער דיא פיהרערשאפט פון דיא גאונים, אָדער דיא פאָרשטעהער
פון דיא צוויי גרויסע ישיבות פון סורא און פומבדיתא, האָבען אָפט
בעשטימט וועלכער מיטגליעד פון יענער דינאסטיע זאל ווערן א רייש
גלותא. פון זיין זייט האָט דער רייש גלותא געהאט צו זאָגען, ווער
עס זאָל ווערען א גאון אין דיעזע ישיבות, און דיעזעביידע עמטער,
דאס הייסט דאס אמט פון גאון, אין וועלכען עס איז געלעגען דיא
קירכליכע אָדער גייסטליכע מאכט, און דאס אמט פון רייש גלותא

אין וועלכען עס איז געלעגען דיא וועלטליכע אָדער פּאָליטישע מאכט, האָבען זיך ביז א געוויסען גראד קאָנטראָלירט איינעס דעם אנדערען.

עס איז געווען אונפערמיידליך, אז דאָס וואס עס פּאסירט איבעראל אונטער אזעלכע אומשטענדע זאָל דאָ אויך פּאָרקומען, נעמליך א צוזאמענשטויס צווישען דיא וועלטליכע און דיא גייסטליכע מאכט. אזא קולטור־קאמפּף ביי אידען אין בבל האָט נאטירליך געקענט זיין נור א בעשריינקטער, ווייל דער ריש גלותא איז נאָך אלעמען געווען אן אונטערטהאן פון קאליף אָדער אמת׳ען הערשער פון לאנד. דיא גייסטליכע מאכט פון יודענטהום איז אויך קיין מאָל ניט געווען שטארק אָרגאניזירט, און דיא גאונים, אָבגלייך מען האָט זיי רעספּעקטירט און געפאָלגט זייערע ענטשיידונגען אין דינים, האָבען ניט געהאט אזא אבסאָלוטע מאכט אפילו אין רעליגיעזע אנגעלעגענהייטען, וויא, צום ביישפּיעל, דער פּאבסט האָט שפּעטער געקראָגען אין דער קאטהאָלישער קירכע.

דיא אויטהאָריטעט פון תּלמוד איז נאָך ניט געווען אזוי אנערקענט ביי אידען אין יענע צייטען, וויא זיא איז עס געוואָרען שפּעטער. מען האָט דעם תּלמוד אם מייסטען געלערנט אויסוועניג אין ישיבות, און וואָס ווייטער פון דעם מיטעלפּונקט, זיינען אלין דיא צאהל פון תּלמידי חכמים געווען קלענער. עס איז אמת, אז אין דיא לעצטע צוויי הונדערט יאָהר פאר דער צייט וועגען וועלכע מיר שרייבען דאָ, האָט זיך דיא הערשאפט פון תּלמוד פערשפּרייט אונטער דיא אידען אומעדום, וואו דיא הערשאפט פון איסלאם אָדער תורה פון מחמד האָט זיך פערשפּרייט, אָבער אין בבל גופא איז דער תּלמוד גראדע אָפּגעשוואכט געוואָרן. דיא אראבישע אידען, וועלכע זיינען געשטיעגען אין צאהל און אין איינפלוס זייט דיא אראבער זיינען געוואָרען דיא הערשער, זיינען געווען גאנץ קנאפּע אידען און זיינען מעחר בעאיינפלוסט געוואָרן פון אראבישע קולטור און פון דיא מחמד׳אנישע בעוועגונגען וויא פון יודענטהום.

עס איז דערפאר געווען נאטירליך, אז דיא בעוועגונג פון דיא נייע אראבישע סעקטע, וועלכע האָט זיך ערקלערט געגען דיא „סוננאה" אָדער מחמד׳אנישע תּורה שבעל פּה, זאָל געפינען אן אָפּקלאנג אונ־

טער אידען, און דאס עס זאָלען זיך געפינען אידען, וועלכע האָבען בעהויפּטעט, אז מען דארף זיך נור האלטען אן דעם וואָרט אָדער ריינעם פּשט פון דער תּורה, פּונקט וויא דיא נייע אראבישע סעקטע האָט זיך געהאלטען אָן דעם בוכשטאב פון קאָראן. אזוי האָבען דיא אידישע פיהרער פון דיא סעקטען אָדער פאלשע משיחים שריני (אונ־געפעהר אין יאָהר 720) אין אבו איסא פון איספאהאן אין פּערזיען (אונגעפעהר אין 749) זיך אָפען ערקלערט געגען דעם תּלמוד און געגען דיא גאנצע תּורה שבעל פּה וויא מען האָט איהר געלערנט אין דיא ישיבות פון בבל. דיא אמת'ע שפּאלטונג איז געקומען עטוואָס שפּעטער, אונגעפעהר אין 760, ווען ענן בן דוד, פון דיא פאמיליע פון ריש גלותא, האָט צוזאמענגענומען אלע געגנער פון תלמוד און און פון דיא ישיבות און האָט געגרינדעט דיא סעקטע, פון וועלכע עס זיינען שפּעטער ארויס דיא ב נ י מ ק ר א אָדער ק ר א י ם, וועל־כע עקזיסטירט נאָך ביז היינטיגען טאָג.

דער קאַמפּף צווישען דיא רבנים און דיא קראים, וויא מען האָט ביידע זייטען דאן אָנגערופען, איז געווען א רעליגיעזער פון ביידע זייטען. דיא גאונים פון סורא און פּומבדיתא, וועלכע זיי־נען דאַמאלס געווען ברידער, האבען ניט צוגעלאָזען, אז ענן זאָל ווערען ריש גלותא אויף דעם פּלאַץ פון זיין פעטער שלמה און האבען אויסגעפיהרט, אז ענן'ס אינגערער ברודער חנניא האָט געקראָגען דעם אמט. ענן איז דערפאַר ארויס געגען דיא ישיבות און געגען תּלמוד, און האָט אזוי וויא דיא „שיאיטען" אָדער געגנער פון דיא מחמד'אנישע „סוננאה" געפּרעדיגט, אז דער עיקר איז דער תּנ"ך אליין. זיין בעוועגונג, וועלכע האָט אין אָנפאנג געפונען זעהר פיעלע אנהענ־גער און האָט זיך שטארק פערשפּרייט אונטער זיינע נאכפאָלגער, האט געבראכט אין דער מאָדע צו שטודירען דיא שפּראך און דיא גראמאטיק פון תּנ"ך, און דער אמת'ער אָנפאנג פון דקדוק און מסורה שטאמט פון יענע צייטען. אין דיא ערשטע 150 אָדער 200 יאהר נאָך איהר גרינדונג, דאס הייסט ביז דער צייט, ווען רב סעדיה גאון איז ערשיענען, איז דיא סעקטע פון קראים געוואָרן גרויס און מעכ־טיג, מיט א ליטעראטור, וועלכע האָט געהאט דיא קראפט און דיא

ענערגיע פון א יונגע בעוועגונג. דיא רבנים אָדער דיא אנהענגער פון אלטען תלמודישען יודענטהום האָבען זיך געהאַלטען אָן דיא טראַ־דיציאָנען פון דיא ישיבות; דיא גאונים אלס זייערע פערטרעטער האָבען ניט געוואָלט אָדער ניט געקענט זיך איינלאָזען אין א ליטע־ראַרישען קאמפף מיט דיא קראים. דערצו איז דער קאמפף צווישען דיא גאונים און דיא ראשי גלותא געוואָרן וואָס ווייטער שטארקער ביז עס איז געקומען צו אן עפענטליכען אויסברוך.

צווייטער קאפיטעל.

דער קאַמפף מיט דיא ראשי גלותא פאר רב סעדיה גאון.

וואָס מעהר דיא הערשאפט פון דיא קאליפען איז בעפעסטיגט געוואָרען אלץ פאנאטישער זיינען זיי געוואָרען אין רעליגיעזע אנגע־לעגענהייטען און אלץ טיראנישער אין פאָליטישע אנגעלעגענהייטען. עס איז נאטירליך, אז אונטער אזעלכע אומשטענדע זאָלען דיא אונ־אבהענגיגקייט פון דיא אידען און דיא וויכטיגקייט פון דעם אמט פון דעם ריש גלותא אימער מעהר אָבגעשוואכט ווערען. ביטערע שטרייטיג־קייטען ווענען אינערליכע אנגעלעגענהייטען, וועלכע זיינען אימער א סימן פון שוואכקייט, האבען זיך אָנגעפאנגען צו בעווייזען אין לאנגער פון דיא רבנישע אידען, און דאס האָט זייער לאנגע נאָך ערגער גע־מאכט. אזוי פריה וויא אונטער דער רעגיערונג פון קאליף אל־מאַגין וועלכער האָט געהערשט אין דיא יאָהרען 813—33 איז ווידער פאָר־געקומען א מחלוקה ווענען דיא ערנענונג פון א ריש גלותא. דיע־זער קאליף, וועלכער איז געווען א ליבעראלער מענש און איז אויך אָפט בעלעסטיגט געוואָרען מיט עהנליכע מחלוקות צווישען זיינע קרים־טליכע אונטערטהאנען. איז געווען געניינט צו לאָזען דיא ניט־מחמדנער אין זיינע פראָווינצען האנדלען וויא זיי ווילען. ער האָט ארויסגעגע־בען אן ענטשיידונג, אז יעדערע צעהן אידען מעגען זיך ערוועהלען א ריש גלותא און יעדערע צעהן קריסטען אן ערצבישאָף. דאָס האָט

דיא אידישע בעלי מחלוקה א ביסעל אויסגעניכטערט און מען האָט זיך צום סוף געאייניגט אויף אן איינציגען קאנדידאט פאר ריש גלותא; דאָך האָט דער נייער אידעשער פירסט ניט נעקענט מעהר האָבען דיא מאכט און דעם איינפלוס וויא זיינע פאָרגענגער.

אָבער מיט הונדערט יאָהר שפּעטער האבען דיא קאליפען און זייערע וויזירען שוין מעהר געוואוסט דיא טיראנישע מנהגים צו זיך לאָזען בעאיינפלוסען פון מתנות, פון חניפות און אנדערע עהנליכע מיטלען. דער גאון פון דיא אינגערע ישיבה פון פומבדיתא מר כהן צדק. וועלכער האָט בעקליידעט דאָס אמט פון יאָהר 917 ביז 936, האָט געהאט זיינע פריינדע אין בגדד און האָט דורך זייער מאכט געזוכט צו מאַ־כען זיין ישיבה וויכטיגער וויא דיא עלטערע ישיבה פון סורא, וועלכע איז שטענדיג געווען דיא הויפּטשטיצע פון ריש גלותא. ווען עס איז ארויס א קריעג צווישען מר כהן צדק גאון און עוקבא, דעם דאמאַ־ליגען ריש גלותא, האבען דעם ערשטען׳ס פריינד אויסגעפיהרט ביי דעם דאמאליגען קאליף אל־מוכת־אדיר, אדער ריכטיגער געזאָגט ביי זיין וויזיר איבן פוראט, אז עוקבא איז פערטריעבען געוואָרען פון בגדד אין דאס אמט פון ריש גלותא איז פאר א קורצע צייט געבליעבען ניט בעזעצט.

עוקבא איז געווען א מאן מיט אראבישע בילדונג אין האָט גע־שריעבען שיינע ליעדער אין דיעזער שפּראך. דיא אראבער האָבען געשעצט פּאָעזיע זעהר הויך, און א גוטע פּאָעמע האָט אָפט איינעם גליקליך געמאכט דאמאלס, אזוי וויא א וויכטיגע ערפינדונג אָדער א גרוי־סעס ווערק מאכען איינעם גרויס אין איצטיגע צייטען. ווען דער קאליף אל־מוכת־אדיר איז אמאָל געקומען אין דער שטאָדט קערגאנשאה, וואו עוקבא איז פערשיקט געוואָרן, האָט איהם דער געוועזענער ריש גלותא צוגעשיקט אזעלכע שיינע לויב־ליעדער, אז דער קאליף האָט איהם ענדליך צוריק געמאכט פאר ריש גלותא. אבער דיא גנאדע פון א טיראן קען ניט האָבען א ווערטה פאר א לאנגע צייט. מר כהן צדק׳ס פּארטי האָט אין קורצען וויעדער געוואונען דיא אויבער־האנד, און דער ריש גלותא איז דיעזעס מאָל פערטריעבען געוואָרן אויף אימער. עוקבא איז אוועק נאָך קיירואן איז נאָרד אפריקא,

וואו דיא אידען האבען איהם אויפגענומען מיט גרויס כבוד, און דער גאון פון פומבדיתא האָט געזוכט אויסצופיהרען, אז עס זאָל איבער־הויפט קיין אנדער ריש גלותא אויף זיין פלאץ ניט נאָמינירט ווערען.

דיא אידישע בעפעלקערונג איז אָבער נאָך געווען טריי צו דיא פאמיליע פון מלכות בית דוד און האָט געוואָלט האָבען א פירסט, וואָס האָט אין זיך פערקערפערט דעם לעצטען סימן פון אידישע אונאבהענגיגקייט. דער גאון פון דיא עלטערע ישיבה פון סורא, רב יעקב בר' נטרונאי, וועלכער האָט פריהער ניט געוואגט זיך צו שטע־לען נעגען דעם שטארקען און פעהיגען מר כהן צדק האָט דורך דיא פאָרדערונג פון דיא עפענטליכע מיינונג געפאסט מוטה און האָט אויסגעקליעבען דוד בן זכאי, א קרוב פון עוקבא, פאר ריש גלותא. דער נייער פירסט איז אויך געווען רייך און פעהיג, און דער קאמפף צווישען אזעלכע צוויי פעסטע כאראקטערע וויא ער און מר כהן צדק איז געפיהרט געוואָרען מיט גרויס ביטערקייט עטליכע יאָהר נאָך אנאנד.

פריהער האָט מר כהן צדק ניט אנערקענט דוד בן זכאי, אבער דער לעצטער האָט זיך דאָך בעהויפטעט און ווען ער האָט זיך גע־פיהלט גענוג בעפעסטיגט אין זיין שטעלונג, האָט ער אראָפּגעזעצט דעם גאון פון פומבדיתא און געמאכט אויף זיין פלאץ אן אנדער גאון מיט דעם נאָמען רב מבשר. אזוי האָט מען זיך אַרומגעריסען איינינע יאָהר ביז אן עהרווירדיגער אלטער מאַן, דער בלינדער ניסי נהרוני, האָט געמאכט שלום צווישען ביידע צדדים. מר כהן צדק איז צוריק געוואָרען גאון פון פומבדיתא און ער האָט דערביי אנערקענט דוד בן זכאי אלס ריש גלותא. דער שלום צווישען דיא ישיבה און דעם פירסט, וואָס איז געשלאָסען געוואָרען אין יאָהר 921 האָט אנגעהאל־טען אונגעפעהר זיעבען יאָהר, ביז דער צייט וואָס א נ־יער גאון האָט געדארפט אויסגעקליעבען ווערען פאר דיא ישיבה פון סורא.

דוד בן זכאי האָט געוואָלט פערשטארקען זיין אייגענע מאכט און אָפּשוואכען דעם איינפלוס פון כהן צדק דורך דעם, וואָס ער וועט מאַכען א בעריהמטען מאַן צום גאון פון דיא עלטערע, אבער פער־נאַכלעסיגטע ישיבה. ער האָט אויך געגלויבט דאָס א פרעמדער מאַן

פון א ווייטעס לאנד, אָהן רייכע פריינד און אָהן אנהענגער, וועט זיך בעסער לאָזען געברויכען אלס א ווערקצייג אין זיינע הענד. ער האָט דארום געמאַכט דיא ערשטע אויסנאהמע זייט דיא ישיבות האָ־בען עקזיסטירט אויסצוקלייבען א ראש ישיבה פון דער פרעמד, איינעם וועלכער האָט אליין ניט געלערנט אין דיא ישיבות און וועלכער האָט זיי וואהרשיינליך פריהער אפילו ניט אנגעזעהן. דיעזער פרעמדער געלעהרטער וועמען דוד בן זכאי האָט אראָבגעבראכט און געמאכט צום גאון פון סורא איז געוועזן דער ערשטער גייסטיגער ריעז אין דיא נאָך תלמודישע אידישע ליטעראטור, רב סעדיה בן יוסף אל־פאיומי פון עגיפטען.

דריטער קאפיטעל.

רב סעדיה גאון.

ווער רב סעדיה גאון איז געוועז, פון וואנען ער האָט געשטאַמט און וויא ער האָט פערבראכט זיין יוגענד אָדער זיינע שפּעטערע יאָהרען ביז ער איז געקומען נאָך בבל איבערצונעהמען דעם הויכען אַמט אַלס גאון פון סורא, בלייבט אונז צום גרעסטען טהייל אונבעקאַנט. מען האָט אין יענע צייטען פיעל וועניגער געשריעבען וויא איצטער, און אַ גרויסער טהייל פון דעם וואָס מען האָט געשריעבען איז פערלאָרען געגאנגען. מען ווייס דאס ער איז געבאָרן אין יאהר 892 און איז דארום אלט געוועזן 36 יאָהר ווען ער איז געקומען נאָך בבל. פון זיין ביי־נאמען אל־פאיומי רעכענט מען, אז ער האָט געשטאמט פון פאיום, דיא אמאָליגע שטאדט פיתום אין מצרים, אבגלייך שפּעטער האָט מען איהם פאָרגעוואָרפען, אז ער איז גאָר געוועזן פון א קליינעם פלאין מיט דעם נאמען דלאין אין דיא אומגעגענד פון פאיום. דיא זעלבע געגנער, וועלכער האבען איהם אפילו ניט פערגונען דעם יחוס וואס ער איז געבארען געוואָרען אין א וויכטיגע שטאָדט, האָבען אויך אויף איהם געזאָגט, אז ער שטאמט גאָר ניט פון אידען און דאָס זיין פאָטער איז געוועזן א גר. *) ער אליין

*) דיעזע בעשולדיגונג און דער חרם געגען איהם געפינען זיך אין פינפטען טהייל פון דר. הארקאווי'ס „זכרון לראשונים“, וועלכער טראגט דער טיטעל „זכרון הגאון רב סעדיה אלפיומי וספריו“. סט. פעטערסבורג 1891.

האָט אויף דעם געענפערט אז ער שטאמט פון שלה בן יהודה, און עס איז טעגליך אז עס האָט געהערשט אזא טראדיציאָן אין זיין פאמיליע.

עבענזאָ וועניג ווייס מען פון זיין ערציהונג, בעזאָנדערס וואו ער האָט זיך ערוואָרבען דיא גרויסע תלמודישע קענטניסע אזוי ווייט פון דיא איינציגע מיטעל פונקטען פון תלמוד־שטודיום אין בבל. מען גלויבט אז א געוויסע עראינערונג אין איין אלטעם ווערק בעווייזט, דאָס א געלעהרטער מיט דעם נאמען דוד הבבלי אלמקמץ איז געווען זיין לעהרער, אָבער עס איז ניט קלאר בעשטימט, אין וועלכע צייט דיעזער דוד האָט געלעבט, און עס איז פון דעם פלאץ וואו זיי ווע־רען ביידע דערמאָנט שווער צו פערשטעהן, אויב ער איז געווען זיין לעהרער אָדער זיין שילער. מען ווייס אויך אז רב סעדיה האָט קאָ־רעספאָנדירט מיט דעם בעריהמטען דאָקטאָר און פילאָזאָף יצחק הישראלי פון קיירואן אין אפריקא, וועלכער איז געווען מיט 43 יאָהר עלטער פאר איהם און האָט איהם איבערגעלעבט. אבער, אבגלייך מיר ווייסען ניט וואו און וויא ער האָט געלערנט, איז עס זיכער אז ער איז געווען אנערקענט אלס א גרויסער געלעהרטער אונטער אידען און אונטער ניט־אידען. זיין גרויסקייט אלס אידישער געלעהר־טער איז אלגעמיין בעוואוסט. דר. שלמה מונק פון פאריז, דער נאכ־פאָלגער פון ערנעסט רענאן אלס פראָפעסאָר אין קאָלעזש דע פראַנס, וועלכער איז געווען א זעלטענער בקי אין אראבישע ליטעראטור, האָט געפונען דאס א גרויסער אראבישער געלעהטער און היסטאָריקער מיט דעם נאמען מאסודי, וועלכער האָט געלעבט פון 885 ביז 956 דאס הייסט טאקי אין יענער צייט, דערמאָנט רב סעדיה׳ן אין זיינע ווערקע און לויבט איהם זעהר שטארק. *)

רב סעדיה איז געווען דער ערשטער רבני׳שער, געלעהרטער פון וועמען מען ווייס, אז ער האָט גרינדליך שטודירט דיא גאנצע קראישע ליטערא־

*) זעה מונק׳ס Notice sur Saadiah אין ניינטען באנד פון ס. קאהען׳ס פראנצעזישע אויסגאבע פון תנ״ך, פאריז 1838, זייטע 78,ביידע, רב סעדיה און מאסודי ווערען בעהאנדעלט אין שפעציעלע ארטיקלען אין אלע וויכטיגע ענציקלאָפעדיעס, וויא צום ביישפיעל אין דיא „ענציקלאָפעדיא בריטאַניקאַ״.

טור און האָט זיי אנגעפאנגען צו בעקעמפפען אויפ׳ן ליטעראַרישען פעלד. זיין אראבישעס ווערק געגען ענן, דעם גרינדער פון דיא קראים, איז פון איהם געשריעבען געוואָרען, ווען ער איז אַלט געווען 23 יאָהר, דאָס הייסט א לאנגע צייט איידער ער איז געקומען נאָך בבל. דאָס ווערק אליין איז מיט דער צייט פערלאָרען געגאנגען, אָבער עס איז קיין צווייפעל ניט אז זיא האָט געמאכט א גרויסען איינדרוק און דאָס אידען האָבען זיך געפרעהט אז עס איז ענדליך אויפגעשטאנען א מאן, וועלכער קען בעשטעהן געגען דיא קראים׳שע שרייבער.

מיר קענען דיעזע ווירקונג אם בעסטען זעהן אין דיא שריפטען פון דיא קראים אליין. סהל בן מצליח, סלמון בן ירוחם (אויף וועמען אנדערע זאָגען, אז ער איז אויך געווען איינער פון רב סעדיה׳ס לעהרער) און אנדערער בעריהמטע קראים פון יענעם דור און פון דיא דורות גלייך נאכדעם, בעשעפטיגען זיך אזוי שטארק מיט דער פערזאָן און מיט דיא טענות פון רב סעדיה, דאָס מען זעהט אז זיי פיהלען זיין געוויכט און דאָס זיי פערשטעהען, אז אויב זיי קענען ניט אָפּלייקענען אָדער מבטל זיין וואָס ער זאָגט, בלייבען זיי דיא שוואַכערע זייט. עס פערשטעהט זיך, דאָס מען איז דאמאָלס ניט געווען וועניגער פערזענליך אין אזעלכע שטרייטיגקייטען וויא מען איז איצטער, און דאָס דיא פערזאָן פון רב סעדיה ווערט פון יענע שרייבער ניט פערשוינט. ער ווערט בעשולדיגט און בעליידיגט אויף פערשיעדענע אָרטען. דאָך האבען דיא דיינקענדע קראים, מינדעסטענס דער אויבענדערמאָנטער סהל בן מצליח, צוגעגעבען אז זיי געפעלט בעסער דיא שריפטליבע בעקעמפפונג פון רב סעדיה וויא דיא מסירות און דיא פערפאָלגונגען פון דיא רבנישע אידען ביז זיין צייט.*) מען מעג פאַרביינגעהענדיג בעמערקען, אז דיא פערפאָלגונגען האבען אויף דיא קראים

---

*) „דיעזער וועג (רב סעדיה׳ס צו פיהרען וכוחים) — שרייבט סהל — איז בעסער וויא דיא ערשטע פלעגען פריהער טהאָן מיט אונז, ווען זיי פלעגען קומען צו דיא בעאמטע מסר׳ן און ארויפצולייגען שטראף פון גאָלד און זילבער און לייגען אין חרם און שילטען מיט האַס און פיינדשאפט.—סהל בן מצליח אין זיין ווערק תוכחת מגולה, וועלכעס איז איבערגעדרוקט אין שמחה פינסקער׳ס, „לקוטי קדמוניות״ וויען 1860, זייטע 33.

נעהאט דיא זעלבע ווירקונג, וואָס זיי האבען אימער אויף רעליגיעזע סעקטען, דאס הייסט זיי האבען געהאָלפען צו פערשטארקען און פער־גרעסערן דיא צאהל פון זייערע אנהענגער. אָבער פון דיא צייטען פון רב סעדיה האבען דיא קראים אנגעפאנגען צו ווערען שוואכער און זיינען צום סוף געזונקען אזוי טיעף און זיך אזוי דערווייטערט פון כלל ישראל, אז דער קליינער הייפעלע פון זיי, וואָס עקזיסטירט נאָך הייטע, ווערט כמעט גאָר מעהר ניט אנערקענט אלס אידען. עס איז קיין צווייפעל, אז דער גרויסער גייסט פון רב סעדיה האָט געהאָלפען אריבער ציהען דאס געוויכט אויף דיא זייטע פון רבנישען יודענטהום אין דער צייט, ווען ביידע טיילען זיינען געווען נעהענטער איינער צום אנדערען אין צאהל און איינפלוס וויא זיי זיינען געוואָרעי שפּעטער.

מיר וויסען פון רב סעדיה׳ס פּערזענליכקייט נור פון דער צייט, ווען ער איז געקומען נאָך בבל, דאָס הייסט ווען זיין גרויסקייט איז שוין געווען אזוי אנערקענט, אז ער איז ערוועהלט געוואָרען פאר דעם גייסטיגען פאָרשטעהער פון דיא אידען פון זיין צייט. מען דערצעהלט, אז דער בלינדער אלטער מאן וועלכער האָט פריהער שלום געמאכט צווישען מר כהן צדק און דוד בן זכאי, האָט שפּעטער געראטהען דעם לעצטען ער זאָל ניט מאכען רב סעדיה צום גאון פון סורא. נסי נהרוני האָט וואהרשיינליך געהערט פון רב סעדיה׳ס כאראקטער און האָט געוואָרנט דעם רייש גלותא, אז דער פרעמדער עגיפּטישער גע־לעהרטער וועט זיך ניט לאָזען בייגען און וועט זיין נאָך א געפעהר־ליכערער געגנער אין פאל פון א קאמפף, וויא דער גאון פון פומבדיתא. דוד בן זכאי האָט אָבער אום יעדען פּרייז געוואָלט ערניעדריגען זיין אלטען געגנער, און מיט דער זיכערהייט, וואָס גע׳ירשנטע מאכט גיט אָפט צו דיא, וועלכע בעזיצען עס, האָט ער זיך ניט געקימערט וועגען וואָס עס וועט זיין שפּעטער, אזוי לאנג וויא דאָס העלפט איהם אויסצופיהרען זיינע איצטיגע פּלענער.

רב סעדיה איז געקומען, און זיין גרויסקייט האָט געמאכט דעם איינדרוק וואָס דוד בן זכאי האָט געהאָפט. דער נייער גאון איז געווען דער פעהיגסטער און גרעסטער פון אלע גאונים פאר איהם און נאָך איהם און ער האָט מיט זיינע פערשיעדענארטיגע גייסטיגע בעגאבונ־

גען און מיט זיינע אומפּאַסענדע קענטניסע באַלד פּערדונקעלט דיא איינגערע ישיבה. מר כהן צדק און פּומבדיתא זיינען כמעט און גאַנצען פּערגעסען געוואָרען, און סורא האָט אויפגעבליהט און איז צוריק געוואָרען דער גרויסער מיטעלפּונקט פון תלמודישען יודענטהום. דער זיעג פון ריש גלותא איז געווען פאָלשטענדיג, אָבער ניט אויף אַ לאַנגע צייט. דעם בלינדען מאַנ׳ס מיינונג וועגען דעם מוטה און דיא דרייסטיגקייט פון נייעם גאון איז געווען ריכטיג. רב סעדיה, אַזוי וויא יעדער פּיאָניער וועלכער ברעכט דורך אַ נייעם וועג אויף אַ געוויסען פעלד פון טהעטיגקייט, האט ניט געוואוסט פון מורא און איז געווען בערייט זיך צו שטעלען אין דיא גרעסטע סכנות פאר דאָס, וואָס ער האָט געגלויבט צו זיין רעכט. עס איז דארום געווען כמעט אונפּער־מיידליך, דאָס אַזאַ מאַן וויא ער זאָל קענען לאַנג שטימען מיט אַ הערשזיכטיגען און אייפערזיכטיגען מאַן, וויא דער ריש גלותא. אַ נייער ביטערער קאַמפּף צווישען דיא גייסטיגע און וועלטליכע מאַכט אין יודענטהום האָט לאַנג ניט געקענט אויסבלייבען און ער האָט אָנגע־פאַנגען אַזוי שנעל וויא עס האָט זיך דערצו געמאַכט דיא ערשטע גינסטיגע געלעגענהייט.

פיערטער קאפיטעל.

לעצטער קאַמפף צווישען גאון און ריש גלותא.

דיא מחלוקה איז ארויסגעקומען אין פינפטען יאָהר נאָך רב סעדיה׳ס אָנקומען אין בבל. עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען אַן אָפּמאַך איבער א ירושה. דער פּסק דין האָט געדארפט זיין אונטער־צייכענט פון ריש גלותא און פון גאון. דוד בן זכאי האָט אָבגעגע־בען זיין ענטשיידונג און האָט אריבערגעשיקט דעם דאָקומענט צו רב סעדיה, ער זאָל איהם בעשטעטיגען. רב סעדיה האָט געגלויבט, אַז דער ריש גלותא האָט ענטשיעדען ניט ריכטיג און האָט ניט געוואָלט אונטערשרייבען. דוד בן זכאי האט איהם געוואָלט דערצו צווינגען און מען האָט דערצעהלט, אַז דער זוהן אָדער פערטרעטער פון ריש גלותא האט זאָגאר געוואגט אויפצוהויבען א האנד אויף דעם בעריהמטען גאון און איז פאַר זיין חוצפה שווער פערלעצט געוואָרען פון רב סעדיה׳ס תלמידים, וועלכע זיינען געווען דערביי. דאס איז גע־ווען דער פונק, פון וועלכען דאס פייער פון קריעג האָט זיך אָנגע־צונדען, און דיא געוועהנליכע וואפען פון מסירות, חרם און פערפאָל־גונגען זיינען אָנגעווענדעט געוואָרען פוןביידע זייטען. דוד בן זכאי, דער היימישער פירסט איז נאַטירליך געווען דער שטאַרקערער אין אַזא פאַל, און דער אויסלענדישער געלעהרטער האָט זיך געמוזט צוריק־ציהען. ער האָט פערבראכט פיער יאָהר ווייט פון דער ישיבה, וואהר־שיינליך אין בגדד. עס איז שווער צו זאָגען בעשטימט, אויב ער איז

טאקי געווען אין לעבענסגעפאהר און האָט זיך געמוזט בעהאַלטען, מען זאָל ניט וויסען וואו ער איז, אָדער ער האָט איינפאך זיך ניט געקענט האַלטען אן דער שפּיצע פון דער ישיבה און האָט דארום געלעבט אין צוריקגעצויגענהייט, דאס הייסט אַלס פּריוואַט מאַן. יעדענפאלס זיינען דיעזע פיער יאהר געווען דיא פּרוכטבארסטע פון רב סעדיה׳ס לעבען, און שפּעטערע דורות האָבען גענאָסען פון זיינע געצוואונגענע צוריקגעצויגענהייט, ווייל אין דיעזע פיער יאהר האט ער פערפאסט דיא מייסטע פון זיינע ווערקע, דורך וועלכע ער איז גע־בליעבען בעריהמט ביז היינטיגען טאָג.

אָבער אָבגלייך רב סעדיה איז געווען א פרעמדער, האָבען איהם אויך ניט געפעהלט קיין פריינדע און פערטהיידיגער. ער איז אויך ניט געווען דער מאַן זיך צו לאָזען לייכט ארונטערוואַרפען. ער האָט דיא ערשטע זאך ערקלערט דוד בן זכאי אלס אויס ריש גלותא און האָט אויף זיין פּלאַץ נאָמינירט א געוויסען יאשיה האַססאַן.ביידע זייטען האָבען אפּעלירט צום קאַליף אל־מוכת-אדיר, וועלכער האָט געוואָלט אויסהערען ביידע זייטען. אין אָנפאַנג איז עס גאָר ניט געווען אזוי זיכער, דאס דוד בן זכאי וועט בעזיעגען דעם גאון. נור ווען דיעזער קאַליף איז ערמאָרדעט געוואָרן (אָקטאָבער 932) און דער אָרעמער קאהיר האט גע׳ירש׳נט זיין טראָהן, האָבען דיא פריינד פון אַלטען ריש גלותא געקראָגען דיא אויבערהאנד. אין דיא זעלבע צייט וואס רב סעדיה האָט געמוזט פערלאָזען דיא ישיבה, איז דער ריש גלותא האַסאַן פערטריעבען געוואָרן פון זיין אמט און איז שפּעטער געשטאָרבען אין כאראַססאַן.

אין פערלויף פון פיער יאהר האָט זיך אָבער אַלעס געענדערט. אויף דעם פּלאַץ פון גרויזאמען און געלדגייציגען קאהיר איז ארויף אויף דעם טהראָן פון דיא קאַליפען א גערעכטער מאַן מיט דעם נאָמען אבראדהי, און זיין גרויס-וויזיר עלי אבן־איסא האָט זיך געוויע־זען געניינט צו רב סעדיה׳ס זייט. דיא אידיישע בעפעלקערונג אַליין האָט זיך אויך וואס ווייטער אַלץ מעהר געשטעלט אויף דער זייט פון דעם גאון. עס האט דארום נור געפעהלט א געלעגענהייט ארויס־צוברייננגען איין אַלגעמיינע פאָדערונג, אז רב סעדיה זאָל צוריק קריעגען

זיין שטעללע. דיא געלעגענהייט איז באלד געקומען, ווען צוויי אידען, וועלכע האָבען געהאט א שטרייטיגקייט, האָבען אויסגעקליעבען אלס בוררים אָדער אָפּמאַכער איינער דוד בן זכאי און א צווייטער — רב סעדיה. דער ריש גלותא איז איבער דעם אזוי בייז געוואָרן, דאס ער האט אָנגעשטעלט דורך זיינע לייטע צו מאכען א פּערזענליכען אנגריף אויף דעם מאַן, וועלכער האָט געוואגט אויסצוקלייבען דעם גאון.

דיא אויפרעגונג איז געוואָרן זעהר גרויס, און איינפלוסרייכע מיטגליעדער פון דער אידישער געמיינדע האָבען צוגעגעבען, אז דער קריעג איז אוועק א ביסעל צו ווייט. מען האָט זיך אָנגעפאנגען צו לייגען אויף א שלום און מען האָט פריהער איבערגערעדט איינעם פון דיא הויפּט אנהענגער פון דוד בן זכאי און דאן אויך איהם אליין צו שליעסען פריעדען. עס איז דאן געווען גאנץ לייכט צו געווינען דעם שוואכערען און קליגערען רב סעדיה פאר דעם פּלאן פון אן אָפּמאך׳ און דיא גרויסע מחלוקה איז געוואָרן געענדיגט.

דיא אידישע געמיינדע פון בגדד איז געווען מלא שמחה, ווען דיא נייעס פון שלום איז פערברייטעט געוואָרן. א טהייל האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן דעם גאון און א טהייל אָן דעם ריש גלותא, ווען דיא צוויי ביטערע געגנער זיינען ארויס איינער געגען אנדערן זיך צו בעגעגנען אלס פריינד. ווען זיי זיינען זיך צוזאמענגעקומען, האָבען זיי זיך אומארמט און געשלאָסען א נייע און אייביגע פריינדשאפט. רב סעדיה האט פערבראכט איינגיע טעג אלס גאסט אין הויז פון ריש גלותא און איז דאן צוריק געקומען אלס ראש ישיבה נאָך סורא. *) עס איז געוויס, אז דער גאון האָט זיך געוויסענהאפט גע־האלטען אן דיא נייע בעדינגונגען און איז געבליעבען טריי צום ריש גלותא און זיין פאמיליע אזוי לאנג וויא ער האָט געלעבט. ווען דוד בן זכאי איז געשטאָרבען אין 940, איז זיין זוהן יהודה געוואָרן ריש

*) אזוי ווערט געוועהנליך אָנגעגעבען אין דיא מייסטע געשיכטליכע ווערק איבער דיעזע פּעריאָדע און מיר האָבען עס דארום דאָ אויך אָנגענומען, אָבּגלייך עס איז דאָ א סברא, אז רב סעדיה האט ניט צוריק געקריעגען דעם אמט נאָך דער שליסונג פון פריעדען.

גלותא דורך דיא אָנשטרענגונג פון רב סעדיה. יהודה איז געשטאָרבען זיעבען מאָנאט שפּעטער און האָט איבערגעלאָזען א צוועלף־יאהריגען זאָהן, וועמען רב סעדיה האט אדאָפּטירט און גענומען ערציהען ביז ער וועט קענען איבערנעהמען דאס אמט אלס פירסט פון גלות.

אָבער דיא אומשטענדען פון דער צייט האָבען געבראכט דערצו, אז דיא אידען האָבען ניט מעהר געקענט האָבען דעם נחת פון האָבען איינעם, וואס זאָל אפילו טראָגען דעם פוסטען טיטעל פון פירסט. צום טהייל איז אין דעם שולדיג געוועזן דיא פערשטארקטע מאכט און דער פאנאטיזמוס פון דיא מחמדאנער, צום טהייל אויף דיא שלעכטע אויפפיהרונג פון דיא ראשי גלותא זעלבער, און דיא אַרט און וויזע וויא זיי האבען מיסברויכט זייער מאכט. דער מאן, וועלכער איז בעשטימט געוואָרען צו פערנעהמען דעם אמט פון ריש גלותא ביז דער אייניקעל פון דוד בן זכאי וועט אויפוואקסען, איז אומגעבראכט געוואָרן אויף א בעשולדיגונג, אז ער האָט בעליידיגט דעם נאָמען פון מחמד. דער לעצטער פּרינץ פון דיא קעניגליכע פאמיליע פון דוד איז שפּעטער ערמאָרדעט געוואָרן פון פאנאטישע מחמדאנער אין זיין קארעטע אויף א גאַס אין בגדד, און דאס אמט פון ריש גלותא איז אונטערגעגאַנגען. אָבער רב סעדיה האט ניט דערלעבט צו זעהן דיעזען טרויעריגען סוף.

דיא פערפאָלגונגען און אויפרעגונגען פון דער צייט פון מחלוקת האבען אונטערגראָבען זיין געזונדהייט און איהם געמאכט מעלאַנכאָליש אָדער מרה שחורה׳דיג. דיא ישיבה פון סורא האָט, וויא מען דיינקט, אונטער איהם צוריק נעקראָגען איהר אלטען גלאַנץ, אָבער ער אליין איז ניט מעהר נעקומען צו זיך. רב סעדיה איז געשטאָרבען אין יאהר 942, ווען ער איז אלט געוועזן נור 50 יאהר, און דער בעריכט דאס ער איז געשטאָרבען פון מרה שחורה, בערעכטיגט צו גלויבען, אז ער איז וואהרשיינליך געוועזן קראנק א לייננערע צייט פאר זיין טויט. ער האט געלאָזען א זוהן מיט דעם נאָמען דוסא, וועלכער איז געוועזן א תלמודיסט און א וועלטליכער געלעהרטער, אָבער אויס אורזאכען, וועלכע זיינען אונז ניט בעקאַנט, איז ער ניט געוואָרן דער נאכפאָלגער פון זיין גרויסען פאטער. דיא ישיבה פון

סורא איז נאָך רב סעדיה׳ס טויט אזוי אָבגעשוואכט געוואָרן דורך דעם איינפלוס פון דעם רייכען אבן־סרגדא, וועלכער האָט זיך געשטעלט אן דער שפּיצע פון דיא אינגערע ישיבה פון פּומבּדיתא, דאס זיא איז אין קורצען אונטערגעגאנגען. זעקס יאהר נאָך רב סעדיה׳ס טויט איז דער לעצטער ראש ישיבה פון סורא פון דאָרטען אוועק, און דיא אַנשטאַלט, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן פון רב אָדער אבא אריכא מיט 700 יאהר פריהער, איז אויף אימער געשלאָסען געוואָרן.

דיא אידען פון סורא האבען געמאַכט א לעצטען פערזוך וויעדער צו ערעפנען דיא אַלטע ישיבה, נאָר דאס האט געהאַט דעם מערק־ווירדיגען און גאַנץ אונערוואַרטעטען רעזולטאט פון אונטערגראָבען דיא גאונות אין גאַנצען און פערפּלאַנצען דעם תּלמוד און דערמיט דעם מיטעלפּונקט פון יודענטהום אין אייראָפּא. דאס איז געקומען דורך דעם, וואס דיא פיער יונגע תּלמידי חכמים, וועלכע זיינען אוועקגעשיקט געוואָרן פון סורא אין אנדערע לענדער צו זאמלען נדבות פאר דיא ערעפנונג פון דער ישיבה, זיינען אריינגעפאַלען אין דיא הענד פון ים רויבער און זיינען פערקויפט געוואָרן אלס שקלאַפען אין פערשיעדענע פּלעצער. דיא פערקויפטע זיינען אויסגעלייזט און בעפרייט געוואָרן פון דיא אידישע געמיינדען אין דיא לענדער, וואו מען האָט זיי געבראַכט, וויא עס איז געוועזן דער מנהג אין דאמאָליגע צייטען. דיעזע בעפרייטע משולחים האבען דאן אליין געגרינדעט ישיבות, און זיי זיינען געוועזן דיא דירעקטע אורזאַכע פון דער פערשפּרייטונג פון תּלמודישע קענטניסע אין פערשיעדענע געגענדען, בעזאָנדערס אין שפּאַניען, וועלכע איז מיט דער צייט געוואָרן דיא הויפּט קוועללע פון אידישע געלעהרזאמקייט, אזוי וויא בבל איז פריהער געוועזן

פינפטער קאפיטעל.

רב סעדיה׳ס ווערקע און זיין בעדייטונג.

דיא אידען, דאס הייסט דיא רבנישע אידען, האבען ביז רב סעדיה כמעט ניט געהאט קיין אנדער ליטעראטור, וויא דיא היילינע אדער רעליגיעזע. אויסער דעם תנ״ך, דעם תלמוד און געוויסע מדרשים און ספרים ווענען דינים וויא דיא „הלכות פסוקות" און „הלכות גדולות" אדער געמיישטע פון דינים און אגדות, וויא רב אחאי גאון׳ס „שאלתות", בעזיצען מיר ווענינ נעמען פון ווערק און נאך ווענינער ווערקע, וואס זיינען פערפאסט געווארן פאר דער צייט פון רב סעדיה. פון סיסטעמאטיש-וויסענשאפטליכע ביכער, דורך וועלכע אידען זאלען בעקאנט ווערען מיט דיא געדאנקען פון דיא ניט אידישע וועלט, איז ביז דאמאלס כמעט קיין זכר ניטא. רב סעדיה ערשיינט פאר אונז אלס דער ערשטער גרויסער אידישער און וועלטליכער געלעהר־טער, וועלכער וויל פעראייניגען אמונה און השכלה, וועלכער וויל פון איין זייט בעפעסטיגען דיא אידישע רעליגיאן אויפ׳ן תלמודישען גאנג און איהר פערטהיידיגען געגען אינוועניגסטע און אויסזייטיגע אנגריי־פער; און פון אנדער זייט איהר פרובירען געבען א וויסענשאפטליכע פארם, אויסארבייטען א אידישע פילאזאפיע און אריינברייננען אונ־טער אידען דיא גראמאטיק, דיא פאעזיע, דיא דיינקונגס־ארט און דיא שטרעבונגען פון דיא קולטיווירטע אראבער, אונטער וועלכע זיי האבען געוואוינט. פון דיזען שטאנדפונקט ערשיינט ער פאר אונז אלס

א קעמפפער און אויפטהוער אויף דעם ליטעראַרישען פעלד, וואו ער זוכט פערשיעדענע מיטלען צו עררייכען דעמזעלבען צוועק. זיינע ניט וויכטיגע ווערקע, אָדער אַזעלכע, אין וועלכע ער האָט נור נאכ־נעמאַכט אַנדערע, קריעגען דאדורך א ווערטה איבער דיא אַלגעמיינע טענדענץ פון זיינע שריפטען, ווייל אין אַלע צוזאמען זעהט מען דעם פּלאַן פון זיין ארבייט, זיין אנשטרענגונג צו שאפען א ליטעראטור און צו מאַכען א וועג פאר שפּעטערע דיינקער צו געהן אויף דעמ־זעלבען וועג.

דאס אידישע לעבען איז אזוי ענג פערבונדען מיט דער תּורה, דאס יעדער, וועלכער וויל מאַכען איין איינדרוק אָדער איין ענדערונג אויף דעם אינערליכען לעבען פון אידען, מוז אָנפאַנגען פון דער תּורה. אַן איבערזעצונג פון חומש איז שטענדיג דיא בעסטע און לייכטעסטע מעטהאָדע בעקאַנט צו מאַכען דעם אידען מיט א נייע שפּראַך, ווייל דאס איז א בוך, וועלכען יעדער איד האָט געלערנט, און וועלכען דיא מייסטע זיינען נאָך איצטער און זיינען געוויס געווען אין אַמאָליגע צייטען כמעט קלאָר אויף אויסווענינג. עס איז דערפאַר געווען גאַנץ נאַטירליך, אז א מאַן וויא רב סעדיה זאָל איבערזעצען דעם חומש אויף אראַביש. מען גלויבט, אז ער האָט אויך איבערזעצט גאַנץ תּנ״ך, אָבער מיר ווייסען נור פון איבערזעצונגען פון חומש, פון ישעיה (געדרוקט), תּהלים, משלי און א טהייל פון איוב. ער האָט אָבער זיך געמוזט שאפען דיא נייטיגע געצייג, מיט וועלכע ער זאָל קענען דיעזע ארבייט דורכפיהרען, און מיר געפינען איהם דארום אַלס דעם ערשטען גראַמאַטיקער אָדער בעל דקדוק פון דיא העברעאישע שפּראַך.

ער איז דער פערפאַסער פון א „בוך דער שפּראַכע" (כתאַב אללגה: ספר לשון עברי), א ווערטער־בוך (אגרון, אָדער ספר פּתרונים), א בוך איבער סינטאַקס אָדער צוזאמענשטעלונג פון זעטצע (צחות) און א בוך איבער דיא ווערטער וועלכע זיינען נור איינמאָל דער־מאָנט אין תּנ״ך.

אין זיין איבערזעצונג האַלט ער זיך ניט אזוי שטרענג צו דעם טעקסט וויא שפּעטערע איבערזעצער. ער ערלויבט זיך אָפט א לייכטע ענדערונג צו געבען א קלערערען בעגריף פון אָריגינאַל. צו דיעזען

טהייל פון זיין ארבייט נעהערען אויך דיא פּירושים, וואָס ער האָט געמאכט צוזאמען מיט דיא איבערזעצונגען.ביידע זיינען כאראקטערי־זירט דורך א פרייהייט און אן אנערקענונג פון תּלמודישע ערקלע־רונגען, וועלכע זיינען געציעלט אלס א געגענזאץ צו דיא שקלאפעריי צום וואָרט, פון וועלכע דיא קראים האָבען זיך קיינמאָל ניט געוואגט צו בעפרייען.

נאָך אינטערעסאנטער זיינען וואהרשיינליך געווען זיינע פּאָלע־מישע אָדער שטרייט־שריפטען, פון וועלכע אַלע זיינען ליידער פער־לאָרען געגאנגען. מיר ווייסען דארום פון זיי נור דיא נעמען וועלכע זיינען דערמאָנט אין זיינע אייגענע אָדער אין פרעמדע שריפטען. דער איינפלוס פון זיינע שריפטען געגען דיא קראים איז געווען אזוי גרויס, אז דורך זיי איז ער אליין גרויס געוואָרן, און דיא סעקטע האָט זיך פון זיין אנגריף ניט געקענט ערהוילען און איז זייט דאן שטענדיג געזונקען. עס זיינען בעקאנט דיא נעמען פון זיעבען ווערקע, וועלכע ער האָט געשריבען געגען דיא קראים. איינינע פון זיי זיינען געציעלט געגען דיא פּערזאָנען, וויא דאס ווערק געגען ענן אָדער געגען אבן סקויאה, און אנדערע געגען איינצעלנע דינים אָדער מנהגים, וויא צום ביישפּיעל, דיא איינפיהרונג פון דיא קראים ניט אָנצוצינדען קיין ליכט פרייטאָג־צו־נאכט.*)

אָבער ער האָט אויך געהאט אנדערע געגנער וויא דיא קראים. ער אליין דערמאָנט א ווערק, וואס ער האט געשריבען געגען דעם אפּיקורס אָדער פריי־גייסט חוי אל־בלכי, וועלכער האָט אין יענער צייט שוין געוואגט אָנצוגרייפען דיא גלויבווירדיגקייט פון דיא נסים, וואס זיינען דערמאָנט אין חומש, און האָט למשל געזאָגט, דאס דער מן וואָס דיא אידען האבען געגעסען אין דער מדבר, איז געווען אזא סאָרט פלאנצונג אָדער גראָז, דאס דיא אידען זיינען אריבער דעם דעם ים סוף אין דער צייט פון עבבע אָדער ווען דאס וואסער פון

*) דיעזעס ווערק איז דערמאָנט אין אבן עזרא׳ס פּירוש אויף חומש. אין דעם פּסוק לא תבערו אש בכל מושבותיכם ביום השבת (שמות ל״ה ג׳) וועלבען דיא קראים נעהמען אָן בוכשטעבליך אז מען טאָר אין גאנצען ניט לאָזען ברענען קיין פייער.

ים האלט אָפּ דורך נאַטירליכע אורזאַכען א. ז. וו. דיעזער חוי האַט אויך פערפאַסט איין איבערזעצונג פון חומש מיט א פירוש נאָך זיינע אפּיקורס'שע אידעען, און מען האָט אין פיעלע אידישע חדרים אָדער שוהלען פון יענער צייט געלערנט דיעזע אפּיקורסות' ביז זיי זיינען פערדרענגט געוואָרן פון רב סעדיה'ס פירוש און איבערזעצונג. מען האָט אין אָנפאַנג געמיינט, אז חוי אל-בלכי (פון דיא שטאָדט בלך), וועלכער ווערט פון זיינע געגנער אָפּט גערופען „הכלבי", האָט גע־הערט צו דיא קראים, אָבער איצטער איז עס כמעט פעסטגעשטעלט, אז ער איז געוועזען פון דיא רבנישע אידען און האָט געלעבט אין ניינטען יאָהרהונדערט, מיט א דור אָדער צוויי דורות פאַר רב סעדיה.

דאָס הויפּט ווערק פון רב סעדיה וועלכע איז ניט פאַרלוירען גע־גאַנגען אויף וועלכע זיין גרויסקייט רוהט איז דער „ספר האמונות והדעות", דאָס ערשטע אידישע רעליגיאָנס־פילאָזאָפישעס ווערק און איינע פון דיא בעסטע, וועלכע זיינען איבער דיעזען געגענשטאַנד גע־שריעבען געוואָרען. אין דיעזעס ווערק האָט רב סעדיה פּרובירט ער־קלערען דעם יודענטהום פילאָזאָפיש און סיסטעמאַטיש, צו געבען שכל'דיגע ערקלערונגען אויף אלעס וואָס לאָזט זיך ערקלערען און צו בעקעמפפען אלערליי אידישע און ניט־אידישע געגנער, מאַנכעס מאָל מיט לאָגיק און מאַנכעס מאָל מיט אמונה. דאָס ווערק איז פיליייכט ניט עכט פילאָזאָפיש נאָך דעם היינטיגען בעגריף, אבער עס איז קיין צווייפעל, אז רב סעדיה איז געשטאַנען אויף דיא העכסטע שטופע פון זיין צייט און האָט געוויעזען גרויסע פעהיגקייטען אין בעהאַנדלען דיעזען געגענשטאַנד פון זיין רעליגיעזען שטאַנדפּונקט. דאָס ווערק איז פערפאַסט געוואָרען אין אראַביש און איז זייט דאַן צוויי מאָל איבערזעצט געוואָרען אין העברעאיש. טהיילען זיינען איבערזעצט געוואָרען אין לאַטיין, אין ענג־ליש (לאָנדאָן 1707) אין דייטש און וואָהרשיינליך אויך אין אנדערע שפּראַכען. אלט־מאָדישע אידישע מחברים און אלע מאָדערנע געלעהרטע, וועלכע אינטערעסירען זיך אין רעליגיאָנס־פילאָזאָפיע אָדער אין איהר געשיכטע, שטודירען דיעזעס ווערק נאָך אין איצטיגע צייטען.

איין אנדער וויכטיגעס ווערק פון רב סעדיה, פון וועלכע עס געפינען זיך א פּאָר געשריעבענע קאָפּיעס אין דיא ביבליאָטעקען פון

אָקספּאָרד און מינכען, איז זיין פּירוש אויף „ספר יצירה". עס האָבען זיך אין יענער צייט אָנגעפאנגען אונטער אידען צו פערשפּרייטען מיסטיקער אָדער בעלי סודות, וועלכע האבען געזוכט צו ערקלערען אלעס על פּי סוד. דאָס מערקווירדיגע ווערק, ספר יצירה, איז ביי זיי געווען איינע פון דיא הויפּט שטיצען, אויף וואָס זייערע טהעאָריען זיינען געגרינדעט געוואָרען. רב סעדיה האָט געזוכט דעם „ספר יצירה" צו ערקלערען פון א פילאָזאָפישען שטאנדפּונקט אין האָט זיין פּירוש געשריעבען אין אראביש אלס א געגנער פון קבלה. שפּעטער ווען דיא לעהרען פון קבלה זיינען אונטער אידען מעהר פערברייטעט געוואָרען און דיא בעלי קבלה האבען געקראָגען מעהר איינפלוס, איז רב סעדיה׳ס נאמען שוין געווען אזי גרויס און הייליג דאָס מען האָט איהם ניט גע־וואגט אָנצוגרייפען. זיי האָבען זיך בעסער גענומען צו דעם לייכטען און איינפאכען מיטעל פון אָפּלייקענען אז ער איז געווען זייער געגנער, און אזוי וויא זיין אראבישער פּירוש אויף ספר יצירה איז געבליעבען כמעט אונבעקאנט, האָט מען אנגעהאנגען זיין נאמען אָן א פּירוש וואָס איז געשריעבען אין זין פון דיא קאבאליסטען.

דאָס איז דער „פּירוש רב סעדיה גאון", וועלכער איז געדרוקט אין פּיעלע אויסגאבען פון ספר יצירה און וועלכער איז פערפאסט גע־וואָרען מינדעסטענס צוויי הונדערט יאָהר נאָך זיין טויט. דער פּרוש אויף דברי הימים, וועלכער איז געדרוקט אין פּיעלע אויסגאבען פון תנ"ך אלס פּירוש רב סעדיה גאון" איז אויך ניט פון איהם. אנדערע האבען אויך ארויפגעשטעלט זיין נאמען אויף א „ספר הגורלות" און אויף אנדערע ווערקע, וועלכע ער האָט קיינמאָל ניט געשריעבען. עס איז אמאָל געווען שטארק אין דער מאָדע אָנצוטשעפּען שפּעטערע שריפ־טען אָן גרויסע דענקער פון פריהעריגע צייטען, אָדער צו ציטירען פון ווערקע וואָס האָבען ניט עקזיסטירט. דער גרעסטער בריה אויף אויס־קלערען מחברים און ספרים איז געווען ר׳ משה בטריל, דער פערפאַ־סער פון א פּירוש אויף ספר יצירה, און מען איז בערעכטיגט צו דיינ־קען אז דער ספר, „אבן הפילוסופים לרב סעדיה גאון" וואָס ער דער־מאָנט, האָט אויך עקזיסטירט נור אין זיין איינבילדונג.

אם ענדע דארפען דערמאָנט ווערען זיינע ווערק אלס גאון, דאס הייסט אלס פאָרשטעהער פון רעליגיעזען יודענטהום פון זיין צייט. אָבער אויך אויף דיעזען פעלד געהערט ער צו דיא פאָרטשריטליכע. ער האָט געזוכט בעקאנט צו מאכען דעם גרויסען עולם מיט א טהייל פון דעם וואָס האָט געהערט צו דיא אריסטאָקראטיע פון געלערנטע. ער האָט דארום איבערזעצט דיא משנה אויף אראביש און געמאכט צו איהר א פירוש אויף אראביש, בריינגענדיג דערמיט דיא גרונדלאגע פון תלמודישען יודענטהום נעהענטער צום פאָלק. אייניגע פון זיינע תשובות אויף פראגען וועגען דינים, געפינען זיך אין זאמלונגען פון תשובות הגאונים. א קאָפּיע פון א „סידור רב סעדיה גאון“ געפינט זיך אין דיא באָדלייאן לייברערי אין אָקספאָרד, און עס זיינען אויך דאָ פון איהם שירים, פיוטים און אנדערע קליינע שריפטען, וועלכע דיענען נור צו בעווייזען זיין טהעטיגקייט און דיא פערשיעדענארטיגקייט פון זיין טאלענט.

דיא גרויסקייט פון רב סעדיה שטייגט אין וויכטיגקייט, ווען מען בעטראכטעט דיא גייסטיג אונפרוכטבארע צייט אין וועלכע ער האָט געלעבט אונטער אידען. דיא צייט פון דיא גאונים איז איינער פון דיא אָרעמסטע אין דער אידישער געשיכטע, דיא פרייע ענטוויקלונג פון דיא צייטען פון תלמוד האָט דאמאָלסט אויפגעהערט, און דיא ישיבות פון בבל האָבען ניט מעהר געקענט בעאיינפלוסען דעם גייסטיגען לעבען פון אידען אָדער צופריעדען שטעלען דיא שטרעבונג פון מענשען מיט פעהיגקייטען. דיא אראבישע בילדונג פון איין זייט און דיא קראים'שע נייע וועגען פון אנדער זייט האָבען אוועקגעצויגען פיעלע אידען פון רבנישען יודענטהום. עס איז נייטיג געוועזען צו ווייזען, אז א איד מוז ניט אָפּפאללען פון יודענטהום אָדער פון תלמוד, ווען ער לערנט זיך אויס אראביש, דאָס ער קען נאכטהאָן דיא מחמדנער און דאָך בלייבען א פרומער איד, און דאָס ער קען האָבען אין איינגענע פילאָזאָפיע וועלכע שטעהט אזוי הויך וויא דיא פרעמדע.

אלע ווערקע פון רב סעדיה ווייזען אויף דעם פלאן צו שאפען א אידעשע קולטור אָדער אזוי צו פערפאָלקאָמענען און ערקלערען דיא אידישע קולטור, אז זיא זאָל קענען בעשטעהן געגען דיא אראבישע און איהר מיט דער צייט איבערלעבען. אין איהם איז פערקערפערט דער

פערזוך, וואָס אידען האָבען אייניגע מאָל געמאכט, האלב ווילענדיג, האלב ניט־ווילענדיג, זיך צו־צופּאכען צו דיא קולטור פון דיא פעלקער, אונטער וועלכער זיי לעבען, און דאָך בלייבען ביז א געוויסען גראד אָבגעזונדערט. אין איהם שפּיעגעלט זיך אָב דיא פעראייניגונג פון תורה און חכמה, פון רעליגיאן אין פילאָזאָפיע, פון אידישע גאונות און וועלטליכע געלעהרזאמקייט, וועלכע האָט מעגליך געמאכט דיא אידען זיך צו בעטייליגען אין אלע גרויסע גייסטיגע בעוועגונגען פון דער וועלט און דאָך בלייבען אידען. אזעלכע מענשען האבען געהאָלפען מאכען דיא אידישע געשיכטע פאר א קיצור און א פּירוש פון דיא גאנצע וועלט געשיכטע פאר דיא לעצטע צוויי טויזענד יאהר און זיין נאמען וועט אימער בלייבען איינע פון דיא גרעסטע, וועלכע זיינען אין איהר פערצייכענט.

דער ווילנער גאון

(ר׳ אליהו בן שלמה זלמן)

דער גייסטיגער פיהרער פון מתנגדים

פון פּרץ וויערניק

דער ווילנער גאון.

1.

ליטאַ און איהרע אידען אין 18־טען יאָהרהונדערט.

ליטאַ איז געווען אין גאַנצען אונאַבהענגיג אַלס אַ גרויס־פירסטענטהום (וועליקאַ קניאַזשעסטוואָ) פאַר זיך ביז זיא איז געוואָרען נעהענטער פערבונדען מיט פוילען דורך דיא חתונה פון איהר קניאַז יאַגועללאַ מיט דיא יונגע פוילישע קעניגין העדוויגא אין יאָהר 1300. זייט דאַן האָט זיא צייטענווייז געהאַט אַ בע־זונדערען הערשער און צייטענווייז געהערט צום פוילישען קעניג ביז דיא „לובלינסקע יוניאָן" אין יאָהר 1569, ווען ליטאַ איז אויף אימער פעראייניגט געוואָרען מיט פוילען און איז געוואָרען אַ טהייל פון דיא פוילישע מלוכה. זייט דאַן זיינען ביידע לענדער צוזאַמען געזונקען טיעפער און טיעפער, ביז דער צייט וואָס פוי־לען איז אונטערגעגאַנגען.

אין אָנפאַנג פון 18טען יאָהרהונדערט, איז דאָס לאַנד שוין געשטאַנען אויף אַ זעהר ניעדעריגע שטופע, אָבגלייך מען האָט נאָך אפשר דאַן ניט געקענט פאָראויסזעהן דיא קאַטאַ־סטראָפע פון „ראַזביאָר" אָדער צוטהיילונג פון פוילען. ליטאַ האָט אין יענע צייטען געליטען פון רוסיש־שוועדישען קריעג, פון מגפות און פון הונגער־יאָהרען, אָבער נאָך מעהר וויא אַלעס האָט זיא מיט גאַנץ פוילען געליטען פון אַ רעגיערונג־פאָרם און אַ גע־זעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע איז וואַהרשיינליך געווען דיא ערגסטע אין אייראָפּאַ אין דיא מאָדערנע צייטען.

פוילען איז געווען האַלב מאָנאַרכיע, האַלב רעפּובליק. דער קעניג איז ערוועהלט געוואָרען אויפ'ן גאַנצען לעבען, אָבער ער האָט געהאַט זעהר אַ קליינע דעה. דיא גרויסע מאַסען פון

פאָלק, דאָס הייסט דיא בויערן, האָבען געלעבט אין דעם צוי־שטאנד פון האלב־שקלאַפעריי אָדער „פאַנסציזנע“ און האָבען ניט געהאַט דיא מינדעסטע דעה איבער זיך אליין אָדער איבער דאָס לאַנד וואָס זיי האָבען בעארבייט. דיא אמת'ע הערשער זיינען געווען דיא גרויסע פּריצים, וועלכע זיינען צום גרעסטען טהייל געווען פער'שיכור'ט און צולאָזען, פאַלש צו זייער קעניג, פאַלש צו זייער פאַטערלאַנד און האָבען אפילו ניט געהאַט גענוג שכל צו פערשטעהן זייערע אייגענע אינטערעסען. פון מענשליכע רעכטע האָט מען ניט געהאַט דעם קלענסטען בעגריעף.

דער „שליאַכציץ“ אָדער גאַנץ קליינער פּריץ פלעגט שמייסען דיא בויערן, דער קליינער פּריץ פלעגט שמייסען דיא שליאַכציצעם און דיא גרויסע פּריצים האָבען געטהאָן וואָס זיי האָבען געוואָלט מיט דיא קליינע פּריצים. דאָך איז עס ניט געוועזען קיין געזעצליכער שטאַרק אָרגאַניזירטער דעספּאָטיזם, ווייל אַנשטאָט דיא געוועהנליכע מענשען־רעכטע וואָס יעדער האָט אין אַ לאַנד, וואו עס הערשט פרייהייט, אָדער אנשטאָט דעם כלל, אז קיינער האָט קיין בעשטימטע רעכט אין אַ טיראַנישע לאַנד, האָט אין פּוילען יעדע קלאַס און יעדע שטאָדט געהאַט פערשיעדענע פּריווילעגיען אָדער ספּעציעלע זכיות. דאָס לעבען איז דאָרט געווען איין שטענדיגע מלחמה צווישען דיא „יורזדי־קים“ (יוריזדיקציאָנען), ווייל אויף יעדען שריט האָט זיך דעם'ס זכות צוזאַמענגעשטויסען מיט יענעם'ס. דער „מאַגיסטראַט“ אָדער שטאָדט־הערשאַפט האָט געהאַט בעזונדערע רעכטע, וועל־כע האָבען זיך געוועהנליך ניט איינגעשטימט מיט דיא רעכטע פון „וואָיעוואָד“ אָדער פערטרעטער פון דיא לאַנדעס־רעגיערונג. זיי פלעגען זיך שטענדיג אַרומרייסען צווישען זיך און מיט דיא גרויסע לאַנד־אייגענטהימער און דיא בישאָפּס וועלכע האָבען בעהערשט דיא ריעזיגע קירכען־גיטער. אין מאַנכע גרעסערע שטעדט, וויא צום ביישפּיעל, אין ווילנא, איז דיא שטאָדט גע־ווען צוטהיילט אונטער דיעזע דריי מינים הערשאַפטען, און וואָס מען האָט געמעגט טהאָן אין איין גאַס האָט מען ניט געטאָרט אין דיא צווייטע. איינער, וועלכער איז אין שטאָדט פער'משפט געוואָרען צו אַ שווערע שטראָף, האָט אונטער געוויסע אומשטענ־

דע געקענט בענוצען דיא פריווילעגיע זיך אריבער־צו־כאפען אין איין אנדער „יורזדיקי“ אין א פארשטאדט און דארטען לעבען אונגעשטערט יאהרען און יאהרען.

דיא אידען אין ליטא האבען א מאל געהאט כמעט גלייכע רעכטע מיט קריסטען, אבער אונטער פוילישע הערשאפט האבען זיי געלעבט אזוי וויא דיא איבריגע אידען פון פוילען, דאס הייסט אויך אלס א בעזונדערע קלאס מיט בעזונדערע פריווילעגיען אדער רעכטע. עס פערשטעהט זיך, אז אין דיא צייטען פון ארעמקייט, עלענד און אונטערגאנג, ווען אונעהרליכקייט און פערראטה האבען פערדארבען אלעס פון אינוועניג און ווען פיינדע פון דרויסען האבען געהאלפען בריינגען נעהענטער דיא פערניכטונג, האט מען זיך ניט פיעל אומגעקוקט אויף דיא אידישע רעכטע. דאך איז נאך ביי אידען דאן געבליעבען א טהייל פון זייערע אמאליגע זעלבסטשטענדיגקייט, אזוי וויא עס איז נאך ביי פוילען אין גאנצען געבליעבען א טהייל פון איהרע אמאליגע פרייהייט. דיא אידישע געמיינדען האבען זיך כמעט אליין רעגיערט אזוי וויט וויא עס האט אנבעלאנגט צו ציוויל־זאכען אדער דיני ממונות צווישען אידען אונטער זיך. דער רב און דיא דיינים זיינען געוועזען דיא ריכטער. זיי האבען געהאט דיא געזעצליכע מאכט דורכצופיהרען זייערע ענטשיידונגען. דער איינציגער איד האט געמוזט, אין אלעס וואס האט געהאט א שייכות מיט אידישע עסקים אדער מיט צאהלען פאדאטקעס א. ז. וו. טהאן, וואס „קהל“ אדער דיא פארשטעהער פון געמיינדע האבען געהייסען, ווייל דיא רעגיערונג פלעגט ארויפלייגען איהרע אבגאבען אויף דיא געמיינדע בכלל און האט זיך ניט געקימערט וויא דיא פארשטעהער וועלען דאס געלד אויפמאנען פון יעדען אידען בעזונדער. דיא ארגאניזאציאן פון קהל איז זאגאר פערשטארקט געווארען דורך דעם וואס דיא אידען בכלל זיינען אין דיא ערגערע צייטען געווארען נאך מעהר אפגעזונדערט פון קריסטען, וויא זיי זיינען געוועזען אין דיא פריהערע בעסערע צייטען.

ווען דיא געשעפטען זיינען געגאנגען שלעכט, אינדוסטריען זיינען אבגעשוואכט געווארען און דיא בעפעלקערונגען פון שטעדט זיינען געווארען קלענער, איז דיא אידישע לאגע נאטיר־

ליך געוואָרען וואָס ווייטער ערגער. עס איז אַלץ געוואָרען שווערער פאַר אידען צו ווערען גרויס אָדער צו מאַכען אַ קאַריערע צווישען קריסטען, בעזאָנדערס ווייל דיא גייסטליכע, הויפּטזעכליך דיא יעזואיטען, האָבען בעהערשט דעם גייסטיגען לעבען פון דיא קלאַסען, אונטער וועלכע אַ איד האָט זיך געקענט ארויפּאַרבייטען. עס איז פאַר דעם אידען דאַן נור געבליעבען צו זוכען כבוד אָדער אויסצייכנונג אין זיין אייגענעם געמיינדע־לעבען, צו ווערען אַ פיהרער אָדער אַ פאָרשטעהער פון זיין קהלה.

דער מעכטיגסטער און זעהר אָפט אויך דער רייכסטער מאַן אין דער קהלה איז דאַן געווען דער רב. דיא גרעסטע רבנים און דיא גרעסטע ראשי הקהל זיינען געווען דיא פערטרעטער אין דעם „ועד ארבע ארצות“, אַ כאַרט אידישער קאָנגרעס, וועלכער האָט געפיהרט דיא אַנגעלעגענהייטען פון אַלע אידישע געמיינדען אין פוילען. דער איינציגער וועג צו קומען צו דיא רבנות אָדער אַפילו צו אַנדערע הויכע עמטער אין קהל אָדער אין דיא „ועדים“ איז געווען צו זיין אַ גרויסער למדן, ווייל ניט נור שאלות פון טרפה און כשר, זאָנדערן אויך פּראַקטישע פראַגען און משפּטים זיינען ענטשיעדען געוואָרען נאָך דיא דינים פון שלחן ערוך און זיינע מפרשים. דאַמאָלס איז פאַר אַ אידישען אינגעל טאַקי ניט געווען קיין בעסערער תכלית, וויא צו ווערען אַ גרויסער למדן און פון יענע צייטען שטאַמט עס, וואָס יעדער פאָטער און יעדע מוטער האָט געוואָלט דעם זוהן מאַכען פאַר אַ רב אָדער פאַר אַ גדול בתורה. דאָס איז געווען דיא העכסטע שטופע פון מאַכט און עהרע, וואָס אַ איד האָט דאַן געקענט עררייכען.

אָבער דיא אידישע הערשאַפט איז געבראָכען געוואָרען נאָך שנעלער וויא דיא פּוילישע. ווען עס איז געקומען דיא „זאַקסען־צייט“, דאָס הייסט דיא צייט פון דיא לעצטע קעניגע פון פּוילען, האָט מען אָנגעפאַנגען צו פיהלען, אַז דאָס לאַנד געהט אונטער און מען האָט זיך גענומען איינצופיהרען פערשיעדענע רעפאָרמען, אָדער ענדערונגען און פערבעסערונגען. מען האָט ביי דיא פריצים צוגענומען אַ גאַנץ קליינינקען טהייל פון זייער הערשאַפט און ביי דיא אידען כמעט גאָר אין גאַנצען. דער „ועד ארבע ארצות“ איז אונטערדריקט געוואָרען פון לעצטען קעניג

פון פוילען, סטאַניסלאַוו פּאָניאַטאָווסקי אין אָנפאַנג פון זיין
רעגיערונג (אין 1764). דיא אידען פון ליטא און פוילען האָבען
דאַדורך פערלאָרען דיא סאָרט סענטראַל־רעגיערונג, וואָס האָט־
איבער זיי געהערשט, מאַנכעסמאָל ציעמליך שטרענג, אונגעפעהר
צוויי הונדערט יאָהר. יעדע געמיינדע איז געוואָרען מעהר פריי
צו טהאָן, וואָס איהר געפעלט און אזוי וויא דיא גרויסע מאַכט
פון „ועד“ איז אָפּגעשטאָרבען, האָבען זיך איינצעלנע פערזאָנען
אָנגעפאַנגען מעהר ארויסצוזעהן און צו האָבען א גרעסערע בע־
דייטונג.

2.

דאָס חסידות און דער גאון.

מען מוז דיעזע פעריאָדע און דיא ענדערונגען אין אידישען געמיינדע לעבען, וואָס זיינען דאן פאָרגעקומען, גוט פערשטעהן, צו קענען בעגרייפען דעם גרויסען איינפלוס, וואָס דער ווילנער גאון האָט געהאַט אויף דיא אידען פון דער ליטא אין זיין צייט און פאר וואָס זיין אנדענקען איז פערהייליגט געוואָרען אונטער דיא פרומע קלאַסען ביז היינטיגען טאָג.

ווען מען שרייבט דיא ביאָגראַפיע פון אַ גרויסען מאַן, פאַלט מען זעהר אָפט אריין אין דעם טעות צו מיינען, אַז ער איז פון אָנפאַנג אָן געווען אַזוי גרוים, וויא ער איז געוואָרען צום סוף פון זיין קאַריערע, און דער טעות פיהרט אָפט צו נארישע געשיכטען וועגען יענעם'ס גרויסקייט אלס קינד אָדער וועגען נסים וואָס האָבען געטראָפען מיט זיינע עלטערן נאָך איידער ער איז געבאָרען געוואָרען. אין אמת אָבער עררייכט דער גרויסער מאַן זעלטען דיא העכסטע שטופע פון זיין גרויסקייט ביז ער קומט אין מיטעלע יאָהרען אָדער אויף דער עלטער. עס נעהמט צעהנדליגע יאָהרען זיך ארויפצואַרבייטען און צו ווערען אנערקענט. דיא געלעגענהייטען מוזען קומען, און דיא גרויסע פון עלטערן דור מוזען אויסשטאַרבען איידער איינער ווערט אָנגענומען אלס דער גרעסטער אין זיין ספעציאַליטעט. דאָס פאַסירט אַם מייסטען ערשט, ווען ער האָט שוין גרויע האָר. עס איז ניט איבערטריעבען צו זאָגען, דאָס פון נייינציג פראָצענט פון דיא גרויסע מענשען פון דער וועלט וואָלט גאָר נישט געבליעבען, ווען מען זאָל אַראָפשניידען דיא לעצטע צוואַנציג יאָהר פון זייער לעבען. דיא געשיכטע פון זייערע אינגערע יאָהרען איז נור דערפאַר אינטערעסאַנט, וויל עס ווייזט דיא ענטוויקלונג פון אַ גרויסען גייסט איידער ער ווערט צייטיג, און דיא פעהיגקייטען וואָס עס איז נייטיג צו האָבען מען זאָל זיך פאַסען צו פערנעהמען אַ וויכטיגען פלאַץ, ווען עס מאַכט זיך דיא געלעגענהייט צו ערפיללען אַ גרויסע פליכט אָדער אויסצופיהרען אַ וויכטיגע אויפגאַבע.

„דיא זאקסען־צייט האט געמאכט דאס חסידות“ האט ערקלעהרט א פעהיגער שרייבער *), און מען קען זאגען, אז ביז א געוויסען גראד האט דאס חסידות געמאכט דעם גאון. ווען ר׳ ישראל בעל שם טוב איז געשטארבען אין 1760**) האט ער נ׳ט געהאט דעם קלענסטען בעגריף, אז עס וועט באלד אין זיין נאמען געגרינדעט ווערען א נייע סעקטע. ווען דער „ועד“ וואלט ניט בטל געווארען מיט פיער יאהר שפעטער, וואלט ר׳ בער מעזריטשער, דער נאכפאלגער פון בעל שם, אויך קיין פאל ניט געקענט אנפאנגען צו פיהרען זיין ראלע אלס „גוטער איד“ און געווינען איינפלוס און הערשאפט אויף צעהנדליגע טויזענד פרומע אידען אין פוילען.

א קערפערשאפט מיט דיא אויטאריטעט און דיא מאכט פון „ועד ארבע ארצות“ וואלט דיא גאנצע זאך אונטערדריקט, און געגען איהר האבען איינצעלנע פערזאנען גאר נישט געקענט אויספיהרען. אבער איצטער איז ניט געווען קיין הינדערנים אין וועג פון דיא ענטהוזיאסטען צו פערשפרייטען זייער לעהרע. דיא פיאנירען פון חסידות, דיא צעהנדליגע תלמידים פון ר׳ בער, אונטער וועלכע עס האבען זיך געפונען גרויסע גאונים אין לערנען וויא ר׳ פנחס הורוויץ (דער פערפאסער פון „הפלאה“, געשטארבען אלס רב אין פראנקפורט אם מאין אין 1812), אזעלכע בעריהמטע צדיקים וויא דער „ספאלער זיידע“ און ר׳ פנחס קאריצער און אזעלכע פייערדיגע רעדנער וויא דער „מוכיח“ (ר׳ אהרן פון קארלין, געשטארבען 1771) און דער קאזניצער מגיד, האבען געוואונען נייע אנהענגער דורך זייער ענטהוזיאזם און אויפריכטיגקייט. יעדע געמיינדע האט איצטער געקענט זארגען נור פיר זיך, און עס איז געווען זעהר שווער פאר אידען פון פערשיעדענע שטעדט זיך צוזאמען־צו־ריידען, בעזאנדערס

---

*) וויסבערג, „דיא ניי־העברעאישע אויפקלערונגס־ליטעראטור אין גאליציען“, לייפציג און וויען, 1898.

**) זעה דיא לעבענס־בעשרייבונג פון „בעל שם טוב“, ארויסגעגעבען פון דיא אינטערנאציאנאלע לייברערי פובל. קאמפ.

נאָכדעם וויא דיא אונוויסענדע מאַסען אידען אין פּאדאָליען, וואָהלין, הויך־פּוילען און גאַליציען האָבען זיך כמעט אין גאַנצען אָנגעשלאָסען אָן דיא חסידים, און עס האָבען אויך ניט געפעהלט לומדים און רייכע בעלי בתים, וועלכע זאָלען מיט זיי סימפּאַטיזירען.

דער ערשטער חרם געגען חסידות וואָס איז ארויסגעגעבען געוואָרען אין 1772, האָט זיי געהאָלפען נאָך שטאַרקער צו ווערן, ניט קוקענדיג דאַרויף וואָס פיעלע אבערגלויבישע מענשען האָבען געמיינט, אַז דער חרם איז געווען דיא אורזאַכע פון דעם טויט פון ר׳ בער מעזריטשער, וועלכער איז געשטאָרבען יענעם יאָהר. עס איז איין אַלטער און אייביגער כלל, אַז אַ פּאַרטיי אָדער אַ סעקטע וועלכע האָט ערנסטע אנהענגער קען ניט אונטערדריקט ווערען דורך פערפאָלגונגען.

דיא אידען פון דער ליטא וועלכע זיינען דאַמאָלס אויך שוין געווען מעהר געלערנט אין אידישע זאַכען וויא דיא אידען פון אנדערע טהיילען פוילען און רוסלאַנד, און זיינען געוועהנליך פון דער נאַטור מעהר שאַרפזיניג, מעהר קאַלטבלוטיג און ווענייגער ענטהוזיאַסטיש, האָבען זיך פון אָנפאַנג אָן ניט אָנגעכאַפּט שטאַרק אָן חסידות. דער גאַנצער שטראָם פון חסידות איז געווען אַ סאָרט פּראָטעסט געגען דעם אידישען גייסט וואָס האָט ערדייכט זיין העכסטען פּונקט פון ענטוויקלונג אין דער ליטא, געגען דיא טרוקענקייט פון דיא פּלפּולים, געגען פּינקטליכקייט אין דינים און מנהגים און געגען דיא סאָרט פרומקייט אָהן בעגייסטערונג און אָהן געפיהל וואָס איז ענטוויקעלט געוואָרען דורך דיא פאַלשטענדיגע אָבגעשלאָסענקייט פון דיא אידען אין זיעבצעהנטען און אַכצעהנטען יאָהרהונדערט. דיא ליטווישע אידען זיינען דערפאַר אי פון דער נאַטור און אי דורך דיא אומשטענדע פון זייער ערציהונג געווען דיא פּאַסענדסטע לייטע אָנצופאַנגען דעם קאַמפּף געגען דיא חסידים, און ווילנאַ, דיא ירושלים פון ליטא, וועלכע איז שוין דאַן אויך געווען אַ מיטעלפּונקט פון לומדות און פון עטוואָס ליבעראַלע אידעען, איז געווען דער ריכטיגער פּלאַץ פאַר דעם הויפּטקוואַרטיער, פון וואַנען אַזאַ מלחמה זאָל געפיהרט ווערען.

עס איז אָבער געווען נאָך אַ ספּעציעלע אורזאַכע, פאַר וואָס דיא הויפּט־פיגור פון דיא מתנגדישע זייט אין יענעם קאַמפּף זאָל זיך גראַדע דאָרטען ענטוויקלען. דיעזע אורזאַכע איז געווען דיא מחלוקה, וועלכע האָט זיך אָנגעפאַנגען אין ווילנא אין יאָהר 1778 און איז בעקאַנט אַלס „דעם רב׳ס קריעג“.

דיא פּוילישע רעגיערונג האָט מבטל געווען נור דעם „ועד“ אָדער דיא אויבערהערשאַפט פון קאָנגרעס פון רבנים און מנהיגים אָדער פיהרערס איבער אַלע אידישע געמיינדען צוזאַמען. דיא מאַכט פון דער קהלה פון יעדער שטאָדט בעזונדער איז געבליעבען וויא פריהער. אָבער אַלעס האָט זיך געהאַלטען אין אויפלעזען און צושמעלצען אין יענע צייטען, און עס איז געווען נאַטירליך, אַז דיא אָרגאַניזאַציאָן פון קהל אַליין זאָל אויך ניט זיין אַזוי שטאַרק וויא פריהער. דיא איינצעלהייטען פון דעם רב׳ס קריעג און וויא אַזוי ער איז ענטשטאַנדען, האָבען ווענינ שייכות מיט דער לעבענסבעשרייבונג פון גאון, אָבער דער פּרינציפּ וועגען וואָס עס האָט זיך געהאַנדעלט, האָט געהאַט אַ וויכטיגע בעדייטונג פאַר דיא גאַנצע עפּאָכע.

עס איז געווען אַ קאַמפּף צווישען דעם רב און דיא רייכע בעלי בתים פון שטאָדט איבער דער פראַגע, אויב דיא „גייסטליכע“ אָדער דיא „וועלטליכע“ מאַכט זאָל האָבען דיא דעה אין אנגעלעגענהייטען פון קהל. דער קאַמפּף איז געפיהרט געוואָרען מיט גרויס ביטערנים, און עס האָבען ניט געפעהלט קיין מסירות און בלבולים, דורך וועלכע פיעלע פאַמיליען זיינען פערוּאונגליקט געוואָרען. פיעלע קריסטען האָבען זעהר גוט פערשטאַנען דיא נאַטור פון דיא שטרייטיגקייטען און האָבען זיך ביז אַ געוויסען גראַד אויך אין איהר בעטהייליגט. עס איז העכסט אינטערעסאַנט צו וויסען, אַז פירשט ראַדזיוויל, דער „וואָיעוואָד“ אָדער פערטרעטער פון דער קעניגליכע רעגיערונג אין ווילנא, האָט געהאַלטען מיט קהל, אין דער צייט וואָס דער בישאָף מאַסאַלסקי האָט געהאַלטען מיט דעם רב. דער סוף פון קריעג איז געווען, אַז קהל האָט מנצח געווען דיא רבנות, און ווילנא האָט קיין רב ביז היינטיגען טאָג. אָבער דיא מאַכט פון קהל איז אויך אָפּגעשוואַכט געוואָרען דורך דיא גרויסע מינאָריטעט וועלכע האָט געהאַלטען

מיט'ן רב, און דיא סארט אנארכיע, וואס האט געהערשט אין דיא געמיינדע אנגעלעגענהייטען פון ווילנא זייט 1778, האט געמאכט אז מען האט דארטען אויפגעהערט צו רעספעקטירען דיא אויטאָריטעטען, וועלכע פלעגען זאנסט הערשען דורך דיא קראפט פון זייער אמט. דאס איז געווען ־יא ריכטיגע צייט ווען א פריוואט מאן האט געקענט געווינען איינפלוס און אנערקענונג.

דיא אידען אין ווילנא האבען ניט געהאט קיין אנערקענטען רב און קיין אנערקענטען קהל אדער „פרנסים". עס האט זיי נע־פעהלט א גייסטיגער פיהרער, צו וועמען זיך צו ווענדען אין צייט פון ספק און פון שווירינגקייט. זיי האבען דארום אויף א נאטירלי־כען וועג, זיך גאר ניט צוזאמענריידענדיג, אנגעהויבען צו פער־לאזען זיך אויף דעם גרעסטען למדן און דעם גרעסטען צדיק פון שטאדט, אויף א הויך־געאכטעטען מאן, וועלכער איז נימ געווען קיין רב און ניט קיין קהל'ס־מאן אדער פרנס — אויף ר' אליהו בן שלמה זלמן פון ווילנא. און אזוי וויא גאנץ ליטא האט געקוקט אויף ווילנא, איז דיעזער ר' אליהו אין א קורצע צייט אנערקענט געווארען פאר דעם פארשטעהער פון דיא אידען פון ליטא.

3.

דעם גאון'ס יונגע יאָהרען.

דער ווילנער גאון איז געבאָרען געוואָרן אין ווילנא דעם ער־שטען טאָג פסח אין יאָהר 1720 (ת"פ). זיין פאָטער איז געוועזן ר' שלמה זלמן, א איד א גרויכער למדן און א יחסן, איין אור־אייניקעל פון ר' משה קרעמער, וועלכער איז געוועזן רב פון ווילנא אין דיא צווייטע העלפט פון 17טען יאָהרהונדערט און איז געשטאָרבען אין יאָהר 1688. דורך זיין הייראַטה איז ר' שלמה זלמן געווען פערבונדען מיט דיא פאמיליע פון ר' משה רבקש פון ווילנא, דער מחבר פון „באר הגולה" אויף שלחן ערוך, וועלכער איז אנטלאָפען פון ווילנא נאָך אמסטערדאם אין דער צייט פון דעם איבערפאַל פון דיא קאזאקען אין 1655. דיעזער ר' משה רבקש האָט איבערגעלאָזען א „קרן קיימת" א געוויסע סומע געלד, מיט וועלכע מען זאָל אונטערשטיצען אָרעמע אידען, וועל־כע לערנען תורה און האָבען קיין אנדער בעשעפטיגונג. אזוי וויא דיעזע בעדינגונגען האָבען זיך גוט געפאַסט אויף ר' שלמה זלמן, און ער איז נאָך דערצו געווען א מיטגליעד פון דער פאמיליע פון ר' משה רבקש, האָט ער דיעזע אונטערשטיצונג געקראָגען א־ון האָט געלעבט אין אָרעמקייט. אלעס וואָס מען ווייס פון דעם גאון'ס מוטער איז, דאָס זיא האָט געהייסען טריינע און האָט געשטאַמט פון סעלץ, נעבען בריסק, און דאָס זיא האָט געלעבט וואהרשיינליך איבער נײנציג יאָהר (זיין פאָטער איז געשטאָר־בען אין 1758).

אליהו איז געווען דער בכור פון זיינע עלטערן און האָט געוויעזען זעלטענע גייסטיגע פעהיגקייטען פון קינדהייט אָן. עס ווערט אויך דערמאָנט דאָס ער איז געווען איין זעהר שיינעס גע־זונדעס קינד, וועלכעס איז אין יענע צייטען אונטער אידען אין דער ליטא געווען כמעט אזא זעלטענהייט וויא א גאונישער קאָפּ. ווען מען בערעכענט, דאָס דער גאון האָט דעם ערשטען טהייל פון זיין לעבען געלעבט אין גרויס אָרעמקייט, דאָס ער האָט שטענדיג געלערנט פון צוואנציג ביז צוויי און צוואנציג שטונדען

אין מעת לעת און האָט דאָך געלעבט לייגנער וויא 77 יאָהר, קען מען אַליין קומען צו דער איבערצייגונג, דאָס זיין גרויסער גייסט האָט געמוזט וואוינען אין זעהר אַ שטאַרקען קערפּער.

צו זיעבצן יאָהר האָט ער געזאָגט פאַר אַ גרויסען עולם אין ווילנער שול אַ „פלפול" אָדער לומדות'ע דרשה וואָס זיין פאָטער האָט איהם אויסגעלערנט. אזא פעהיגקייט האָט נאַטירליך צוגעצויגען דיא אויפמערקזאמקייט פון דיא פאָרשטעהער פון שטאָדט, און דער דאַמאָלדיגער רב פון ווילנא, ר' יהושע העשל (איין אייניקעל פון דעם בעריהמטען ר' העשל פון קראקוי) האָט געלאָזט צו זיך ברייננען דעם וואונדערבאַרען אינגעל און האָט איהם פערהערט צו זעהן, אויב ער האָט ווירקליך פערשטאַנען, וואָס ער האָט געזאָגט. דער רב איז איבערראשט געוואָרען פון דיא קלאָרקייט פון דעם יונגען אליהו'ס פערשטאַנד און פון דיא שאַרפע און ריכטיגע אנטוואָרטען, וואָס ער האָט פון איהם געקריעגען. מיט אַ יאָהר שפּעטער האָט ר' אברהם קאַצענעלענבויגען, דער רב פון בריסק, אויף אַ בעזוך אין ווילנא, געהערט פון דעם זעלטען געראָטענעם אינגעל און האָט ביי דעם פאָטער גע'פועל'ט איהם מיטצונעהמען אין קיידאַן, וואו ר' אברהם'ס ברודער, ר' דוד, איז דאַן געוועזען דער רב. דאָרטען האָט אליהו אַ קורצע צייט געלערנט ביי דעם מחבר פון „פני משה" און וויא ווייט מען ווייס, האָט ער זייט דאַן ניט געהאַט קיין אנדער רבי'ן. זיין שאַרפזין און זיין זעלטענער זכרון האָבען איהם ערמעגליכט גאַנץ יונג אָנצופאַנגען צו לערנען אַליין. עס איז נור בעוואוסט, דאָס אַ געוויסער ר' ליב, וועלכער איז שפּעטער געוואָרען רב אין טשעבענאָוויץ און אַ ר' חיים, וועלכער איז שפּעטער געוועזען אַ מגיד אין ווילנא, זיינען געוועזען זיינע חברים.

אין יענע צייטען פלעגט מען ביי אידען הייראַטהען זעהר יונג, און עס איז געוועזען נאַטירליך, דאָס עס זאָל זיך באַלד געפינען אַ שידוך פאַר אַזא בעריהמטען „עלוי". עס איז ניט בעקאַנט, וויא אַלט דער גאון איז געוועזען צו דער חתונה, אָבער עס איז זעהר מעגליך אַז ער איז געוואָרען אַ חתן טאַקי אין דעם יאָהר וואָס ער איז אַלס אַכט יעהריגער אינגעל אָנגעקומען אין קיידאַן. זיין שווער איז געוועזען אַ קיידאַנער נגיד מיט דעם נאָמען

ר׳ יהודא ליב, פון וועמען מען ווייס ווייטער גאָר נישט. אזוי וויא עס איז אָבער בעוואוסט, דאָס דער גאון האָט אַלס יונגער פערהייראַטהער מאַן געלעבט אין ווילנא אין גרויס דחקות, מוז מען אָננעהמען דאָס זיין שוויעגער־פּאָטער איז פריה געשטאָר־בען אָדער ער איז „ארונטער פון מעמד" און איז געוואָרען אָרעם, וויא עס פלעגט אימער טרעפען מיט פּארצייטיגע נגידים, וועלכע האָבען געפיהרט זייערע געשעפטען אין גרויס אונאָרדנונג און קיינמאָל ניט געוואוסט פון רעכנונג אָדער מעטהאָדע אין גע־שעפט.

אַלעס וואָס מען ווייס פון דעם גאון׳ס לעבען אין דיא נעקסטע 25 יאָהר, איז, דאָס ער איז אין דער צייט, ווען ער איז אַלט געווען אַ יאָהר צוואַנציג, אַוועק „אָפּריכטען גלות", דאָס הייסט פאָהרען אויף רייזען. מען דערצעהלט פיעלע וואונדער־באַרע מעשיות פון דיזע רייזע און מען זאָגט אויך אויף איהם, אזוי וויא מען האָט געזאָגט כמעט אויף יעדען בעריהמטען צדיק פון אַלע צייטען, אַז ער האָט זיך געקליעבען צו פאָהרען נאָך ארץ ישראל. אָבער דיא איינצעלנע פאַקטען פון זיין רייזע, וועל־כע זיינען בעוואוסט אַלס זיכער איז, דאָס ער איז געוועזן „אין פוילען, ליסא און בערלין" און דאָס ער איז צוריקגעקומען, ווען ער איז געווען אונגעפעהר 25 יאָהר אַלט.

ער איז שוין דאַן ניט מעהר געווען קיין וואונדער־קינד, זאָנדערן אַ איד אַ גרויסער למדן און אַ פרומער אין אַ שטאָדט וואו עס זיינען געווען פיעלע גרויסע לומדים און פיעלע צדיקים. עס איז דארום קיין וואונדער, דאָס מען האָט איהם דאמאָלס נאָך ניט בעטראַכטעט אַלס איין אויסנאַהמס־מענש, וועלכער דאַרף בעהאַנדעלט ווערען אַנדערס וויא אַנדערע. דיא פּאָר־שטעהער פון שטאָדט האָבען געשיקט עטליכע בעלי בתים איהם נאָך אמאָל פערהערען אין לומדות און ערשט ווען זיי זיינען איבערצייגט געוואָרען, אַז ער איז איין אמת׳ער גדול, האָט מען בעשטימט איהם צו געבען אַ געוויסע „קצבה", דאָס הייסט אַ קליינע סומע יעדע וואָך, ער זאָל האָבען פון וואַנען צו לעבען און זאָל קענען זיצען און לערנען.

עס ווערט דערצעהלט, אז דער שמש, וועלכער האָט איהם

געדאַרפט ברײנגען דיא „קצבה", האָט דאָס געלד אָנגעפאַנגען אַראָפּצולאָזען צו זיך און דאָס דער גאון און זײן פאַמיליע האָבען דורך דיעזע רוױבעריי געליטען הונגער. אָבער ער האָט ניט דער־צעהלט, ער האָט געוואוסט אז ווען דיא זאַך זאָל ענטדעקט ווערן, וועט דער שמש — אױך אַן אָרעמער איד — פערליערען זײן שטעלע און בלײבען אָהן ברויט, און ער האָט דאַרום ליעבער געליטען און געשוויעגען, ביז דער שמש איז קראַנק געוואָרען און האָט אויפ'ן טוידטען־בעט זיך מודה געווען אין דיא גנבה. דיעזע עדעלמוטהיגקייט פון ר' אליהו, וועלכער האָט ליעבער געליטען הונגער איידער צו פער'מסר'ן איין אונעהרליכען בעאַמטען פון קהל, גיט אַ גוטען בעגריעף פון זײן כאַראַקטער און האָט אויך געווים דאַן געהאָלפען אויף איהם אַרויפצוציהען דיא אויפמערק־זאַמקייט פון דער ווילנער געמיינדע.

א צווייטער אינטערעסאַנטער פאַקט פון דיזען סאָרט איז, דאָס דער גאון וועלכער איז געווען אַ בכור, איז ניט צופריעדען געווען מיט דעם „פדיון הבן" וואָס זײן פאָטער האָט געמאַכט אַ חודש נאָך זײן געבורט, און האָט זיך אַלס ערוואַקסענער מענש אַליין נאָך אַמאָל אויסגעלייזט ביי איין אַנדער כהן. עס ווערען אויף דעם אָנגעגעבען פערשיעדענע אורזאַכען, וועלכע האָבען צו טהאָן מיט דינים; אָבער דיא ריכטיגע אורזאַכע איז וואַהרשיינ־ליך די, וועלכע ווערט אָנגעגעבען פון זײן לעצטען ביאָגראַפער *). דער גאון, אַלס עהרליכער אויפריכטיגער מענש, איז איינפאַך ניט צופריעדען געווען, וואָס זײן פאָטער האָט איהם אויסגע־לייזט „כמנהג העולם" (וויא עס איז דיא פיהרונג פון דער וועלט), דאָס הייסט, אז מען גיט דעם כהן דאָס געלד אויף אַ ווײלע, און דערנאָך שײנקט ער עס אַוועק צוריק, און ביידע ווייסען פאָר־אויס, אז ער וועט דאָס געלד צוריק אַוועקגעבען. דער גאון האָט פערלאַנגט, אז דיא אויסלייזונג זאָל זיין אַ ריכטיגע, וויא דיא תורה פאָדערט, און ער האָט דאַרום אַליין זיך אויסגעלייזט נאָך אַמאָל דורך דעם, וואָס ער האָט דעם כהן טאַקי אַוועקגעגעבען דאָס געלד אויף איין אמת און עס ניט מעהר צוריק אָפּגענומען.

---

*) יצקן, „רבנו אליהו מווילנא", וואַרשוי, 1900.

4.

זיינע מיטעלע יאָהרען און דער בריעף פון ר׳ יונתן איבשיץ.

אין יענע צייטען האָבען דיא מייסטע אידישע גדולים זיך בעשעפטיגט מיט שטודירען דיא געהיימע פאַנטאַסטישע „וועלטאַנשאַפט" אָדער פילאָזאָפיע, וועלכע איז בעקאַנט אַלס קבלה. דיא בעלי קבלה ווערען איינגעטהיילט אין צוויי טהיילען, דיא וועלכע לערנען „קבלה עיונית" אָדער טהעאָרעטישע קבלה, און דיא וועלכע מאַכען פון איהר געברויך אַלס „קבלה מעשית" אָדער פראַקטישע קבלה. דיא קבלה אַלס טהעאָריע זוכט צו ערקלערען דיא שייכות פון דער וועלט צו גאָט און וויא אַזוי דיא כחות און אייגענשאַפטען פון גאָט ווייזען זיך אַרויס אין דער נאַטור. דיא פראַקטישע קבלה איז אַ סיסטעם, וויא אַזוי דיעזע סודות זאָלען אָנגעווענדעט ווערען צו בעווייזען פערשיעדענע וואונדער, בעזאָנדערס צו פערטרייבען שדים און רוחות און צו היילען פערשיעדענע מינים קראַנקהייטען דורך סגולות און קמיעות. דער ווילנער גאון האָט זיך, וויא ווייט מען וויים, קיינמאָל ניט בעשעפטיגט מיט פראַקטישע קבלה, און דיא מעשה, אז ער האָט בעשאַפען אַ „גולם", איז וואַהרשיינליך אויסגעקלעהרט געוואָרען ערשט נאָך זיין טויט, ווען דיא איינבילדונג פון פאָלק האָט איהם אָנגעפאַנגען אָנצוהייגען אַלערליי וואונדערגעשיכטען, וואָס מען פלעגט פריהער דערציילען וועגען אַנדערע גרויסע מענער. אָבער ער האָט זיך שטאַרק בעשעפטיגט מיט שטודירען דעם „זוהר" און אַנדערע ספרי קבלה, און זיין קלאָהרער, קריטישער גייסט האָט בענומען דיא טהעאָריע פון דיעזען סאָרט רעליגיאָנס-פילאָזאָפיע בעסער און גרינדליכער, וויא פיעלע אַנדערע, וועלכע האָבען זיך מיט איהר בעשעפטיגט.

קבלה איז אַ געהיימע לעהרע, דאס הייסט מען האָט איהר קיינמאָל ניט געלערנט אין ישיבות אדער אין דער עפענטליכקייט, זאָנדערן יעדער פאַר זיך אדער איינער פון אַנדערן אונטער פיער-

אויגען. פראַגען פון קבלה האבען ניט אינטערעסירט דיא אידי־
שע מאַסען אויסער און וויא וויים זיי האבען געהאַט א בעציהונג
אויף דיא אמונה און דיא קראַפט פון קמיעות. נור אין מיטען
פון אַכצעהנטען יאהרהונדערט איז דיא אידישע וועלט אויפגע־
קאָכט געוואָרען דורך א מחלוקה וועגען קבלה און קמיעות, אין
וועלכע דיא מייסטע רבנים און געמיינדען פון דייטשלאַנד, פוילען
און דיא ארומיגע לענדער האבען זיך בעטהייליגט. דאס איז גע־
וועזען דער קאַמפף צווישען ר' יונתן אייבשיץ אדער ר' יונתן
פּרעגער, וועלכער איז געוועזען אַנערקענט אַלס דער גרעסטער למדן
אָדער תלמודיסט פון יענער צייט, און זיין געגנער ר' יעקב עמדן,
וועלכער האט איהם בעשולדיגט, אַז ער גלויבט אין דעם פאַלשען
משיח, שבתי צבי, וואָס האָט מיט הונדערט יאָהר פריהער גע־
שפּיעלט זיין ראָליע אַלס ערלייזער פון אידען און איז צום סוף
געוואָרען א מחמרנער*).

ר' יעקב עמדען האט געפונען אין קמיעות, וועלכע ר' יונתן
האט ארויסגעגעבען, בוכשטאַבען וואס האבען זיך געלאָזט ער־
קלערען אַלס רמזים אדער אנדייטונגען אויף שבתי צבי, און דיא
שטרייטיגקייטען האבען געמאכט אַזוי פיעל אויפזעהן, אַז דער
קעניג פון דענעמאַרק האט זיך אין איהר אריינגעמישט צו מאַכען
שלום אין דער געמיינדע פון אַלטאָנאַ, וועלכע איז געוועזען אונטער־
זיין הערשאַפט. ר' יונתן האט געזוכט צו בעווייזען, אַז עס איז
אין זיינע קמיעות ניטאָ קיין אפּיקורסות און ער האט געזוכט
דיא צושטימונג פון יעדען „מקובל" אָדער ספּעציאַליסט אין
קבלה, וועמענס נאמען ער האט נור געקענט ערפאַהרען. דער גאון
איז אויף זיינע רייזען אין דייטשלאַנד בעקאַנט געוואָרען מיט
אַנדערע וועלכע האבען זיך בעשעפטיגט מיט קבלה און אַזוי
האט זיך ר' יונתן פון איהם דערוואוסט און האט איהם געשריע־
בען א בריעף, בעטענדיג א בעשטעטיגונג און א רעכטפערטי־
גונג. אין 1755 איז ערשיענען ר' יונתן'ס פערטהיידיגונגס־שריפט
„לוחות העדות" א זאַמלונג פון צושריפטען פון אַלערליי רבנים

---

*) זעה דיא לעבענסבעשרייבונג פון שבתי צבי, ארויסגעגעבען
פון דער אינט. לייברערי פּובלישינג קאָמפּאַניע.

און גדולים און מקובלים, וועלכע האבען ערקלערט ר׳ יונתן אלס גערעכט. אונטער דיעזע בריעף געפינט זיך אויך דער איינער פון ר׳ אליהו מווילנא, וועלכער איז דאן געוועזן 35 יאהר אלט, און דיזעס איז דאס ערשטע מאהל וואס ער איז דערמאנט אין א פרעמדען ספר. דיא גרויסע שבחים וואס ר׳ יונתן שרייבט אויף זיין יונגען פערטהיידיגער און דער פאקט, דאס דער גרויסער רב פון אלטאנא־האמבורג־וואנזבעק האט געפאדערט א פערטהיידיגונג פון אזא וייטען פלאץ, וויא ווילנא, האט פיעל פערגרעסערט דעם נאמען פון ר׳ אליהו און ער איז זייט דאן אנערקענט געוואָרען אלס א בעריהמטער מענש.

אויסער דיעזען צופאל, וועלכער שטעלט איהם פלוצלונג פאר אלס א בעריהמטער גדול אין וייטע לענדער, אבגלייך ווען ער איז צוריק געקומען פון דיא רייזע, וועלכע האט איהם פערשאפט דיא בעריהמטקייט, האט מען איהם אין ווילנא פערהערט צו ענטשיידען, אויב ער פערדיענט אונטערשטיצונג, — ווייס מען וועניג פון זיינע מיטעלע יאהרען וויא פון זיין יוגענד. מען קען זיך פארשטעלען אז נאכדעם וויא ר׳ יונתן איבשיץ האט בעשטעטיגט זיין גרויסקייט, איז זיין לאגע וואהרשיינליך פערבעסערט געוואָרען און דאס ער האט פערבראכט זיין צייט אין לערנען און פרומקייט. זיין פלייסיגקייט אין לערנען איז געוועזן כמעט איבערנאטירליך. ער האט זעלטען געשלאפען מעהר ווי צוויי שטונדען א נאכט. זיין שארפער גייסט און זיין זעלטענער זכרון האבען איהם געדיענט אלעם צו בעגרייפען און אלעם צו געדיינקען, ער האט אזוי דורך דיא פיעלע יאהרען וואס ער האט געלערנט אהן אויפהער ערגרייכט דיא שטופע פון דיא גרעסטע רבנישע קענטניס אונטער דיא אידען פון זיין צייט. אויסער לומדות און קבלה האט ער אויך געלערנט מאטהעמאטיק און געהאט אן אלגעמיינעם בעגריעף פון דיא וועלטליכע וויסענשאפטען, וויא מען האט זיי געקענט קריגען פון אידישע ספרים אין זיין צייט. ער האט ערמוטהיגט ר׳ ברוך שקלאָווער (דעם איבערזעצער פון איקלידעס מאטהעמאטישע ווערק אויף לשון קודש) צו איבערזעצען אויך אנדערע ווערקע איבער וויסענשאפטליכע געגענשטענדע. דער חשק צו לערנען און צו וויסען, וועלכער הערשט אונטער ליטווי־

שע אידען פיליכט מעהר וויא ביי אַלע אַנדערע, האט זיך אין איהם אויסגעדריקט אַם שטאַרקסטען, און אָבגלייך מיר געפינען איהם שפּעטער אַלס א ביטערען געגנער פון השכלה אדער אייראָ־פּעאישע בילדונג אונטער אידען, ווייל ער האט מורא געהאַט— און פון זיין שטאַנדפּונקט איז ער געווען גערעכט — אז דאס וועט שאַדען זייער אידישקייט, איז ער געווען דער פריינד פון וויסען און קענטניס אַזוי ווייט, וויא זיי האבען קיין שלעכטען איינפלוס אויף דער אמונה און האט געוואָלט אַז אידען זאָלען אַלעס וויסען וויא עס פּאַסט פאר איין „עם חכם ונבון“.

דער גרעסטער למדן אונטער אידען אין דער ליטא אין יענער צייט איז געווען ר׳ אריה ליב בר׳ אשר, וועלכער איז בע־קאַנט דורך דעם נאמען פון זיין בעריהמטען ספר „שאגת אריה“, און מען דערצעהלט, אַז ער איז דער מאַן, וועלכער האט דער ערשטער בעצייכענט ר׳ אליהו פון ווילנא מיט דעם טיטעל „גאון“ דער „שאגת אריה“ האט געהאַט זעהר א שטירמישע קאַריערע און איז געצוואונגען געווען צו פערלאָזען מינסק (וואו ער איז געווען א רב) און גאַנץ פּוילען אין 1765, ווען ער איז שוין געווען א מאַן פון 70 יאהר. ער איז דאַן געווען א קורצע צייט אין ווילנא און הערענדיג פון ר׳ אליהו׳ס גרויסקייט, איז ער אריין צו איהם און האט איהם געפרעגט א זעהר שווערע קשיא. ר׳ אליהו האט איהם גלייך אויפן אָרט דיא קשיא אַזוי ריכטיג פערענטפערט, אַז ר׳ ליב האט ארויסגעהענדיג געזאָגט: „ער איז איין אמת׳ער גאון“ און דער נאמען גאון איז איהם פערבליעבען זייט דאמאלס ביז אויף היינטיגען טאָג.

5.

אָנפאַנג פון קאַמפף געגען חסידות און דעם רב'ם קריעג.

עס איז שוין אויבען דערמאָנט געוואָרען, אז דאס חסידות האט זיך אנגעפאנגען צו פערשפרייטען אונטער דיא אידען פון פוילען נאכדעם וויא דער „ועד ארבע ארצות" אדער דיא הערשאפט פון דיא פעראייניגטע אידישע געמיינדען איז בטל געוואָרען אין 1764. אין פערלויף פון אכט יאהר איז דיא בעוועגונג געוואָרען אזוי גרויס, דאס דיא פיהרערס פון אידישקייט פון יענער צייט האָבען איהר אָנגעפאנגען צו בעקעמפפען. דער אנגריף איז געמאכט געוואָרען אין דעם פונקט, וואו דיא חסידים זיינען געוועזען שוואכער וויא אומעדום, דאס הייסט אין ליטא און אין איהר הויפט שטאָדט ווילנא. אין יאהר 1772 האט מען אין ווילנא מחרים געוועזען דיא חסידים צום ערשטען מאָל, און פון דעם גאנץ קורצען בעריכט וואס איז אונז פון יענעם חרם געבליעבען, ווייסען מיר דאָס דער גאון האָט שוין דאן געשפיעלט א וויכטיגע ראָלע און דאס ער איז בעטראכטעט געוואָרען אלס דיא וויכטיגסטע פערזאָן אין דיזע אלטע געמיינדע, וועלכע איז פול געוועזען מיט גדולים און מיוחסים. דער חרם האט געוויס געמאכט א גרויסע ווירקונג אויף דיא פרומע אידען פון דער ליטא, און דיא חסידים אליין האבען זיך געוויס אויך דערשראָקען ווען זייער פיהרער ר' בער פון מעזעריטש איז געשטאָרבען ווענינער וויא א יאהר נאָך דעם חרם. דאס איינציגע „שטיבעל" אדער חסידישע קלויז וואָס עס איז געוועזען אין ווילנא, איז געשלאָסען געוואָרע, און עס האט דיא נעקסטע צעהן אדער פופצעהן יאהר אויסגעזעהען, אז דיא לומדים און פרומע אידען פון ליטא, אונטער דיא פיהרערשאפט פון זייער אנערקענטען גרעסטען מאַן, דעם ווילנער גאון, האבען פערטריעבען דיא נייע סעקטע פון יענע פראָווינץ.

אין ענדע פון יאהר 1777 האט זיך אנגעפאנגען „דעם רמב"ם קריעג", און דיא איינצעלנע פערזאָן, וועלכע איז אָפיציעל געוועזען אנערקענט אלס פאָרשטעהער פון שטאָדט, און דער־

מיט העכער אלס דער גאון, איז אזוי גוט ווי פערשוואונדען פון דער סצענע. עס איז דא אורזאכען צו גלויבען, אז דער לעצטער רב פון ווילנא, ר׳ שמואל בן אביגדור, איז ניט געווען אזא גרויסער גדול, וויא א ווילנער רב האט געדארפט זיין אין יענע צייטען, און דאס ער האט דיא הויכע שטעלע געקראגען דורך דעם איינפלוס פון זיין רייכען שוויעגער־פאטער. ווען דיא מחלוקה איז געווארען זעהר ערביטערט, האט דער רב זיך צוריקגעצויגען אין דיא פארשטאדט אנטעקאליע, וועלכע איז געלעגען אונטער דיא „יורזדיקי" פון בישאף וואס האט זיך פאר איהם אנגענומען. אבגלייך ר׳ שמואל האט זיך גערופען ווילנער רב ביז זיין טוידט (1791), איז אבער זיין צוריקציהונג געווים געווען א זיעג פאר׳ן „קהל" וועלכער האט זיך פון אנפאנג אן ארויסגעוויזען אלס שטארקער.

וויא עס שיינט, האט דער גאון זיך ניט געמישט אין דיזער מחלוקה און איז געבליעבען וויא פריהער אין זיין צוריקגעצויגענהייט, וואו ער האט זיך נור בעשעפטיגט מיט לערנען אזוי וויא אימער. דאך איז עס זיכער, אז דיא אנהענגער פון רב האבען איהם בעטראכטעט אלס זייער געגנער, אדער מינדעסטענס ניט אלס זייער פריינד. דער רוסישער פארשער פראפעסאר בערשאדסקי*) דערמאנט, דאס אין יענעם קאמפף האט דעם רב׳ס זייט געשיקט א „דאנאס" אדער מסירה, אז ווילנער קהל צאהלט 1400 גילדען א יאהר און גיט דערצו פיעלע מתנות און א פרייע דירה צו א געוויסען „אליה חסיד", אבגלייך ער האט קיין אמט אין דער געמיינדע און טהוט גאר נישט פאר דעם געלד וואס ער קריעגט. דיזער פאקט איז זעהר אינטערעסאנט, ווייל ער ווייזט אויך, דאס צוזאמען מיט דיא אנערקענונג פון זיין גרויסקייט און מיט דעם טיטעל גאון איז אויך געקומען א גרויסע פערבעסערונג אין זיין מאטעריעלער לאגע. אנשטאט דיא דחקות פון דיא אינגערע יאהרען האט ער איצטער געלעבט אין גרויס הרחבה. מען דערצעהלט זיך נאך איצטער אין ווילנא, דאס אויף זיינע עלטערע יאהרען פלעגען זיינע קינדער „געהען אין דימענטען". געלד איז אין יענע

*) „ליטאווסקי יעווריי", זייטע 50, סט. פעטערסבורג, 1883.

צייטען געוועזן שרעקליך טהייער, און דיא ארעמקייט פון דיא בעפעלקערונג בכלל און פון אידען בפרט איז געוועזן זעהר גרויס. איין אייננאהמע פון 1400 גילדען א יאהר איז דארום דאן געוועזן אזוי גרויס אין פערגלייך מיט דעם געוועהנליכען פערדיענסט אדער איינקונפט פון בעלי בתים אדער לומדים, וויא איין איינ־נאהמע פון צעהנדליגע טויזענד דאלאר א יאהר איז אין ניו יארק. זיי איז געוועזן גענוג צו לעבען גרויסארטיג, צו טהיילען צדקה און ואהרשיינליך אויך אכיאל צו אונטערשטיצען דיא ארעמערע פון דיא תלמידים, וועלכע האבען זיך שטענדיג ביי איהם געפונען.

איינער פון דיעזע תלמידים, וועלכער האט שפעטער מעהר פון אלעמען אויפגעטהאן צו פערשפרייטען אונטער אידען דעם גאון'ס נאמען און זיינע מעטהאדען אין לערנען, איז שוין דאן געוועזן ביי איהם איין אפטער בעזוכער. דיזער תלמיד איז געוועזן ר' חיים בן יצחק פון וואלאזין. א רייכער געוואנט־הענדלער אדער טוך־הענדלער פון יענע קליינע שטעדטעל. ר' חיים איז געבארען געווארען אין 1749. ווען ער איז אלט געוועזן 15 יאהר, האט ער געלערנט ביי דעם „שאגת אריה“, וועלכער איז אויבען שוין דער־מאנט געווארען. ווען ער איז אלט געווארען 25 יאהר, האט ר' חיים דערהערט פון דעם גאון'ס גרויסקייט, און אבגלייך ער איז שוין דאן אליין געוועזן א בעריהמטער למדן, איז ער געקומען צום גאון זעהען, אויב ער קען פון איהם ניט לערנען עטוואס מעהר. ר' חיים אליין דערצעהלט וויא אזוי דער גאון האט איהם שנעל איבערצייגט, אז אלעס וואס ער האט ביז איצטער געלערנט, האט כמעט קיין ווערטה און ער האט מיט איהם אנגעפאנגען צו לער־נען פון דאס ניי חומש, תנ"ך, דקדוק, משניות און גמרא מיט דיא קלארקייט און גרינדליכקייט, וועלכע האט כאראקטעריזירט דעם גאון'ס סיסטעם אין לערנען.

שפעטער איז דיעזער ר' חיים, וועלכער איז בעקאנט אונ־טער אידען אלס ר' חיים וואלאזינער, פון אלעמען אנערקענט גע־ווארען אלס דער גרעסטער פון דעם גאון'ס תלמידים, און ביז א געוויסען גראד אלס זיין נאכפאלגער. זעקס יאהר נאך דעם גאון'ס טוידט האט ר' חיים געגרינדעט אין וואלאזין דיא בעריהמטע ישיבה, וועלכע האט עקסיסטירט אונגעפעהר נייינציג יאהר. אין

דיזער ישיבה, פון וועלכע ר׳ חיים אליין איז געווען דער פאָר־
שטעהער פון 1803 ביז זיין טוידט אין 1821, האט מען געלערנט
וויא דער גאון פלעגט לערנען, דאס הייסט זיך קימערנדיג נור
פאר דיא אמת׳ע מיינונג פון תלמוד, אָהן פלפולים, אָהן איבעריגע
פשט׳לאך און אָהן טומלענים פון גענאַרטע חריפות. דיא פאָר־
שטעהער פון דער ישיבה וועלכע זיינען אויך געווען רבנים פון
וואָלאָזין, זיינען ביז אונזער צייט געווען אָהן אויסנאהמע מיט־
גליעדער פון ר׳ חיים׳ס פאַמיליע, און דער איצטיגער רב פון וואָ־
לאָזין, וועלכער האט וויעדער אין א קליינעם פאָרמאַט געעפענט
דיא ישיבה, וואס דיא רוסישע רעגיערונג האט געשלאָסען מיט
צוועלף יאָהר צוריק, איז איין איידעם פון ר׳ אליעזר יצחק שפירא
וועלכער איז געווען אן איידעם פון ר׳ חיים׳ס זאָהן און נאכ־
פאָלגער, דעם בעריהמטען ר׳ איצילע וואָלאָזינער.

אויטאָ־דע־פע פון צוויי פערשיעדענע ספרים.

עס זיינען דאמאלס געווען אין ליטא און פוילען פינסטערע פאַנאַטישע צייטען, און דיא מטעהאָדע פון קעמפפען מיט בי־טערקייט און זוכען צו פערניכטען א געגנער מיט אַלערליי מיט־לען, וועלכע הערשט נאָך איצטער אויך אונטער אידען און קרים־טען פון דיא סלאַווישע לענדער מעהר, וויא אונטער דיא, וועלכע זיינען מעהר ענטוויקעלט, איז דאמאלס געווען דיא איינציגע מעטהאָדע, פון וועלכע מען האָט געוואוסט אין א שטרייטיג־קייט. מען דארף זיך דערפאַר ניט וואונדערן, ווען עס זיינען דאַן פאָרגעקומען זאַכען, וואס נאָך אינזער איצטיגען בעגריעף איז עס צו ווילד און צו פאַנאַטיש ,ווייל אונטער דיא דאמאלדיגע אומשטענדע האט עס אויסגעזעהען ריכטיג און נאַטירליך. און דאס וואס קען מאַכען אויפקאָכען דיא בלוט פון א ליבעראַ־לען מענשען אין אַמעריקא אין אנפאַנג פון צוואַנציגסטען יאהר־הונדערט, איז צום ענדע פון אַכצעהנטען יאהרהונדערט אין ליטא בעטראַכטעט געוואָרען גאַנץ גלייכגילטיג אדער גאר אַלס א זעהר גלייכע זאך.

עס איז נויטיג דיזעס צו האָבען אין זינען איידער מען ער־לויבט זיך צו געבען אן אורטהייל איבער דיא זעהר שטרענגע האַנדלונגען פון דער ווילנער געמיינדע, מיט דעם גאון אן דער שפיצע, אין דיא לעצטע אַכצעהן — צוואַנציג יאָהר פון זיין לע־בען, דאס הייסט אין דער צייט, ווען ער איז געשטאַנען אויף דער העכסטער שטופע און איז אנערקענט געווען אַלס דער גרעסטער איד אין ליטא. דיא פרומע אידען האבען דאמאלס דאָרטען געהאַט א דאָבעלטען קאַמפף: פון איין זייט געגען דאס חסידות, וועל־כע האט פערפיהרט איהרע אנהענגער אין נייע וועגען, פון וועלכע מען האט ניט געקענט וויסען וואו עס איז דיא ענדע, און פון אַנדערען זייט געגען דיא „בערלינער השכלה“, וועלכע האט אנגע־פאַנגען צו מאַכען אַן איינדרוק אויף יענע צייטען.

מיר זעהען איצטער איין, אז דיא מורא פאר חסידות איז

געוועזן און אומזיסטע, אבער דאמאלס האט מען עס ניט געקענט איינזעהען. מיט הונדערט יאהר פריהער האט דער פאלשער משיח שבתי צבי דורך פערשפרייטען קבלה אונטער די אידישע מאסען פערפיהרט א גרויסע טהייל פון זיי צום מחמדנישען גלויבען. אין זייער צייט גופא האט יוסף פראנק, דורך די זעלבע מיטלען, פערפיהרט פיעלע פוילישע און פאדאליער אידען צום קריסטענטהום, און עס איז נאטירליך געוועזן שווער פאראויסצוזעהען אז די חסידים וועלען אויך ניט אוועק צו וויט און דאס זיי וועלען בלייבען פרומע און געטרייע אידען. פון אנדערן זייט איז די מורא פון פרומע אידען פאר השכלה געוועזן זעהר גוט בעגרינדעט. א גרויסע טהייל פון די אידען אין דייטשלאנד האבען זיך ווירקליך אויסגע׳שמד׳ט אין די ערשטע 50 יאהר נאך דעם אנפאנג פון דער השכלה בעוועגונג, און די פרומע אידען וועלכע האבען זיך געשטעלט געגען איהר גלייך פון אנפאנג, האבען דערמיט געוויעזען, אז זייער בליק אין די צוקונפט איז ריכטיגער וויא דער בליק פון אזעלכע לייטע וויא מענדעלזאהן און נפתלי הירץ וויזל, וועלכע האבען געהאפט אז מען קען פעראייניגען שטרענגע פרומקייט מיט אייראפעאישע קולטור.

דער גאון און זיינע אנהענגער, אלס פערטרעטער פון פארצייטיגען יודענטהום, האבען געקעמפפט געגען ביידע ריכטונגען, און ווען מען איז געקומען קורץ אין אנדערע מיטלען, האט מען געקעמפפט מיט — פייער. דער ספר „תולדות יעקב יוסף“ פון ר׳ יעקב יוסף פון פולנאה, א תלמיד פון בעל שם טוב, איז פערברענט געווארען אין ווילנא אויפן שול־הויף מיט גרויס פאראד. דאס איז געוועזן א סארט אידישער „אויטא־דע־פע“, דורך וועלכען מען האט פער׳משפט די אידעען און פרינציפען פון חסידות. אין אפאר יאהר שפעטער, אונגעפעהר אין 1784, איז אויף דעמזעלבען פלאץ און מיט דיזעלבע צערעמאניע פערברענט געווארען דער ערשטער השכלה־ספר אין די העברעאישע שפראך. דער „דברי שלום ואמת“ פון נפתלי הירץ וויזל.

עס איז קיין צווייפעל, אז דער גאון האט צו דיעזע ביידע ליטעראירישע הינריכטונגען מסכים געוועזן, ווייל זיין איינפלוס איז שוין דאמאלס געוועזן אזוי גרויס, אז אהן זיין צושטימונג

וואָלט עס ניט געקענט געטהאָן ווערען. דיא חסידים פון דער ליטא און דיא געגענדען ארום ליטא האבען דאַן שוין גוט גע־וואוסט, אַז דער גאון איז זייערהויפּט־געגנער. עס זיינען דאָ בע־ווייזע, אַז אין בערלין האט מען אויך געוואוסט פון זיין קאמפף געגען דעם פּלאַן צו בילדען אידען אויף׳ן קריסטליכען אופן און דאס ער איז איינער פון דיא דריי רבנים, וועלכע נפתלי הירץ וויזל האט דערמאָנט אַלס דיא הויפּט־געגנער פון דיא פּלענער, וואס ער האט ענטוויקעלט אין „דברי שלום ואמת*).

דיעזער פאַקט איז אַזוי וועניג בעקאַנט דאָס פיעלע משכילים האבען פעררעכענט דעם גאון אַלס א משכיל אדער אַלס א פריינד פון מאָדערנע השכלה. זייער טעות קומט ערשטענס דערפון, ווייל יעדען ווילט זיך אנהענגען זיינע אייגענע אידעען אָן א גרויסען מאַן, ווען מען׳ס נאמען עס ווערט שטאַרק פערעהרט פון דיא מאַסען. צווייטענס איז דיא השכלה, בעזאָנדערס אין פּוילען און זיד־רוסלאַנד, אין אנפאַנג אויך געווען הויפּטזעכליך א קאמפף געגען חסידות, און עס איז נאַטירליך, אַז דיא משכילים זאָלען דיינקען, אַז דער גאון האט אין זיין קאמפף געגען דיא נייע סעקטע זיך געוויעזען אַלס איינער פון זיי. דער אמת איז אבער, דאס דער גאון האט געזוכט צו אונטערדריקען חסידות פון זיין אייגענעם שטאַנדפּונקט אַלס א גרויסער צדיק, און דאס דיא בעוועגונג פון דער בערלינער השכלה איז איהם געווען וואהר־שיינליך נאָך מעהר פערהאַסט, וויא דיא פיהרונגען פון דיא נאכ־פאָלגער פון ר׳ ישראל בעל שם טוב.

---

*) מאָנאַטשריפט פיר געשיכטע און וויסענשאַפט דעם יודענ־תומס, באנד 19, זייטע 80—478, און באנד 20, זייטע 68—465.

7.

דער גאון און דער „רב".

דיא ערשטע חסידישע רבנים פון דער ליטא, וויא דער אוי־בען־דערמאָנטער ר' אהרן קארלינער און זיין זוהן ר' אשר (דער פאטער פון ר' אהר'לע קארלינער, וועלכער איז געשטאָרבען אין 1872), ר' חייקעל פון אמדור און ר' מרדכי פון לעכוויץ, זיינען ניט געוועזען אַנדערש וויא דיא רבנים פון אַנדערסוואו און האבען אונטער דיא ליטווישע אידען ניט געקענט האבען קיין גרויסע מאסע אנהענגער. דער ערשטער אנגריף אויף דיא חסידישע בע־וועגונג האט דערפאר אויך געהאַט א געוויסען ערפאָלג. דיא „שטיבעל" אין ווילנא איז געשלאָסען געוואָרען, און דער גאון האט זיך צוריקגעצויעגן צו זיין לערנען און האט וואהרשיינ־ליך גערעכענט, אַז דיא חסידים וועלען מעהר ניט אויפהויבען א קאָפ אין דעם געגענד וואו ער האט אַן איינפלוס. אבער עס איז אויפגעשטאַנען א פיהרער אונטער דיא חסידים, וועלכער האט זיך בעסער וויא אַלע אַנדערע פון פריהער געטיגט צו פערברייי־טען דיא נייע לעהרע אין ליטא, און זיין ערפאָלג איז אויך גע־וועזען גרעסער און געהאַט א גרעסערע ווירקונג אויף דיא גאַנצע בעוועגונג.

דיעזער מאַן איז געוועזען ר' שניאור זלמן פון לאדי, מאָהלי־ווער גובערניע, וועלכער איז בעקאַנט אַלס דער „רב" אדער פער־פאַסער פון חסידישען שלחן ערוך. ער איז געוועזען דער גרעסטער קאָפּ־מענש, וועלכען דיא גאַנצע חסידישע בעוועגונג האט ארויס־געבראַכט, און אויסער זיין גאונות אין לערנען, מיט וועלכע ער איז געוועזען גלייך צו דיא גרעסטע אין זיין צייט, איז ער אויך גע־וועזען אַן אָריגינעלער דיינקער און א טהעאָטיגער מענש. ער האט גע־מאַכט ענדערונגען אין חסידות און האט צוריק אריינגעבראַכט לערנען אין דער מאָדע. זיינע נאכפאָלגער, וועלכע טראָגען דעם נאמען „חב"ד" אדער חב"ד'ניקעס (חב"ד איז דיא ראשי תיבות אדער אנפאנג־בוכשטאַבען פון חכמה, בינה, דעה) זיינען נאָך ביז

היינט מעהר לומדים און געלעהרטע וויא אלע אנדערע סארטען חסידים.

אין זיינע קבלה שריפטען, בעזאנדערס אין זיין ספר „תניא“ געפינט זיך כמעט דיא זעלבע אנזיכט איבער גאט און דער וועלט, וויא אין דיא ווערקע פון ברוך ספינאזא, און ער איז אויסגעצייכענט פון אלע אנדערע שרייבער איבער קבלה און חסידות דורך דיא קלארקייט פון זיינע געדאנקען און דיא לייכטקייט, מיט וועלכע מען קען פערשטעהן וואס ער וויל זאגען. אין פראקטישען לעבען האט ער זיך אינטערעסירט מיט דער אידישער לאגע, מעהר וויא אלע רבנים פון זיין צייט. עס איז בעקאנט דאס ער איז צוויימאל געזעסען אין פעטרא־פאוולאווסקע קריעפאסט אין סט. פעטערסבורג. איינמאל דורך א מסירה פון דיא מתנגדים און איינמאל פאר דיא „חוצפה“ פון פאהרען נאך סט. פעטערסבורג עטוואס אויסווירקען לטובת הכלל. דעם טאג, ווען ער איז בעפרייט געווארען צום ערשטען מאל (י"ט כסלו תקנ"ט—1798) איז געבליעבען ביז היינט א יום טוב ביי חסידים. דעם צווייטען מאל איז ער ארוים פריי דורך דעם אלגעמיינעם מאניפעסט, ווען אלעקסאנדער דער 1טער איז ארויף אויפ'ן רוסישען טראהן.

ווען דער קאמפף געגען חסידות האט זיך צום צווייטען מאהל פאנאנדער געברענט אין יאהר 1781, איז שוין ר' שניאור זלמן געווען דער אנערקענטער פיהרער פון דער אנדערער זייט, און ער האט אויך געזוכט צו טהאן וואס קיין אנדער חסידושער פיהרער האט ניט געטהאן פאר איהם אדער נאך איהם, דאס הייסט: זיך אויסצוטענה'ן מיט זיינע געגנער און זעהן אויב עס איז ניט מעגליך צו מאכען שלום. עס איז בעוואוסט, דאס ר' שניאור זלמן איז אליין געקומען אין ווילנא צו האבען א וכוח מיט דעם גאון, אבער ער איז צו איהם ניט צוגעלאזען געווארען. שפעטער האט דער זעלבער ר' שניאור זלמן געשריעבען א בריעף, אין וועלכען ער בעקלאגט זיך פאר וואס דער גאון האט איהם ניט געגעבען קיין געלעגענהייט צו ערקלעהרען דיא טהעאריע פון חסידות און צו פערענטפערן אלע טענות, וואס מען האט צו זיי. ער האט אויך אויפגעפאדערט דעם גאון, דאס אויב ע־

ווייל איהם ניט אויסהערען פערזענליך, זאָל ער אויסשרייבען זיינע טענות געגען חסידות און ער, ר׳ שניאור זלמן, וועט אויף דעם שרייבען אַן ענטפער, און מען זאָל ביידען׳ס שריפטען פאַנאַנדערשיקען צו אַלע אידישע גדולים און רבנים אין אַלע לענדער און זיך פערלאָזען אויף זייער ענטשיידונג.

דיעזער בריעף, וועלכער איז איבערגעדרוקט געוואָרען אין ספר „מצרף העבודה“ (און אין יצקן׳ס ביאָגראַפיע פון גאון, זייטע 77—74) איז אַ זעהר אינטערעסאַנטער היסטאָרישער דאָקומענט פון אַ פעריאָדע, איבער וועלכער עס איז ניט פיעל געשריעבען געוואָרען. עס שטעלט אונז פאָר דעם „רב“ אַלס אַ מענש מיט גערעכטע פאָדערונגען, וועלכער איז בערייט צו דיסקוטירען מיט׳ן מויל אָדער מיט׳ן פעדער, ווען מען זאָל נור אירם ווילען אויסהערען און אויפהערען צו פערפאָלגען איהם און זיינע אַנהענגער. דער גאון, אַלס געלעהרטער, וועלכער איז אָבגעזונדערט פון דער וועלט, ערשיינט אַלס שטריינגער קאָנסערוואַטיווער פערטרעטער פון אַלטען יודענטהום, וועלכער האַלט עס פאַר אַ פערברעכען צו האָבען נייע געדאַנקען אַפילו וועגען פרומקייט און שטעלט זיך גאָר ניט פאָר, אַז איינער וועלכער שטימט ניט מיט איהם זאָל קענען זיין גערעכט. אין דעם בריעף גיט ר׳ שניאור זלמן אויך דיפּלאָמאַטיש אַנצוהערענים, אַז דעם גאון׳ס גרויסקייט איז בעשרענקט נור אויף ליטאַ, וואו קיינער וועט זיך איהם ניט שטעלען ענטגעגען, אָבער „אין טערקיי, איטאַליען, דאָס גרעסטע טהייל פון דייטשלאַנד און גרויס־פוילען און קליין־פוילען“ איז זיין אויטאָריטעט ניט אַנערקענט.

אָבער דיזער בריעף און אַלע אַנדערע אַנשטרענגונגען פון „רב“ צו קומען צו אַ פערשטענדיגונג האָבען ניט געהאָלפען, און דער קאַמפף געגען חסידות איז געפיהרט געוואָרען מיט גרויס ביטערקייט אַזוי לאַנג וויא דער גאון האָט געלעבט. אין 1796 האָבען דיא חסידים פערשפרייט אַ קלאַנג, אַז דער גאון האָט חרטה געהאַט אויף אַלעס; וואָס ער האָט געגען זיי געזאָגט, און האָט געשיקט אַ „פדיון“ צו ר׳ חייקעל אמדורער. אַ בלינדער מאַן וועלכער האָט זיך אויסגעגעבען אַלס דעם גאון׳ס זוהן, איז

ארומגעפאהרען און געזאגט אז זיין פאטער האט „תשובה געטאן“, און דיעזעס האט ארויסגעבראכט נאך א בריעף פון גאון, וועלכער איז שוין דאן געוועזן 76 יאהר אלט. דיעזער בריעף (דאטירט ווילנא ר"ח סיון תקנ"ו) פאדערט אויף אפען, מען זאל דיא חסידים „פערפאלגען מיט אלע מיני רדיפות וויא וויט אידישע מאכט גרייכט“ און דערציילט, אז צוויי לייטע זיינען ארויסגעשיקט געווארען איבער גאנץ ליטא דיעזעס בעקאנט צו מאכען. ווען מען האט שפעטער בעהויפטעט, אז דער בריעף פון גאון איז א פאלשער, און דיא פארשטעהער פון מינסק האבען זיך ערקלעהרט בערייט צו פערפאלגען דיא חסידים, אויב מען זאל זיי נור פערזיכערן, אז דער גאון הייסט עס, האט ער מוצאי יום כפור תקנ"ז געשריעבען געגען זיי נאך א שטרענגערן בריעף, אין וועלכען ער רעכענט אויס זייערע עבירות און הייסט, אז מען זאל זיי רודף'ן וויא וויט עס איז נור מעגליך. דיעזע בריעף מאכען אויף דעם לעזער קיין זעהר גוטען איינדרוק, און ווען מען פערגלייכט זיי מיט דעם אויבען־דערמאנטען בריעף פון ר' שניאור זלמן לאדיער, זעהט מען קלאהר, אז דער פיהרער פון דיא חסידים איז געוועזן מעהר וועלטמענש, מעהר טאלעראנט און אויך א פיעל פעהיגערער שרייבער.

.8

דעם גאון׳ס פאַמיליע. זיין איינפלוס. און זיינע ספרים.

דער ווילנער גאון איז געשטאָרבען דעם דריטען טאָג חול המועד סכות תקנ"ח (1797), ווען ער איז אַלט געוועזען 77 יאָהר מיט זעקס מאָנאַט. ער האָט איבערגעלאָזען צוויי זיהן: ר׳ יהודה ליב פון סערהיי, וועלכער איז געשטאָרבען אין 1816, און ר׳ אברהם פון ווילנא, וועלכער איז געשטאָרבען אין 1809. פון דעם ערשטען ווייס מען זעהר ווייניג, אָבער דער צווייטער איז בעריהמט אַלס דער ערשטער וועלכער האָט געשריעבען אַ קריטיש - היסטאָרישע אָבהאַנדלונג איבער דיא מדרשים (אין זיין אויסגאַבע פון ספר „אגדת בראשית“, ווילנא 1802) נאָך לאַנג איידער דיא מאָדערנע געלעהרטע האָבען אָנגעפאַנגען אַזעלכע געגענשטענדע צו בעהאַנדלען פון אַ וויסענשאַפטליכען שטאַנדפונקט. עס איז אויך בעוואוסט דאָס דער גאון האָט געהאַט צוויי איידעמס, איינער ר׳ פייוועל, דער רב פון דובראָוונע און דער צווייטער ר׳ משה פון פינסק, וועלכער האָט געבראַכט אין אָרדנונג איינינע ווערקע פון גאון און זיי פערפערטיגט צום דרוק. אָבער דיא נעמען פון זיינע טעכטער זיינען ניט בעקאַנט, ווייל אין יענע צייטען ווען קיינער האָט זיך ניט אינטערעסירט אין געשיכטע איז ביי יענע קלאַסע אידען, אונטער וועלכע ער האָט געלעבט און געווירקט, ניט געוועזען דיא מאָדע זיך צו אינטערעסירען אין אַזעלכע ביאָגראַפישע איינצעלהייטען. דערצו איז זיין פאַמיליע נישט געבליבען בעריהמט, דאָס הייסט עס זיינען פון איהר ניט ארויס קיין גרויסע מענשען, וועלכע זאָלען פאָרמזעצען דעם גלאַנץ פון זייער יחוס און דורך דעם פעראינטערעסירען דיא אידישע וועלט אין דער פאַמיליע בכלל. איין איינינקעל מיט דעם נאָמען אליהו פינקעל איז געוועזען אַ לעהרער אין זשיטאָמירער ראַבינער שול, אָבער ער האָט זיך דאָרטען אויך זעהר ווייניג בעריהמט געמאַכט.

אָבגלייך דער קאַמפּף געגען חסידות אין דער ליטאַ איז ניט געווען קיין פאַלשטענדיגער ערפאָלג און עס זיינען נאָך היינט אויך דאָרטען דאַ צעהנדליגע טויזענד חסידים, ווערט עס אַנערקענט, אַז דער גרויסער איינפלוס פון דעם גאון׳ס פּערזענ־ליכקייט האָט געהאָלפען, דאָס ליטאַ זאָל בכלל בלייבען אַ מתנגדישער געגענד. ער אליין האָט געהאַט זעהר וויניג תלמידים ניט מעהר וויא צוועלף אָדער פופצעהן, אָבער דיזע תלמידים וועלכע זיינען געווען פול מיט בעגייסטערונג פאר זייער גרויסען לעהרער, האָבען געאַרבייטעט מיט אַלע כחות צו פערשפּרייטען זיין נאָמען און זיינע מעטהאָדען אין לערנען און האָבען איהם פערשאַפט מאַסען אַנהענגער און בעוואונדערער, וועלכע האָבען איהם אליין קיין מאָהל ניט געקענט.

זיין מעטהאָדע איז געווען ניט איין אָריגינעלע ערפינ־דונג, זאָנדערן אַ צוריקקעהר צו דיא אַלטע צייטען ווען מ׳אַן האָט געלערנט צו פערשטעהען, ניט זיך מפלפל צו זיין; ווען מען האָט געלערנט גוט חומש און תנ״ך, איידער מען האָט אָנגעפאַנ־גען גמרא, און ווען מען האָט זיך אינטערעסירט פאר וועלטליכע וויסענשאַפט מיט דעם צוועק בעסער צו פערשטעהען דיא הי־סענשאַפטליכע פראַגען, וועלכע ווערן בעהאַנדעלט אין אידיישע דינים. דער גאון איז געווען דער איינציגער אונטער דיא רבנישע געלעהרטע אין זיין צייט, וועלכער האָט געהאַט אַ ציעמליך גוי־טען בעגריף פון מאַטהעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע און ביבלישע גע־אָגראַפיע, אָבגלייך ער איז אין קיינע פון דיזע וויסענשאַפטען ניט געווען קיין ספּעציאַליסט. דיא בעהויפּטונג אַז ער האָט געקענט „אַלע שבע חכמות“, מוז צוגעשריבען ווערן צו זיינע ענטהוזיאַסטישע בעוואונדערער פון אַ געוויסען סאָרט, אַזוי וויא מען מוז צושטעלען אויף דעם חשבון פון איין אנדער סאָרט פון זיינע בעוואונדערער דיא געשיכטע, אַז ער האָט בעשאַפען אַ „גולם“ אָדער דאָס ער האָט אין זיין ווערק איבער אַסטראָנאָ־מיע (וועלכעס איז פערלאָרען געוואָרען) קלאָהר בעוויזען אַז דיא וועלט איז פיער עקיג.

זיין בעקאַנטשאַפט מיט וויסענשאַפט, זיין קריטישער

בליק וועלכער האָט אָפט בעוויעזען, אז שווערע קשיות ווערען בטל דורך דיא ענדערונג פון א וואָרט אָדער א בוכשטאַב אין אַלטע תלמודישע ספרים, זיין פאָרליעבע פאַר תנ״ך און דקדוק האָבען פערשווינדען אַ אויפגעקלערטע און פאָרשריטליכע אי־דען פון רוסלאנד זאָלען אויך פון איהם האַלטען מעהר וויא פון יעדען אנדערן גאון און צדיק פון דיא לעצטע עטליכע הונ־דערט יאָהר. זיין אויסעראָרדענטליכע פרומקייט און דיא אויפ־ריכטיגקייט, מיט וועלכע ער האָט בעקעמפפט דיא חסידים פון איין זייט און דיא אפיקורסים פון אנדערן זייט, האָבען בייגע־טראָגען ער זאָל פערגעטערט ווערען פון דיא מאַסען. אלס דער אנערקענטער גרעסטער למדן פון זיין צייט אין דער ליטא — און צום סוף פון זיינע יאָהרען כמעט איבעראל — האָבען דיא רבנים און לומדים געהאָלפען פערברייטען זיין נאמען און איהם מאַכען בעריהמט. אלע קלאַסען אידען זיינען אויף דיעזען אופן פעראייניגט געוואָרען איהם צו האַלטען גרויס און דיא צאָהל מענשען אונטער רבנים אָדער משכילים, וועלכע האָבען ביז היינט געוואגט אָבצולייקענען זיין גרויסקייט איז אַזוי קליין, דאָס עס איז ניטאָ קיין אורזאַכע זיי צו דערמאָנען. ווען דער קאַמפף פון פרומע אידען געגען חסידות האָט אויפגעהערט, דאָס הייסט ווען מען האָט איינגעזעהען, אז דיא חסידים בלייבען טרייע אידען, האָבעןביידע זייטען אָנגעפאנגען אנצוערקענען דיא גרויסקייט פון ביידע פיהרער פון יענע שטורמישע פעריאָ־דע. מתנגדים האָבען אָנגעפאנגען איינצוזעהען אז ר׳ שניאור זלמן לאדיער איז געווען א גרויסער גייסט, און חסידים זיינען געוואָרען מעהר בערייט צוצוגעבען, אז דער ווילנער גאון איז געווען איינער פון דיא גדולים פון אידען.

דעם גאון׳ס גרויסער איינפלוס איז דורכאויס א פער־זענליכער, ניט א ליטעראַרישער. זיין אנדענקען לעבט אין דיא אַנעקדאָטען, וואָס מען דערצעהלט וועגען איהם, און דיא שבחים וואָס מען געפינט אויף איהם אין אנדערנס ווערקע, און אין דיא איבערצייגונג, אז ער האָט פיעלעס אויפגעטאָהן דורך זיין קעמפפען און שטרעבען פאַר דעם נוצען פון יודענטהום, וויא ער

האָט עס בעגריפען. משכילים בעוואונדערן דעם געלעהרטען, לוכּדים דעם גאון, קלאָהרע קעפּ דעם בעל פשט און דעם קריטי־קער, און פרומע אידען דעם גרויסען צדיק. אַלע לויבען איהם, אָבער כמעט קיינער לערנט אָדער לייענט ניט זיינע ספרים.

עס איז גאָר א תּראַגע, אויב מען קען זאָגען, אַז דער גאון האָט געמאַכט ספרים אַזוי וויא מיר פערשטעהען עס אין גע־וויינליכען זינן. ער האָט אַליין זעהר ווייניג געשריעבען, און מען גלויבט אַז אין דעם וויכטיגסטען טהייל פון זיין לעבען, דאָס הייסט זייט ער איז אַלט געוואָרען פיערציג יאָהר, האָט ער איבערהויפּט גאָר נישט געשריבען. דאָס גרעסטע טהייל פון דיא ספרים וואָס טראָגען זיין נאמען, זיינען פערפאַסט געוואָרען פון זיינע תלמידים, וועלכע האָבען ביי זיך פערצייכענט יעדעס וואָרט, וואָס זיי פלעגען פון איהם הערען. ער איז געווען א לער־נער, ניט א שרייבער, און דער איינציגער טהייל פון זיינע שריפטען, וועלכע האָבען א גרויסען ליטעראַרישען ווערטה, זיי־נען דיא „הגהות“ אָדער קורצע בעמערקונגען, וואָס ער האָט אָנגעשריעבען אויף דיא ברעגעס פון דיא בלעטער און דיא ספרים, וועלכע ער פלעגט לערנען.

גרויסע ווערקע זיינען אָנגעשריעבען געוואָרען דיעזע הגהות צו ערקלעהרען און אַרויסצוברייגען דיא מיינונג וועלכע ער האָט מייסטענס אויסגעדריקט צו קורץ און אָפט אונפער־שטענדליך. ווען מען לעזט דיא אונקלאָהרע, „געמאַטערטע“ שפּראַך, אין וועלכער זיינע בריעף זיינען געשריעבען, קען מען בעגרייפען, וויא אַזוי אַזאַ טיעפזיניגער קריטיקער און קלאָהרער קאָפּ וויא ער, האָט געמוזט איינזעהן אַז איהם פעהלען דיא פע־היגקייטען צו שרייבען גרויסע ווערקע, וועלכע זאָלען אָנגענו־מען ווערען ביי דיא אידישע מאַסען אָדער אַפילו אונטער ספּע־ציאַליסטען. דיא גאָנישע איינפעלע, דיא גרינדליכע ערקלעה־רונגען און דיא אומפּאַסענדע כללים, וואָס דיא תלמידים האָ־בען פון איהם געהערט מינדליך, זיינען אויך אָפט פון זיי אומ־געענדערט אָדער פערגרייזט געוואָרען. מען מוז דאַרום צוגעבען אַז דיא ספרים וועלכע טראָגען אויף זיך דעם גאון'ס נאמען

קענען נור געבען א גאנץ קליינעם בעגריף פון זיין אמת׳ע גרויסקייט.

דעם גאון׳ס גרויסקייט בעשטעהט אין דעם וואס ער איז געווען, ניט אין דעם וואס ער האט געטהאן. א ליסט פון זיינע תלמידים אדער פון דיא ספרים וואס טראגען זיין נאמען אדער פון דיא פאקטען אין קאמפף געגען חסידות וועט ניט העלפען צו פערדונקלען וויא צו בעלייכטען זיין ריעזיגע פערזענליכקייט. ער איז געווען א זשעניע אדער גאונישער קאפ מיט דיא פלייסיגקייט און דיא אויפריכטיגקייט פון איין אמת׳ן געלעהרטען. ער האט ערריכט דיא העכסטע שטופע, וואס א איד אין דער ליטא האט אין אכצעהנטען יאהר־הונדערט געקענט ערריכען, און האט געהאט אזא גוואלטיגען איינפלוס אויף זיין צייט, אז ער פערנעהמט איצטער איין ארט אין דיא געדאנקען פון מיליאנען אידען. אזוי לאנג וויא דער סארט רעליגיעזער און גייסטיגער לעבען, פון וועלכען ער איז געווען דיא פערקערפערונג, ווערט געשעצט אונטער אידען, אזוי לאנג וועט געהאלטען ווערין אין עהרע דער נאמען פון דעם ווילנער גאון — דעם גרעסטען למדן פון ליטא, און וואהרשיינליך פון אלע סלאווישע לענדער אין דער צייט איידער אידען האבען זיך דארטען געקענט אויבצייכנען אנדערסוואו, וויא אונטער זייערע אייגענע גלויבענסברידער.

ע נ ד ע.

יאזעפוס פלאוויוס

(יוסף בן מתתיהו)

זיין לעבען און זיינע שריפטען אין
פערבינדונג מיט דער געשיכטע פון
דעם קאמפף צווישען אידען און רוי־
מער און פון צווייטען חורבן ירושלים

פון פיליפ קראנץ.

יאזעפוס פלאוויוס.

איינלייטונג.

דיא פּאַרטייען אין אֶרץ ישראל פאר חורבן בית שני.

ווען יוסף בן מתתיהו וואָלט געווען אזא גוטער קריעגספיהרער ווי א שרייבער, ווען ער וואָלט געהאט אזוי פיעל פּאטריאָטיזמוס ווי פיעל שכל, אזא בראווע הארץ וויא א שארפען קאָפּ, וואָלט מלכות יהודה פיללייכט ניט צושטערט געוואָרען אין דעם שרעקליכען קאמפּף מיט מלכות רומא. אין זיינע אָדערן האָט אפילו געפלאָסען דאָס בלוט פון דיא חשמונאים, אָבער עס איז שוין געווען פערוואַ־סערט און אויך פערגיפטעט דורך דיא פערדאָרבענהייט פון דיא קינדער פון יענע העלדען. צו זיין אונגליק און אויך שאנדע און יעדענפאלס צום אונגליק פון אידישען פאָלק האָט מען איהם גראַ־דע אנפערטרויט צו פערטהיידיגען גאנץ גאלילעא (גליל) געגען דיא אטאקעס פון דיא רוימישע לעגיאָנען; אָבער, וויא מיר וועלען עס זעהען, האָט ער צוטהיילט דיא פּאטריאָטישע קרעפטע אנשטאָט זיי צו פעראייניגען און האָט אזוי געהאנדעלט, דאָס מען קען איהם רעכענען איינפאך פאר א פעררטהער.

דיא פעסטונגען פון גליל זיינען געווען פון דער גרעסטער וויכ־טיגקייט פאר דיא פערטהיידיגונג פון ירושלים און איבערהויפּט פאר גאנץ ארץ ישראל. דיא רוימישע ארמעע האָט זיי געמוזט פריהער איננעהמען איידער זיא האָט זיך געקענט אריינרייסען אין ארץ יהודה. ווען אזא גענעראל וויא יהודה המכבי וואָלט דאָרט קאָמאנדירט, קען זיין, אז טיטוס וואָלט גאָר קיין מאָל ניט צוגע־קומען צו ירושלים. עס איז אמת, אז דער קאמפּף איז געווען א

אונגלייכער. דיא רוימישע אימפעריע האָט דאן בעהערשט דיא גאנ־
צע וועלט ארום דעם מיטעלמעער, און אלע האָבען געציטערט פאר׳
איהרע מעכטיגע לעגיאָנען. ארץ ישראל איז געווען א קליינע פראָווינץ
פון דיזער ריזיגער אימפעריע, און דאָס אידישע פאָלק איז דערצו
נאָך גאָר ניט געניט געווען אין פיהרען מלחמות. דאָס איז געווען
א קאמפף פון א ריעז מיט א קארליק, פון א לייב מיט א לעמעלע.

אָבער אין דערגעשיכטע געפינען מיר ניט ווייניג ביישפיעלען,
וויא קליינע און שוואכע פעלקער האָבען אראָפּגעוואָרפען פון זיך
דעם יאָך פון גרויסע און שטארקע. אין פערגלייך מיט דער שפּאַ־
נישער אימפעריע אין 17־טען יאָהרהונדערט איז האָלאנד געווען
קלענער וויא ארץ יהודה אין פערגלייך מיט דער רוימישער אימ־
פעריע, דאָך האָט האָלאנד געוואונען איהר אונאבהענגיגקייט. אין
אונזער צייט האָט עס ניט פיעל געפעהלט, אז דיא הייפעלע בורען
זאָלען געווינען דעם קאמפף מיט דער ריזיגער ענגלישער אימ־
פעריע. דיא אידען זעלבסט האָבען שוין איין מאָל געציינגט, אז זיי
האָבען געקענט פערטהיידיגען זייער לאנד און אָנהאלטען זייער
אונאבהענגינגקייט געגען א גרויסען און מעכטיגען שונא. דאָס איז
געווען מיט א יאָהר 210 פאר דעם צווייטען חורבן בית המקדש, נאָך
א לאנגען און א שרעקליכען קאמפף מיט דער גריכיש־סירישער
מלוכה.

ווען דיא חשמונאים זיינען ארויסגעטראָטען מיט א הייפעלע
נאכפאָלגער געגען אנטיוכוס עפּיפאנעס, איז ארץ יהודה געווען
שוואכער אין פערגלייך מיט דער גריכיש־סירישער מלוכה וויא
אין דער צייט, ווען דער קאמפף האָט זיך אָנגעפאנגען געגען דעם
רוימישען יאָך. אין דיא 200 יאָהר, וואָס זיינען פאָריבער זייט
שמעון, דער לעצטער פון דיא 5 העלדישע חשמונאים ברידער, איז
אנערקענט געוואָרען אלס אונאבהענגיגער קעניג, ביז דעם אויפ־
שטאנד געגען רוים אונטער נירון׳ס הערשאפט איז ארץ ישראל גע־
שטיגען אין רייכטהום און מאכט, טראָץ אלע מלחמות, וואָס מען
האָט געפיהרט. און טראָץ דיא פערשיעדענע צרות, וואָס מען האָט
דורכגעמאכט. דיא בעפעלקערונג האָט זיך שטארק פערמעהרט. אין

גליל, וואו עס האָבען געוואָהנט איבער 3 מיליאָן נפשות, וואָלט מען געקענט ארויסשטעלען ביז 200 טויזענד מאן געגען דיא רוימישע ארמעע אונטער דער קאָמאנדע פון אספּסינוס, ווען נאָר מען וואָלט געהאט א ריכטיגען און ענערגישען אָנפיהרער. מיט אזא ארמעע וואָלט מען געקענט צוקלאפּען און זאָגאר פערניכטען דיא רוימישע לעגיאָנען, וועלכע האָבען אזוי אויך געהאט גרויסע שוויריגקייטען און פערלוסט איידער זיי האָבען בייגעקומען דיא צוטהיילטע און צו־וואָרפענע קרעפטע פון דיא אידען. איידער מען וואָלט געקענט ארויסשיקען פון רוים און פון דיא פּראָווינצען נייע לעגיאָנען, וואָלט פאָראיבער א לאנגע צייט, און דיא אידען וואָלטען וויעדער געקענט אויסהאלטען אטאקעס אין די בערג און טהאָלען פון גליל, וועלכע זיינען וויא געשאפען געוואָרען פיר זעלבסט פערטהיידיגונג. ווען עס וואָלט שליסליך געלינגען א רוימישער ארמעע זיך דורכ־צורייסען דורך גליל, וואָלט זיא צוגעקומען צו ירושלים אין א זעהר אָבגעשוואכטען צושטאנד, און דיא פּאטריאָטישע פּארטיי וואָלט געהאט מעהר צייט זיך צוצוגרייטען צו אן אָפענע שלאכט אָדער צו א בעשיצונג פון דיא פעסטונגען ארום דיא הויפּשטאָט; דאָס גאנצע פאָלק, אפילו דיא יעניגע וואָס האָבען געציטערט פאר דיא רוימישע מאכט, וואָלטען געקראָגען א האָפנונג צו געווינען דעם שווערען קאמפף. דאָס וואָלט זיכער פערשטארקט דיא פּארטיי פון דיא קנאים (אייפריגע) און פערדאָבעלט דיא ווידערשטאנדס־קראפט פון אידישען פאָלק.

דער פאקט, אז אן ארמעע פון 30 טויזענד מאן אונטער דער קאָמאנדע פון סעסטיוס גאלוס, דעם רוימישען גובערנאטאָר פון סיריען איז בעזיעגט און פערניכטעט געוואָרען פון א גאנץ קליינע צאָהל קנאים, צייגט, אז עס איז נאָך אלעמען גאָר ניט אזוי אונמעג־ליך געווען פאר אידען אויסצוהאלטען דיא אטאקעס פון דיא רוי־מישע לעגיאָנען, וויא מען דיינקט עס געוועהנליך.

אָבער דער אונגליק פון דיא אידען איז געווען, וואָס זיי זיינען געווען צוטהיילט אין פיעלע פיינדליכע פּארטייען. ניט טיטוס מיט זיינע לעגיאָנען האָבען צושטערט ירושלים און געמאכט א סוף

פון דער אידישער טעאָקראטישער מלוכה, זאָנדערן דער ביטערער אינערליכער קאמפף, דיא מערקווירדיגע אונאיינינגקייט, וועלכע האָט געהערשט אין ירושלים אפילו אונטער דיא אויגען פון דעם מעכטיגען שונא, ווען דער רוימישער גענעראל האָט נאָר געוואַרט אויף א גינסטיגע געלעגענהייט זיך אריינצורייסען אין שטאָט.

שוין ניט רעכענדיג דיא פארטיי, וואָס איז געווען פאר פריעדען מיט רוים אום יעדען פרייז און וואָס איז מייסטענס בעשטאנען פון אריסטאָקראטען, און אויך אזעלכע, וואָס האָבען געזוכט צו מאכען א פשרה מיט דיא רוימער, זיינען דיא רעוואָלוציאָנערען אָדער פאטריאָטען געווען צוטהיילט וויינינגסטענס אין דריי פאר־טייען: דיא מעסיגע און דיא פרושים, וועלכע האָבען געשטיצט דעם גרויסען סנהדרין, דיא זאָ־גענאנטע קנאים, וועלכע זיינען מייסטענס געווען פאנאטישע אָנהענגער פון בית שמאי, און דיא ווילדע פאטריאָטען אָדער מעסער־העלדען, וועלכע זיינען בעקאנט אונטער דעם נאָמען סקריקין (פון דעם לאטיינישען וואָרט „סיקא,“ וואָס בעדייטעט א קורצער שפיעז).

דיזע פארטייען האָבען אזוי ווייט ניט געקענט שטימען צווישען זיך און וועגען א בעסערע פערטהיידיגונג פון לאנד, אז עס איז געקומען צו א ווילדען בירגער־קריעג מיט געגענזייטיגע אויסשלאכ־טונגען. אין דער צייט, ווען מען האָט בעדארפט אָנשטרענגען אלע קרעפטע געגען דיא מעכטיגע רוימישע אימפעריע, האָט מען זיך ארומגעשלאָגען אין דיא גאסען און אפילו אין בית המקדש זעלבסט. אין איינע פון דיזע שרעקליכע פארטיי־שלאכטען, ווען די אידו־מעער (אדומים) זיינען געקומען צו הילפע דיא קנאים, וועלכע זיינען געווען אונטער דער פיהרונג פון יוחנן פון גיסכאלא (גוש חלב) און אליעזר בן שמעון, געגען דיא אָנפיהרערס פון גרויסען סנהדרין, אום זיך אריינצורייסען אין ירושלים און אין בית המקדש, זיינען 8000 אידען אויסגעשלאכטעט געוואָרען. דיא בעזיעגטע אנ־פיהרערס פון סנהדרין און פיעלע אריסטאָקראטען זיינען באר־באריש הינגעריכטעט געוואָרען. דער האס פון דיא קנאים צו דיא הויפטפיהרערס פון סנהדרין און פון דיא מעסיגע פארטיי איז גע־

ווען אזוי ווילד, דאָס דיא קערפּערס פון אנון און ישוע בן גמלא האָט מען געוואָרפען צו הינט. דיא פיהרערס פון דיא קנאים האָבען ווידער געקעמפּפט צווישען זיך, און געגען זיי אלעמען זיינען ארויסגעטראָטען דיא סקריקין אונטער דער פיהרונג פון דעם פייערדיגען און העלדישען שמעון בר גוריא, וועלכער האָט געשפּיעלט איינע פון דיא גרעסטע ראָלען אין דעם שרעקליכען קאמפּף מיט דיא רוימער און איז געבליעבען זייער ביטערסטער פיינד ביז זיין לעצטען אָטהעם, ווען זיינע זיעגערס האָבען איהם געבראכט געשמידט אין קייטען צו בעצירען דיא טריאומף־פּראָצעסיאָן פון טיטוס אין רוים און האָבען איהם נאָכהער ארונטערגעשליידערט פון טארפּעיער פעלז אלס א קרבן צו זייערע אבגעטער.

אכּפּסינוס און זיין זוהן טיטוס האָבען נאטירליך מיט פערגעניגען געקוקט אויף דיזען בירגער־קריעג, וועלכער האָט אָבגעשוואכט דיא קרעפטע פון דיא אידען. זיי האָבען געווארט, אז דיא פערשיעדענע פּאטריאָטישע פּארטייען: דיא קנאים פון ירושלים אונטער דער פיהרונג פון אליעזר בן שמעון, דיא קנאים פון גליל אונטער דער פיהרונג פון יוחנן פון גיסכאלא, די סקריקין, דיא אנהענגער פון שמעון בר גוריא און דיא אדומים זאָלען זיך איינע דיא אנדערע אויסשלאכטען, אום נאָכהער לייכטער אָדער זאָגאר גאָר אָהן ווידערשטאנד צו פערנעמען ירושלים. אלע צוזאמען האָבען דיזע קריעגס־פּארטייען געצעהלט 24 טויזענד מאן, און יעדערער פון זיי איז פערטיג געווען זיך מקריב צו זיין פיר זייער גאָט און פאטערלאנד, וויא זיי האָבען עס אויך בעוויזען מיט זעלטענע העלדישקייט, ווען דיא לעצטע שטונדע פון בעלאגערטען ירושלים האָט געשלאָגען; אָבער צוזאמען האָבען זיי ניט געקענט האנדלען אפילו, ווען טיטוס האָט שוין צושטערט דיא ערשטע ווענט פון דער הויפּטשטאָדט. זיי האָבען אויך ניט געהאט אזא פיהרער, וואָס זאָל זיי קענען פערבינדען און אויספיהרען א געמיינשאפטליכע אטאקע אויף דעם מעכטיגען און גוט־אָרגאניזירטען שונא, וועלכער איז קאָמאנדירט געוועז פון דיא פעהיגסטע און געניטעסטע קריעגס־פיהרער.

דאָ איז ניט דער אָרט צו ערקלערן דיא אורזאכען פון אזא זעלבסטפערניכטענדע אונאיינינקייט, פון אזא בלינדען פארטיי־פאנאטיזמוס — דאָס וואָלט אונז אוועקגעפיהרט גאנץ ווייט פון אונזער ענין, דען מען וואָלט דארפען בעטראכטען דיא געשיכטע פון ארץ ישראל אין דיא פינף הונדערט יאָהר, וואָס דער צווייטער בית המקדש האָט עקזיסטירט. פארבייגעהענדיג ווע לען מיר נאָר בעמערקען, אז דיא הויפט־אורזאכע פון אלע אידישע צרות אין דער גאנצער צייט איז געווען, וואָס דער אידישער שטאאט איז געווען א שטרענג טהעאָקראטישער, דאָס הייסט, וואָס ער איז צו ענג פערבונדען געווען מיט דער תורה, מיט דעם בית המקדש און דיא כהנים. דאָס האָט געפיהרט צו דער איבערמאכט פון כהן־גדול, צו א רעליגיעזע געזעצגעבונג, וועלכע איז אין בעסטען פאל געווען א זעהר בעלעסטיגענדע, און צו אן אָפּזונדערונג פון אלע פעלקער ארום. דער בוכשטאב פון דער תורה, וויא ער איז פארטייטשט געוואָרן פון אלטע צייטען, איז געוואָרן העכער פאר דיא העכסטע און וויכטיגסטע אינטערעסען פון שטאאט. דיא בוכשטעבליכע אָבהיטונג פון שבת איז געוואָרן א קוואל פון אונגליקען אין דער צייט פון מלחמה. ניט איין מאָל זיינען דיא אידען בעזיגט און פער־אונגליקט געוואָרן דורך דעם, וואָס זייערע שונאים האָבען גראדע געזוכט זיי אָנצוגרייפען אום שבת. ווען דיא פאנאטישע אנהענגער פון אלטע מנהגים און פון טרוקענעם בוכשטאב האָבען ניט געוועלט פערטהיידיגען זייער לאנד און פערמעגען, ווען זיי פלעגען זוכען זיך צו בעהאלטען, אום דער שונא זאָל זיי ניט בעפאלען.

דיא חשמונאים האָבען געזוכט אָבצוטהיילען א ביסעלע דיא שטאאטס־אינטערעסען פון דער רעליגיאָן, אום צו האָבען א פרייערע האנד אין דער פערגרעסערונג און פערשטארקונג פון זייער מלוכה; אָבער דאָס איז זיי ליידער ניט געלונגען. זיי האָבען בלויז ארויסגערופען א שארפען קאמפף צווישען דיא צדוקים און פרושים, א קאמפף, וועלכער האָט אָנגעמאכט גרויסע צרות אין לאנד. ניט אכטענדיג אויף דיא פיעלע אונגליקען, וואָס זיי האָ־בען געליטען דורך דיא טעאָקראטישע אָרגאניזאציאָן, ניט אכטענ־

דיג אויף דעם, דאָס זיי האָבען צוליעב דעם זיך אָבגעזונדערט פון אלע פעלקער ארום, אפילו פון אזעלכע, וואָס האָבען זיך געוועלט מיט זיי פערבינדען, וויא, צום ביישפיעל, דיא סאמאריטאנער (שמרונים) און אדומים; ניט אכטענדיג אויף דעם האס פון אלע פעלקער צום גאנצען אידישען פאָלק — א האס, וועלכען מען האָט ארויסגערופען נאָר דורך דעם נארישען אתה־בחרנו׳ניזמוס — ניט אכטענדיג אויף דעם אלען, האָבען דיא פרושים און ספּעציעל שמאי׳ס בלינדע נאָכפאָלגער געזוכט אלץ מעהר ארומצוריינגלען דיא אידען מיט זייערע פאַרשריפטען, אז עס זאָל זיין וואָס שווערער אפילו אויפצונעהמען גרים. דיא פערביטערסטע פאנאטיקער פון בית שמאי זיינען עס געווען דיא קנאים, וועלכע האָבען זיך אזוי העלדיש אויסגעצייכענט אין דער פערטהיידיגונג פון ירושלים. זיי זיינען געווען מוטהיגע מענער און פייערדיגע פאטריאָטען, אָבער זייער פאטריאָטיזמוס איז געווען מעהר א רעליגיעזער, וויא א פּאָליטישער. דער גאָטעס־דיענסט אין בית המקדש איז געווען העכער און וויכטיגער אין זייערע אויגען וויא דיא אונאבעהענגיגקייט פון זייער לאנד. אין זייער פאנאטיזמוס האָבען זיי ניט געזעהען ווייטער ווי זייער נאָז און האָבען שליסליך ניט נאָר אומזיסט פערגאָסען זייער בלוט, זאָנדערן אויך געבראכט צרות אויף אלע אידען.

מיט אזעלכע בלינדע פאנאטיקער, וועלכע האָבען ניט געזאָרגט וועגען קיין זאך אויסער דעם בית המקדש און האָבען ניט געוואָלט מאכען אירגענד וועלכע פשרות מיט דיא מעסיגע פארטייען, האָט מען גאָר ניט געקענט מאכען. זייער בלינדע אמונה האָט זיי אויך געטריבען צו גלויבען אין א נס, ווען עס איז שוין קלאָר געוואָרן, אז ירושלים וועט באלד ארייננפאלען אין דיא הענד פון דיא גרויזאמע לעגיאָנען, וועלכע טיטוס האָט צוזאמענגעקליבען אונטער זיין קאָמאנדע.

נאָר א געוויסע צייט האָט זייער פייערדיגער פאטריאָטיזמוס מיטגעשלעפּט אפילו אזעלכע, וואָס האָבען פון אָנפאנג ניט געגלויבט, דאָס מי וועט עפּעס קענען אויספיהרען אין א קאמפף מיט רוים. צווישען אזעלכע איז אויך געווען יאָזעפוס פלאוויוס, פאר

ווען עס וואָלט פיעל בעסער געווען ער זאָל זיך גאָר ניט אריינ־מישען אין דעם פּארטיי־קאמפּף און ניט אָננעהמען דעם פּאָסט פון א מיליטערישען קאָמאנדיר.

אלס א מיטגליעד פון דער העכסטער אריסטאָקראטיע און אלס א רייכער מאן, האָט ער געהערט צו דער מעסיגער פּארטיי; נאָר פון דער אנדער זייט האָט ער זיך אָנפאנגס א לאָז געטאָן מיט דעם פּאטריאָטישען שטראָם. ער איז אויך געווען זעהר שטארק צוגע־בונדען צו דער אידישער רעליגיאָן און צום פּאָטערלאנד. דאָס האָט ער בעוויזען, ווען ער האָט זיך ענדליך גענומען צו זיין בעסטע אין שארפסטע געוועהר — דיא פעדער. ניט נאָר מיט גרויסע פעהיג־קייט און מיט טאלאנט האָט ער פערטהיידיגט זיינע אונגליקליכע ברידער געגען דיא אטאקעס פון גריכישע און רוימישע שרייבערס — מען קען זאָגען דיא ערשטע אנטיסעמיטישע שרייבערס — זאָנ־דערן אויך מיט א פּאטריאָטישע הארץ, אָבוואָהל אלע אידען האָבען איהם געהאלטען פאר א פּעררעטהער און שרעקליך געהאסט.

ער איז קיין מאָל ניט געווען א מאן מיט פעסטע פּאָליטישע איבערצייגונגען. ער האָט זיך געוואָרפען אהין און אהער. זיין הארץ האָט איהם געצויגען צו דער פּאטריאָטישער פּארטיי, זיין קאָפּ האָט איהם אָבער געפיהרט צום שלום, אז דער קאמפּף מיט רוים וועט נאָר רואינירען זיין פּאטערלאנד. דאָס ערקלערט זיינע צווייידייטיגע האנדלונגען אין דער צייט, ווען דער גרויסער סנהדרין האָט בעגאנגען דעם גרויסען פעהלער איהם צו שיקען נאָך גליל אלס קאָמאנדיר; דאָס ערקלערט אויך זיין איבערגאנג אויף דער זייט פון דיא רוימער, ווען מען האָט איהם געפאנגען.

וויא ווייט מען קען איהם בעשולדיגען אין פעררעטהה, ווערען מיר זעהען, ווען מיר ווערען בעשרייבען זיין טהעטיגקייט אין גליל, הינטער דיא ווענט פון ירושלים און אין רוים. יעדענפאלס איז עס זיכער, אז ווען ער וואָלט קיין אנטהייל ניט גענומען אין דיא שלאכ־טען מיט רוימער, וואָלט מען איהם ניט געהאלטען פאר א פּער־רעטהער, דען פיעלע מיטגליעדער פון דער פרידליכער פּארטיי האָ־בען זיך געפונען אונטער דעם שוץ פון דיא רוימער, ווען ירושלים

איז צושטערט געוואָרן. א סך האָבען געזוכט זיך צו רעטען בע־
צייטענס. ווען דיא קנאים און אנדערע העלדישע קעמפפערס
וואָלטען ניט בעוואכט דיא טויערן פון ירושלים, וואָלטען זיך טוי־
זענדער אָפּגעטראָגען און געבעטען גנאדע ביי דיא רוימער.

וויא בעוואוסט, האָט יוחנן בן זכאי, דער גרינדער פון דער ישיבה און סנהדרין אין יבנה, קיין אנדער מיטעל געפונען זיך ארויסצו׳גנב׳ענען פון ירושלים, וויא אין א טרונע, וועלכע זיינע צוויי שילער אליעזר און ישוע האָבען אוועקגעטראָגען גלייך צום רוימישען לאגער, וואו טיטוס האָט איהם זעהר פריינדליך אויפ־גענומען. ער איז געווען א מיטגליעד פון גרויסען סנהדרין און פון דער פרידליכער פארטיי. דיא רוימישע שפּיאָנען אין ירושלים האָבען גאנץ גוט געוואוסט, אז ער איז געווען געגען דיא קריעגס־פארטיי. און דערפאר האָט איהם טיטוס אזוי גוט אויפגענומען, ווען ער איז אנטלאָפען. קיינער האָט איהם פון דעסטוועגען ניט גערופען פעררעטהער; פארקעהרט, ער ווערט פערעהרט פון אלע אידען אלס א גרויסער תנאי.

עס איז מעגליך, אז יאָזעפוס פלאוויוס וואָלט ניט געקראָגען אזא שענדליכען שם פון א פעררעטהער, ווען ער וואָלט ניט אָנ־געשריעבען זיין אָטאָביאָגראפיע, אין וועלכער ער האָט זיך ארויס־געגעבען ערגער וויא ער איז געווען אין דער ווירקליכקייט. ער האָט זיך יעדענפאלס גאָר ניט געשאנעוועט און ניט געזוכט צו בעהאלטען דיא פאקטען, וועלכע פערדאמען איהם און צייגען איהם ארויס אין א זעהר דונקעלען ליכט. נאָר דאָס איז ער געצוואונגען געווען צו טאָן, אום צו רעטען זיין קאָפּ פון דער בלוטיגער האנד פון דעם טיראנישען קייזער דאָמיציאן. זיינע פיינדע, ספּעציעל יוסטוס פון טבריה, וועלכער האָט אויך אָנגעשריעבען א געשיכטע פון דער אידיש־רוימישער מלחמה, האָבען איהם פאָרגעשטעלט אלס א פיינד פון רוים, און אזוי וויא ער האָט מורא געהאט, אז דאָמיציאן וועלכער איז געווען דער קייזער נאָך דעם טויט פון זיין ברודער טיטוס, וועט איהם אָן צערעמאָניעס אומברענגען, האָט ער זיך גע־מאָלען אין זיין לעבענסבעשרייבונג מיט דיא שווארצעסטע פאר־

בען, אום צו ציינען, אז ער איז שטענדיג געווען א געטרייער דינער פון רוים. זיינע האנדלונגען אין גליל האָט ער פאָרגעשטעלט אזוי, אז מען מוז ציהען דעם שלוס, דאָס ער איז געווען א פערטעהער פון דעם שענדליכסטען סאָרט.

מיט זיין אָטאָביאָגראפיע האָט ער זיך אליין געשאפען אזא מאָנומענט פון שאנדע, וועלכען ער האָט העכסט וואהרשיינליך ניט פערדיענט, נאָר דיא אידען מעגען עס איהם פערצייהען, דען מיט זיינע געשיכטליכע שריפטען האָט ער זיי פערשאפט עהרע און געבראכט פיעל נוצען. דורך דיזע שריפטען איז דיא גריכיש־רוימישע וועלט, וועלכע איז געווען זעהר פיינדליך צום אידישען פאָלק, ווייל זיא איז געווען פערנארט און פערפיהרט פון פאלשע בעריכטען און אזעלכע געמיינע סאָפיסטען, וויא דער גריכיש־אלעקסאנדרינער פאסקוויל־שרייבער אפיאָן — ענדליך בעקאנט געוואָרן מיט דעם כאראקטער און דיא שטרבונגען פון אידישען פאָלק.

זיינע פאָליטישע געגנער, דיא אידען, וועלכע האָבען איהם בעשולדיגט אין פערראטה און אוים האס צו איהם אפילו געלייקענט זיין אָפשטאמונג פון דיא השמונאים, האָבען איהם געצוואונגען זיך צו נעהמען צו זיין גלענצענדער פעדער, אום זיך צו פערטהיידיגען. זיי האָט זיך געווים ניט גע׳חלום׳ט, אז דערמיט האָבען זיי געטאָן א גרויסע טובה אלע אידען און אויך דער גאנצער ציוויליזירטער מענשהייט, דען זיינע שריפטען זיינען דער בעסטער קוואל פאר דיא געשיכטע פון דער אידישער נאציאָן. אָהן זיין „געשיכטע פון אידישע אלטערטהימער“ וואָלטען מיר געוואוסט גאנץ ווייניג וואָס עס איז פאָרגעקומען אין דיא 500 יאָהר פון צווייטען בית המקדש. אין תלמוד זיינען געשיכטליכע פאקטען צוזאמענגעמישט מיט נסים און זייטיגע מעשיות. דיא תנאים מיט זייערע שילער זיינען אזוי פארנומען געווען מיט רעליגיעזע פלפולים, אז זיי האָבען גאָר פערגעסען אָן דיא געשיכטע פון זייער פאָלק. זיי האָבען זיך איבערהויפט גאנץ ווייניג אינטערעסירט מיט וועלטליכע זאכען. עס האָט זיך זאָגאר ניט געפונען איינער צווישען זיי, וואָס זאָל אָנשרייבען א געשיכטע פון דעם קאמפף מיט רוים און פון דיא

צערשטערונג פון ירושלים. דיא עטליכע געשיכטליכע פאקטען, וואָס געפינען זיך אין תלמוד, זיינען אָהן שום צוזאמענהאנג, צו־ווארפען אין פערבינדונג מיט גאנץ זייטיגע זאכען און צוזאמענ־געמישט מיט באָבע־מעשיות.

איבערהויפט קען מען זאָגען, אז ווען ניט דיא אידען, וועלכע האָבען געלערנט דיא גריכישע פילאָזאָפיע און האָבען אויך גע־קענט שרייבען גריכיש, וואָלט מען יעצט גאנץ ווייניג געוואוסט פון דער אידישער געשיכטע אין אלגעמיינען און בעזונדערס פון דער אידיש־רוימישער מלחמה. דער וויכטיגסטער, פעהיגסטער און געלערנטעסטער פון דיזע געשיכטע־שרייבערס איז געווען יאָזעפוס פלאוויוס, מיט וועמעס לעבען און טהעטיגקייט מיר וועלען דאָ בעקאנט מאכען דיא אידישע לעזער.

ערשטער קאפיטעל.

יאָזעפוס'עס אבשטאַמונג און ערשטע ערציהונג. — זיין לעבען צווישען דיא עססעער. — שטודירט דיא גריכישע ליטעראטור און פילאָזאָפיע. — אויסגעקליבען אַלס שליח צום רוימישען קייזער צו פערטהיידיגען אידען.

יוסף בן מתתיהו, וועלכער איז אין דער וועלט בעקאנט אונטער זיין לאטיינישען נאָמען יאָזעפוס פלאוויוס, איז געבאָרען אין ירושלים אין 37טען יאָהר נאָך דער קריסטליכער צייטרעכנונג. זיין פאָטער האָט געהערט צו איינער פון דיא העכסטע כהן־פאמיליעס און זיין מוטער האָט געשטאמט פון דיא חשמונאים, נעמליך פון יוהנן'ס טאָכער. זיין ערשטע ערציהונג איז געווען אן עכט־אידישע נאָך יענער צייט. זיין פאָטער האָט וואהרשיינליך געהערט צו דער פארטיי פון דיא פרושים. ער האָט יעדענפאלס געזאָרגט, אז זיינע צוויי זיהן, יוסף און מתתיהו, זאָלען גוט קענען דיא העברעאישע שפראך און דיא תורה. וועגען יוסף'ס ברודער ווייס מען גאנץ ווייניג, נאָר דער צוקינפטיגער געשיכטע־שרייבער פון זיין פאָלק האָט זיך נאָך אלס אינגעל אויסגעצייכענט מיט זיינע גלענצענדע פעהיגקייטען און קענטניסע אין אלעס, וואָס מען האָט דאן געלערנט אידישע קינדער.

ער האָט אויך אין דער זעלבער צייט ארויסגעוויזען א זעלטענע זעלבסטשטענדיגקייט אין זיינע געדאנקען און שטרעבונגען, דען צו 16 יאָהר איז ער געוואָרען א שילער פון איינעם פון דיא בעוואוסטע פיהרערס פון דער מערקווירדיגער סעקטע עססעער (אַסיים), וועלכע ער האָט נאכהער בעריהמט געמאכט אין זיינע שריפטען. זיין וואונש צו בעקענען זיך מיט דיא לעהרען פון אלע סעקטען און פארטייען פון זיין צייט האָט איהם וואהרשיינליך געפיהרט אוועקצוגעהן אין דער ווילדערניס און צו לעבען נאָך דיא שטרענגע פאָרשריפטען פון דיא עססעער, וועלכע האָבען זיך ענטוויקעלט פון

דער חסידים־סעקטע אין דער צייט פון דעם קאמפף געגען דיא גרי־
כען אונטער דיא חשמונאים און וועלכע האָבען געהאט א גרויסע
ווירקונג אויף דער ענטשטעהונג פון קריסטענטהום. דיא אסיים
זיינען געוועזן זעהר רעליגיעזע מענשען, וואָס האָבען געלעבט אזוי
אָבגעזונדערט פון דער אויסערער וועלט, וויא ווייט דאָס איז נאָר
מעגליך. אין פּאָליטישע אנגעלעגענהייטען האָבען זיי זיך קיין
מאָל ניט געמישט. אלע פאָרשריפטען וועגען שבת און ריינליכ־
קייט האָבען זיי אָפּגעהיט מיט דער גרעסטער פינקטליכקייט. זיי
האָבען געהאלטען פאר א גרויסע עבירה אפילו איבערצושטעלען
שבת א כלי פון איין אָרט אויפ'ן אנדערן. דורך אָפטע בעדער און
טבילות האָבען זיי געזוכט צודערגרייכען אויך א ריינקייט פון
גייסט. זיי האָבען געלעבט אין שטענדיגער פורכט פעראונרייניגט
צו ווערן דורך א פערקעהר מיט מענשען, דארום האָבען זיי גע־
זוכט איינזאמע ערטער, מייסטענס היילען אין דער וויסטע־
ניס, וואו זיי האָבען זיך געקענט אָפּהיטען און פיהרען א הייליגען
לעבען, וויא זיי האָבען עס פערשטאנען. זייער שפייז איז געוועזן
זעהר אן איינפאכע, אבי נאָר צו דערהאלטען דיא נשמה אין גוף.
אין אלגעמיין האָבען זיי ניט געזאָרגט וועגען וועלטליכע זאכען און
אויסגעמיידעט קערפּערליכע פערגניגען. דארום האָבען זיי אויך
ניט חתונה געהאט.

אין זייערע איינזאמע ערטער פלעגען זיי געוועהנליך זיך פער־
טיעפען וועגען גאָט און דיא סודות פון דער נאטור, גראדע וויא
דיא בודדיסטישע און נאכהער דיא קריסטליכע רעליגיעזע ענטהו־
זיאסטען. דורך דיזען לעבען זיינען זייערע נערווען צורודערט גע־
וואָרן און זיי האָבען געליטען פון ספאזמען און איינבילדונגען. זיי
האָבען אויך געגלויבט, אז דורך זייער ריינעם און גאָטספאָרכטי־
גען לעבען קענען זיי האָבען א מאכט איבער דיא בייזע גייסטער,
איבער דיא שדים. דארום האָבען זיך פיעלע פון זיי אָבגעגעבען צו
היילען קראנקע דורך אָפּשפּרעכונגען און פעריאָגען שדים. דערביי
האָבען זיי זיך אויך בענוצט מיט געוויסע קרייטיכער אלס רפואות.
זיי האָבען דארום ביכלעכווייז געקראָגען א שם אלס דאָקטוירים

אין דערפֿון, רעכענט מען, שטאמט עס זייער נאָמען אסיים. זייער אויסוויערטיגער צייכען איז געווען, וואָס זיי האָבען שטענדיג גע־טראָגען ווייסע לייוועגדענע קליידער, א לאָפּעטקע צו בעשיטען מיט ערד דיא אונריינינקייטען און א מין פאַרטוך אום זיך אָפּצו־ווישען נאָך זייערע אָפטע טבילות. אום צו זיין געזיכערט געגען אונריינע מענשען, האָבען זיי געלעבט צוזאמען אין געמיינדעס און האָבען געפיהרט א קאָמוניסטישען לעבען און געמאכט גע־מיינשאפטליכע סעודות.

דיזע אלע פיהרונגען פון דיא אסיים האָבען זעהר פעראינטע־רעסירט דעם יונגען אריסטאָקראט, וועלכער האָט ארום זיך מיי־סטענס געזעהען וועלטליכע מענשען, רייכע צדוקים און אויך פער־עהרער פון דער גריכיש־רוימישער ציוויליזאציאָן. ער איז אוועק צו איינע פון זייערע חברות אין דער וויסטענעס הינטער דעם טוי־טען ים און האָט דאָרט פערבראכט 3 יאָהר, פיהרענדיג א שטרענ־גען לעבען נאָך דיא פאָרשריפטען פון דיזע רעליגיעזע ענטהוזיאס־טען, באָדענדיג זיך טעגליך אין קאלטע וואסער און עסענדיג דיא ווילדע פרוכטען פון דער ערד. דיא גאנצע צייט האָט ער פער־בראכט אין לערנען דיא תורה און דעם מיסטיציזמוס (סתרי תורה) פון דער סעקטע. נאָר ענדליך האָט עס איהם דערעסען. ער איז ניט געשאפען געוואָרן צו אן איינזאמען פרוש־לעבען, ער האָט זיך ניט געקענט אין גאנצען אָפּגעבען צו א גייסטיג־רעלי־גיעזען לעבען; ער איז געווען צו יונג זיך אָפּצוזאָגען פון וועלט־ליכע פערגניגען און זיך צו בעגראָבען אין דער וויסטענעס, וויא זיינע ענטהוזיאסטישע און פאנאטישע חברים.

עס קען זיין, אז ער האָט זיך ארומגעזעהען, דאָס מיט פייניגען דעם קערפּער און אָפטע טבילות רייניגט מען נאָך ניט דיא נשמה און מען פערשטארקט יעדענפאלס ניט דעם גייסט. יעדענפאלס איז עס זיכער, אז וויא נאָר ער האָט זיך צוריקגעקעהרט פון דער וויסטענעס אין ירושלים, האָט ער זיך מיט היץ אָבגעגעבען צו גאנץ אנדערע לעהרען און צו א וועלטליכען לעבען. ער האָט זיך א נעהם געטאָן צו שטודירען גרינדליך דיא גריכישע ליטעראטור אין

דיא גריכישע פילאָזאָפיע, וועלכע איז אימער געוועזן א וועלטליכע, בעגרינדעט אויף דעם מענשליכען פערשטאנד. דיא גריכישע פילאָזאָפיע האָט מעהר געשטימט מיט זיין גייסט, דיא גריכישע קונסט האָט איהם צוגעצויגען וויא פיעלע אנדערע געבילדעטע אידען זייט אלכסנדר מוקדון׳ס צייטען.

אין זיין ווייטערען לעבען און אין זיינע שריפטען איז ניט צו בעמערקען, אז דיא לעהרען און פיהרונגען פון דיא עסעער האָבען געהאט א ווירקונג אויף איהם. ער האָט זיך נאָר בענוצט מיט זיין נעהענטערע בעקאנטשאפט מיט דיזער סעקטע, אום איהר צו בעשרייבען. פון זיינע בעשרייבונגען איז עס דיא וועלט בעקאנט געוואָרען מיט דיזע רעליגיעזע ענטהוזיאסטען, צווישען וועלכע עס האָבען זיך בעוויזען דיא ערשטע קריסטען און צו וועלכע יעזוס קריסטוס זעלבסט האָט געהערט. וויא ווייט מען קען יעצט דערגעהן פאָזיטיווערס וועגען דעם לעבען פון יעזוס אויף דער זינדיגער ערד, מוז מען צוגעבען, אז ער איז געוועזן אן עססעער; אָבער יאָזעפוס פלאוויוס, וועלכער האָט אזוי גוט געקענט דיא פארטייען פון זיין צייט און דיא פאסירונגען אין זיין פאטערלאנד, האָט דאָך פון איהם גאָר ניט געהערט, דען זאָנסט וואָלט ער איהם זיכער דערמאָנט אין זיינע שריפטען.

דיא גריכישע פילאָזאָפיע האָט ניט אָבגעשוואכט זיין אידישע רעליגיאָן, ער איז געבליעבען טריי צו דיא רעליגיעזע אנזיכטען פון דיא פאריסעער (פרושים) ביז צו זיין טויט. אין דיזער בעציהונג האָט ער זיך ווייניג וואָס געענדערט אפילו ווען ער האָט געלעבט וויא א פרינץ אין דעם קייזערליכען הויף פון רוים נאָך חורבן ירושלים. ער האָט דארום געהאלטען מיט דיזער פארטיי אויך אין פאָליטישע פראגען, נאָר ער האָט דאָך צייטענווייז זיך געוואָרפען אויף דער זייט פון איהרע געגנער, וועלכע האָבען געפּרעדיגט מלחמה געגען רוים.

ווען ער איז אלט געוועזן 26 יאהר, האָט ער שוין געקראָגען אזא שם אלס קענער פון אידישען געזעץ און פון גריכישע חכמות, דאָס מען האָט זיך צו איהם געווענדעט מיט שאלות וועגען פער־

שיערענע פראגען און מען האָט איהם אויסגעקליבען אלס שליח צום רוימישען קייזער נעראָן צו פערטהיידיגען עטליכע כהנים, וועל־כע דער גרויזאמער רוימישער גובערנאטאָר פעליקס האָט ארעס־טירט, איינגעשמידט אין קייטען און אוועקגעשיקט נאָך רוים מען זאָל זיי דאָרטען בעשטראפען נאָך דיא רוימישע געזעצע. דאָס צייגט אויך, אז יאָזעפוס האָט שוין צו דער צייט אנטהייל גע־נומען אין פּאָליטישע אנגעלעגענהייטען און געוואונען דעם צו־טרויען פון גרויסען סנהדרין וועלכער איז דאן געווען דער פארלא־מענט און רעגירונג פון אידישען פּאָלק, און פון אנדערע פאָרשטעהער אין ירושלים. עס איז ניט געווען א לייכטע אויפגאבע צו פערטהיי־דיגען אידען אין רוימישען הויף, וואו מען איז זעהר אויפגערעגט געווען אויף זיי צוליעב פערשיעדענע אורזאכען, ספּעציעל רע־ליגיעזע. עס איז אויך געווען א געפעהרליכע אויפגאבע, דען מען האָט געהאט צו בעטען ביי אזא שרעקליכען און משוגענעם טיראן וויא נעראָן. אָבער יאָזעפוס פלאוויוס איז דאן אזוי אויפגעבראכט געווען דורך דיא רוימישע גובערנאטאָרען, דאָס ער האָט בעשלאָסען ארויסצוטרעטען אלס מליץ יושר פאר זיינע פערפאָלגטע ברידער ביי דעם קייזער זעלבסט.

צווייטער קאַפּיטעל.

דיא קייזערינע פּאָפּעא. — דער איינדרוק פון רוים. — **יאָזעפוס און דיא** קנאים. — דער גובערנאַטאָר פלאָרוס. — יאָזעפוס בעהאלט זיך אין **בית המקדש**. — דער זיעג איבער דיא רוימער. — יאָזעפוס **אויסגעקליבען** פאַר דעם קאָמאַנדיר איבער גליל. — דער גרויסער סנהדרין.

דיזע רייזע נאָך רוים האָט געהאַט א גרויסען איינפלוס אויף זיין ווייטערען לעבען. מען קען זאגען, אז יאָזעפוס האָט זיך אין גאנצען אומגעביטען, ווען ער האָט דערזעהן דיא מעכטיגע און ריעזיגע שטאדט, וועלכע האָט דאן בעהערשט דיא גאנצע וועלט.

אויפ׳ן וועג האָט עס איהם געגליקט. דיא שיף אויף וועלכער ער איז געפאָהרען איז אונטערגעגאנגען אין דער צייט פון א גע־וואלדיגען שטורם, בלויז 80 פון דיא 600 פּאסאזשירען האָבען זיך געקענט רעטען. צווישען זיי איז געווען יאָזעפוס פלאוויוס, ווייל ער איז געווען אן אויסגעצייכענטער שווימער. דעם צוועק פון זיין רייזע האָט ער אויך גליקליך דערגרייכט. מען האָט איהם שנעל צוגעלאָזען צום קייזער׳ס פּאלאַץ, וואו ער איז זעהר פריינד־ליך אויפגענומען געוואָרען פון נעראָן׳ס געליעבטע פּאָפּעא. דיזע אויסגעלאסענע פרוי, וועלכע איז געוואָרען דיא קייזערינע און האָט א געוויסע צייט געפיהרט דיא אימפּעריע דורך איהר איינ־פלוס אויף דעם משוגענעם נעראָן, איז גראדע געווען א בעשיצערין פון אידען, מען ווייס ניט ווארום. עס איז איבערהויפּט א פאקט, אז פיעלע הויכגעשטעלטע רוימישע דאמען זיינען געווען פריינד־ליך צו אידען און צו זייער רעליגיאָן. זיא האָט שוין פריהער אמאָל אויסגעפיהרט, אז מען זאָל בעפרייען כהנים, וועלכע זיינען ארעס־טריט געוואָרען פון דיא רוימישע גובערנאטאָרען. ווען יאָזעפוס פלאוויוס האָט איהר איבערגעגעבען זיין בקשה און ערקלערט, וויא דיא אידען ווערען פערפאָלגט, האָט זיא ניט נאָר געהייסען ארויס־

לאָזען דיא געפאנגענע כהנים, זאָנדערן האָט איהם נאָך געגעבען זעהר טהייערע מתנות.

ער האָט אלזאָ געמעגט זיין פאָלשטענדיג צופריעדען מיט זיין רייזע און אויך דאנקבאר, וויינינגסטענס צו דער קייזערינע. נאָר דאָס וואָלט אויף איהם ניט אזוי שטארק געווירקט, וויא דיא וועלט־שטאָט זעלבסט. ער איז נאטירליך נייגיריג געוועזן צו בעטראכטען דיא הויפטשטאָט פון דער מעכטיגער אימפעריע, וועלכע האָט גע־דריקט און געשטיקט זיין קליינעם פאָטערלאנד. אין פערגלייך מיט רוים און ירושלים געוועזן א דאָרף. דער גלאנץ פון נעראָן'ס הויף, דיא גרייסקייט אין רייכטהום פון דיא פאלאצען און עפענטליכע געביידעס, דיא גבורה פון דיא לעגיאָנען, דיא מאסען מענשען פון אלע עקען וועלט, דאָס רוישענדע לעבען פון דער גאנצער ריזיגער בעפעלקערונג — דאָס אלעס האָט ניט נאָר פערשטארקט זיין גלויבען אין דער מאכט פון דער אימפעריע, זאָנדערן האָט איהם אויך ארויפגעבראכט אויף דיא געדאנקען, אז עס איז גאנץ נוצלאָז און נאריש פאר זיין פאָטערלאנד צו קעמפפען געגען דיא איבערמאכט פון דיא רוימער.

ער האָט ניט געזעהען, אז דער קערפער פון דער ריזיגער אימ־פעריע איז שוין אינוויינינג פערפוילט געוועזן, דאָס האָבען דאן וויט־זעהענדערע מענשען אויך ניט בעמערקט. זיינע אויגען זיינען פערבלענדעט געוואָרען פון דעם אויסערן גלאנץ, און ער איז גע־וואָרען א פערעהרער פון דער רוימישער אימפעריע. ער האָט גע־גלויבט, אז אזוי איז עס בעשערט, אז דיא געטליכע השגחה האָט בעשטימט, דאָס רוים זאָל בעהערשען ארץ ישראל און דיא גאנצע וועלט. דארום איז ער אָפען ארויסגעטרעטען געגען דיא קנאים און אלע דיא יעניגע, וועלכע האָבען געפּרעדיגט צו קעמפפען גע־גען דיא געצענדינערישע אימפעריע און געטרוימט צו בעפרייען ארץ ישראל פון דעם פערהאסטען יאָך. ער האָט זיך אָפען אויס־געלאכט פון זייערע רייד און האָפנונגען, ער האָט ערקלערט, אז עס איז איינפאך א משוגעת צו דיינקען, אז דיא אידען קענען זיך מעסטען מיט אזא מעכטיגע אימפעריע וויא רוים. ער האָט דער־

צעהלט וואָס ער האָט געזעהען אין רוים און וויא ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג פון איהר געוואלדיגע אויבערמאכט.

אָבער אלע זיינע רייד האָבען קיין ווירקונג געמאכט. דיא פיי־ערדיגע פאטריאָטען האָבען נאָך אויפגעבראכט דיא קריעגערישע פארטיי אויף איהם. זיי האָבען איהם אריינגערעכענט אין דיא רייהען פון דיא אריסטאָקראטען און פון אזעלכע, וועלכע האָבען זיך פערקויפט צו דיא רוימער אָדער וועלכע האָבען קיין מוטה געהאט צו קעמפפען פאר זייער פאטערלאנד. דיא קנאים האָבען אזוי הייס געהאסט דעם רוימישען יאָך, אזוי טיעף געגלויבט, דאָס גאָט וועט ניט פערלאָזען זיין אויסערוועהלטע פאָלק, דאָס קיינע ארגומענטען געגען א׳ן אויפשטאנד האָבען אויף זיי ניט געקענט ווירקען. זיי האָ־בען געפיהלט, אז מען קען דאָך לויז ווערן פון די רוימער אזוי וויא מען איז לויז געוואָרען פון דיא גריכען אין דער צייט פון דיא חשמונאים, ווען מען זאָל נאָר אויפהייבען און בעגייסטערן דאָס גאנצע פאָלק, און זיי האָבען געהאנדעלט נאָך זייערע געפיהלען.

דער רוימישער גובערנאטאָר פלאָרוס האָט אין דער צייט איינ־פאך געזוכט ארויסצורופען מיט זיינע רציחות אן אויפשטאנד, אום זיך נאכהער נאָך גרויזאמער אָפּצורעכענען מיט דיא אידען. ער איז געוועזען א ווילדע און בלוטיגע בעסטיע (ארץ ישראל האָט איבערהויפּט געהאט דעם פינסטערן מזל בעהערשט צו ווערען פון דיא ערגסטע רוימישע גובערנאטאָרען). דיא אידען האָט ער נאָך דערצו ביטער געהאסט און האָט זיך געמאכט ניט זעהענדיג, ווען דיא גריכען און אנדערע געצענדיענערס און דיא כסריה און אנדערע פּאָרט־שטעט פלעגען בעפאלען און בערויבען דיא אידען. אום נאָך מעהר זיי צו אונטערדריקען און צו בערויבען האָט ער גע־שטיצט דיא רויבערישע באנדעס, וועלכע האָבען זיך צו דער צייט שטארק פערמעהרט אין ארץ ישראל און האָבען ניט איין מאָל פערוויסטעט דערפער און אפילו גאנצע שטעט. ער פלעגט איינ־פאך נעהמען א טהייל פון דעם רויב. פיעלע אידען זיינען זיך צוליעב דעם צולאָפען אין זיכערערע ערטער אָדער האָבען גאָר אויסגעוואנדערט.

אונטער אזעלכע אומשטענדען איז דיא קנאים און אנדערע פאטריאָטען ניט שווער געווען ארויסצורופען אן אויפשטאנד. דיא אנפיהרערס פון דער קריעגס־פארטיי האָבען אזוי פערהאסט יאָזעפוס׳ן פאר זיין פערעהרונג פון רוים׳ס מאכט, דאָס זיי וואָלטען איהם פיעלייכט געטויטעט, ווען ער וואָלט זיך ניט בעהאלטען מיט עטליכע אנהענגער אין בית המקדש, ווען דיא ערשטע אטאקע אויף דיא רוימער האָט זיך אָנגעפאנגען. וויא נאָר ער האָט דערהערט, אז א רוימישע ארמעע אונטער דער קאָמאנדע פון דעם סירישען גובערנאטאָר סעסטיוס גאלוס מארשירט צו בעשטראָפען דיא רעוואָלוציאָנערען אין ירושלים, איז ער ארויס פון זיין בעהאלטונגס־אָרט.

אין דער צייט האָבען דיא אויבערהאנד אין ירושלים געקראָגען דיא מעסיגערע מיטגליעדער פון דער פאטריאָטישער פארטיי. דאָס האָט איהם געגעבען מוטה צו צייגען זיך; אָבער אזוי וויא ער האָט דאָך מורא געהאט, אז מען וועט איהם פערפאָלגען פאר זיין בעקאנטע פריינדשאפט צו רוים, האָט ער אָנגעפאנגען זיך צו חנפה׳נען צו דיא מעסיגערע קנאים. דיא פריעדליכע פארטיי האָט גערעכענט, אז סעסטיוס וועט אונטערדריקען דעם אויפשטאנד, נאָר ווען דיא פאטריאָטען האָבען איהם פעריאָגט מיט זיינע לעגיאָנען, איז יאָזעפוס פלאוויוס אויך ארויסגעטראָטען פאר׳ן קריעג. ער האָט גאָר ניט ערווארטעט, אז א קליינע צאָהל אידען זאָלען אין שטאנד זיין צו בעזיעגען 30 טויזענד רוימישע סאָלדאטען, און ער האָט הפנים אויך געקראָגען האָפנונגען אין דיזער מינוט, אז מען קען נאָך עפּעס אויספיהרען מיט דעם אויפשטאנד געגען דיא רוימער.

נאָך דעם זיעג איבער סעסטיוס גאלוס האָט שוין גאָר קיין רייד ניט געקענט זיין וועגען פריעדען מיט רוים. מיט זעהר ווייניגע אויסנאהמען איז דאן דאָס גאנצע אידישע פאָלק געווען פאר מלחמה, און יאָזעפוס איז אויך אויפגעמונטערט געוואָרען. ער האָט וואהרשיינליך אפילו אין דיזער הייסער מינוט ניט געגלויבט, דאָס דיא אידען קענען אין גאנצען זיך בעפרייען פון רוימישען

יאָך, נאָר ער האָט גערעכענט, אז מען וועט קענען צווינגען דעם קייזער צו געבען דיא אידען זעלבסטפערוואלטונג אָדער צו אנער־קענען אגריפּוס דעם צווייטען, דעם לעצטען קלעגליכען פערטרעטער פון דער פערדאָרבענער הורדוס־פאמיליע, פאר דעם קעניג איבער גאנץ ארץ ישראל.

נאָר וויא ער האָט ניט געטראכט ביי זיך אין הארצען, זיכער איז עס, אז ער האָט אָנגעפאנגען צו שפּיעלען דיא ראָלע פון א הייסען פּאטריאָט און האָט שליסליך געוואונען אזוי פיעל צוטרויען, דאָס אויף א פאָלקספערזאמלונג אין דעם גרויסען הויף פון בית המקדש האָט מען איהם אויסגעקליבען פאר דעם קריעגספיהרער אין גאלילעא (אין נאָוועמבער פון 66 יאָהר).

דאָס האָט ער געהאט צו פערדאנקען אייניגע זיינע אריסטאָ־קראטישע פריינד, בעזאָנדערס דעם געוועזענעם כהן גדול יהושע, וועלכער האָט געהאט א גרויסען איינפלוס אין סנהדרין. טראָץ דעם, וואָס דיא פייערדיגסטע קנאים, וועלכע האָבען אָנגעפיהרט דעם אויפשטאנד, זיינען ארויס דיא זיעגערס אין דיא שלאכטען מיט דער ארמעע פון סעכסטיוס, האָבען זיי דאָך ניט געהאט א גרויסע דעה אין דעם סנהדרין. דיא מייסטע מיטגליעדער פון סנהדרין האָבען געהערט צו דער מעסיגער פּארטיי. אייניגע, דיא פערטרעטער פון דיא אריסטאָקראטיע, זיינען געוועזען ניט נאָר פאר פריעדען, זאָנדערן אפילו פריינדע פון רוים. זיי האָבען שטילער־הייט אינטריגירט און געשטערט אָנצונעהמען ענערגישע מיטעל, וועלכע דיא פּאטריאָטען אָדער קנאים האָבען פערלאנגט. אנדערע מיטגליעדער זיינען סתם געווען שוואכע מענשען און האָבען זיך געוואָרפען אויף אלע זייטען. צוליעב דעם האָט דער סנהדרין זעהר ווייניג גוטעס געקענט אויפטאָן פאר'ן פאָלק. דיא קריעגערישע פּארטיי האָט איהם בעטראכטעט אלס א שטערונג און האָט נאָך א בלוטיגען קאמפף פעריאָגט און געטויטעט דיא פיהרערס פון דער מעסיגער פּארטיי; אָבער דערווייליע זיינען פאַראיבער צוויי יאָהר און עס איז שוין צו שפּעט געווען צו אָרגאניזירען דאָס פאָלק געגען דיא רוימישע לעגיאָנען אונטער דער קאָמאנדע פון טיטוס.

דריטער קאַפּיטעל.

גוטער אָנפאנג. — יוחנן פון גיסכאלא. — אונצופרידענהייט מיט יאָזעפוס'עס צווייזייטיגער האלטונג. — זיין צוזאמענשטויס מיט דיא פּאַטריאָטען אין טראבעא. — פערקלאָגט פאר דעם סנהדרין און אראָפּ־געזעצט. — זיינע אינטריגען געגען דיא שליחים פון סנהדרין. — געמיינע אטאקע פון זיינע אנהענגער אין טבריה. — בלייבט גובערנאַ־טאָר. — דיא פּאַטריאָטישע קרעפטע צוברעקעלט.

אן ערגערע אויסוואהל איז שווער געווען צו מאכען פאר אזא וויכטיגען אמט וויא א קאָמאנדיר איבער דיא מיליטערישע קרעפּ־טע אין גליל. עס איז אמת, אז דיא מאיאָריטעט פון סנהדרין האָט געזוכט צו שטיצען דיא מעסיגע פיהרערס, ניט אכטענדיג אויב זיי זיינען ווירקליך פעהיגע קאָמאנדירען און אדמיניסטרא־טאָרען; אָבער עס איז זיכער, אז יאָזעפוס וואָלט ניט געשיקט געוואָרען נאָך גליל, ווען מען וואָלט געהאט דיא מינדעסטע אהנונג, אז ער וועט אָנמאכען אזעלכע גרויסע צרות. דער סנהדרין אונטער דער לייטונג פון רבי שמעון בן גמליאל (הלל'ס אן אור־איניקעל) האָט בעגאנגען זעהר פיעל פעהלערען, אָבער מען קען איהם דאָך ניט בעשולדיגען, דאָס ער האָט אבזיכטליך אויסגע־קליבען יאָזעפוס פלאוויוס אלס זיין פערטרעטער אין גליל, אום אָפּצושוואכען און צו צוטהיילען דיא פּאטריאָטען פון דיזער וויכ־טיגער פּראָווינץ. מען דארף אויך נעהמען אין אנבעטראכט, אז מען האָט צו פיעל געגלויבט אין זיינע פעהיגקייטען און אז דאָס פאָלק איז איבערהויפט געניינגט געווען צו געבען דיא העכסטע שטעלען צו אריסטאָקראטען און כהנים.

אָנפאנגס האָט יאָזעפוס זיך גענומען צו זיין שווערע ארבייט זעהר ענערגיש. ער האָט געהאט דיא פּאָלמאכט צו האנדלען וויא ער פערשטעהט. דער סנהדרין האָט אפילו בעשטימט, אז ער זאָל זיך בעראטהען מיט זיינע מיטהעלפערס, אָבער זיי זיינען געווען

בעוואוסטע רבנים, וועלכע האָבען גאַנץ וועניג פערשטאַנען אין וועלטליכע זאכען און זיינען איבערהויפּט געווען שוואכע מענשען. זיי האָבען איהם יעדענפאַלס ניט געשטערט אויסצופיהרען זיינע פּלענער. גלייך וויא ער איז אָנגעקומען אין גליל, האָט ער צוזאמענגערופען אין טבריה א מין סנהדרין נאָך דעם מוסטער פון דעם גרויסען סנהדרין אין ירושלים. ער האָט אויסגעקליבען 70 פּערזאָן פון דיא פאָרנעהמסטע פאמיליען אלס הויפּטריכטער. זיי האָבען אויך בעדארפט איהם מיטהעלפען אין דער פערוואַלטונג פון דער פּראָווינץ. נאכהער האָט ער בעשטימט קלענערע ריכטער אין דיא שטעט. דערמיט האָט ער איינגעפיהרט א געוויסע אינערליכע אָרדנונג.

אין דער זעלבער צייט האָט ער אויך געזאמעלט מיליטערישע קרעפטע און בעשטימט צו בעפעסטיגען געוויסע שטעט. ער האָט אזוי טיכטיג געארבייט, אז אין א קורצער צייט האָט ער צוזאמענגעקליבען אַן ארמעע פון 100 טויזענד מאַן און אויך געשאפען א קאָרפּוס פון קאוואלעריע, וועלכע ער האָט אויפגעהאלטען אויף זיין אייגענעם חשבון. פיעלע שטעט האָט ער בעפעסטיגט, ארומגערינגעלט מיט ווענט און גראָבענס און אויך זיי פערזאָרגט מיט פּראָוויאנט, אום צו קענען אויסהאלטען א לאַנגע בעלאגערונג. זיין ארמעע האָט ער דיסציפּלינירט נאָך דעם רוימישען מוסטער און האָט אין דעם אביסעל איבערגעטראָפען דיא מאָס. ער האָט ניט פערשטאנען, אז ער האָט צו טאָן מיט אַן ארמעע פון פּאטריאָטישע וואָלאָנטירען, וועלכע קענען פיעל מעהר אויפטאָן מיט ענטהוזיאזמוס וויא מיט דער דיסציפּלין פון א רעגעלער ארמעע.

נאָר דאָס וואָלט ניט אזוי וויכטיג געווען און ניט געבראכט צו געפעהרליכע שטרייטען, ווען יאָזעפוס וואָלט געקענט שטימען מיט דיא פּאטריאָטישע פיהרערס און ספּעציעל מיט יוחנן פון גיסכאלא, וועלכער איז געווען דיא נשמה פון דעם אויפשטאנד אין גליל און איינער פון דיא בעסטע, מוטהיגסטע און פעהיגסטע פיהרערס פון דער קריעגס־פּארטיי. דיזער יוחנן וועלכער האָט דיא גאַנצע צייט געקעמפּפט וויא א העלד, האָט גלייך דערפיהלט, אז

יאָזעפוס איז ניט געווען פאטריאָטיש און ענערגיש. ער האָט איהם זאָגאר פערדעכטיגט אין פערראטה. נאָך איידער יאָזעפוס איז גע־קומען אין גליל, האָט יוחנן, וועלכער איז געווען אן עיל־הענדלער, אָרגאניזירט דעם אויפשטאנד אין זיין געבורטסשטאָט, א וויכטיגע סטראטעגישער פּונקט אין נאָרד פון גליל. ער האָט אויסגעגעבען זיין גאנצען פערמעגען צו אונטערשטיצען די אָרימע וואָלאָנטי־רען און האָט צוזאמענגעקליבען ארום זיך 4000 פאטריאָטען פון גליל און פון סיריען. ער האָט הפנים גערעכענט, אז ער וועט ווערען דער קאָמאנדיר פון אלע פאטריאָטען אין גליל, און ער האָט ווירק־ליך געהאט די פעהיגקייט דערצו; אָבער דער אָנקומען פון יאָ־זעפוס האָט געמאכט א סוף צו זיינע רעכנונגען.

ווען יאָזעפוס וואָלט וועניגסטענס געזוכט איהם ניט צו שטערען, וואָלט עס וואהרשיינליך ניט געקומען צו אזעלכע טרוי־עריגע שטרייטען, דען יוחנן איז געווען א צו עהרליכער מאן און פייערדיגער פאטריאָט צו אינטריגירען אין דער צייט, ווען מען האָט בעדארפט אָנשטרענגען אלע קרעפטע צו רעטען דאָס פאטערלאנד פון אונטערגאנג. יאָזעפוס האָט גלייך געזעהען, אז יוחנן איז אזוי פעהיג און ענערגיש, דאָס ער קען ווערן דער הויפּטפיהרער. דאָס האָט ער ניט געוואָלט דערלאָזען און האָט גענומען שטעלען הינטערפיסלאך דעם פייערדיגען פאטריאָט. צום ביישפיעל, ער האָט ניט ערלויבט, אז יוחנן זאָל פערכאפּען די תבואות, וואָס די רוימער האָבען צוזאמענגעקליבען אין אייניגע פונקטען פון גליל. יוחנן האָט געוואָלט פערקויפען דיזע תבואות, אום צו האָבען מיטעל בעסער צו בעפעסטיגען זיין געבורט־שטאָט. ער האָט אין דעם אזוי רעכט געהאט, דאָס יאָזעפוס האָט איהם שליסליך גע־מוזט נאָכגעבען. דערביי האָט יוחנן זיך איבערצייגט, אז מען טאָר זיך ניט פערלאָזען אויף יאָזעפוס'ן. ער האָט אויך אויסגעפונען, אז יאָזעפוס האָט מעהר אין זינען די אינטערעסען פון דעם קעניג אגריפּוס דעם צווייטען, וויא פון פאָלק.

דאָס לעצטע איז געווען ריכטיג. יאָזעפוס האָט טאקע גע־רעכענט, אז צוזאמען מיט אגריפּוס וועט ער קענען קומען צו א

פשרה מיט דיא רוימער. עס קען זיין, אז ער האָט גערעכענט צו ווערען דער הויפטמיניסטער, ווען דיא רוימער וועלען אנערקענען אגריפּוס'ן פאר דעם קעניג איבער גאנץ ארץ ישראל. וויא עס ווייזט אויס, האָט ער נאָר אָרגאניזירט א גרויסע ארמעע און בע־פעסטיגט עטליכע שטעט, אום צו קענען ארויסקריגען בעסערע בעדינגונגען ביי דיא רוימער. דאָס איז געווען געגען דיא שטרעבונג פון דיא פּאטריאָטען, און זיי האָבען גענומען פערשפּרייטען קלאנ־גען, אז ער מיינט נאָר זיך אונטערצוגעבען צו דיא רוימער. דאָס האָט נאטירליך אויפגערעגט דאָס פאָלק געגען איהם. יעדענפאלס האָט ער פערלאָרען דעם צוטרויען פון אלע דיא יעניגע, וועלכע האָבען געקעמפּפט פאר דיא אונאבהענגינגקייט פון זייער פאָ־טערלאנד.

ביי איין פאל איז עס געקומען אזוי ווייט, אז מען האָט איהם איינפאך געוואָלט אומבריינגען. לעבען א געוויסען דאָרף האָבען עטליכע יונגע לייט בערויבט דיא פרוי פון א זעהר רייכען און וויכ־טיגען אנהענגער פון קעניג אגריפּוס, וועלכער האָט נאָר אינטריגירט צו קריגען מעהר לאנד און מאכט ביי דיא רוימער דורך דעם אויפ־שטאנד. אלע גערויבטע זאכען האָבען זיי געבראכט צו יאָזעפוס'ן פיר דיא קריעגס־קאסע, אבער ער האָט געוואָלט צוריקשיקען דיא זאכען, אום נאָך מעהר חן צו געווינען אין אגריפּוס'עס אויגען. דעם עולם האָט ער אָנגעזאָגט, אז ער וועט אלעס אוועקשיקען נאָך ירושלים צום סנהדרין. ווען מען האָט זיך דערוואוסט פון דיזע פאלשקייט, האָט א מענגע בעלאגערט זיין הויז מיט געשרייען, אז ער איז א פעררעטהער. איינער פון דיא אנפיהרערס איז ארומגע־גאנגען מיט א ספר תורה אין האנד און האָט פערלאנגט צו בע־שטראָפען יאָזעפוס'ן אין נאמען פון הייליגען געזעץ אלס א פער־רעטהער.

א טהייל פון דער מאסע האָט זיך געקליבען אונטערצוצינ־דען דיא הויז, אין וועלכער יאָזעפוס האָט זיך פערשפּארט מיט עטליכע פון זיינע טרייעסטע אנהענגער; נאָר ער האָט זיך גע־רעטעט דורך א נייע פאלשקייט. ער האָט איבערהויפּט געהאט

זעהר גוטע איינפעלע, ווען איהם איז אויסגעקומען זיך ארויסצו־
דרעהען פון א געפעהרליכער אָדער אַן אונאנגענעהמער לאגע.
דיזע איינפעלע האָבען איהם ניט איין מאָל גערעטעט פון טויט.
דיזעס מאָל האָט ער אויף זיך צוריסען דיא קליידער, בעשאָטען
זיין קאָפּ מיט אש, אויפגעהאנגען זיין שווערד אויפ'ן האלז און
איז אזוי ארויס צו דער צוקאָכטער מאסע און פערלאנגט מען זאָל
איהם אויסהערען איידער מען וועט איהם אומברייננגען. ווען מען
האָט בעוויליגט זיין בעגעהר, האָט ער ערקלערט, אז דיא גערויבטע
זאכען האָט ער גאָר בעשלאָסען צו געברויכען פיר דיא בעפעסטי־
גונג פון דער שטאָט טראכעא, וואו דער אויפרוהר איז פאָרגעקו־
מען. דיא איינוואָהנער פון דער שטאדט זיינען צופריעדען
געבליעבען מיט דיזער ערקלערונג, אבער דיא צוזאמענגעלאָפענע
פון דיא דערפער ארום האָבען זיך ענטזאגט איהם צו גלויבען און
האָבען פערלאנגט ער זאָל גלייך אוועקשיקען דיא זאכען נאָך
ירושלים.

דורך דעם איז ענטשטאנען א שטרייט, מיט וועלכען יאָזעפוס
האָט זיך בענוצט, אום זיך אָפּצוטראָגען צוריק אין זיין הויז. ווען
פיעלע פאטריאָטען האָבען ניט געוואָלט אָפּטרעטען און האָבען
געסטראשעט אונטער צו צינדען דיא הויז, איז ער ארויס אויפ'ן
דאך און האָט איינגעלאדען דיא פיהרערס אריינצוקומען, אום
זיך דורכצוריידען מיט זיי. א געוויסע צאָהל פאטריאָטען האָבען
אָנגענומען דיא איינלאדונג, אָבער וויא נאָר זיי זיינען אריין אין
הויז, זיינען זיי גלייך בעפאלען געוואָרען פון יאָזעפוס'עס בע־
האלטענע אנהענגער, וועלכע האָבען זיי געשמיסען, איסקאליטשעט
און נאכהער ארויסגעשליידערט. דיא מענגע האָט געמיינט, אז
יאָזעפוס האָט א סך אנהענגער אין הויז און איז זיך צולאָפען
מיט ראכע־געשרייען.

נאָך אזעלכע פאלשקייטען און פעררעטהערישע האנדלונגען
האָט יאָזעפוס אויף אימער אָפּגעשטויסען פון זיך דיא פאטריאָ־
טען און האָט נאָר אריינגעבראכט אלץ גרעסערע און געפעהרלי־
כערע שטרייטען צווישען דיא איינוואָהנער. דיא פריעדענס־פאר־

טיי, וועלכע איז אָנפאנגס ניט געווען צופריעדען מיט איהם, ווייל ער האָט זיך צו אייפריג גענומען צו מיליטערישע פאָרבערייטונ־גען, האָט איהם יעצט גענומען שטיצען געגען דיא קריעגס־פּארטיי, וועלכע האָט אויסגעוועהלט דעם ענערגישען יוחנן פון גיסכאלא פאר דעם קאָמאנדיר.

אום פטור צו ווערען פון יאָזעפוס'ן, וועלכער האָט אלץ מעהר אויפגערייצט געגען זיך דאָס פאָלק, ווייל ער האָט געשטיצט דיא אריסטאָקראטען, דיא אנהענגער פון אגריפּוס און דיא פערעה־רער פון רוים, האָט יוחנן געשיקט זיין ברודער און 100 פון זיינע טרייעסטע אנהענגער צום סנהדרין אין ירושלים מיט קלאגען און מיט א פערלאנג איהם אראָפּצוזעצען פון זיין אמט. דיא קלאגען זיינען געווען אזעלכע וויכטיגע און ריכטיגע, דאָס שמעון בן גמליאל און פיעלע איינפלוסרייכע מיטגליעדער פון סנהדרין, וועלכע האָבען פריהער געשטיצט יאָזעפוס'ן, זיינען ארויסגעטראָ־ען נעגען איהם און האָבען אויסגעפיהרט, אז מען זאָל איהם ענט־זאגען און ברענגען לעבעדיג אָדער טויט נאָך ירושלים. פיער פער־טרעטער זיינען געשיקט געוואָרען נאָך גליל אויסצופיהרען דיזען בעפעהל פון גרויסען סנהדרין, וועלכער האָט אויך געהייסען דיא וויכטיגסטע שטעדט אין גליל צו פעריאָגען יאָזעפוס'ן און צואנ־ערקענען יוחנן פון גיסכאלא פאר דעם גובערנאטאָר און קריעגס־פיהרער.

נאָר יאָזעפוס האָט אין דער צייט ניט געדרימעלט. ער האָט געשיקט זיינע אגענטען אין ירושלים, אום איהם ריין צו וואשען און אויסצוגעפינען, וואָס זיינע געגנער טהוען. אין דיא גרעסערע און רייכערע שטעדט פון גליל האָט ער געזוכט צו צוציהען אויף זיין זייט וואָס מעהר אנהענגער און האָט אויך גענומען ווידער מאַ־כען גרויסע מיליטערישע פאָרבערייטונגען, אום אָפּצונארען זיינע געגנער. וויא נאָר ער האָט זיך דערוואוסט וועגען דעם בעפעהל פון סנהדרין געגען איהם, האָט ער ערקלערט, אז ער וועט פאָלגען און וועט אליין קומען אין ירושלים. נאָר דאָס איז געווען א נייע פאלשקייט, דען שטילערהייט האָט ער אויפגערייצט זיינע אנהענ־

גער געגען דיא שליחים פון דיא סנהדרין, אז מען זאָל זיי שטערען אויף יעדען שריט. אין אייניגע ערטער זיינען זיי זאָגאר געווען אין לעבענסגעפאהר. זעהענדיג, אז יאָזעפוס נארט זיי נאָר און זוכט זייער פערניכטונג, האָבען זיי אויף דעם ראטה פון יוחנן בע־שלאָסען ארויסצושיקען געהיימע אגענטען מיט א בעפעהל צו ער־קלערען איהם אויסערהאלב געזעץ אין נאָמען פון סנהדרין. ער האָט זיך אָבער דערוואוסט דערפון בעצייטענס און האָט צושיקט זיינע לייט, וועלכע האָבען געפאנגען דיא גרעסטע צאָהל פון דיא אגענטען.

וואו נור דיא שליחים פון סנהדרין פלעגען זיך בעוויזען, פלעגען זיי זיך אָנשטויסען אָן חברה, וועלכע יאָזעפוס פלעגט ארויסשיקען אום זיי נאָכצושפּיאָנירען. אויף דיזער ווייזע האָבען זיי גאָר ניט געקענט אויפטאָן געגען איהם און נאָר אומזיסט פערשארפט דיא שטרייטען, וועלכע האָבען געפיהרט צו א בירגער־קריעג. ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין טבריה, וואו יוסטוס, וועלכער האָט שפּעטער אָנגעשריעבען אויף גריכיש א געשיכטע פון דער אידיש־רוימישע מלחמה זעהר פיינדליך צו יאָזעפוס׳ן, איז געווען דער פיהרער פון דיא פּאטריאָטען, האָבען זיי בעפוילען דעם עולם צו פאסטען א טאָג און צו בעטען גאָט פאר שלום אין לאנד און פאר א זיעג איבער דיא רוימער. א מאסע מענשען האָבען זיך אין דעם טאָג צוזאמענגעקליבען, אום צו בעשפּרעכען דיא לאגע. מען האָט אָבגעמאכט, אז אלע זאָלען קומען אונבעוואפענט; נאָר יאָזעפוס׳עס אנהענגער האָבען דאָך בעהאלטען געוועהר אונטער זייערע מאנטלען. ווען מען האָט געענדיגט דיא תפילות און עס האָ־בען זיך אָנגעפאנגען דיסקוסיאָנען, האָבען יאָזעפוס׳עס אנהענגער פּלוצלונג ארויסגעכאפּט זייערע געוועהר און האָבען פעריאָגט זייערע געגנער.

יאָזעפוס איז נאָך דיזער געמיינער אטאקע געבליבען דער הערשער אין טבריה. פיעלע פון זיינע טרייעסטע אדיוטאנטען און אנגעזעהנע בירגער, וועלכע האָבען נאָך אין איהם געגלויבט, האָט ער אוועקגעשיקט נאָך ירושלים איהם צו פערטהיידיגען. זיי האָבען

אזוי לאנג געארבייט ביז זיי איז געלונגען אויסצופיהרען, אז דער סנהדרין זאָל צוריקרופען דיא שליחים און בעשטימען, דאָס יאָזעפוס בלייבט גובערנאטאָר פון גליל. יאָזעפוס האָט זיך דאן אָפּגערעכענט מיט דיא שליחים זעהר געמיין, ער האָט געהייסען זיי איינשמידען אין קייטען און אזוי אוועקפיהרען נאָך ירושלים.

ער האָט זיך אזוי וויעדער אויסגעדרעהט פון א גרויסע געפאהר. ווען ער וואָלט גלייך אָפען ארויסגעטראָטען געגען דעם סנהדרין'ס בעפעהל, וואָלט ער זיכער ניט געבליבען גובערנאטאָר, אויב ער וואָלט איבערהויפּט געבליבען לעבען. נאָר דיא שטרייטען האָבען זיך ניט געענדיגט מיט דעם זיעג פון יאָזעפוס איבער דיא שליחים פון סנהדרין. דאָס פאָלק איז ניט נאָר געווען צוטהיילט אין א פריעדענס־פארטיי און א קריעגס־פארטיי וויא אין גאנץ ארץ ישראל, זאָנדערען דיא פאטריאָטישע קרעפטע זיינען צוברעקעלט געוואָרען. זיי זיינען געבליבען אָהן אן אנערקענטען הויפּטפיהרער און אָהן א פעסטען צוזאמענהאנג. יעדע שטאָט, יעדע פעסטונג האָט געהאט צו פערלאָזען זיך אויף איהרע אייגענע קרעפטע.

אונטער אזעלכע אומשטענדען איז עס נאָר א וואונדער, וואָס דיא פאטריאָטען האָבען זיך געקענט האלטען א לאנגע צייט געגען דיא רוימישע לעגיאָנען אונטער דער קאָמאנדאָ פון אספּסינוס.

פערטער קאַפּיטעל.

אספּסינוס אין גליל. — דיא שוואכקייט פון יאָזעפוס׳עס ארמעע. — דיא פערניכטונג פון גאבארא. — יאָזעפוס׳עס בעריכט צום סנהדרין. — דיא העלדענמוטהיגע פערטהיידיגונג פון יאָטאַפּאַטאַ. — יאָזעפוס געצוואונגען מיטצוקעמפּפען. — וויא ער האָט זיך ארויסגעדרעהט פון טויט און האָט זיך אונטערגעגעבען צו דיא רוימער.

דיא טרויעריגע פּאסירונגען, וועלכע זיינען איבערגעגעבען געוואָרען אין פאָריגען קאַפּיטעל, זיינען געשעהען אין פערלויף פון 5 מאָנאַט איידער דיא רוימישע לעגיאָנען זיינען אָנגעקומען. אנשטאָט צו פעראייניגען אלע קרעפטע, האָט יאָזעפוס נאָר אָנגעמאכט מחלקות און צוטהיילונגען. מען וואָלט גאָר ניט געקענט גלויבען, אז ער האָט בעגאנגען אזוי פיעל געמיינהייטען און אָנגעמאכט אזוי פיעל צרות, ווען ער וואָלט עס אליין ניט דערצעהלט מיט פיעלע איינצעלהייטען אין זיין אָטאָביאָגראפיע.

נעראָן האָט זיך דערוואוסט פון דעם אויפשטאנד אין ארץ ישראל, ווען ער איז געווען אין גריכענלאנד, וואוהין ער איז געקומען צייגען זיין קונסט אלס זינגער, שפּיעלער און פאָהרער אויף א רייט־וואָגען. דאָס איז געווען איינער פון דיא משוגעת׳ן פון דיזען טיראן. דיא נידערלאגע פון דיא לעגיאָנען אונטער דער קאָמאנדע פון סעסטיוס גאלוס האָט איהם זעהר איבערגעשראָקען און ער האָט דארום אויסגעקליבען אספּסינוס׳ן פאר דעם קאָמאנדיר געגען דיא אידען, אָבוואָהל ער האָט גאָר ניט געגליכען דיזען בעריהמטען גענעראל. ער האָט קיין אנדער ברירה געהאט, דען אספּסינוס איז גערעכענט געווען פאר דעם בעסטען גענעראל אין דער רוימישער אימפּעריע און געגען דעם אויפשטאנד פון דיא אידען האָט מען געמוזט געברויכען דיא בעסטע קרעפטע פון דער רוימישער ארמעע.

אספּסינוס האָט געלאנדעט אין דעם פּאָרט פּטאָלעמאיד (עכו)

אין ווינטער פון 67טען יאָהר. זיין זוהן טיטוס האָט ער געשיקט נאָך אלעקסאנדריא צו ברענגען פון דאָרטען דיא צוויי שטארקע און ערפאהרענע לעגיאָנען, וועלכע האָבען שוין בעוויזען זייער גרויזאמקייט צו אידען אין דער צייט, ווען דיא גריכען זיינען דאָר־טען בעפאלען דעם אידישען קווארטאל. א סך רייכע און ארי־סטאָקראטישע אידען זיינען גליייך געקומען ערקלערן דעם רוימי־שען גענעראל זייער טרייהייט צו רוים. צווישען זיי איז אויך געוועזען אגריפוס דער צווייטער, וועלכער איז ניט נאָר געוועזען פער־דאָרבען וויא אלע מיטגליעדער פון דער הורדוס פאמיליע, זאָנ־דערן אויך אונפעהיג, און זיין שוועסטער ווערָאָניקא, א בעריהמטע שעהנהייט, אין וועלכער טיטוס האָט זיך גלייך פערליעבט און מיט וועלכע ער האָט געוועלט חתונה האָבען, ווען ער איז געוואָרן קייזער. אום צו צייגען, אז ער האָט גאָר ניט צו טאָן מיט דער קריעגס־פארטיי, איז אגריפוס געקומען מיט זיינע סאָלדאטען העל־פען דיא רוימער.

אין א קורצע צייט האָט אספסינוס צוזאמענגעקליבען אן ארמעע פון 50 ביז 60 טויזענד מאן, נאָר אום אויסצומיידען דיא מפלה פון סעסטיוס גאלוס, האָט ער מארשירט זעהר פאָרזיכטיג, זוכענדיג אָפּצוהאקען דיא פערבינדונגען פון די אידישע פאטריאָטען, וועלכע זיינען אזוי אויך געוועזען צוטהיילט און אָפּגעזונדערט דורך דיא אינטריגען און פאלשקייטען פון יאָזעפוס פלאוויוס. ער האָט גלייך געצייגט, אז ניט אומזיסט האָט ער געהאט אזא גרויסען נאָמען אלס גענעראל און אז ניט אומזיסט האָט דיזער נאָמען ארויפגעיאָגט א שרעק אויף אלע פעלקער ארום און אויך אויף פיעלע אידען.

פריהער האָט ער ארויסגעשיקט אָבטהיילונגען צו פעריאָגען דיא קליינע טהיילען פון אידישע פאטריאָטען אויפ׳ן וועג דורך גליל, דען ער האָט טאקי אויסגעקליבען, וויא מען האָט גערעכענט, דיזען סטראטעגישען וועג, אום צוצוקומען צו ירושלים. דאָ האָט זיך באלד ארויסגעצייגט, אז דיא סאָלדאטען אונטער יאָזעפוס׳עס קאָמאנדע זיינען ניט אין שטאנד געווען אפילו צו שטערען דעם

מארש פון דיא רוימער. יאָזעפוס אליין האָט נאָר הפנים גע־קעמפפט צום שיין, דען ער איז אלץ צוריק געטראָטען. ווען ער האָט ניט געקענט אויסמיידען א צוזאמענשטויס מיט דיא רוימער, איז ער אלע מאָל שנעל געשלאָגען געוואָרן, דען זיינע סאָלדאטען האָבען קיין צוטרויען געהאט צו זיין פערזאָן און נאָך וויינינער צו זיינע מיליטערישע פעהיגקייטען.

א גאנץ אנדערער גייסט האָט געהערשט צווישען דיא פּאַ־טריאָטען, וועלכע האָבען אנערקענט יוחנן פון גיסכאלא פאר זייער פיהרער. זיי האָבען געקעמפפט וויא לייבען אפילו געגען פיעלע גרעסערע צאָהלען פון רוימער.

דיא ערשטע פעסטונג פון גליל, וועלכע איז צושטערט געוואָרן פון דיא רוימער, איז געוועזן גאבארא. דיא הייפעלע פאטריאָטען האָבען ארויסגעצייגט פיעל העלדענמוטה, אָבער זיי האָבען ניט געקענט לאנג אויסהאלטען דיא רוימישע אטאקעס, ווייל דיא פּאָ־זיציאָן איז ניט געוועזן גוט בעפעסטיגט. אום צו נעהמען נקמה פאר דיא נידערלאגע פון סעסטיוס גאלוס׳עס לעגיאָנען לעבען ירושלים, האָבען דיא רוימער אויסגעשלאכט דעם גאנצען גארני־זאָן פון גאבארא און דיא גאנצע שטאָט פערברענט. דאָס איז גע־ווען דער אָנפאנג פון דיא שרעקליכע אויסשלאכטונגען אין דיזען קאמפף אויף לעבען און טויט צווישען דיא אידען און דיא רוימער. דיא איינוואָהנער אין דער אומגעגענד פון גאבארא זיינען אָדער אויסגעשלאכטעט געוואָרן אָדער פערקויפט געוואָרן אין שקלא־ווערייא.

דיא נעכסטע פעסטונג אויפ׳ן וועג פון דיא רוימער איז געוועזן יאָטאפאטא. ווען אספסינוס האָט מארשירט אהין, איז יאָזעפוס געוועזן אין טבריה, וואוהין ער איז געקומען צו לויפען מיט זיינע דעמאָראליזירטע און צושראָקענע סאָלדאטען. ער האָט אזוי ווייט פערלאָרען מוטה און האָט אזוי וויינינ געדענקט וועגען ווי־דערשטאנד, דאָס אין א בעריכט צום סנהדרין וועגען דעם טרוי־עריגען צושטאנד אין גליל האָט ער אָנגעפרעגט, אויב ער זאָל פאָרטזעצען דעם קאמפף אָדער פערהאנדלען מיט אספסינוס וועגען

פריערן. אין פאל מען וועט איהם הייסען פיהרען מלחמה, האָט ער אָנגעזאגט, אז מען זאָל איהם צושיקען פערשטערקונגען. ער איז שוין אלזאָ גלייך אין אָנפאנג געבליבען אָהן סאָלדאטען, אָבגלייך ער וואָלט געקענט האָבען ניט וויניגער וויא 100 טויזענד מאן אונטער זיין קאָמאנדא, ווען ער וואָלט אנדערס געהאנדעלט און געוועזען אויפריכטיג פיר א קאמפף מיט רוים. נאָר עס איז מעגליך, אז ער האָט אבזיכטליך פערלאנגט פערשטערקונגען, אום צו האָבען א תירוץ זיך אונטערצוגעבען. ווען ער וואָלט זיך ניט געשעהמט אָדער, גיכער, ווען ער וואָלט ניט מורא געהאט פאר דיא פאטריאָטען, וועלכע האָבען זיך געפונען אין אלע טהיילען פון גליל, וואָלט ער זיך וואהרשיינליך באלד אונטערגעגעבען.

אויף יעדען פאל איז ער אוועק נאָך יאָטאפאטא, וואו פיעלע פאטריאָטען האָבען זיך פערזאמעלט צו בעשיצען דיזע פון דער נאטור שטארקע פעסטונג. ער האָט אפילו איבערגענומען דיא קאָמאנדא איבער דעם גארניזאָן, אָבער זיין צוועק איז הפנים געווען ניט צו קעמפפען, נאָר צו קומען צו א פשרה מיט אספסינוס. אָבער דיא פערטהיידיגער זיינען געוועזען זעהר מוטהיגע פאטריאָטען און האָבען גוט אויפגעפאסט אויף זייער קאָמאנדיר ער זאָל זיך ניט אָפּטראָגען אין דער שטיל צו דיא רוימער. דיא פעסטונג איז פון 3 זייטען געוועזען ארומגערינגעלט פון בערג און אָבגרונדען. נאָר פון איין זייט האָט מען געקענט צו איהר צוקומען; אָבער דאָרטען האָט מען איהר בעשיצט מיט א שטארקע וואנט און פיעלע טהורמען, וואו מען האָט צוזאמענגעקליבען אלערליי דאמאָלסדיגע געוועהר צו פעריאָגען דיא רוימער. געגען דיזע וואנט האָט אספסינוס אויסגעשטעלט 60 קאטאפולטען און אנדערע שטורם־מאשינען, וועלכע האָבען געשליידערט מאסען שטיינער, שפיזען און ברענענדע מאטריאלען. דיא פאטריאָטען האָבען עטליכע מאָל ניט נאָר צוריקגעשטויסען דיא רוימער, טויטענדיג א סך פון זיי, זאָנדערן האָבען נאָך געמאכט אטאקעס און צושטערט דיא רוימישע מאשינען. פערציג טעג האָט געדויערט דיזע בעלאגערונג. ווען

דיא פּאטריאָטען האָבען געצייגט וואונדער פון מוטה און האָבען אויסגעמאטערט דיא רוימער. זיי וואָלטען זיך נאָך געקענט האל־טען א לענגערע צייט, ווען זיי וואָלטען ניט פערראטהען געוואָרען פון איינעם, וואהרשיינליך א פריינד פון דיא רוימער, וועלכער האָט אָנגעצייגט אויף דעם געהיימען דורכגאנג צווישען די בערג, דורך וואנען דיא בעלאגערטע פלעגען קריעגען שפּייז פון דיא אי־דען פון ארומיגע דערפער.

וויא יאָזעפוס דערצעהלט אליין, האָט ער אין דער צייט, ווען דיא בעלאגערטע האָבען שוין געליטען הונגער, זיך געקליבען צו מאכען פּלטה אין געהיים. נאָר דיא פּאטריאָטען האָבען זיך דער־וואוסט דערפון און האָבען איהם געסטראשעט מיט'ן טויט, אויב ער וועט ניט בלייבען. ער האָט זיי געוואָלט איינררעדען, אז ער וועט זיי בעסער העלפען, ווען ער וועט ארויס אין לאנד און צוזא־מענקלייבען סאָלדאטען, אום צו פעריאָגען דיא בעלאגערער, אָבער קיינער האָט איהם ניט געגלויבט. זעהענדיג, אז ער האָט קיין אנדער ברירה ניט וויא צו קעמפּפען, האָט ער מיט פערצווייפ־לונג אויסגעשריען: „אויב אזוי, לאָמיר קעמפּפען ביז'ן לעצטען אָטהעם און טהייער פערקויפען אונזער לעבען, לאָמיר צייגען א ביישפּיעל פאר אנדערע, אז מיר קענען מוטהיג שטארבען".

עטליכע טעג נאָכדעם האָט ער ווירקליך העלדענמוטהיג גע־קעמפּפט. א פּאָר מאָל איז ער ארויס מיט דיא מוטהיגסטע פּאטריאָטען און האָט פעריאָגט דיא פאָרדערסטע אבטהיילונגען פון דיא רוימער. איין מאָל איז ער צוגעקומען צו דעם רוימישען לאגער און האָט אונטערגעצונדען פיעלע מאשינען און דיא דעכער, וואו סאָלדאטען און ערד־גרעבערס האָבען זיך געפונען אונטער בעשיצונג. יאָזעפוס איז געוועזען אן ערפינדערישער מאן און האָט בעזאָנדערס ארויסגעצייגט זיין פעהיגקייט אין דער קורצער צייט פאר דעם פאל פון דיזער פעסטונג.

אלע זיינע איינפעלע האָבען אָבער גאנץ וויניג געהאָלפען, דען דער הונגער פון איין זייט און דיא שטענדיגע אָנשטרענגונג פון דער אנדער זייט האָבען אויסגעמאטערט דיא פערטהיידיגער,

װעהרענד אספּסינוס האָט אַלץ געקענט צושיקען פרישע קרעפטע און צורוקען נייע מאַשינען אַלץ נעהנטער צו דער וואַנט. שליסליך האָבען דיא רוימער איינגעבראָכען דיא וואַנט און מיט דיא הילפע פון אַ פעררעטהער האָבען זיי זיך אַריינגעריסען אין דער פעסטונג און אָנגעמאַכט אַ שוידערליכען חורבן. דיא צוקאָכטע סאָלדאַטען האָבען זיך צולאָזט איבער דער שטאָט און האָבען געשלאַכטעט רעכטס און לינקס יעדען װער עס האָט נאָר געהאַט דעם אונגליק אַריינצופאַלען אין זייערע הענד. פיעלע פּאַטריאָטען האָבען אַליין געזוכט דעם טוידט, שפּרינגענדיג פון דיא װענט און דיא בערג אין אָבגרונדען אָדער דורכשטעכענדיג זיך מיט זייערע שווערדען. זיי האָבען געוואוסט, אַז זיי קענען קיין גנאָדע ניט ערוואַרטען פון דיא רוימער און האָבען אויך ניט געוועלט איבערלעבען זייער ני־דערלאַגע. דיא רוימער האָבען מיט ווילדער גרויזאַמקייט זיך אָפּ־גערעכענט מיט דיא העלדישע פערטהיידיגער פון יאָטאַפּאַטאַ. אספּסינוס האָט געהייסען צושטערען דיא פעסטונג און אַלעס פער־ברענען. דיא וואָס זיינען לעבען געבליבען, זיינען פערקויפט גע־וואָרן אין שקלאַווערייא, בעזאָנדערס פרויען און קינדער.

אַ טהייל האָבען זיך בעהאַלטען אין היילען און קעלערס. צוויי־שען אַזעלכע איז געווען יאָזעפוס פלאַוויוס. ווען דיא רוימער האָבען אויסגעפונען דעם אָרט, וואו ער האָט זיך בעהאַלטען מיט 40 קעמפפערס, האָט אספּסינוס געשיקט צוויי אָפיציערען איהם אָנ־צוזאָגען, אַז אויב ער וועט זיך אונטערגעבען, וועט מען איהם בע־גנאַדיגען. ער דערצעהלט, אַז ער האָט אָנפאַנגס ניט געגלויבט דיא פערשפּרעכונגען פון דיא רוימער, נאָר ווען אספּסינוס האָט צו איהם געשיקט זיין פריהעריגען פריינד ניקאַנאָר, וועלכער האָט איהם איבערגעגעבען, אַז דיא רוימער בעגעהען זיך גוט מיט דיא געפאַנגענע און בעזאָנדערס מיט מוטהיגע קעמפפערס, האָט ער, נאָך אַ ביטערען קאַמפּף מיט זיך זעלבסט, בעשלאָסען זיך צו פערלאָזען אויף ניקאַנאָר׳ס פערשפּרעכונגען אין נאָמען פון אספּסינוס.

נאָר אום צו קענען אַרויסגעהן פון הייל, האָט ער בעדאַרפט

קריגען דיא צושטימונג פון זיינע חברים אין אונגליק. זיי האָט מען אויך פאָרגעשלאָגען גנאדע, אויב זיי ווע‏לען זיך אונטערגעבען; אָבער זיי האָבען זיך ענטזאגט. דאָס לעבען האָט אין זייערע הערצער פערלאָרען יעדע אנציהונג, און זיי האבען ניט געוועלט זיך אונטערגעבען לעבעדיגערהייט אין דיא הענד פון זייערע אונ־טערדריקער, וועלכע זיי האָבען געהאסט ביז'ן טויט. זיי האָבען דארום בעשלאָסען בעסער צו בעגעהן זעלבסטמאָרד איידער צו פערטראָגען דיא שאנדע אלס געפאנגענע אין רוימישע הענד. ווען יאָזעפוס האָט אָנגעפאנגען זיי צו ערקלערן, אז מיט זייער זעלבכטמאָרד וועלען זיי קיינעם קיין נוצען ניט ברייגגען, האָבען זיי אויסגעשטעלט זייערע שווערדען און געענטפערט, אז וויא נאָר ער וועט פרובירען ארויסגיין, וועלען זיי איהם דערשטעכען.

ער גיט איבער דיא רעדעס, מיט וועלכע ער האָט זיי געזוכט איבערצורעדען. „עס איז פיין צו שטארבען אויפ'ן שלאכטפעלד", האָט ער גע'טענה'ט, „אָבער עס איז א פייגהייט צו בעגעהן זעלבכטמאָרד. ווען איך וואָלט אנטלאָפען פון שלאכטפעלד, וואָלט איך ווירקליך פערדיענט דעם טויט, נאָר דאָ זיינען מיר וויא געפאנגענע. מיר דארפען זיך ניט שעמען אָנצונעהמען דיא גנאדע פון אונזערע פיינדע, דען מיר האָבען זיי געצייגט אונזער מוטה. אויב עס בלייבט אונז יעצט צו שטארבען, זאָל עס בעסער זיין דורך דיא הענד פון אונזערע זיעגערס. איך וועל שטארבען מיט פריידע, ווען מען וועט מיך הינריכטען טראָץ דעם פערשפרעך פון גנאדע". ווייטער האָט ער זיי אָנגעצייגט פון דער ביבעל, אז מען טאָר ניט בעגעהן זעלבסטמאָרד.

אָבער אלע זיינע טענות זיינען געוועזן ארויסגעוואָרפען. קיי־נער האָט ניט געוועלט הערען פון אונטערגעבען זיך צו דעם פער־האסטען שונא. מען האָט דאן בעשלאָסען, אז איינער זאָל דער־שטעכען דעם אנדערן און דער לעצטער זאָל אליין זיך טויטען. אלע האָבען פייערליך געשוואָרען אויסצופיהרען דיזען שרעקליכען בעשלוס, יאָזעפוס אויך. מען האָט געוואָרפען גורל, און גראדע איז עס אויסגעקומען, אז יאָזעפוס איז געבליבען איינער פון דיא

לעצטע. אלע האבען געהאלטען זייער שבועה, נאר ווען דיא רייהע איז געקומען צו יאזעפוס'ן, האט ער גענומען איינרײדען זיין חבר, אז מען זאל זיך בעסער אונטערגעבען. ער האט אזוי לאנג גע'טענה'ט ביז ער האט אויסגעפיהרט זיין וואונש. ביידע זיינען אוועקגעפיהרט געווארן אין רוימישען לאגער, וואו יאזעפוס איז גאנץ פריינדליך אויפגענומען געווארן פון אספסינוס און אויך פון טיטוס. אספסינוס האט איהם געוועלט אוועקשיקען נאך רוים צום קייזער. אבער יאזעפוס האט זיך אבגעבעטען, מען זאל עס ניט טאן, דען ער האט מורא געהאט, אז דער טיראן וועט מאכען מיט איהם א קורצען סוף. מען האט איהם אפילו געהאל־טען אונטער א וואך, אבער דאס איז נאר געווען צום שיין. אס־פסינוס האט איהם געגעבען א סך מתנות, מען האט איהם ער־לויבט צו טראגען עהרען־קליידער און אויך זיך אויסצוקלייבען א ווייב פון דיא געפאנגענע אידישע טעכטער. בעזאנדערס האט ער געפונען חן אין דיא אויגען פון טיטוס, מיט וועלכען ער פלעגט פיהרען געשפרעכען און וועלכער איז געבליבען זיין בעשיצער דיא גאנצע צייט פון זיין לעבען.

פינפטער קאפיטעל.

דער לעצטער ווידערשטאַנד פון דיא פאַטריאָטען אין גליל — יוחנן פון גיסכאלא אנטלויפט נאָך ירושלים. — אספסינוס און דער בירגער־קריעג אין ירושלים. — יאָזעפוס אין רוימישען לאגער. — דער האַס פון דיא פאַטריאָטען צו איהם. — זיינע צורופען צו דיא בעלאַגערטע זיך אונטערצוגעבען.

אזוי האָט זיך געענדיגט דיא מיליטערישע קאריערע פון יאָזעפוס פלאוויוס. נאָך דיא צערשטערונג פון יאָטאפאטא האָ־בען זיך אייניגע פלעצער פרייווילינג אונטערגעגעבען. דיא איינ־וואָהנער פון טבריה, דיא הויפט־שטאָט פון גליל, זיינען אזוי ענט־מוטהיגט געוואָרן, אז זיי האָבען געעפענט דיא טויערן, וויא נאָר דיא רוימער האָבען זיך בעוויזען. אספסינוס האָט ביסלעכווייז איינגענימען איין פעסטונג נאָך דיא אנדערע און פערוויסטעט א גרויסען טהייל פון דיזער פראכטפאָלער פראָווינץ. נאָר אין נאָרד זיינען נאָך פערבליבען דריי פעסטונגען, וועלכע אספסינוס האָט געקענט איינגעהמען ערשט נאָך א ביטערען קאמפף מיט א גרוי־סען פערלוסט.

דאָס זיינען געווען גיסכאלא (גוש חלב), הר תבור און גמלא, וואו דיא נאָכפאָלגער פון דעם העלדישען יוחנן האָבען געקעמפפט וויא לייבען. גמלא איז דריי מאָנאט בעלאגערט געווען פון דיא סאָלדאטען פון אגריפוס, וועלכער האָט געהאָלפען דיא רוימער צו אונטערדריקען דעם אויפשטאנד; נאָר ער האָט גאָר ניט געקענט אויספיהרען ביז אספסינוס איז צוגעקומען. אויך דאן האָט זיך דיזע פעסטונג געהאלטען א מאָנאט געגען אלע רוימישע אטאקעס. דיא פאטריאָטען פון גמלא האָבען זי פערטהיידיגט מיט אזא פער־צווייפעלטען העלדענמוטה וויא זייערע ברידער אין יאָטאפאטא. ווען דיא רוימער האָבען מיט זייערע מאשינען דורכגעבראָכען א לאָך אין דער וואנד פון דער פעסטונג און זייערע ערשטע רייהען

האָבען זיך אריינגעריסען אין דער שטאדט, האָט מען זיי אזוי אטאקירט מיט שטיינער פון אלע זייטען, אז קיין איינציגער פון זיי איז שוין ניט ארויס א לעבעדיגער. דיא רוימער האָבען ערשט געקענט אייננעהמען דיא פעסטונג, ווען עס איז זיי געלונגען איהר אונטערצוגראָבען אין איין אָרט, וואוהין זיי האָבען פערנארט דיא פאטריאָטען מיט א פאלשע אטאקע. דיא ווענט זיינען דאן איינגעפאלען אונטער דער מאסע פון דיא קעמפפער און דיא מייסטע פון זיי האָבען דאָרטען געפונען זייער קבר. דיא רוימער האָבען נאכדעם אויסגעשלאכטעט, ווען זיי האָבען נאָר געטראָפען אויפ'ן וועג. מען רעכענט, אז 5000 נפשות האָבען זיך אליין גענומען דאָס לעבען. פון דער גאנצער בעפעלקערונג פון גמלא זיינען נאָר געבליעבען 2 יונגע מיידלעך....

אלע פאטריאָטען פון גליל, וועלכע עס איז געלונגען זיך צו רעטען, האָבען זיך א לאָז געטאָן נאָך ירושלים, אום צו העלפען דאָרט דיא קעמפפערס. צווישען אזעלכע איז אויך געוועזען יוחנן פון גיסכאלא. ער האָט זיך געהאלטען ביז דער לעצטער מינוט אין זיין קליינער געבורטס־שטאָט מיט א הייפעלע פאטריאָטען. ווען טיטוס איז צוגעקומען, האָט יוחנן געבעטען מען זאָל איהם געבען 24 שטונדען צייט ביז ער וועט עפענען דיא שטאָט פאר דיא רוימער. דער תירוץ איז געווען, אז ער וויל אָבהיטען שבת. נאָר ווען טיטוס האָט בעוויליגט זיין פערלאנג, האָט ער זיך אָבגעטראָגען מיט זיינע נאכפאָלגער און א סך איינוואָהנער, ווייל עס איז שוין גאנץ אונמעגליך געווען אויסצוהאלטען אן אטאקע פון טיטוס'עס לעגיאָנען. טיטוס האָט געהייסען נאָכיאָגען זיי, אבער יוחנן האָט זיך געראַטעוועט מיט יי טהייל פון זיינע סאָלדאטען. ער האָט נאכהער געשפיעלט א זעהר וויכטיגע ראָלע ביי דער פערטהיידיגונג פון ירושלים.

נאָך דעם פאל פון גיסכאלא איז דער וועג נאָך ירושלים געווען אָפען פאר דיא רוימישע לעגיאָנען. פיעלע ערטער פון גליל זיינען אין גאנצען פערוויסטעט געוואָרן. דאָרט, וואו עס זיינען ערשט מיט עטליכע מאָנאט צוריק געווען בליהענדע שטעט, האָט

יעצט געהערשט דיא שטילקייט פון טויט. דיא אידען, וואָס זיינען ניט אויסגעשלאכטעט געוואָרן, האָבען געשמאכטעט אין קייטען אָדער זיינען פערקויפט געוואָרן פאר שקלאווען.

אָבער דיא רוימער זיינען אין דער צייט אזוי אויסגעמאטערט געוואָרן און אספסינוס האָט פערלאָרען אזוי פיעל סאָלדאטען, דאָס ער איז געצוואונגען געווען אָפּצו־ווארטען ביז ער וועט צו־זאמענקלייבען נאָך סאָלדאטען, ביז ער וועט קענען בעפאלען א״י יהודה און בעלאגערן ירושלים. גאנצע צוויי יאָהר האָט ער צו־רוהע געלאָזען ירושלים; אָבער דיא פאטריאָטען האָבען זיך לייַ־דער גאָר ניט בענוצט מיט דיזער צייט. פערקעהרט, זיי האָבען נאָך אָבגעשוואכט זייערע קרעפטע דורך א ווילדען קאמפף מיט דער פריעדענס־פּארטיי און דורך געגענזייטיגע רייסערייען.

אספּסינוס האָט אזוי געהאנדעלט ניט צוליעב דעם, ווייל ער האָט זיך געפיהלט שוואך צו שטורמען ירושלים, זאָנדערן ווייל ער האָט אויסגעקוקט, אז דורך דעם בירגער־קריעג וועט איהם פיליכט געלינגען צו פערכאפּען דיא אידישע הויפּט־שטאָט מיט דער הילפע פון דער פריעדענס־פּארטיי אָהן לאנגע בעלאגערונגען און אָהן גרויסע בלוטפערגיסונגען. פון דער אנדער זייט האָט עס גע־טראָפען, אז דער טיראן נירון (נעראָן) איז געשטאָרבען און דיא רוימישע לעגיאָנען אין פערשיעדענע פונקטען האָבען אויסגעקלי־בען זייערע קאָמאנדירען פאר קייזערס. אין איין יאָהר האָבען דריי גענעראלען פערנומען דעם רוימישען טהראָן ביז ענדליך דיא לעגיאָנען אין ארץ ישראל, אין סיריען און אין עגיפּטען האָבען געשוואָרען טרייהייט צו אספּסינוס, וועלכער איז פערבליבען קיי־זער ביז זיין נאטירליכען טויט און האָט אויך געקענט אָהן שטע־רונגען איבערלאָזען דעם טהראָן צו זיין זוהן טיטוס.

אין דער צייט, ווען ער מיט זיין זוהן זיינען פערנומען געווען צו בעהערשען דיא גאנצע רוימישע אימפּעריע, האָבען זיי נא־טירליך ניט געקענט פיעל אין זינען האָבען דעם אויפשטאנד פון דיא אידען. ערשט אין פעברואר 70טען יאָהר איז טיטוס ערשיע־נען מיט זיינע לעגיאָנען לעבען ירושלים.

דאָ איז ניט דער אָרט צו בעשרייבען דיא געשיכטע פון חורבן ירושלים, ווייל דיזער העלדישער קאמפף פון אידען פאר זייער אונאבהענגיגקייט האָט שוין ניט צו טאָן מיט יאָזעפוס׳ן. דיא גאנצע צייט האָט ער זיך געפונען אין דער רוימישער ארמעע און האָט נאָר צוגעזעהען, וויא זיינע ברידער זיינען געפאלען אין דעם אונגליקליכען קאמפף, וויא דער בית המקדש איז פערברענט געוואָרן אין וויא דיא הייליגע שטאָט איז צושטערט געוואָרן. ער איז געוועזען אן עדות פון דיא שרעקליכסטע פסירונגען ביי חורבן ירושלים, זאָ דאָס ער האָט נאכהער געקענט אלעס ריכטיג בעשרייבען אין זיין געשיכטע פון דער אידיש־רוימישער מלחמה.

ווען מען האָט ערהאלטען אין ירושלים דיא ערשטע בעריכטען וועגען דיא צערשטערונג פון דער פעסטונג יאָטאפאטא, האָט מען גערעכענט, אז יאָזעפוס איז אויך געפאלען אונטער דיא רוימישע שווערדען און מען האָט זעהר בעדויערט זיין טויט, אָבוואָהל דיא פאטריאָטען זיינען געוועזען אויפגעבראכט געגען איהם פאר זיינע אינטריגען און געמיינע האנדלונגען אין גליל. אָבער וויא נאָר מען האָט זיך דערוואוסט, אז ניט נאָר ער לעבט אין רוימישען לאגער, זאָנדערן ווערט נאָך בעהאנדעלט אזוי, וויא ער וואָלט שטענדיג געוועזען א הייסער פריינד פון רוים, האָט מען איהם פערהאסט און פערשאָלטען וויא א פעררעטהער. אלע פאטריאָטען האָבען דאָס איהם ניט געקענט פערגעבען, און דיא הייסעסטע קנאים זיינען נאָך מעהר אויפגערעגט געוואָרן געגען דיא מעסיגע און האָבען גענומען קוקען אויף יעדען איינעם פון אנדערע פאַרטייען, וויא אויף פעררעטהער און געהיימע אגענטען פון רוים. יאָזעפוס האָט אלזאָ אויף דיזער ארט אריינגעבראכט פערדאכט און מיסטרויען צווישען דיא קעמפפערס פון ירושלים.

נאָר דער האס פון דיא קנאים האָט איהם ווייניג וואָס געקימערט. ער האָט זיי געצאָהלט מיט דער זעלבער מטבע. יעדענפאלס איז ער געוועזען זייער ביטערער געגנער זייט זיין שטרייט מיט יוחנן פון גיסכאלא. נאָר פאר דעם גאנצען פאָלק

און איבערהויפט פאר זיין געבורטס־שטאָט און דעם בית המקדש האָט ער געווים ניט ווייניג געזאָרגט. ער איז געווען נאָך אַלעם א פרומער איד און האָט געליעבט זיין פאָטערלאַנד. אויב ער האָט פריהער אמאָל געטרוימט און געהאָפט, אז מען קען געווינען עפּעס דורך דעם אויפשטאנד געגען רוים, האָט ער יעצט פערלאָרען יעדע האָפנונג. צוקוקענדיג זיך צו אַלעס, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין דעם רוימישען לאַגער, וויא שטארק דיא רוימישע לעגיאָנען זיינען און וויא זיי זיינען פערזאָרגט מיט דיא בעסטע געוועהר פון יענער צייט און ווערן קאָמאנדירט פון פעהיגע גענעראַלען, האָט ער נאַטירליך בעסער וויא יעדער אנדער איד געקענט זעהען, אז יעדער ווייטערער קאמפּף איז נוצלאָז און אז דער סוף וועט זיין א שרעקליכער פאר זיין פאָלק.

זיין הארץ האָט געבלוטעט, ווען ער האָט געזעהען דיא צרות פון זיין פאָלק. ער דערצעהלט, אז ער פלעגט אָפט צוגעהן צו דיא ווענט פון ירושלים און מיט טרערען אין דיא אויגען בעטען זיינע ברידער איפּצוהערען צו קעמפּפען געגען רוים, ווייל זיי וועלען נאָר ברענגען צו דער צערשטערונג פון דער הייליגער שטאָט, וועלכע איז דאן בעלאַגערט געווען פון 80 טויזענד סאָלדאטען. נאָר זיינע רייד האָבען קיין ווירקונג געהאט. מען פלעגט איהם פעריאָגען מיט זידלערייען, מיט געשרייען: „פעררעטהער, רוימישער הונד!“ איין מאָל האָט מען איהם געטראָפען אין קאָפּ מיט א שטיין און ער איז אנידערגעפאלען בעוואוסטלאָז. דיא רוימישע סאָלדאטען, וועלכע פלעגען איהם בעגלייטען, האָבען איהם אוועקגעטראָגען און אָפּגעמינטערט, און ער האָט נאכהער ווייטער פאָרטגעזעצט זיינע צורופען מען זאָל זיך אונטערגעבען, אום צו רעטען דיא הייליגע שטאדט. מען רעכענט, און דאָס איז גאנץ נאַטירליך, אז טיטוס פלעגט איהם שיקען איינריידען דיא פאטריאָטען אויפצוגעבען דעם נוצלאָזען קאמפּף, דען עס איז בעוואוסט, אז טיטוס האָט נאָר געוועלט וואָס גיכער מאכען א סוף פון דעם אויפשטאנד און זיך צוריק קעהרען נאָך רוים אלס זיעגער מיט א טריאומפּף. ער האָט געוועלט צייגען, אז ער איז א

גוטער גענעראל, אום צו פערשטארקען זיין פאמיליע אויף דעם רוימישען טהראָן, און האָט דארום געזוכט צו ברעכען דעם ווי־דערשטאנד פון דיא אידען מיט גוטע פערשפרעכונגען, אונטער־קויפונגען און אנדערע אזעלכע מיטעל. ער האָט אויך אָנגעהאל־טען א סך שפיאָנען אין ירושלים, וועלכע פלעגען איהם לאָזען וויסען פון אלעס אויף שטיקלעך פאפיר, וועלכע זיי פלעגען שליי־דערן פון פייל־און־בויגענס.

קיין וואונדער דארום, אז טיטוס האָט זיך געוועלט בענוצען מיט דער הילפע פון אזא וויכטיגע פערזאָן וויא יאָזעפוס פלאוויוס; אָבער אין דיזען פאל, מוז מען צוגעבען, האָט יאָזעפוס געהאנדעלט גאנץ אויפריכטיג, ניט אום צו קויפען זיך חן אין דיא אויגען פון דיא רוימער. פאר זיינע דרשות צו דיא בעלאגערטע, וועלכע האָ־בען געקעמפפט מיט א בלינדען פאנאטיזמוס, קען מען איהם ניט בעשולדיגען, דען ער האָט געזאָגט, וואָס ער האָט ווירקליך גע־פיהלט, און האָט מיטלייד געהאט מיט זיינע אונגליקליכע ברידער. ער גיט איבער איינינע פון זיינע צורופען צו דיא בעלאגערטע.

ווען דיא צוויי אויסערע ווענט פון ירושלים זיינען שוין געווען דורכגעבראָכען פון דיא רוימער און דיא דריטע און לעצטע וואנט האָט זיך געטרייכעלט אונטער דיא קלעפ פון דיא שטיינער־שליי־דערנדע מאשינען; ווען אלע האָבען אזוי געהונגערט, אז דיא קעמפפערס אויף דיא וואנט האָבען געקייט דיא פעל פון זייערע שילדען און מוטערס האָבען געפרעסען זייערע אייגענע קינדערלעך; ווען טויזענדע טויטע קערפערס האָבען זיך געוואלגערט אין דיא גאסען און דיא לופט איז געווען פערפעסטעט — אין דיזער שויי־דערליכער צייט האָט ער געשריען צו דיא פערצווייפעלטע קעמפפערס אויף דער לעצטער וואנט:

„האָט רחמנות אויף זיך זעלבסט און אויף אייער פאָלק, דער־בארעמט זיך אויף אייער הויפטשטאָט און אויף דעם בית המקדש! איהר זעהט דאָך: דיא צוויי שטארקסטע ווענט זיינען שוין צו־שטערט, דיא לעצטע וועט ניט לאנג בלייבען גאנץ. לייגט אוועק

אייער געוועהר, האָט רחמנות אויף אייער האלב־צושטערטען פאָ־טערלאַנד! קוקט אייך ארום! זעהט וואָס פאר א פּראכטפאָללע שטאָט, וואָס פאר א בית המקדש איהר ווילט אויפאָפּפערן. עס איז נאָך צייט חרטה צו האָבען, צו רעטען דאָס, וואָס עס איז דיא הייליגסטע זאך פאר אידען. נאָר אויב איהר ווילט צומאכען אייערע אויגען אויף אלעס ארום זיך, דערמאָנט זיך אָן אייערע עלטערן, פרויען און קינדער, וועלכע וועלען באלד פאלען אונטער דיא שווערדען פון דיא רוימער. איך ווייס, אז מיין מוטער, מיין פרוי און מיין גאנצע פאמיליע זיינען אין לעבענסגעפאהר. אָבער מיינט ניט, אז איך בעט אייך אוועקצולייגען דיא געוועהר וועגען זייערטוועגען. ניין! טויטעט זיי, נעהמט אויך מיין אייגענעם לעבען. איך בין בערייט צו שטארבען, ווען איהר וועט נאָר קו־מען צום שכל נאָך מיין טויט...... און וואָס פערלאַנגען דען דיא רוימער? זיי פאָדערן נאָר דיא שטייערן, וועלכע מען האָט פריהער געצאָהלט. וויא נאָר מען וועט זיי דאָס נאָכגעבען, וועלען זיי אייך ניט ריהרען, און דיא שטאָט מיט דעם בית המקדש וועלען בלייבען גאנץ, דיא הייליגע געזעצע וועלען אויך בלייבען אין קראפט"....

דערביי האָט ער זיי אויך געזוכט צו ערקלערן, אז דיא מאכט פון אידישען פאָלק ליעגט ניט אין שווערד, זאָנדערן אין דער תורה, „דיא מאכט פון געוועהר", האָט ער געזאָגט, „איז קיין מאָל ניט געווען דיא שטיצע פון אונזער פאָלק, דען מלחמה האָט אימער גע־בראכט נאָך זיך אונטערדריקונג. דיא אמת'ע קראפט פון אידי־שען פאָלק ליעגט ניט אין שווערד, זאָנדערן אין גלויבען און האָפ־נונג אויף גאָט".

אָבער דיא פּאטריאָטען אונטער דער פיהרונג פון יוחנן פון גיסכאלא, שמעון בן גוריא און אליעזר בן שמעון זיינען געבליבען טויב צו אלע צורופען ניט נאָר פון יאָזעפוס פלאוויוס, זאָנדערן אויך פון יוחנן בן זכאי און פון אנדערע פיעל געאכטעטע רבנים און חכמים. זיי האָבען בעשלאָסען צו קעמפּפען ביז דעם לעצטען אָטהעם פאר דיא בעפרייאונג פון זייער אונגליקליכען פאָטערלאַנד.

דאָס לעבען אָהן אונאבהענגיגקייט איז פאר זיי געווען ביטערער וויא דער טויט, און זיי האָבען זיך מקריב געווען מיט זעלטענעם העלדענמטוה. דיא, וואָס זיינען ניט אויסגעגאנגען פון הונגער אָדער זיינען ניט געטויטעט געוואָרן פון רוימער, האָבען אליין געמאכט א סוף פון זייער לעבען, אום ניט צו זיין אונטער דעם רוימישען יאָך. א פאנאטישער גלויבען האָט בעזעעלט דיזע פייערדיגע פאטריאָטען. ווען טיטוס האָט זיך דרעוואוסט, אז מען האָט אויפגעהערט צו ברייננגען קרבנות אין בית המקדש, ווייל עס איז שוין ניט געווען וואָס צו ברענגען, האָט ער זיך בענוצט דער־מיט נאָך א מאָל אויפצופאָרדערן דיא פאטריאָטען זיך אָונטער־צוגעבען; אָבער יוחנן האָט געענטפערט, אז דיא הייליגע שטאָט קען ניט צושטערט ווערן, ווייל גאָט האלט איהר שיקזאל אין זיינע הענד.

אזעלכע מענשען האָבען נאטירליך נאָר געקענט קוקען מיט האס אין פעראכטונג אויף יאָזעפוס'ען און אויף אלע דיא יעניגע, וואָס האָבען געזוכט דיא שטיצע פון דיא רוימער.

אין איינע פון זיינע אויפרופען, דערצעהלט יאָזעפוס, האָט ער אויסגעשריען: „קיין מאָל וועל איך זיך ניט אָבזאָגען פון מיין פאָלק; איך וועל ניט פערגעסען אָן מיין פאָטערלאנד, וויא לאנג איך זאָל ניט לעבען אין א פרעמדע לאנד אלס געפאנגענער!“ דיזע שבועה האָט ער עהרליך געהאלטען, וויא זיינע שריפטען צייגען עס.

זעקסטער קאפיטעל.

יאָזעפוס ביי דיא טריאומף־פּראָצעסיאָנען פון טיטוס. — זיין האס צו דיא קנאים. — זיין האַלטונג צו דיא גרים. — דאָמיציאַן'ס פערפאַל־גונגען. — יאָזעפוס פערמישט אין דעם פּראָצעס פון דעם גר פלאוויוס קלעמענס. — זיינע ביטערע שונאים און פערפאָלגערס. — זיין שרעק פאַר דאָמיציאַן און זיין טויט.

יאָזעפוס איז אויך געווען אן עדות פון דעם לעצטען אקט אין דער שרעקליכער טראגעדיע: דיא טריאומף־פּראָצעסיאָנען פון דיא זיעגערס אין רוים. ער האָט געזעהען, וויא זיינע אונ־גליקליכע געפאנגענע ברידער האָבען זיך געשלעפּט געשמידט אין קייטען הינטער דיא טריאומף־וועגען פון אספאסינוס מיט זיינע זיהן טיטוס און דאָמיציאן. ער האָט געזעהען, ווי"א שמעון בן גוריא איז געשלעפּט געוואָרן דורך דיא גאסען פון רוים מיט א שטריק ארום האלז און איז נאכהער ארונטערגעשליידערט גע־וואָרן פון טארפּעער פעלז אלס קרבן צו דיא רוימישע געטער; ער האָט געזעהען, וויא זיין גרעסטער געגנער, דער פעהיגסטער אידי־שער קריעגס־פיהרער יוחנן פון גיסכאלא, האָט קוים כח געהאט צו שלעפּען זיין אויסגעדארטען קערפּער אין דיא קייטען פון דיא זיעגערס; ער האָט געזעהען, וויא דיא בעסטע קעמפּפערס פון זיין פאָלק זיינען אויסגעשלאכט און ערנידעריגט געוואָרן פון דיא פערדאָרבענע מאסען אין רוים; ער האָט געזעהען, וויא דיא גאנ־צע געצענדיענער־וועלט האָט זיך געפרעהט מיט דעם אונגליק פון אידישען פאָלק און מיט דער צערשטערונג פון בית המקדש; ער האָט געזעהען, וויא מען האָט אויפגעבויט דיא טריאומף־ארקע לכבוד טיטוס, וועלכע שטעהט נאָך ביז יעצט אין רוים.

אזא טריאומף־פּראָצעסיאָן האָבען שוין דיא רוימער לאנג ניט געזעהען. אספּסינוס און זיינע זיהן האָבען געזוכט וואָס מעהר צו צייגען זייער גבורה און צו געבען וואָס מעהר פערגניגען דיא

מאסען, אום זיי צוצוציהען צו דער נייער קייזערליכער הויז. דיא מלחמה אין ארץ ישראל האָט אויך צו פיעל געקאָסט דיא רוימער. דאָס קליינע פאָלק האָט אזוי העלדענמוטהיג און לאנג געקעמפפט, אז דיא עקזיסטענץ פון דער גאנצער אימפעריע איז געווען אין געפאהר. ווען דיא אידען וואָלטען געזיעגט און גע־קראָגען אונאבהענגיגקייט, וואָלטען אנדערע פעלקער געווים נאָכ־געפאָלגט זייער ביישפיעל, און דיא אימפעריע וואָלט צופאלען גע־וואָרן. דיא הערשער פון רוים האָבען עס גאנץ גוט געפיהלט און דארום האָבען זיי זיך אזוי געפרעהט מיט זייער זיעג איבער דיא אידען. אום צו פייערן דיזען זיעג, האָבען זיי אויך אויסגעשלאָגען נייע מטבעות מיט א צייכנונג פון א טרויערנדע פרוי אונטער א פאלם־בוים און מיט דער אונטערשריפט „געפאנגענע יודעא“.

וואָס האָט יאָזעפוס געפיהלט, ווען ער האָט דאָס אלעס צו־געזעהען? „מיין הארץ איז צובראָכען“, האָט ער געשריעבען, „ווען איך ז״ה דיא אונגליקען פון מיין פאָלק, דעם אונטערגאנג פון מיין פאטערלאנד און דיא צערשטערונג פון בית המקדש. אלע פערגניגען פון לעבען און אלע אוצרות זיינען מיר ווידערווערטיג“. אָבער אזוי האָט ער וואהרשיינליך נאָר געפיהלט, ווען ער האָט בעטראכט זיין צושטערטע געבורטסשטאָט; אָבער ניט ווען מען האָט געשלעפט דיא געשמידטע געפאנגענע פאטריאָטען אונטער דיא יובעל־געשרייען פון גאנץ רוים; דען מען וויים, אז ער האָט קאלטבלוטיג געקוקט אויף דיזע אָפפער און האָט זיך זאָגאר גע־פרעהט מיט דעם טויט פון יוחנן פון גיסכאלא און אנדערע העל־דען. דיא קנאים האָט ער געהאַסט און האָט קיין מיטלייד צו זיי בעוויזען, ווען דיא רוימער האָבען זיך מיט זיי שרעקליך גרויזאם אָפגערעכענט. פאר אייניגע געפאנגענע אריסטראָקרא־טישע אידען און אויך פאר א געוויסע צאָהל פרויען און קינדער האָט ער זיך אָנגענומען און אויסגעפיהרט, אז מען זאָל זיי בע־פרייען. ער וואָלט זעהר פיעל געקענט העלפען זיינע אונגליקליכע ברידער, ווען ער וואָלט ניט מורא געהאט פאר זיין אייגענע הויט, דען אספסינוס האָט איהם געאכטעט און קייזערליך בעלוינט פאר

זיין פריינדשאפט צו דיא רוימער. ער האָט איהם ניט נאָר געשאָנ־קען גרויסע לאנדגיטער, זאָנדערן אויך א פאלאץ אין רוים און דאָס רעכט פון א רוימישען בירגער. מען האָט איהם אויך ער־לויבט צו טראָגען דעם קייזערליכען פאמיליען־נאָמען „פלאוויוס", אונטער וועלכען ער האָט זיך אונשטערבליך געמאכט מיט זיינע שריפטען.

אין רוים, וואו ער האָט געענדיגט זיינע יאָהרען, האָט ער זיך ענדליך גענומען צו זיין גלענצענדע פעדער, מיט וועלכער ער האָט זיך אזוי הערליך בענוצט צו פערטהיידיגען זיין פאָלק געגען גרי־כישע און רוימישע פערלוימדערס און אָנצושרייבען זיינע בע־ריהמטע געשיכטליכע ווערק. ער האָט זיך פריי געקענט אָבגע־בען צו זיינע היסטאָרישע נאָכפאָרשונגען, דען ער האָט געהאט גענוג מיטעל צו לעבען אין לוקסוס וויא א פרינץ. ער האָט אָבער אויך, רעכענט מען, געזוכט צו בעקעהרען מיטגליעדער פון דער רוימישער אריסטאָקראטיע צום אידישען גלויבען.

עס איז א מערקווירדיגער פאקט, דאָס טראָץ דעם האס פון געצענדיענערס צו אידען פאר זייער רעליגיאָן, טראָץ דיא פער־לוימדונגען פון זייערע שונאים, טראָץ זייער שרעקליכער נידער־לאגע און צערשטערונג פון בית המקדש, האָבען זיך דאָך געפונען רוימער און גריכען, וועלכע האָבען זיך מגייר געווען. דיא צאָהל פון אזעלכע גרים האָט געמוזט זיין ניט קליין, דען דער קייזער דאָמיציאן האָט ארויסגעלאָזען זעהר שטרענגע געזעצע געגען זיי. דער רוימישער היסטאָריקער טאציטוס האָט זיך זעהר געוואונדערט, וויא אזוי רוימישע בירגער האָבען זיך געקענט אָבזאָגען פון זייערע פאמיליען און אפילו זיך מל זיין, אום איבערצוגיין צום אידישען גלויבען. יאָזעפוס דערצעהלט, אז פיעלע געצענדינער האָבען פער־עהרט דיא אידישע רעליגיאָן און האָבען געהאלטען פון שבת, חנוכה און פון כשרות. „אויב יעדערער, שרייבט ער, וועט דיינקען וועגען זיין לאנד און פאמיליע, וועט ער געפינען, דאָס מיין בעהויפטונג (אז פיעלע קריסטען האָבען זיך בעקעהרט צום אידישען גלויבען) איז ריכטיג."

אום צו קריגען וואָס מעהר גרים, האָבען איינינע רבנים ערקלערט, אז עס איז גראדע ניט נויטווענדיג זיי צו בעשניידען און אז טויפע אָדער טבילה איז גענוגענד. מען רעכענט, אז א טהייל פון דיא פיעלע גרים אין רוים זיינען יוצא געוועזן מיט טבילה אָנשטאָט מילה. יאָזעפוס זעלבסט האָט ניט געהאלטען, אז מילה איז נויטווענדיג פאר א גר. אין דער צייט זיינען שוין אויך געוועזן אין רוים מיטגלידער פון דיא ערשטע קריסטליכע סעקטען, נאָר אלע דיעזע סעקטען זיינען בעשטאנען פון אידען און, מיט אויסנאהמע פון דיא אנהענגער פון דעם היילינען פאול (שאול פון טארסוס), האָבען זיי זיך אויך שטרענג געהאלטען אָן אלע פאָרשריפטען פון דער אידישער רעליגיאָן.

צוליעב איינעם פון דיא רוימישע גרים האָט יאָזעפוס געליטען און פיעל לייכט אויך זיין לעבען פערלאָרען. גאנץ רוים איז אויפגע־רודערט געוואָרען, ווען מען האָט זיך דערוואוסט, אז פלאוויוס קלע־מענס און זיין פרוי פלאוויא דאָמיצילא האָבען זיך בעקעהרט צום יודענטהום. ער איז געוועזן א שוועסטערקינד פון דעם קייזער דאָמי־ציאן, און זיא איז אויך געוועזן א נאָהענטע קרובה פון דעם קייזער. זייערע ביידע זיהן זיינען ערקלערט געוואָרען פאר דיא יורשים פון קייזערליכען טראָהן. אזוי הויך האָט דאן דערגרייכט דיא רעליג־יאָן פון דעם אונטערדריקטען קליינעם פאָלק, וועלכען דיא רוימער האָבען בעזאָנדערס געהאסט. פלאוויוס קלעמענס האָט געהאלטען בסוד זיין בעקעהרונג צום אידישען גלויבען.

וויא אזוי מען איז דערפון דערגאנגען, ווייס מען ניט אויף זיכער, נאָר וויא דאָמיציאן האָט עס דערהערט, האָט ער גאָר ניט געאכטעט אויף פערוואנדשאפט און געהייסען איהם פעראורטהיילען צום טויט. דיעזער דאָמיציאן, וועלכער האָט אָנפאנגס נאָכגעפאָלגט זיין ברודער טיטוס און האָט אויך ארויסגעצייגט א פריינדליכקייט צו אידען, איז געוואָרען אזא בלוטיגער טיראן וויא קאליגולא און נעראָן. ער האָט גענומען פערפאָלגען אידען און זעהר שטרענג פאָרדערען דיא ספּעציעלע אידישע טאקסע. נאָר מיט בעזאָנדערע רציחה פלעגט ער פערפאָלגען דיא גרים. ער האָט געהייסען בעשטראָ־

פען אזעלכע מיט'ן טויט נאָך דיא רוימישע געזעצע געגען גאָטלאָזע אָדער שענדער פון דער אָפיציעלער רעליגיאָן. זייער אייגענטהום האָט מען אויך קאָנפיסצירט.

פלאוויוס קלעמענס איז פראָצעסירט געוואָרען צוזאמען מיט נאָך גרים און איז פעאורטהיילט געוואָרען צום טויט. זיין פרוי איז פערשיקט געוואָרען אויף דעם אינזעל פאנדאטאריא. דיא פיער פאָרשטעהער פון סנהדרין אין יבנה: גמליאל, אליעזר, יהושע און עקיבא, וועלכע זיינען געקומען נאָך רוים בעטען גנאדע פאר דיזען וויכטיגען גר און פאר דיא אידען בכלל, האָבען גאָר ניט אויסגע־פיהרט און זיינען געווען עדות פון זיין הינריכטונג. דאָמיציאן איז אזוי אויפגעבראכט געווען אויף זיין שוועסטער קינד, דאָס ער האָט אויף קיינע גנאדע ביטעם ניט געאכטעט.

יאָזעפוס איז געווען פערמישט אין דעם פראָצעס געגען פלאוו־יום קלעמענס. מען האָט איהם זאָגאר בעשולדיגט, אז ער האָט עס אראָבגעפיהרט דעם קייזער'ס שוועסטער קינד פון „גלייכען וועג“ און בעקעהרט צום יודענטהום. עס איז וואהרשיינליך, אז מען האָט איהם דערפאר פערפאָלגט און אויך אומגעבראכט. אונטער דער הערשאפט פון אזא ווילדען טיראן, וויא דאָמיציאן איז געוואָרען, איז יאָזעפוס'עס לעבען שטענדיג געהאנגען אויף א האָאָר. אָנפאנגס האָט איהם דאָמיציאן בעהאנדעלט אזוי פריינדליך וויא זיין פאָ־טער און ברודער. אויך דיא קייזערינע האָט איהם הויך געשעצט און געשטיצט. אָבער ביסלעכווייז האָט זיך דער טיראן גענומען צו־צוהערען צו יאָזעפוס'עס שונאים, וועלכע האָבען איהם בעשולדיגט אפילו אין א פערשווערונג געגען דעם קייזער'ס לעבען.

דיא אידען האָבען איהם אזוי געהאסט, אז פיעלע פון זיי פלע־גען איהם פערמסר'ן, דאָס ער איז גאָר ניט טריי צו רוים און דאָס ער האָט זעהר פיעל צרות אָנגעמאכט דיא רוימער, ווען ער איז געווען דער קריעגס־קאָמאנדיר אין גליל. נאָך ווען טיטוס איז געווען קייזער, האָט א געוויסער יונתן, איינער פון דיא לעצטע קעמפפערס געגען דיא רוימער, אָנגעצייגט אויף יאָזעפוס'ען און אויף אנדערע רייכע אידען פון דער פריעדנס־פארטיי אלס זיינע מיטהעלפערס,

וועז מען האָט איהם געבראכט אין קייטען נאָך רוים. ער האָט עס געטאָן אויס האס צו יאָזעפוס'ן אלס אן אלגעמיין אנערקענטען פעררעטהער, אָבער טיטוס האָט זיך ענטזאגט צו גלויבען אין אזא בע־שולדיגונג און האָט פערטהיידינגט יאָזעפוס'ן (דעם בעשולדיגער האָט מען פריהער געשמיסען און נאכהער פערברענט לעבעדיגערהייט).

אָבער דאָמיציאן איז ניט געווען געראָטען אין זיין ברודער, וועלכער איז זעהר געליעבט געווען פון רוימישען פאָלק און וועל־כער איז ווירקליך ניט געווען א רשע, וויא דיא אידען שטעלען זיך עס פאָר. ער איז אליין פערדעכטיגער געוואָרען דורך דיא אָפטע קלא־גען און בעשולדיגונגען אויף יאָזעפוס'ן. וועז יוסטוס פון טבריה האָט אָנגעשריעבען א געשיכטע פון דעם אויפשטאנד אין ארץ ישראל און האָט דירעקט בעשולדיגט יאָזעפוס'ן אין פעררעטהה גע־גען רוים (דיעזער יוסטוס איז אויך געווען א זעהר זינדיגער מענש), האָט זיך יאָזעפוס אזוי דערשראָקען פאר זיין לעבען, אז ער האָט אָנגעשריעבען זיין „אָטאָביאָגראפיע,‟ אין וועלכער ער האָט זיך אליין ארויסגעשטעלט אלס פאלשער מענש און פעררעטהער געגען אידען. וועז ער האָט איהר געשריעבען, האָט ער הפנים נאָר אין זינען געהאט זיך ריין צו וואשען אין דיא אויגען פון דעם טיראן דאָמיציאן.

נאָר דיא געשיכטע מיט פלאוויוס קלעמענס האָט געווים אויפ־געבראכט דעם טיראן אויף יאָזעפוס'ן. מען וויים ניט, אויב יאָזע־פוס איז געשטאָרבען מיט א נאטירליכען טויט אָדער אויף דאָמיצ־יאנ'ס בעפעהל. דאָס איז געשעהן אין 85 יאהר, וועז ער איז אלט געווען 58 יאָהר. דער האס פון דיא אידען און בעזאָנדערס פון דיא קנאים צו איהם איז געווען אזוי טיעף איינגעוואָרצעלט, אז קיינער האָט ניט בעדויערט זיין טויט, אָבוואָהל מען האָט אנערקענט, אז מיט זיינע שריפטען האָט ער נאָר געבראכט עהרע און נוצען זיין פאָלק.

עס קען זיין, אז דיזער פערשריענער פעררעטהער, וועלכער איז יעדענפאלס שולדיג אין פיעלע פאלשקייטען און געמיינהייטען און האָט א סך צרות געבראכט זיין פאָלק, וויא מיר האָבען עס געזעהען, איז נאָר געשטאָרבען וויא א מארטירער פאר דעם אידישען גלויבען.

זיעבּטער קאַפּיטעל.

יאָזעפוס נעהמט זיך צו זיין פעדער צו פערטהיידיגען זיינע פערלוים־דעטע ברידער. — זיין געשיכטע פון דער אידיש־רוימישער מלחמה אונטער אַ קייזערליכער צענזור. — זיין געשיכטע פון אידען. — זיין בוך געגען אַפּיאָן און אנדערע שונאים פון אידען.

אין א גאנץ אנדערען שיין שטעהט יאָזעפוס, ווען מען לעזט זיינע שריפטען, וועלכע זיינען גליקליכערווייזע ניט פערלאָרען גע־גאנגען. דאָרט צייגט ער זיך ארויס פאר א הייסען פריינד פון זיין פאָלק און פאר א גלויבינגען איד. ער פערטהיידיגט דיא אידען און זייער רעליגיאָן מיט היץ, מוטה און טאלענט.

דיא אידיש־רוימישע מלחמה האָט אָנגעמאכט א גרויסען גע־רודער אין דער גאנצער אימפעריע און אויך אין דיא עטליכע לענ־דער, וועלכע זיינען נאָך געבליעבען אונאבהענגינג. אלע האָבען זיך אינטערעסירט מיט איינצעלהייטען וועגען דיעזען מערקווירדיגען קאמפף, און פיעלע שרייבערס האָבען זיך א נעהם געטאָן צו פער־פאסען געשיכטען פון דער מלחמה. אָבער אזוי וויא זיי זיינען מיי־סטענס געוועזען פיינדליך צו דיא אידען און האָבען זיך אויך געוואָלט אונטער'חנפ'נען צו דיא רוימישע גענעראלען, וועלכע זיינען גע־וואָרען קייזער'ס האָבען זיי פערלוימדעט און בעשמוצט דיא בעזיעג־טע. דער העלדישער ווידערשטאנד פון דיא אידען איז פאַרגעשטעלט געוואָרען אין א פאלשען ליכט, מען האָט זאָגאר בעשולדיגט דיא אי־דישע קעמפפער אין פייגהייט. אום צו פערטהיידיגען זיינע ברי־דער געגען זייערע פערלוימדערס און אויך צו שרייבען א ריכטיגע געשיכטע פון אידישען פאָלק, האָט יאָזעפוס גענומען זאמלען פאַק־טען און שריפטען און האָט אָנגעשריעבען דיא געשיכטע פון דער אידיש־רוימישער מלחמה צוערשט אין כאלדעאיש און נאכהער אין גריכיש (ארום דעם 79 יאָהר).

ליידער איז זיין געשיכטע אין כאלדעאיש פערלאָרען געגאנגען.

דאָרטען האָט ער זיך זיכער געקענט ערלויבען מעהר פרייהייט, וויא אין דער גריכישער שריפט, וועלכע ער האָט געמוזט צייגען טיטוס'ן און בעטען ערלויבניס איהר צו פערעפענטליכען. וואהרשיינליך וואָלט זיך פון זיינע אידישע שריפטען ארויסגעוויעזען, אז ער איז געוועזען א בעסערער מענש, וויא ער האָט זיך אליין אָבגעמאָלען אין זיינע גריכישע שריפטען.

אויך האָט ער זיך געוואָלט פערטהיידיגען געגען דיא בעשול־דיגונגען פון יוסטוס פון טבריה, וויא מיר וויסען עס שוין. זיין געשיכטע אונטער דעם נאָמען „דיא אידישע מלחמה“ איז א גרויסע ווערק פון 7 ביכער. ער בעשרייבט אין א גלענצענדער גריכישער שפראך, מיט פיעל טאלענט און אויך מייסטענס מיט ריכטיגע פאר־בען און היסטאָרישע וואהרהייט דיא גאנצע מלחמה זייט דעם אָנ־פאנג פון דעם אויפשטאנד און גיט א גרינדליכע ערקלערונג פון איהרע אורזאכען. דערביי האָט ער אויך איבערגעגעבען דיא אור־זאכען, וועלכע האָבען געפיהרט צו דעם אויפשטאנד פון דיא אידען געגען דיא גריכען אונטער דער פיהרונג פון דיא חשמונאים. דיא פאקטען האָט ער איבערגעגעבען ריכטיג, נאָר ער האָט זיי אָפט פאלש בעלויכטען, בעזאָנדערס אין דיא פעלע, וואו ער איז זעלבסט פערמישט געוועזען. טראָץ זיין האס צו דיא קנאים און איבערהויפּט צו דעם ראדיקאלסטען טהייל פון דער קריעגס־פּארטיי, האָט ער דאך זעהר עהרליך פאָרגעשטעלט זייער העלדענמוטה און זעלבסט־אויפּאָפּפערונג. וויא ער האָט ניט געהאסט זיין הויפּטגעגנער יוחנן פון גיסכאלא, האָט ער דאך אזוי איבערגעגעבען דיא פּאסירונגען ביי דער בעלאגערונג און פערטהיידיגונג פון ירושלים, אז ניט ווילענ־דיג מוז מען בעוואונדערען דיא ענערגיע און דיא פעהיגקייט פון דיעזען פיזיש־שוואכען אָבער מאָראליש גרויסען מאן. ווען ניט יאָזעפוס, וואָלט מען גאנץ ווייניג געוואוסט וועגען אזעלכע מערק־ווירדיגע אידישע העלדען, וויא דיעזער יוחנן פון גיסכאלא און שמעון בר גוריא, וועלכע וואָלטען איהם גלייך הינגעריכטעט, ווען ער וואָלט נאָר ארייננעפאלען אין זייערע הענד. ער האָט זיי אונשטערבליך געמאכט.

נאָר יעדעס מאָל, ווען ער בעשרייבט א העלדענטהאט פון זיינע פּאָליטישע געגנער, בעזאָנדערס פון דיא קנאים, זעצט ער צו, אז זיי זיינען געווען ניעדעריגע מענשען, זאָגאר איינפאכע רויבער. ער ווארפט זיי אויף, אז זיי האָבען פעראונגליקט דאָס אידישע פאָלק. זיך זעלבסט שאנעוועט ער אויך גאָר ניט. ווען ער דערצעהלט נאָר וועגען זיין אנטהייל אין דעם קאמפף, זוכט ער צו פערקלענערען דיא וויכטיגקייט דערפון און צו צייגען, אז ער איז ארויסגעטראָטען געגען רוים ניט אויס סימפּאטיע צו דער מלחמה, זאָנדערן אויס פורכט פאר דיא קריעגס־פּארטיי.

מען דארף אבער נור פערשטעהן צו לעזען צווישען דיא שורות, אום צו זעהען, אז דאָס זיינען אלץ דריילעך, אום זיינע פיינד זאָלען איהם ניט קענען בעשולדיגען אין צו גרויסע פריינדשאפט צו אי־דען און אין פיינדשאפט צו דיא רוימער. מען דארף ניט פערגעסען, אז זיין געשיכטע האָט בעדארפט דורכגעהן דיא צענזור פון אספּסינוס און טיטוס. אָהן זייער ערלויבנים וואָלט זיין בוך קיינמאָל ניט געזעהען דיא ווייסע וועלט, און זייער ערלויבנים האָט עס נאָר געקענט קריעגען דורך אזא בעלייכטונג פון פאקטען, וואָס זאָל זיי געפעלען ווערען און שמייכלען זייער אייגענליעבע.

זיין טרויער וועגען דיא צערשטערונג פון ירושלים האָט ער דאָך קיין מורא ניט געהאט אויסצודריקען מיט דיא טיעפסטע געפיהלען. „דערמאָנענדיג זיך אָן דיא לעצטע פּאסירונגען אין מיין פאטער־לאנד, שרייבט ער אין דער הקדמה, און אויסדריקענדיג דיא טרוי־ער־געפיהלען, וואָס דיא אונגליקען פון מיין פאטערלאנד רופען ארויס אין מיר, בעפרידיג איך דערמיט א בעדירפנים פון מיין צו־וויטאגטער נשמה“. אין א׳ן אנדער אָרט בעמערקט ער: „קיינע פון דיא שטעדט אונטער דער הערשאפט פון רוים האָט ניט דער־גרייכט צו אזא הויכע שטופע פון הצלחה וויא ירושלים; אבער קיינע פון זיי איז ניט געפאלען אזוי טיעף אין דעם אבגרונד פון אונגליק, וויא אונזער הויפט־שטאדט. קיין אונגליק זייט דעם אנפאנג פון דער וועלט קען זיך ניט פערגלייכען מיט דעם, וואָס האָט געטראָפען דיא אידען“.

אין אייניגע קאפיטלעך שילדערט ער אויך מיט א קינסטלערי־שע האנד דיא אָרגאניזאציאָן פון דיא רוימישע לעגיאָנען, זייער כאראקטער און לעבען, וויא זיי געהען אין שלאכט, פיהרען מלחמה, לעבען אין לאגער, און ווארום זיי האָבען בעזיעגט דיא גאנצע וועלט.

ווען ער איז פערטיג געוואָרען מיט דיזער געשיכטע, האָט ער זיך פלייסיג גענומען צו זיין הויפט־ווערק, וועגען וועלכען ער האָט שוין לאנג געטראכט; דאָס איז זיין געשיכטע פון אידישען פאָלק, דיא „אידישע אלטערטהימער". דאָ איז ער א'ן אמת'ער און עהר־ליכער היסטאָריקער. דאָ האָט ער שוין קיין אינטערעס ניט גע־האט צו פאלשעווען, צו שרייבען אונטער א מאסקע, און ער האָט איבערגעגעבען דיא געשיכטע פון זיין פאָלק נאָך דיא אידישע און ניט־אידישע קוועלען, וועלכע ער האָט צוזאמענגעקליבען און קריטיש נאכגעפאָרשט.

דיזע געשיכטע בעשטעהט פון 20 ביכער און גיט א'ן ערקלעה־רונג איבער דיא דונקעלסטע צייטען. אין אָנפאנג האָט ער זיך נאטירליך בענוצט מיט דיא הייליגע שריפטען (קיינע אנדערע קוועלען האָט מען דאן ניט געהאט); אבער וואָס נעהנטער צו זיין צייט האָט ער געברויכט וועלטליכע היסטאָרישע ווערק און אויך איבערגעגעבען דיא טראדיציאָנען פון אידישען פאָלק. בעזאָנדערס וויכטיג איז זיין געשיכטע וועגען דיא צייטען פון צווייטען בית המקדש און וועגען דיא חשמונאים, ווייל אויסער דיא לעגענדארישע מעשיות מיט נסים אין דיא תלמודישע שריפטען האָט מען וועגען דעם זעהר וועניג אנדערע היסטאָרישע קוועלען. מיר וואָלטען יעצט, צום ביישפיעל, גאנץ ווייניג געוואוסט וועגען דיא ריכטיגע געשיכטע פון חנוכה, ווען יאָזעפוס'עס ווערק וואָלט פערלאָרען געגאנגען.

מיט דיזער געשיכטע האָט ער ניט נאָר זיך אונשטערבליך גע־מאכט, זאָנדערן אויך געשאפען א הויכען מאָנומענט פיר זיין פאָלק. דורך זיין געשיכטע, וועלכע איז מעהר געלעזען געוואָרען פון קריס־טען וויא פון אידען, האָט ער בעקאנט געמאכט דיא ניט־אידישע

וועלט מיט דער אידישער. זיא איז איבערזעצט געוואָרען אין אלע שפּראכען, וויא אויך זיין „אידישע מלחמה“.

זעהר אינטערעסאנט איז אויך, אז דיא פּאטערס פון דער קריסטליכער קירכע האָבען אין איהר געזוכט עפּעס א בעווייז וועגען דיא עקזיסטענץ און דיא וואונדער פון יעזוס קריסטוס, וויא זיי זיינען בעשריעבען אין עוואנגעליום. ער האָט אבער אין ערגעץ אפילו ניט דערמאָנט וועגען דעם קריסטליכען משיח. אזוי ווי ער האָט געלעבט אין אָנפאנג פון קריסטענטהום און וואָלט נאטירליך געמוזט הערען וועגען דעם פּראָצעס און דיא קרייציגונג פון יעזוס, האָט מען זיך שטארק געוואונדערט, ווארום ער האָט עס פערשוויגען אין גאנצען. איינגע האָבען אויף דעם גרונד ערקלערט, אז דיא געשיכטע מיט יעזוס'ען איז גאָר ניט א היסטאָרישע, עפּעס א ווייטערהאָלונג פון לעגענדען וועגען בודאה, אנדערע האָבען איינפאך געפעלשט יאָזעפוס'עס שריפטען אין איינגע ערטער, אז מען זאָל מיינען, דאָס ער האָט געוואוסט פון דעם קריסטליכען משיח.

וועגען דיא עסעער (אסיים), צווישען וועלכע עס זיינען אויפגעקומען דיא ערשטע קריסטען, האָט ער גראדע זעהר פיעל געשריעבען, וויא מיר ווייסען עס שוין.

ווען ער האָט געענדיגט זיין גרויסע געשיכטליכע ווערק, האָט ער זיך געמוזט נעהמען צו דער פעדער צו פערטהיידיגען זיך געגען זיינע שונאים, וועלכע האָבען געזוכט אויפצוהעצען אויף איהם דעם טיראן דאָמיציאן. דאן האָט ער עס אָנגעשריעבען זיין „אָטאָביאָגראפיע“, פון וועלכער עס איז גערעדט געווען אין דיא פאָריגע קאַפּיטלאך.

אלס פערטהיידיגער פון אידען האָט ער זיך בעזאָנדערס ארויסגעוויזען אין זיינע צוויי ביכער געגען דעם גריכיש־עגיפּטישען יודענפרעסער אפּיאָן, מיט וועלכען פילאָ, דער אלעקסאנדרינער, איינער פון דיא גרעסטע, טיעפסטע דענקער און נאָבעלסטע מענשען פון זיין צייט, האָט אויך געהאט צו פיהרען א קאמפף.

דיזער אפּיאָן האָט זיך ניט בעגנוגענט בלויז מיט שריפטען, אין

וועלכע ער האט געשענדעט דיא אידען, ער האט אויך געהעצט צו בעפאלען דעם אידישען קווארטאל אין אלעקסאנדריא און איז אויסגעקליבען געווארן פון דיא גריכען אלס דעפוטאט צום קייזער קאליגולא, דאס מען זאל אוועקנעהמען ביי אידען דיא בירגער־רעכטע, וועלכע יוליוס צעזאר און זיינע נאכפאלגער האבען זיי בעווילינט.

יאזעפוס איז ארויסגעטראטען ניט נאר געגען אפיאן, זאנדערן געגען פיינדע און פערלוימדערס פון אידען. ער ערקלערט דיא אי־דישע רעליגיאן, דיא אידיישע מאראל, דיא אידיישע פיהרונגען, דיא אידישע געזעצע, און צייגט אן, אז זיי שטעהען העכער וויא אפילו דיא גריכישע. ער בעווייזט אויך, אז דיא אידיישע נאציאן איז א זעהר אלטע און אז משה'ס געזעצע שטימען מיט דער העכ־סטער מאראל. ער לייקענט אלע בעשולדיגונגען פון דיא אידישע געגנער און ווייזט וויא פאלש זיי זיינען.

אין דיזען בוך ערקלערט ער עס מיט פריידע, אז פיעלע גריכען און רוימער אנערקענען דיא אידיישע רעליגיאן, פערעהרען דעם אידישען גאט און דיא פארשריפטען פון דער תורה און ווערן גרים. איינינע שטעלען פון דיזען בוך, וועלכען מען קען אויף אונזער יעצטיגער שפראך אנרופען: „אן אנטווארט צו אנטיסעמיטען", ציינען קלאר, אז ער האט אויך געהאט אין אויג צו בעקעהרען גע־צענדיענערס צום יודענטהום.

יעדענפאלס האט ער מיט דיזע פאלעמישע ווערק פערדיענט דעם דאנק פון אלע אידען. מען מעג איהם דערפאר מוחל זיין פיעלע פון זיינע זינד אין דער צייט פון דער אונגליקליכער מלחמה. פאר דיא פערפאלגטע און נידערגעשלאגענע אידען אין דער רוימיישער אימ־פעריע איז עס זעהר וויכטיג געווען, אז דיא געצענדיענערס און בע־זאנדערס דיא גריכען, וועלכע זיינען נאך געבליבען דיא גייסטיגע פיהרערס, זאלען זיך בעקענען מיט דער אידיישער רעליגיאן און מיט דער אידישער געשיכטע. מען האט פארשפרייט וועגען זיי אזעלכע אונזיננינגע, אבער זעהר שעדליכע געשיכטען, דאס זיי פארעהרען אן עזעל אין בית המקדש (דיזע פערלוימדונג שטאמט פון אנטיוכוס

עפּיפאנעס, וועלכער איז בעקאנט צווישען דיא אידען אונטער דעם נאָמען אנטיוכוס הרשע און וועלכער האָט ארויסגערופען דעם אויפשטאנד פון דיא חשמונאים).

דער בוך געגען אפּיאָן איז געווען יאָזעפוס'עס לעצטע ליטעראַ־רישע ווערק (ערשינען ארום דעם 94טען יאהר). ער האָט דאן פער־שפּראָכען אָנצושרייבען א פילאָזאָפישע בעטראכטונג איבער דיא אידישע געזעצע און דיא שעפּפונג פון דער וועלט, אָבער ער האָט עס ניט געקענט אויספיהרען, ווייל דער טיראן דאָמיציאן האָט וואהרשיינליך געמאכט א סוף פון זיין פיעל געפּרופטען לעבען, וועלכער איז ניט איין מאָל געהאנגען אויף א האָאר.

ע נ ד ע

בר־כוכבא

דער העלדישער קריעגספיהרער און
קעניג פון אידען אין זייער לעטצטען
גרויסען אויפשטאַנד געגען רוים.

פון פיליפּ קראַנץ.

בר־כוכבא

איינלייטונג.

געשיכטע און תלמוד.

נאָך דער צערשטערונג פון מלכות יהודה, נאָך דעם שרעקליכען חורבן ירושלים, האָט זיך דער פייערדיגער און בלוטיגער קאמפף פון אידען געגען דיא רוימישע אונטערדריקער ניט געענדיגט. מען קען זאָגען, אז דיזער נאציאָנאל־רעליגיעזער קאמפף, וועלכער האָט קיין גלייכען צו זיך אין דער וועלט־געשיכטע, האָט זיך געצויגען אונגעפעהר הונדערט יאָהר נאָך חורבן ירושלים, דען אויך אין דער צייט, ווען אנטאָניוס פיוס איז געוועזען קייזער פון רוים, האָט אין ארץ ישראל אויסגעבראָכען א נייער אויפשטאנד. דאָס איז געוועזען ארום 161—165, ווען דיא פארטהען אָדער פערסען, וועלכע זיינען אייגענטליך קיין מאָל ניט אין גאנצען בעהערשט געוועזען פון דיא רוימער, האָבען זיך אריינגעריסען אין סיריען און האָבען בעזיעגט דיא ארמעע פון דעם רוימישען גובערנאטאָר קאָרנעליאנוס.

ירושלים איז געלעגען אין שטויב. אויף דעם אָרט פון א גרויסער און רייכער שטאָט זיינען געלעגען חורבות צוזאמענגעמישט מיט דיא ביינער פון העלדישע קעמפפערס. מען האָט דאָרט אויפגעבויט א געצענדיענערשע שטאָט אונטער דעם נאָמען עליא קאָפיטאָלינא. דאָרט וואו דער בית המקדש איז געשטאנען האָט מען אוועקגעשטעלט א הערליכען טעמפעל לכבוד יופיטער. אָבער דאָס האָט ניט געבראָכען דעם נאציאָנאל־רעליגיעזען גייסט פון אידישען פאָלק.

ליידער אָבער האָבען מיר זעהר ווייניג ריכטיגע היסטאָרישע

קוועלען וועגען דיזע שרעקליכע און העכסט אינטערעסאנטע פעריאָדע. אין דיא הונדערט יאָהר נאָך דעם חורבן, ווען אידען זיינען צייטענווייז פערפאָלגט געוואָרען אין ארץ ישראל פיללייכט נאָך גרויזאמער וויא דיא שפאנישע אידען אין דיא צייטען פון דער אינקוויזיציאָן, האָט זיך ניט געפונען איינער, וואָס זאָל אלעס פער־צייכנען און בעשרייבען פאר דיא צוקינפטיגע דורות, וויא יאָזעפוס פלאוויוס האָט עס געטאָן ביז זיין צייט. עס איז מעגליך, אז אידען האָבען עפּעס אָנגעשריעבען אין לשון קודש וועגען דיא אויפשטאנ־דען פון זייערע ברידער און דיא שריפטען זיינען פערלאָרען גע־גאנגען; נאָר ווען זיי וואָלטען געברויכט דיא גריכישע שפּראך, וואָלט געווים עפּעס פערבליבען דערפון. דיא היסטאָרישע ווערק פון יאָזעפוס פלאוויוס זיינען דאָך ניט פערלאָרען געגאנגען.

אין תלמוד געפינט מען נאָר, און דאָס אויך צו־וואָרפען, איינציגע זייטיגע איינצעלהייטען און לעגענדארישע געשיכטען. פיעלע תנאים זיינען געוועזען פערמישט אין דעם קאמפף געגען דיא רוימער, אָבער קיינער פון זיי האָט זיך ניט אָפּגעגעבען צו א גרינדליכע און ווירקליך היסטאָרישע בעשרייבונג אפילו פון דיא וויכטיגסטע פּאַ־סירונגען, וועלכע זיינען פערצייכענט געוואָרן מיט בלוט אונטער זייערע אויגען. זיי האָבען זיך אינטערעסירט פיעל מעהר מיט זיי־ערע רעליגיעזע פּלפּולים, מיט הקירות וועגען קליינליכע און אָפט גאנץ לעכערליכע זאכען, וועגען אן אויסגעבלאָזענע איי, וויא מיט דיא וויכטיגסטע וועלטליכע פּאסירונגען, אפילו אזעלכע, פון וועל־כע דיא צוקונפט פון זייער פאָלק און זייער גאנצע תורה איז גע־ווען אָפּהענגיג. פארביינגעהענדיג ווערען אין תלמוד איבערגעגע־בען מעשה'לעך וועגען אידישע העלדען און קעמפּפערס, אָבער גע־וועהנליך צוזאמענגעפלאָכטען מיט נסים און סתם פאנטאזיעס. פון כראָנאָלאָגיע האָבען דיא תנאים איבערהויפּט ניט געהאלטען. דיא צייט, ווען א געוויסע פאסירונג האָט געטראָפען, האָט זיי גאנץ וויייניג אינטערעסירט. אויך האָבען זיי ווייניג וואָס זיך גע־קימערט וועגען דיא אורזאכען פון יעדען בעזונדערן אויפשטאנד, אויסער נאטירליך דיא רעליגיעזע זייט פון דעם גאנצען קאמפף.

קורץ, פון תלמוד קען מען אזוי פיעל וויסען וועגען אידישע געשיכטע, וויא פון פאָלקס־לעגענדען. נאָר אין פערבינדונג מיט אנדערע קוועלען קען מען זיך בענוצען מיט דיא תלמוד׳ישע מעשה׳לעך און בעמערקונגען ביי אן ערנסטע היסטאָרישע נאָכפאָר־שונג. אָבער אזוי וויא אויך דיא איבערגעבליבענע גריכישע און רוימישע היסטאָרישע שריפטען ענטהאלטען גאנץ וועניג וועגען אידען, זאָ בלייבען פיעלע פונקטען זעהר דונקעל.

אפילו וועגען בר־כוכבא געפינען מיר אין תלמוד מייסטענס וואונדערליכע געשיכטען. אָהן רוימישע בעריכטען וואָלט מען זאָגאר ניט געוואוסט, ווען ער האָט אָנגעפאנגען דעם אויפשטאנד און ווען ביתר איז צושטערט געוואָרן. נאָך אלע גרינדליכע היסטאָרישע נאָכ־פאָרשונגען פון אונזער צייט בלייבט זיין פערזאָן א לעגענדארישע, וויא מיר וועלען עס זעהען.

נאָר איידער מיר וועלען איבערגעבען אלעס, וואָס מען קען יעצט וויסען וועגען דיזען זאָנדערבארען אידישען העלד, וועלען מיר אין קורצען שילדערן דיא געשיכטע פון דעם קאמפף נאָך חורבן ירושלים ביז זיין צייט, וויא אויך דעם דאמאָלסדיגען צושטאנד פון אידישען פאָלק.

ערשטער קאַפּיטעל.

דער אלגעמיינער אויפשטאנד פון אידען אין דער רוימישער אימפּעריע.

נאָך דאָמיציאן'ס טויט אין 96טען יאָהר איז אויפ'ן רוימישען טהראָן ארויף נערוואַ, וועלכער האָט בלויז געהערשט 16 מאָנאט זיין טויט איז בעדויערט געוואָרען פון אידען און קריסטען, וועלכע ער האָט צורוה געלאָזען. ער איז געוועזן גראדע דער היפּוך פון דעם קאפּריזנעם טיראן דאָמיציאן, טיטוס'עס ברודער, וועלכער האָט גרויזאם פערפאָלגט אידען, אידישע קריסטען און בעזאָנדערס גרים(*). ער האָט ערלויבט יעדען איינעם אָנצונעהמען דעם אידישען גלויבען און האָט אויך פערקלענערט דיא ספּעציעלע טאקסע אויף אידען. צום אנדענקען פון דיזער טאָלעראנץ האָט מען ארויסגעלאָזען א ספּעציעלע מטבע, אויף איין זייט פון וועלכער עס איז פאָרגעשטעלט געוואָרן דער קייזער נערוואַ און אויף דער אנדער זייט א פּאלם־בוים (דאָס איז איבערהויפּט דער צייכען פון ארץ־ישראל) מיט דער אויפשריפט: „אלע קלאגען וועגען דיא אידישע טאקסע זיינען צו ענדע".

אָבער באלד נאָך נערוואַ'ס טויט האָט זיך אָנגעפאנגען, קען מען זאָגען, אן אלגעמיינער אויפשטאנד געגען דיא רוימישע אימפּעריע. נערוואַ'ס נאָכפאָלגער איז געוועזן דער גענעראל טראיאנוס, וועלכער האָט געוואָלט נאָך ווייטער פערשפּרייטען דיא הערשאפט פון רוים איבער אזיען. ער האָט געטרוימט צו דערגרייכען ביז אינדיען, אזוי

(*) זעה דיא לעבענסבעשרייבונג פון יאָזעפוס פלאוויוס (יוסף בן מתתיהו), ארויסגעגעבען פון דער אינטערנאציאָנאלער לייברערי פּובּלישינג קאָמפּ.

וויא אלכסנדר מוקדון. ער האָט דארום אָנגעפאנגען א נייע מלחמה מיט דיא פּארטהען (פּערסען). אין דער צייט האָבען אין דיא לענדער צווישען דיא טייכען עפראטוס (פּרת) און טיגרים געלעבט א סך גריכען און אידען. נאָך חורבן ירושלים זיינען פיעלע אידען געקומען אהין און האָבען זיך בעזאָנדערס בעזעצט אין בבל און אין דער געגענד אדיאבענע לעבען דעם טייך טיגרים (פריהער איז דאָרטען געווען דיא אסירישע מלוכה), וואו דיא הערשענדע פאַמיליע האָט זיך א מאָל בעקעהרט צום יודענטהום. דיא אלטע פּערסישע מלוכה איז געווען צוטהיילט, צוברעקעלט און האָט ניט געקענט אויסהאלטען דיא אטאקע פון דיא רוימישע לעגיאָנען אונטער דער קאָמאנדע פון טראיאנוס. אָבער דיא דאָרטיגע אידען האָבען ניט געוועלט צולאָזען, אז דיא רוימער, דיא צערשטערער פון בית המקדש, זאָלען ווידער ווערן זייערע הערשער. זיי האָבען זיך דארום בעוואפענט וויא פאר א הייליגע מלחמה און בעשלאָסען צו קעמפפען אזוי וויא זייערע ברידער אין ירושלים געגען טיטוס'עס לעגיאָנען.

נאָר אזוי וויא דיא אידען זיינען געווען צוזאווארפען אין פערשיעדענע ערטער און האָבען זיך אויך ניט פערבונדען וויא געהעריג, זיינען זיי בעזיגט געוואָרן. דיא שטאָט ניזבים, וואו עס האָבען זיך געפונען א סך אידען, האָט זיך בעזאָנדערס מוטהיג פערטהיידיגט. טראיאנוס האָט איהר געקענט איינגעהמען ערשט נאָך א לאנגע בעלאגערונג. דער קעניג פון אדיאבענע האָט זיך זעהר בראוו געוועהרט געגען דעם איבערפאל פון דיא רוימער, אָבער ער האָט זיך שליסליך אונטערגעגעבען. דערמיט איז אָבער דיא מלחמה נאָך וויים ניט געווען צו ענדע. דיא רוימער האָבען ניט איין מאָל בעזיעגט דיא פּארטהען, אָבער דיא לעצטע פלעגען זיך אין א קורצער צייט אויפהויבען און פעריאָגען דיא זיעגערס.

נאָך זיינע ערשטע זיעגען האָט טראיאנוס, וועלכער איז שוין געווען אן אלטער מאן (ער איז אלט געווען 60 יאָהר, ווען ער איז געוואָרען קייזער), זיך אָבגערוהט אין אנטיאָכיא אין ווינטער פון 115; אָבער וויא עס איז געקומען פריהלינג, האָט ער זיך ווידער

א לאָז געטאָן, אום צוצוקומען צו אינדיען און אויפ'ן וועג זיך אָפּ־צורעכענען מיט דיא אידען, וועלכע האָבען בעזאָנדערס געקעמפּפט געגען איהם און וועלכע האָבען גענומען א גרויסען אנטהייל אין דעם אויפשטאנד פון דיא פּארטהען.

אין דער צייט זיינען דיא אידען ארויסגעטראָטען געגען רוים כמעט אין אלע ערטער, וואו זיי האָבען זיך נור געפונען. זייער אויפ־שטאנד האָט זיך פערשפּרייטעט איבער אזיען און אפריקא, פון בבל ביז מצרים און ליביא (אזוי האָט מען דאן גערופען גאנץ נאָרד־אפריקא פון מצרים ביז דעם אטלאנטישען אָקעאן). וויא אזוי דיעזער אויפשטאנד האָט זיך אזוי שנעל און ווייט פערשפּריי־טעט און ווער עס האָט איהם אָרגאניזירט, ווייס מען ניט, נאָר ער איז געווען א שרעקליך בלוטיגער.

דער צענטר פון דיזען אויפשטאנד איז געווען ארץ ישראל, וואו עס זיינען אויפגעוואקסען נייע קרעפטע אין דיא 45 יאָהר נאָך חורבן ירושלים. דיא אָנפיהרערס, רעכענט מען, זיינען געווען צוויי אלעקסאנדרינער אידען מיט דיא נעמען פּאפּוס און יוליאנוס. זיי זיינען געווען זעהר רייך און האָבען געהאט א גרויסען איינפלוס אויף זייערע ברידער.

דיא אידען אין מצרים, וועלכע זיינען געווען טריי צו דיא רוי־מער אפילו אין דער צייט פון חורבן ירושלים, אום צו האָבען א שטיצע אין זיי געגען דיא גריכען, האָבען זיך דיזעס מאָל פער־בונדען מיט זייערע ברידער אין ארץ ישראל און אין אנדערע ער־טער. זיי האָבען זיך הפּנים אנפאנגס גוט אָרגאניזירט, דען זיי האָבען ניט נאָר אטאקירט עטליכע שטעט, וואו זיי האָבען אויסגע־שלאכטעט דיא רוימער און דיא גריכען, זאָנדערן זיינען אויך בע־פאלען דיא רוימישע ארמעע אונטער דער קאָמאנדע פון דעם גע־נעראל לופּוס. דיזער אויפשטאנד איז שנעל אומגעוואנדעלט גע־וואָרען אין א שוידערליכען ראסען־קאמפּף. דיא רוימער האָבען זיך פערבונדען מיט דיא גריכען און אלע געצענדיענערשע פעלקער געגען דיא אידען, אוןביידע זייטען האָבען פערגאָסען טייכען בלוט.

ווען דיא ארמעע, וועלכע דיא אידען האָבען צוזאמענגעקליבען,

האָט בעזיעגט לופּוס'עס לעגיאָנען, האָבען דיא גריכען און רוימער צוזאמענגעקליבען זייערע קרעפטע און זיינען בעפאלען דעם אי־דישען קווארטאל אין אלעקסאנדריא, וואו זיי האָבען בעגאנגען דיא גרעסטע גרויזאמקייטען. דיא אידישע סאָלדאטען האָבען זיי גע־צאָהלט מיט דער זעלבער מטבע. זיי זיינען בעפאלען אנדערע שטעט, וואו זיי האָבען אָהן ערבארמען געשאָכטען דיא רוימער און גריכען. דער גריכישער היסטאָריקער אפּיאן, וועלכער האָט איבערגעלאָזען א קורצע בעשרייבונג וועגען דעם אויפשטאנד פון דיא אידען אין מצרים, וואָלט וואהרשיינליך ערמאָרדעט געוואָרען פון אידישע סאָלדאטען, אזוי וויא טויזענדע אנדערע גריכען, ווען איהם וואָלט ניט געלונגען צו אנטלויפען ביי נאכט אויף א שיפעל אויף דעם נילוס. ער דערצעהלט, אז אידישע סאָלדאטען האָבען זיך נאָכגע־יאָגט נאָך דיא שיפלאך, אויף וועלכע דיא גריכען האָבען געזוכט רעטונג, און אז זיי פלעגען אויסשלאכטען אלע געפאנגענע. ער דער־צעהלט, אז דער האס פון דיא אידען צו דיא רוימער און גריכען איז געוועזען אזוי גרויס, דאָס זיי פלעגען זאָגאר פרעסען דיא פלייש פון דיא גפאנגענע, זיך אויסשמירען אין זייער בלוט און זיך ארומ־וויקלען אין דיא הויט, וואָס זיי פלעגען אראָפּרייסען פון זייערע געטויטעטע שונאים.

נאָר דאָס איז געוויס איבערטריבען. זיכער איז אָבער, אז דיא אידען זיינען בעגאנגען אזעלכע רציחות, וויא דיא רוימער און גריכען. מען רעכענט, אז דיא אידען האָבען אויך געצוואונגען זייערע געפאנגענע שונאים זיך צו ראנגלען אין צירקען מיט ווילדע חיות, גראדע וויא אספּסינוס און טיטוס האָבען עס געטאָן מיט דיא געפאנגענע אידען נאָך חורבן ירושלים.

וויא ווייט מען וויים פון דיא גריכישע בעריכטען, האָבען דיא אידען אויסגעשלאכטעט 200 טויזענד גריכען און רוימער אין דער געגענד סירענאיקא (צום' וועסטען פון מצרים). פילע ערטער אין ליביא זיינען אזוי פערוויסטעט געוואָרן דורך דיזען אויפשטאנד, אז עטליכע יאָהר שפּעטער האָט מען געשיקט מענשען צו גרינדען קאָלאָניעס דאָרטען.

אויך אויף דעם אינזעל סיפרוס, וואו אידען האבען זיך זייט לאנג בעזעצט, האט אויסגעבראכען א בלוטיגער אויפשטאנד געגען רוים. מען האט בעהויפטעט, אז דיא אידען האבען דארטען צו־שטערט דיא הויפטשטאט סאלאמיס און געטויטעט איבער 200 טויזענד גריכען.

אין דער צייט האט זיך טראיאנוס געפונען מיט זיין ארמעע אין בבל. ווען נאר ער האט דערהערט פון דעם אויפשטאנד אין מצרים, סירענאיקא און סיפרוס, האט ער געשיקט איינעם פון זיינע בעסטע גענעראלען, מארציוס טורבא, צו מאכען א סוף פון דיא אידען אום יעדען פרייז. דעם זעלבען בעפעהל האט ער אויך געגעבען דעם גע־נעראל קוויעטוס, וועלכען ער האט בשטימט פאר זיין נאכפאלגער.

דער לעצטער גענעראל האט געהאט צו פיהרען א לאנגען און שווערען קאמפף מיט דיא באבילאנער אידען. וועגען דיזען קאמפף וויים מען כמעט גאר ניט אויסער, אז קוויעטוס האט אומגעבראכט טויזענדער אידען און האט צושטערט דיא שטעט ניזבים און עדעסא, וועלכע דיא אידען האבען פערטהיידיגט מיט פערצווייפ־לונג. עס איז זאגאר אונבעקאנט, ווער עס האט אנגעפיהרט דיא אידען אין בבל. פון איין גרויסע שלאכט וויים מען נאר אזוי פיעל, אז דער רוימישער גענעראל מאקסימוס איז דאן געטויטעט געווארן. אויב אידען פון בבל האבען איבערגעלאזען בעריכטען וועגען דיזען אויפשטאנד, זיינען זיי פערלארען געגאנגען. דיא רוימער האבען דאן געהאט צו אונטערדריקען אזוי פיעל אויפשטאנדען, אז זיי הא־בען זיך ניט געקימערט וועגען איינצעלהייטען אין יעדען פאל.

וועגען דיא אונטערדריקונג פון דיא אויפשטאנדען אין מצרים, סירענאיקא און סיפרוס זיינען אויך געבליבען זעהר קורצע בע־ריכטען. מארציוס טורבא האט געצייגט זיינע פעהיגקייטען אלס גע־נעראל און זיין ווילדע גרויזאמקייט ביי דער אונטערדריקונג פון דיזען אויפשטאנד. ער האט אטאקירט מיט א שטארקער ארמעע יעדען פלאץ בעזונדער. דיא אידען האבען זיך פערצווייפעלט פער־טהיידיגט, אבער האבען אויך איבעראל פערלארען. טייכען אידישע בלוט זיינען דערביי פערגאסען געווארען. דיא געפאנגענע פלעגט

מען צוהאקען אין שטיקער. דיא פּראכטפאָלע אלקעסאנדריער סי־נאגאָגע איז דאן אויך צושטערט געוואָרן.

ווען טורבאָ האָט איינגעשטילט דיא אידען אין מצרים און סי־רענאיקא, האָט ער זיך א נעהם געטהאָן צו סיפּרוס. וואָס עס איז דאן דאָרטען פאָרגעקומען, ווייס מען גאָר ניט. וואהרשיינליך איז דאָרטען איין איד ניט לעבעדיג געבליבען, דען מען האָט נאכהער ארויסגעלאָזען א געזעץ, אז קיין איד טאָר ניט צוקומען נאָהענט צו דיא ברעגעס פון דעם אינזעל, אפילו אזעלכע, וואָס ווילען צושווימען פון אונטערגעגאנגענע שיפען אין צייט פון א שטורם. אזוי אונמענשליך איז מען געווען צו אידען.

צווייטער קאַפּיטעל.

אַדריאַן'ס פערשפּרעך צו לאָזען בויען א בית המקדש.

טראיאנוס האָט דאָך ניט געקענט אויספיהרען זיין פּלאַן איינ־צונעהמען דיא לענדער פון דיא פּארטהען. ער האָט שליסליך גע־מוזט אָפּטרעטען פון בבל. פון ערגערנעס איז ער קראנק געוואָרן און אין עטליכע מאָנאט געשטאָרבען אין סיריען. זיין נאָכפאָלגער האָט געזאָלט זיין קוויעטוס, וועלכער האָט אונטערדריקט דעם אויפ־שטאנד פון אידען אין בבל און ווען ער האָט נאכהער געשיקט, אלס בעלוינונג, נאָך פּאלעסטינא צו שטיקען און ווערגען דיא דאָרטיגע אידען. נאָר זיין ווייב פּלאָטינא האָט אויסגעפיהרט, אז אדריאן (אדריאנוס), איהרער א נאָהענטער קרוב, זאָל ערקלערט ווערן פון דער ארמעע פאר דעם קייזער.

דאָס איז געווען אין 117טען יאָהר נאָך דער קריסטליכער צייט־רעכענונג. קוויעטוס איז שוין דאן געווען אין ארץ ישראל, וואו דיא אידען האָבען זיך אָרגאניזירט צו א גרויסען אויפשטאנד. ווען דיא אידען וואָלטען אין אלע פונקטען גלייכצייטיג ארויס מיט אלע זייערע קרעפטע געגען דיא רוימער און וואָלטען געווען שטארק פערבונדען, קען זיין, אז זיי וואָלטען געבראָכען דיא רוימישע אימ־פעריע, וועלכע האָט זיך אלץ מעהר געטרייסעלט. נאָר נאכדעם, וויא טורבאָ האָט זיי אונטערדריקט אין אפריקא און קוויעטוס אין בבל, האָבען זיי שוין גאנץ ווייניג געקענט אויפטהאָן אין פּאלעסטינא. וועגען דיא אונטערדריקונג פון דיזען אויפשטאנד וויים מען אויך זעהר ווייניג. וואהרשיינליך, האָבען דיא אידען זעהר שטארק געלי־טען, וויא נאָר קוויעטוס איז אָנגעקומען, דען צו דער צייט האָט מען איינגעפיהרט נייע טרויער־טעג. מען האָט אויך גרינדע צו רעכענען, אז קוויעטוס האָט אונטערדריקט דעם סנהדרין פון יבנה.

עס איז שווער צו זאָגען, וויא פיעל צרות קוויעטוס וואָלט נאָך אנגעמאכט דיא אידען, וועלכע ער האָט געוועלט איינפאך אויסראָ־טען אויף דעם בעפעהל פון טראיאנוס, ווען דער נייער קייזער וואָלט איהם אליין ניט געשיקט אויף יענער וועלט. אדריאן איז געווען א זעהר זאָנדערבארער מענש. ער האָט ניט געקענט רוהען און בלייבען אויף איין אָרט. ער האָט אויך ניט געקענט צושטעהן צו אירגענד וועלכע פילאָזאָפישע לעהרע; ער האָט זיך געסטארעט, אז מען זאָל איהם ניט נאָר פערעהרען אלס קייזער, זאָנדערן אויך בעטראכטען פאר א פילאָזאָף און א ליעבהאָבער פון קונסט. אָבער וואָס לענגער ער האָט געהערשט, אלץ טיראנישער איז ער געוואָרען. דיא אידען האָבען יעדענפאלס געליטען פון איהם מעהר צרות וויא פון אלע אנדערע רוימישע קייזערס צוזאמען.

אָנפאנגס האָט ער זיך ארויסגעצייגט זעהר פריינדליך צו אידען, אבער דאָס איז הפנים נור געווען א דיפּלאָמאטישער שריט. וויא נאָר דער טויט פון טראיאנוס איז בעקאנט געוואָרען, האָבען פיעלע פעלקער זיך אויפגעהויבען אראָפּצושליידערן פון זיך דעם רוימישען יאָך. אין בבל און דיא לענדער ארום, וויא אויך אין עטליכע געגענדען פון קליין־אזיען און אין בריטאניען (ענגלאנד) האָט מען זיך בענוצט מיט דיעזער געלעגענהייט צו ווערען אונאבהענגיג. עס האָט אויסגעוויזען, אזוי וויא דיא גאנצע ריעזיגע געביידע פון דער רוימישער אימפעריע וועט צופאלען ווערען אויף שטיקער. אונטער אזעלכע אומשטענדען האָט אדריאן געפונען, אז עס איז בעסער און זיכערער אָנצוגיין מיט גוטען און נאָכגעבען א ביסעל, איידער צו אונטערדריקען מיט מיליטערישע מאכט אזוי פיעל אויפשטאנדען מיט איין קלאפּ. ער האָט דאן געצייגט, אז ער איז א בעסערער פּאָליטיקער וויא א גענעראל און האָט דערמיט גערע־טעט דיא אימפעריע.

דיא פּערסען האָט ער גלייך בעוויליגט אלע זייערע פאָרדערונגען. ער האָט געמוזט אנערקענען דיא אונאבהענגיגקייט פון דיא מלוכות אין דיא פּארטהאנער לענדער, ווייל ער האָט גוט געזעהען, דאָס ער איז נימ אין שטאנד זיי איינצונעהמען. ער האָט אויך בעוויליגט

פיעלע פּאָרדערונגען אין אנדערע פּראָווינצען. וואָס אנבעלאנגט צו דיא אידען פון פּאַלעסטינא, האָט ער ניט נאָר פערשפּראָכען אראָפּ־צוזעטצען דעם גרויזאמען קוויעטוס, זאָנדערן אויך צו לאָזען אויפ־בויען א נייעם בית המקדש. דאָס לעצטע איז נאַטירליך געוועזן דיא הויפּטפאָרדערונג פון דיא אידען.

מיט דיזע פערשפּרעכונגען האָט אדריאַן גלייך בערוהיגט אלע אידען. עס איז שווער צו זאָגען, אויב ער האָט אין דער צייט אויפ־ריכטיג געדיינקט אויסצופיהרען זיין פערשפּרעך וועגען בית המקדש, נאָר זיכער איז עס, אז ער האָט זיך באלד אָבגעזאגט דערפון און האָט נאָך אויף דער ערגסטער ארט גענומען פערפאָלגען דיא אידען. זיין פערשפּרעך וועגען אראָפּזעצען דעם גובערנאטאָר קוויעטוס האָט ער אויף'ן אָרט אויסגעפיהרט, אָבער דאָס האָט ער געטאָן ניט אוים פריינדשאפט צו דיא אידען, זאָנדערן אוים האס צו זיין מעג־ליכען קאָנקורענט, צו א מאן, וועלכער איז געוועזן א געוויסע צייט טראיאנום'עס יורש.

נאָך אידישע בעריכטען, האָט קוויעטוס געקראָגען אדריאַן'ס בעפעהל צו פערלאָזען פּאַלעסטינע גראדע אין דעם טאָג, וויא דיא אָנפיהרערס פון דעם אויפשטאנד, פּאַפּוס און יוליאנוס, זיינען געפיהרט געוואָרען צום עשאפאָט. יעדענפאלס האָט מען דעם טאָג פון דער בעפרייאונג פון דיזע צוויי פיהרערס געפייערט מיט גרויס שמחה. דאָס איז געוועזן דעם 12טען אדר (מערץ 118), און דיזער יום טוב האָט געטראָגען דעם נאָמען „יום טראיאנוס". א קורצע צייט נאָכדעם האָבען דיא אידען געהאט דיא צופרידענהייט, דאָס קוויעטוס איז הינגעריכטעט געוואָרען אויף אדריאַן'ס בעפעהל.

אבער זייערע האָפנונגען אויף דער אויפבויאונג פון בית המקדש זיינען געבליבען א זיסער טרוים. זיי האָבען זיך אומזיסט געפרעהט, דאָס איידער עס וועלען פּאַריבער 50 יאהר נאָך דעם צווייטען חורבן, וועט מען אָנפאנגען צו בויען א נייעם בית המקדש, דען וויא נאָר אדריאַן האָט זיך גענומען פיהלען פעסטער אויף זיין טהראָן, האָט א דרעה געטאָן דאָס רעדעל צוריק. גלייך אָפּזאָגען זיך פון זיין פערשפּרעכען האָט איהם ניט געפּאסט, נאָר ער האָט אלע

אָבגעלייגט. איינמאָל, ווען דיא אידען זיינען שטארק צוגעשטאנען צו איהם, האָט ער געגעבען צו פערשטעהן, דאָס ער וויל, אז דער בית המקדש זאָל ניט געבויט ווערען אויף דעם פריהערן אָרט. א'ן אנדערס מאָל האָט ער ערקלערט, אז דער נייער בית המקדש דארף זיין קלענער וויא דער אלטער.

אזוי זיינען פאַראיבער צעהן יאהר. דיא אידען האָבען גאַנץ גוט פערשטאנען, אז אדריאן זוכט נאָר תירוצים זיך ארויסצודרעהען און זיי אָפּצונארען. נאָך איין בעריכט האָבען דיא סאמאריטאנער (שמרונים) אונטערגעהעצט דעם קייזער ניט נאָכצוגעבען דעם פער־לאנג פון דיא אידען. זיי האָבען איהם ערקלערט, אז וויא נאָר דיא אידען וועלען האָבען א בית המקדש, וועלען זיי גלייך אנפאנגען א'ן אויפשטאנד צו געווינען אונאבהענגיגקייט. אבער אדריאן זעלבסט האָט גוט געוואוסט, דאָס דער בית המקדש איז פאר דיא אידען ניט נאָר א רעליגיעזער טעמפּעל, זאָנדערן אויך א פּאָליטישע קראפט, דארום האָט ער בעשלאָסען ניט צו האלטען זיין פער־שפּרעכען.

א גרויסער טהייל פון דיא אידען אין פּאלעסטינא איז אזוי אויפגערעגט געוואָרען דורך דיא דריידלעך פון דעם קייזער, דאָס זיי האָבען גלייך געוואָלט מאכען א'ן אויפשטאנד. א סך האָבען זיך בעוואפענט און האָבען זיך צוזאמענגעקליבען אויף א פעלד לעבען רמון און זיי וואָלטען וואהרשיינליך אָנגעפאנגען א נייעם קאמפּף געגען רוים, ווען דער תנאי יהושע, וועלכער איז צו דער צייט געווען דער ראש הסנהדרין, וואָלט ניט מיט נאָך אנדערע וויכטיגע מיטגליעדער פון דער פרידענס־פּארטיי זיי אָבגעהאלטען פון אזא געפעהרליכען שריט.

אין 130טען יאהר האָט אדריאן, וועלכער האָט ארומגערייזט צו זעהען אלע פּראָווינצען פון זיין ריעזיגע אימפּעריע און צו בעפרי־דיגען זיין נייגיערינקייט און ליעבע צו ענדערונגען און נייע סצענען, אויך בעזוכט פּאלעסטינע. ער האָט אויפגענומען פערטרע־טער פון רוימער, גריכען, אידען, קריסטען, שמרונים און אנדערע פעלקער, וועלכע האָבען דאן דאָרטען געלעבט, און האָט אויסגעהערט

זייערע מיינונגען. אלע פעלקער האבען זיך געבוקט צו איהם אזוי וויא זיי וואלטען איהם געהאלטען פאר א גאט. זיי האבען אויך געבעטען, ער זאל ניט נאכגעבען דעם פערלאנג פון דיא אידען.

וויא דיא אידען האבען איהם אויפגענומען, ווייס מען ניט, וואהרשיינליך, ניט פריינדליך, דען זיי האבען איהם נאטירליך ניט געקענט פערגעבען, דאס ער האט ניט געהאלטען זיין ווארט. ער פון זיין זייט האט אפען ארויסגעצייגט זיין פיינדשאפט צו זיי, דען עס האט איהם געערגערט, וואס ער איז פריהער געצוואונגען געווען זיך צו בויגען פאר זיי. ער האט זיך געזעהען מיט אייניגע אידישע פערטרעטער, ספעציעל מיט דעם תנאי יהושע, וועלכער איז געווען געאכטעט פון גאנצען פאלק און האט אנגווענדעט זיין גאנצען איינפלוס אבצוהאלטען זיינע ברידער פון א'ן אויפשטאנד. נאר וועגען זיינע געשפרעכען מיט דיא אידישע פערטרעטער ווייס מען גאר ניט, אויסער לעגענדען.

דער רעזולטאט פון אדריאן'ס רייזען איבער פאלעסטינע איז יעדענפאלס געווען, אז ער האט געלאזט וויסען דעם סענאט אין רוים, דאס דיא אידען זיינען פריעדליך און דאס מען דארף גאר ניט מורא האבען פאר זייערן א'ן אויפשטאנד. צו דער צייט האט ער זיך איינגערעדט, אז ער וועט קענען אויסגלייכען אלע פעלקער און גלויבענס און זיי צוזאמענשמעלצען מיט דיא רוימער. ער האט זיך הפנים גערעכענט פאר א גאט, ווען ער האט געקענט טרוימען, דאס דיא אידען און אויך דיא קריסטען וועלען קענען לעבען פריינדליך מיט דיא געצענדיענערס און דאס דיא אידען וועלען אין גאנצען פערגעסען, וואס זיי האבען אויסגעליטען פון דיא רוימער.

אין דער ווירקליכקייט האבען דיא אידען נאר געווארט אויף א געלעגענהייט אנצופאנגען א נייעם אויפשטאנד. זא לאנג אדריאן איז פערבליבען אין סיריען (ארום 131טען יאהר), האבען דיא פיהרערס פון דער קריעגס־פארטיי זיך צוריקגעהאלטען; נאר וויא ער איז אוועק נאך מצרים, האבען זיי געמאכט אלץ גרעסערע פאר־בערייטונגען צו דעם קאמפף. ער האט זיי אליין געטריעבען דערצו מיט זיין משוגע'נעם פלאן אויפצובויען א געצענדיענערשע שטאדט

אויף דעם פּלאַץ פון ירושלים. גראדע ווען ער איז אַפּגעפאָהרען פון אלעקסאנדריא, האָט מען אָנגעפאנגען אָפּצוראמען דיא חורבות פון אמאָליגען ירושלים, אום דאָרט צו בויען א שטאדט נאָך א גריכישען מוסטער.

אדריאן האָט געמיינט, אז דערמיט וועט ער מאכען א גוטען אָנפאנג צו פערבינדען אלע פעלקער אין דער רוימישער אימפּעריע, אבער ער האָט נאָר נאטירליך אויפגעבראכט אלע אידען. אדריאן׳ס פּלאן האָבען זיי בעטראכטעט אלס א פערזוך צו שענדען זייער רעלי־גיאָן און זייער הייליגע שטאדט.

אום אויסצומיידען אן אויפשטאנד, האָט די פריעדליכע פּארטיי געשיקט דעם אלטען תנאי יהושע נאָך מצרים בעטען דעם קייזער ער זאָל זיך אָבזאָגען פון זיין פּלאן אומצו־וואנדלען ירושלים אין א געצענדיענערשע שטאדט. אבער אדריאן האָט זיך אויס־געלאכט פון דיא אידישע און קריסטליכע רעליגיאָנען און האָט זיך איינגעשפּארט, אז ניט אנדערש ער מוז צייגען זיין מאכט אפילו איבער דיא גלויבענס פון זיינע אונטערטהאנען. דער תנאי האָט אומזיסט געבעטען. ער האָט זיך צוריקגעקעהרט א געבראָכענער, און פון הארצוועהטאָג איז ער באלד געשטאָרבען.

נאָך יהושע׳ס טויט האָבען דיא אויבער־האנד געקראָגען דיא פיהרערס פון דער קריעגס־פּארטיי. דיא אויפרעגונג געגען דעם קייזער און געגען דער רומישער הערשאפט איז געוואָרען אלץ גרעסער, ביז עס האָט אויסגעבראָכען דער גרויסער אויפשטאנד, אין וועלכען דער מערקווירדיגער מענש, וואס איז בעריהמט געוואָרען אונטער דעם נאָמען בר־כובבא, האָט געשפּיעלט דיא הויפּט־ראָלע.

דריטער קאפּיטעל.

דער אָנפאנג פון בר־כוכבא'ס אויפשטאנד.

ווייניג קאפּיטלעך אין דער אידישער געשיכטע זיינען אזוי דונקעל, וויא דער אויפשטאנד אונטער דער פיהרונג פון בר־כוכבא. דיא אורזאכען פון דיזען אויפשטאנד זיינען קלאָר, ווען מען נעהמט אין אנבעטראכט אלע פּאסירונגען אין דיא זעכציג יאהר נאָך דעם צווייטען חורבן. מען קען זאָגען, אז דיא אידען זיינען דיזע צייט געווען אין א'ן אָפענעם קאמפּף מיט דיא רוימער און האָבען איין מינוט ניט אויפגעגעבען דיא האָפנונג ערלייזט צו ווערען פון דעם אונערטרעגליכען יאָך. מיר האָבען אויבען געזעהן, וויא ווייט דיא אידען האָבען אין אלע טהיילען פון דער רוימישער אימפּעריע געקעמפּפט פאר זייער גלויבען און נאציאָנאלע אונאבהענגיגקייט; מיר האָבען אויך געזעהן, אז ווען זיי וואָלטען געווען בעסער אָרגאניזירט און פערבונדען אין דער צייט, ווען טראיאנוס האָט געוואָלט ווערען א צווייטער אלכסנדר מוקדון, וואָלט זיי פיעלייכט געלונגען צו ברעכען דיא מאכט פון דיזער אימפּעריע וועניגסטענס אין אזיען.

נאָר נאָך אזא ריעזיגע אָנשטרענגונג האָבען שוין דיא צווייטע אידען מעהר גאָר ניט געקענט מאכען. עס איז זאָגאר א וואונדער, וויא אזוי זיי האָבען געקענט פיהרען אזא לאנגען קאמפּף מיט דיא רוימישע לעגיאָנען אין מצרים. נאָך דיא אונטערדריקונג פון דיא אויפשטאנדען אין בבל, מצרים, סירענאיקא און סיפּרוס זיינען דאָרטען דיא אידען אזוי אָבגעשוואכט געוואָרען, דאָס זיי האָבען שוין ניט געקענט העלפען זייערע ברידער אין זייער פאטערלאנד. פּאלעסטינע האָט זיך געמוזט פערלאָזען אויף איהרע אייגענע קרעפטע.

וויא גרויס זיינען געוועזן דיזע קרעפטע, ווען אדריאן האָט ניט נאָר געבראָכען זיין וואָרט, זאָנדערן האָט זיך נאָך אויסגעלאכט פון דיא אידען, ווען יהושע האָט איהם געבעטען רחמים ניט צו שענדען דיא חורבות פון דער הייליגער שטאדט? דאָס קען מען ניט וויסען. מיר האָבען קיינע געשיכטליכע בעריכטען וועגען דיא גרויסקייט פון דיא שטעדט און וועגען דיא צאָהלען פון זייערע איינוואָהנער אין פּאלעסטינע. נאָך חורבן ירושלים און דיא אויסשלאכטונגען פון געפאנגענע האָבען ניט פיעל אידען געקענט פערבלייבען אין ארץ ישראל; אבער דאָך זיינען שוין געוועזן גרויסע אידישע שטעדט אין אדריאן׳ס צייט. האָבען זיי זיך אזוי שנעל פערמעהרט אָדער זיינען צונעקומען אידען פון אנדערע ערטער? וועגען דעם האָבען מיר וויעדער קיינע ריכטיגע בעריכטען. אזוי וויא אדריאן האָט געמוזט שיקען זיין בעסטען גענעראל מיט א׳ן ארמעע פון א 100,000 סאָלדאטען צו אונטערדריקען דעם אויפשטאנד אונטער בר־כוכבא׳ס פיהרונג, זאָ מוז מען אָננעהמען אז דיא אידישע בעפעלקערונג איז דאן געוועזן א ציעמליך גרויסע. דער צענטער פון דיזער בעפעלקערונג איז געוועזן אין גאלילעא (גליל). הפּנים דיא שטעדט, וואָס האָבען זיך בעצייטענס אונטערגעגעבען אין דער צייט פון אספּסינוס און טיטוס, האָבען געקענט וואקסען אָהן בעזונדערע שטערונגען.

דיא בעסטע און זיכערסטע קוועלען וועגען דיזען אויפשטאנד געפינט מען אין דיא בעשרייבונגען פון דעם גריכישען היסטאָריקער דיאָ קאסיום. ער בעהויפּטעט, אז בר־כוכבא האָט צוזאמענגעקליבען ביז א האלבען מיליאָן סאָלדאטען און ביי דער אונטערדריקונג פון דעם אויפשטאנד זיינען געפאלען א האלבער מיליאָן אידען, ניט רעכנענדיג דיא יעניגע וואָס זיינען געשטאָרבען פון הונגער.

וויא אזוי דער אויפשטאנד האָט זיך אָנגעפאנגען און וויא בר־כוכבא איז געוואָרען דער אנפיהרער, דאָס קען מען זיך יעצט פאָרשטעלען, ווען מען פאָרשט נאָך דיא לעגענדען און נסים־געשיכטען וועגען זיין פּערזאָן און דיא עטליכע היסטאָרישע פאקטען וועגען דעם קאמפּף מיט דיא רוימער.

דער ריכטיגער נאָמען פון דיזען זאָנדערבארען קריעגס־פיהרער,

וועלכער האָט אויך געשפּיעלט דיא ראָלע פון א משיח, איז געוועזן בר־כוזיבא, ווייל ער איז געבאָרען געוואָרען, רעכענט מען, אין דער שטאדט כוזיבא. ווען ער איז געבאָרען געוואָרען, ווער זיינע עלטערן זיינען געוועזן, וואָס ער האָט געטאָן ביז ער איז פּלוצלונג געוואָרען דער פערגעטערטער פיהרער פון אידישען פאָלק — דאָס בלייבט אין גאנצען אונבעקאנט. מען האָט בעהויפּטעט אז ער שטאמ׳ט פון דוד המלך; נאָר דאָס האָט מען הפנים געטאָן, אום צו קענען איהם ערקלערען פאר א משיח בן דוד. דיא רוימער האָבען זיך נאטירליך גאָר ניט געקימערט וועגען דעם, און דיא איבערגעבליבענע אידישע בעריכטען זיינען פול מיט נסים און לעגענדעס.

מען רעכענט, אז דעם נאָמען „בר־כוכבא“, וואָס עס בעדייטעט דער „שטערן־זוהן“, האָט ער געקראָגען פון רבי עקיבא, וועלכער איז געוועזן א הייסער פּאטריאָט און האָט געשפּיעלט א וויכטיגע ראָלע אין דעם אויפשטאנד. דיזער תנאי איז גאָר ניט געראָטען געוועזן אין רבי יהושע, וועמעס אָרט ער האָט פערנומען אין סנהדרין. ער איז ניט נאָר געוועזן אייזער פון דיא גרעסטע תנאים, זאָנדערן אויך א פייערדיגער פּאטריאָט און א מוטהיגער מאן. דיא רוימער האָט ער געהאסט מ׳ט זיין גאנצען הארצען און האָט אויפגעמונטערט דיא אידען צום קאמפּף. פאר זיין פּאטריאָטיזמוס האָט ער אויך בע־צאָהלט מיט זיין לעבען.

מען מוז אָננעהמען, אז רבי עקיבא איז ניט נאָר געוועזן דיא נשמה פון דעם אויפשטאנד, זאָנדערן ער האָט אויך געשאפען דיא שטארקע האנד, וועלכע האָט דערלאנגט שטארקע קלעפּ דיא רוימישע לעגיאָנען. נאָך איידער בר־כוכבא איז ארויסגעטראָטען אלס א קריעגספיהרער, האָט רבי עקיבא שטילערהייד אָרגאניזירט דעם אויפשטאנד. אין דער צייט, וואָס אדריאן האָט פערבראכט אין מצרים, גלויבענדיג, אז דיא אידען וועלען שוין ניט וואגען אָנצופאנגען א קאמפּף מיט זיינע לעגיאָנען, האָט מען אין פּאלעסטינע שטילערהייד פאבריצירט געוועהר און אויסגעגראָבען געהיימע הייהלען און דורכגענגע אין די בערג, אום צו קענען בעסער אטאקירען דיא רוימער. דער רוימישער גובערנאטאָר רופוס האָט

אָנגעהאלטען א סך שפּיאָנען, אבער דיא פּאָרבערייטונגען צום אויפ־שטאנד זיינען אזוי געהיים געמאכט געוואָרען, דאָס ער האָט איינ־פּאַך דעם קאָפּ פערלאָרען און אדריאן איז א צוציטערטער געוואָרען, ווען בר־כוכבא איז ארויסגעטראָטען מיט א גרויסע ארמעע.

ווען און וויא אזוי רבי עקיבא און בר־כוכבא האָבען זיך צוזאמענגעטראָפען, ווייס מען ניט, נאָר עס קען קיין צווייפעל ניט זיין, אז דער פיזישער ריעז האָט געמאכט א גרויסען איינדרוק אויף דעם גייסטיגען ריעז. בר־כוכבא איז געווען יונג, מוטהיג און שטארק געבויט. וועגען זיין גבורה דערצעהלט מען וואונדער. זיינע פעהיגקייטען אלס קריעגספיהרער האָט ער ניט איין מאָל בעוויזען אין שלאכטען מיט דיא רוימער. מען קען זאגען, אז אזא קאָמאנדיר האָבען דיא אידען ניט געהאט זייט דיא חשמונאים. אין דיזער בעציהונג האָט רבי עקיבא זיך ניט גענארט, ווען ער האָט איהם אויסגעקליבען פאר דעם אָנפיהרער.

דיא וואונדערליכע געשיכטען, מיט וועלכע בר־כוכבא'ס נאָמען איז פערבונדען געוואָרען, צייגען, אז ער איז ניט געווען א גע־וועהנליכער מענש און אז מען האָט איהם גלייך גענומען פער־געטערן פאר זיינע מיליטערישע פעהיגקייטען און פאטריאָטישע בעגייסטערונג. ער איז וויא געשאפען געוואָרען צו פיהרען דיא אידען געגען דיא רוימער. דער גלויבען, אז ער איז א משיח, איז וואהרשיינליך איינגעפלאנצט געוואָרען פון רבי עקיבא, וועלכער האָט איהם בעוואונדערט און האָט עס אָפען ארויסגעצייגט ביי יעדער געלעגענהייט, אום אלע פאטריאָטען זאָלען איהם אנערקענען פאר זייער בעשערטען פיהרער און איהם פאָלגען. זָהן דיא מאָראלישע שטיצע פון רבי עקיבא וואָלט בר־כוכבא וואהרשיינליך ניט געקענט שפּיעלען אזא גרויסע ראָלע און אנערקענט ווערען פאר א משיח און קעניג.

דיזער אויפשטאנד האָט זיך אָנגעפאנגען אזוי ערפאָלגרייך, אז מען האָט ווירקליך געקענט מיינען, דאָס ענדליך וועט מען ברעכען דיא מאכט פון דיא רוימער און געווינען אונאבהענגיגקייט. דיא בעגייסטערונג איז געווען גרויס אין אלע ווינקעלאך פון ארץ

ישראל. פון אלע זייטען זיינען געקומען קעמפפערס אונטער דער משיח־פאַהן פון בר־כוכבא. אפילו דיא שמרונים זיינען דיזעס מאָל צוגעשטאַנען צו דיא אידען, דען זיי האָבען אויך זעהר געליטען אונטער דעם רוימישען יאָך. דיא אטאקע איז געוועזען אזוי שטארק און גוט געפיהרט, דאָס דער רוימישער גובערנאטאָר טיניוס רופוס האָט געמוזט צוריקטרעטען אלץ ווייטער צו דיא פּאָרט־שטעדט לעבען מיטעל־מעער. אין פערלויף פון איין יאהר, ספּעציעל אין אָנפאנג פון 133טען יאהר, האָט רופוס פערלאָרען איין פעסטונג נאָך דער אנדערער. ביז 50 בעפעסטיגטע ערטער און 985 שטעדט און דערפער זיינען געבליעבען אונטער דער הערשאפט פון בר־כוכבא. אין דער צייט איז וואהרשיינליך קיין איינציגער רומישער סאָלדאט ניט פערבליעבען אין ארץ יהודה, גליל און שמרון.

פון דעם נאָרד־טהייל פון גליל, ספּעציעל אין דער אומגעגענד פון רמון, וואו דער אויפשטאנד האָט זיך אָנגעפאנגען, האָט בר־כוכבא אלץ ווייטער געיאָגט דיא רוימער און איז אין עטליכע מאָנאט געוואָרען דער הערשער, קען מען זאָגען, פון גאנץ ארץ ישראל. אויך ירושלים איז פערנומען געוואָרען פון בר־כוכבא'ס מחנות, און דיא בעגייסטערטע קעמפפערס האָבען זיך שוין געקליבען צו בויען א בית המקדש. יעדענפאלס האָבען זיי דאן גערעכענט, אז זיי וועלען באלד קענען אויספיהרען זייער טרוים וויעדער אויפצו־בויען דיא היילינע שטאדט. עס איז איבעריג צו זאגען, אז אלע סמנים פון גריכיש־רוימישען געצענדיענסט זיינען דאָרט צושטערט געוואָרען.

אום צו צייגען פאר דיא גאנצע וועלט, אז דיא אידען האָבען וויעדער געגרינדעט א'ן אייגענע מלוכה, האָט בר־כוכבא געהייסען ארויסלאָזען אידישע מטבעות, וועלכע מען האָט גערופען געוועהנליך מיט זיין נאָמען און פון וועלכע אייניגע זיינען נאָך ביז'ן היינטיגען טאָג פערבליעבען אין מוזעאומען.

פיערטער קאפיטעל.

דיא אונטערדריקונג פון דעם אויפשטאנד.

ווען אדריאן האט ערהאלטען דיא ערשטע נאכריכטען וועגען דעם אויפשטאנד אין פאלעסטינע, האט ער זיך וועניג געקימערט. ער האט געגלויבט, אז דיא רוימישע סאלדאטען וועלען לייכט ביי־קומען דיא אידען. מיר ווייסען שוין, אז ער האט זיך איבערהויפט איינגערעדט, דאס דיא אידען וועלען מעהר ניט מאכען א'ן אויפ־שטאנד. נאר ווען ער האט געקראגען בעריכטען וועגען דיא נידער־לאגעס פון זיינע לעגיאנען און וועגען דיא ביטערע לאגע, אין וועל־כער זיין גובערנאטאר האט זיך דאן געפונען, האט ער זיך זעהר דערשראקען און גענומען האסטיג שיקען פערשטערקונגען.

אבער בר־כוכבא האט זיי אויך געשלאגען. זיין שטערן האט דאן אזוי געגלאנצט, דאס עס איז קיין וואונדער, וואס דיא אידען האבען איהם געהאלטען פאר א משיח און יעדענפאלס פאר א געט־ליכען מאן, וואס איז געשיקט געווארען זיי צו ערלייזען פון רוימישען יאך. צוויי יאהר האט בר־כוכבא געהערשטווירקליך וויא א'ן אונ־אבהענגיגער קעניג. אויף יעדען פונקט האט ער געזיעגט. פיעלע בעריהמטע רוימישע גענעראלען, וועלכע אדריאן האט ארויסגעשיקט נאך פאלעסטינע, האבען פערלארען זייער רעפוטאציאן אין שלאכ־טען מיט דער אידישער ארמעע אונטער דער קאמאנדא פון בר־כוכבא.

אדריאן איז דאן אזוי פערצווייפעלט געווארען, אז ער האט גערופען צו הילפע דעם גענעראל סעווערוס, וועלכער האט דאן געהאט צו אונטערדריקען דעם אויפשטאנד פון דיא מוטהיגע און קריגערישע איינוואהנער פון בריטאניא (ענגלאנד). דיזער סעווערוס איז גערעכענט געווען פאר דעם בעסטען גענעראל אזוי וויא

אספסינוס אין זיין צייט, און ער האָט אויך באלד בעוויזען, אז מען האָט אין איהם קיין טעות געהאט. ווען ער איז אָנגעקומען אין פאלעסטינע און האָט בעטראכט דיא לאגע, האָט ער בעשלאָסען ניט צו שטעלען אלעס אויף איין קאָרט און אויסצומיידען א'ן אָפענע שלאכט מיט בר־כוכבא'ס ארמעע, ביז ער וועט ניט איינ־געהמען עטליכע פעסטונגען. אין אלגעמיין האָט ער געהאנדעלט אזוי וויא אספסינוס מיט קנאפע 70 יאהר צוריק, ווען ער האָט מאר־שירט דורך גליל.

דיא שטארקסטע אידישע פעסטונגען האָבען זיך געפונען אין דער געגענד צווישען עכו און ביתר, לעבען דיא ברעגעס פון מיטעל־מעער און דעם ירדן, מייסטענס אין דיא בערג לעבען דיא אָזערע פון גליל (ים כנרת). דיא שטעדט קאבול, סיכין און מאגדאלא זיינען געוועזען אזוי שטארק בעפעסטיגט, אז סעווערוס האָט לאנג געמוזט אָנשטרענגען אלע זיינע קרעפטע ביז ער האָט זיי איינ־גענומען. דיזע דריי שטעדט האָבען געבילדעט דיא ערשטע רייהע פון דיא פעסטונגען, וועלכע בר־כוכבא האָט פערזאָרגט מיט אזוי פיעל בעשיצונגס־מיטעל וויא פיעל ער האָט נאָר געקענט. אין דיזער געדיכט־בעפעלקערטער געגענד איז נאָר איין שטאדט געוועזען שטילערהייד געגען דעם אויפשטאנד. דאָס איז געוועזען סעפפאָרים (צפוריה), וועלכע האָט זיך אויך שנעל אונטערגעגעבען צו דיא רוימער אין דער צייט פון אספסינוס. אויסער דיזע ליניע פון פעסטונגען, האָט נאך בר־כוכבא אויפגעבויט א'ן אנדערע, וועלכע האָט זיך געצויגען אין אונטערשטען טהייל פון גליל, אבער מען ווייס ניט אויף ריכטיג זייערע נעמען.

יוליוס סעווערוס האָט זיך ארייינגעריסען אין ארץ ישראל דורך גליל אזוי וויא אספסינוס און טיטוס. ער האָט צוזאמענגעקליבען זיינע לעגיאָנען אין סיריען און פעניקיען און האָט מארשירט אויף דיא ערשטע רייהע פעסטונגען פון גליל. ער האָט זיך ניט געאיילט צו אטאקירען און האָט איבערהויפט אויסגעמיידעט זיך צוזאמענ־צוטרעפען מיט א שטארקע ארמעע אונטער בר־כוכבא'ס קאָמאנדע, ווייל ער האָט זעהר מורא געהאט טאָמער וועט איהם ניט געלינגען

צו זיגען. זיין רעכנונג איז געווען ביסלעכווייז אויסצומאטערען די אידישע קרעפטע און זיי צוטהיילען וויא ווייט נאָר מעגליך. בעזאָנדערס האָט ער געהאָפּט, אז דיא אידען וועלען בלייבען אָהן לעבענסמיטעל, ווען דיא מלחמה וועט זיך ציהען לענגער, דען דיא פעלדער וועלען בלייבען אונבעארבייטעט, וויא באלד דיא אקער־בויער וועלען מוזען בלייבען אין דיא פעסטונגען. ער האָט גע־וואוסט, אז דיא אידען וועלען ניט קענען קריעגען שפייז פון דיא לענדער ארום אפילו פאר א סך געלט, און פיעל געלט האָבען זיי איבערהויפּט ניט געהאט. ארץ ישראל איז דאן געווען א לאנד פון אקער־בוי, און ווי באלד מען האָט א יאָהר ניט געקענט פערזייהען גענוג, האָט מען טאקי געהאט ווייניג שפייז. ווייטער פלעגט סעווערוס ארויסשיקען זיין קאוואלעריע צו אטאקירען איינצעלנע אבטהיילונגען פון אידישע סאָלדאטען און אויך דערפער. דיא אידען האָבען, קען מען זאגען, גאָר קיין קאוואלעריע ניט געהאט און האָבען דורך דעם זעהר פיעל געליטען.

דיזער קאמפּף איז געווים געווען אזא שרעקליכער וויא אין דיא צייטען פון אספּסינוס און טיטוס, אבער לײדער האָט זיך ניט געפונען א יאָזעפוס פלאוויוס וואָס זאָל בעשרייבען דיא איינצעל־הייטען און איבערגעבען דיא העלדענטהאטען פון דיא נייע קעמפּפערס פאר נאציאָנאלע אונאבהענגיגקייט. מיר ווייסען אפילו ניט דיא נעמען פון דיא העלדען, וועלכע האָבען זיך אויפגעאָפּפערט צו פערטהיידיגען דיא פעסטונגען, וועלכע זיינען ביסלעכווייז אריינ־געפאלען אין דיא הענד פון דיא רוימער. פון דיא אידישע לעגענ־דען ,וועלכע זיינען פערצייכענט געוואָרן, קען מען שליסען, אז דיזער נייער דור פון ענטהוזיאסטישע פאטריאָטען האָט פרגאָסען מיט בלוט יעדען שריט פון דיא רוימישע לעגיאָנען. דיזע לעגענדען דערצעהלען, אז א׳ן ארמעע פון 100,000 מאן אונטער דער קאָמאנדע פון סעווערוס האָט איינגענומען דיא פעסטונג טור־שמעון (וואהר־שיינליך איינע פון דיא פעסטונגען וועלכע שמעון, איינער פון דיא ברידער־חשמונאים, האָט אויפגעבויט) און האָט דריי טעג און דריי נעכט געשלאכטעט דיא איינוואָהנער.

די ערשטע פעסטונג, וועלכע סעווערוס האָט איינגענומען, איז וואהרשיינליך געווען קאבול, ניט ווייט פון דער פעסטונג יאָטאַ־פאטא, וועלכע האָט זיך בעריהמט געמאכט מיט איהר פערטהיידי־גונג געגען אספסינוס און אין וועלכער יאָזעפוס פלאוויוס איז געפאנגען געוואָרען. די פעסטונג קאבול איז געלעגען אויף׳ן וועג פון פעניקיען און פון עכו און איז געפאלען, לויט אידישע בעריכטען, דורך די אונאייניגקייט פון איהרע פערטהיידיגער. נאָך די זעלבע בעריכטען, איז די פעסטונג סיכין צושטערט געוואָרען דורך „בישוף" און די פעסטונג מאגדאלא לעבען ים כנרת איז אונטער־געגאנגען דורך די „גרויסע עבירות פון איהרע איינוואָהנער". נאטירליך, אזעלכע בעריכטען זאָגען אונז גאָר ניט אויסער דעם פאקט, אז אלע דריי פעסטונגען זיינען איינגענומען געוואָרען פון די רוימער.

דורך דעם איז יעדענפאלס געבראָכען געוואָרען די הויפט־מאכט פון די אידען. דער אויפשטאנד איז שוין געווען פערלאָרען גראדע ווי ווען אספסינוס האָט צושטערט די פעסטונגען יאָטאפאטא און גיסכאלא. אין דעם טהאָל פון רמון, וואו גרויסע מחנות פאטריאָ־טען האָבען זיך פערזאמעלט, אום אָבצוהאלטען דעם מארש פון די רוימער, איז פאָרגעקומען די גרעסטע שלאכט, נאָר וועגען איהר ווייס מען יעצט מעהר ניט וויא עטליכע לעגענדען. מיר האָבען קיינע היסטאָרישע בעריכטען וועגען די צאהלען קריעגערס און וועגען די געטויטעטע פון ביידע זייטען. געזיעגט האָבען די רוימער. נאכדעם זיינען זיי צוגעקומען צו דער צווייטער רייהע פעסטונגען, וועלכע זיי האָבען שוין לייכטער און שנעלער איינגענומען.

ביסלעכווייז זיינען אלע 50 בעפעסטיגטע פלעצער אריינ־געפאלען אין רוימישע הענד. אין אלגעמיין, רעכענט מען, זיינען פאָרגעקומען איבער 50 שלאכטען צווישען די רוימער און די אידען. בר־כוכבא האָט אליין געמוזט צוריקטרעטען צו ביתר, וועלכע איז דאן געווען די הויפטשטאדט פון ארץ ישראל און וועלכע האָט געהאט א זעהר גרויסע בעפעלקערונג. ווען מען זאָל זיך פערלאָזען אויף די לעגענדארישע בעריכטען. יעדענפאלס זיינען זיך דאָר־

טען צוזאמענגעקומען אלע פאטריאָטען, וועלכע האָבען זיך גערעטעט פון דיא רוימישע שווערדען. בר־כוכבא האָט זיך דאָרטען בעפעס־טיגט און בעשלאָסען צו פּרובירען זיין מזל, וועלכער האָט איהם פערלאָזען זייט סעווערוס האָט איבערגענומען דיא קאָמאנדע איבער דיא רוימישע לעגיאָנען.

אויף'ן וועג נאָך ביתר האָבען דיא רוימער אלעס חרוב געמאכט. דיא פאטריאָטען, וועלכע האָבען געהאט דעם אונגליק אריינצופאלען אין זייערע הענד, זיינען צָהן ערבארמען אויסגעשלאכטעט געוואָרען. סעווערוס האָט אונטערדריקט דעם אויפשטאנד נאָך גרויזאמער וויא אספּסינוס און טיטוס. וואָס אנבעלאנגט צו בר־כוכבא, האָט ער ניט בעהאנדעלט גרויזאם דיא געפאנגענע רוימער.

וויא ווייט מען ווייס, איז ער איבערהויפּט ניט געווען א גרוי־זאמער מענש. בלויז דיא אידען, וועלכע האָבען זיך בעקעהרט צום קריסטענטהום, די אנטי־פאטריאָטישע אידיש־קריסטליכע סעק־טאנטען, האָט ער ניט געשאנעוועט. אָבער ער האָט זיי נאָר פער־פאָלגט דערפאר, וואָס זיי האָבען זיך ענטזאגט צו מאכען יד אחת מיט זייערע ברידער, וועלכע זיינען געבליעבען טריי דעם אלטען גלויבען. ער האָט זיי בעטראכטעט פאר פעררעטהער און האָט זיי אומ־געבראכט, ווען זיי פלעגען זיך אָפּזאָגען צו קעמפפען געגען דיא רוימער. נאָך דיא קריסטליכע בעריכטען האָט ער פערלאנגט פון דיא אידיש־קריסטליכע סעקטאנטען, אז זיי זאָלען זיך אָפּזאָגען צו אנערקענען יעזוס'ן פאר א משיח. עס איז מעגליך, אז ער האָט אזוי געהאנדעלט, ווייל ער האָט אליין געשפּיעלט דיא ראָלע פון א משיח און איז יעדענפאלס געווען געגען א גלויבען, דאָס א משיח האָט זיך בעוויזען פאר איהם און איז געקרייציגט געוואָרען.

אָבער דיא בעריכטען, אז ער האָט פערלאנגט, דאָס דיא קרי־סטען זאָלען איהם אנערקענען פאר דעם ריכטיגען משיח, זיינען וואהרשיינליך פאלש. עס זיינען ניטאָ קיינע היסטאָרישע בעוויזע, אז בר כוכבא האָט פערפאָלגט דיא אידישע קריסטען, דיא מינים, אביונים און דיא אסיים בלויז פאר זייער גלויבען. ווען זיי וואָלטען צוגעשטאנען צו דיא אידען אין דיזען שרעקליכען און

לעצטען קאמפף געגען רוים, וואָלט מען זיי געוויס ניט גערי‌הרט. זיי זיינען אָבער געשטאנען פון וויטענס און האָבען גלייכגילטיג צוגעקוקט, וויא זייער פּאָטערלאנד ווערט פערוויסטעט און וויא דיא בעסטע מענשען ווערען אויסגעשלאכטעט. קיין וואונדער דארום, דאָס אלע אידישע פּאטריאָטען האָבען זיי געהאסט און פערפאָלגט. מען רעכענט, אז פון דיזער צייט האָט זיך עס אָנגע־פאנגען דער ביטערער האס צווישען אידען און קריסטען, א האס, וועלכער האָט געפיהרט צו דער פערגיסונג פון טייכען בלוט אין דער וועלט. ביז דער צייט האָט מען אויף קריסטען געקוקט, וויא אויף אידישע סעקטאנטען און מען האָט נאָר געפיהרט שטריי־טען מיט'ן פעדער און מיט'ן צונג, אָבער אין דער צייט פון דיזען קאמפף פאר די אונאבהענגיגקייט פון ארץ ישראל האָט זיך אָפען בע־וויזען דער אָבגרונד צווישען אידען און קריסטען, און דיא אידען האָבען גענומען קוקען אויף זייערע קריסטליכע ברידער וויא אויף פעררעטהער.

פינפטער קאפיטעל.

דיא צערשטערונג פון ביתר און בר־כוכבא'ס טויט.

מען רעכענט, אז ניט ווייניגער וויא אנדערטהאלבען יאהר האט עס געדויערט ביז סעווערוס האט געקענט צוקומען צו ביתר, דיא לעצטע און גרעסטע פעסטונג פון דיא פאטריאטען, וועלכע האבען זיך געצויגען אהין פון אלע זייטען אזוי וויא אונגעפעהר מיט 70 יאהר צוריק נאך ירושלים. דיא רוימער האבען אלץ ענגער ארומגערינגעלט דיזען פלאץ; אבער ביז זיי האבען איינגענומען און צושטערט ביתר, דיזע קרוין פון עמק השרון, איז פאריבער א יאהר.

נאך אידישע נסים־בעריכטען איז ביתר געווען אזא גרויסע שטאדט, אז דארטען האבען זיך געפונען עטליכע הונדערט שולען און אז דיא תלמידים וואלטען געקענט פעריאגען א גאנצע ארמעע מיט זייערע שרייב־שטעקעלעך. אויב אפילו א העלפט פון אזא צאהל מענשען האבען זיך דארטען געפונען אין דער צייט פון דער בעלאגערונג, איז אויך צו גלויבען, אז פערד האבען געשוואומען אין בלוט און אז דער בלוטיגער שטראם האט זיך געטראגען צום ים, מיטשלעפענדיג טויטע קערפערס, נאכדעם וויא דיא רוימער האבען זיך אהין אריינגעריסען און האבען אלעמען אויסגעשלאכטעט.

דער אמת איז, אז אפילו וועגען דיא צערשטערונג פון ביתר האבען מיר יעצט נאר א פאר ריכטיגע איינצעלהייטען. דיא קעמפפער האבען זיך מוטהיג פערטהיידיגט און האבען גע־קראגען וואסער און שפייז דורך אונטעראירדישע פערבינדונגען, זא דאס דיא רוימער זיינען אויסגעמאטערט געווארען און סעוועררוס האט זיך זאגאר געקליבען אפצוטרעטען. לויט נאך אידישע און סאמאריטאנער בעריכטען האט סעווערוס אויפגעגעבען דיא

בעלאגערונג, ווען דיא איינוואָהנער פון ביתר האָבען געצייגט, אז זיי האָבען ערהאלטען א סך שפייז. דער רוימישער גענעראל האָט זיך איבערצייגט, אז דיא אידען בעקומען פערשטערקונג און נאה־רונגס־מיטעל דורך א געהיימען וועג אונטער דער ערד. אזוי וויא ער האָט דיזען וועג ניט געקענט ענטדעקען, האָט ער הפנים זיך בערעכענט, אז עס איז גלייכער פאר איהם אָפּצוטרעטען. נאָר אין דיזען מאָמענט זיינען דיא בעלאגערטע פערראטהען געוואָרען פון דיא שמרונים, וועלכע זיינען אנפאנגס צוגעשטאנען צום אויפ־שטאנד. דיזע פעררעטהער האָבען אָנגעצייגט דיא רוימער וויא אזוי מען קען אריין אין דער שטאָט דורך א הייל.

איין אידישע לעגענדע דערצעהלט, אז ביתר איז צושטערט געוואָרן, ווייל בר כוכבא האָט ערמאָרדעט זיין אָנקעל, דעם פער־עהרטען רבי אליעזר. דיזער רבי איז פון אָנפאנג אָן געווען געגען דעם אויפשטאנד. ער האָט ניט אויפגעהערט אָפּצורייידען דיא אי־דען פון א נייעם קאמפף מיט רוים און האָט זיי פאָראויסגעזאָגט א ביטערען סוף. ווען דער אויפשטאנד האָט אויסגעבראָכען, האָט ער געטרויערט און געקלאָגט. ווען ביתר איז בעלאגערט געוואָרען, איז ער געשטאנען וויא אין טרויער, בעשאָטען דעם קאָפּ מיט אש, און האָט געבעטען גאָט, אז וויינינגסטענס דיזע שטאָט זאָל גערע־טעט ווערן פון רוימישע הענד. פיעלע האָבען געגלויבט, אז דורך זיין זכות וועלען דיא רוימער ניט קענען איינעהמען דיא שטאָט. דאָך שיינט עס צו זיין זיכער, אז דיזער צדיק איז ערמאָרדעט גע־וואָרן פון בר כוכבא.

וויא אזוי דאָס איז געשעהען, ווייס מען ניט אויף ריכטיג. איין מעשה דערצעהלט, אז רבי אליעזר האָט אין דער צייט פון דער בעלאגערונג געהאלטען א דרשה, אין וועלכער ער איז ארויפ־געטראָטען געגען דיא פאטריאָטען און וואהרשיינליך אויך די־רעקט געגען בר כוכבא. ער זאָל האָבען ערקלערט, אז דער ווידער־שטאנד איז נוצלאָז און אז מען וועט נור אומזיסט פערגיסען אי־דישע בלוט, ווען מען וועט זיך ניט אונטערגעבען.

דיזע דרשה האָט שרעקליך אויפגעבראכט ניט נאָר בר כוכבא'ן,

זאָנדערן אויך אלע פאטריאָטען. בר־כוכבא האָט גלייך צוזאמענגע־רופען זיינע אדיוטאנטען און דיא עלטסטע פון שטאָט, אום צו בעשטימען, וואָס מען זאָל טאָן מיט דעם רבי. מען דערצעהלט, אז בר־כוכבא האָט, זיצענדיג אויף דעם טהראָן אלס קעניג, געהאל־טען אזא רעדע:

„רבותי, איהר ווייסט גאנץ גוט, אז אלע אידען האָבען גע־שוואָרען אין גאָט'ס נאָמען צו קעמפפען געגען דיא רוימער ביז דעם לעצטען אָטהעם. יעדערער וואָס וועט ברעכען דיזע שבועה, פער־דינט דעם טויט. נון, רבי אליעזר האָט געהאלטען א דרשה אין סי־נאגאָגע און האָט גערעטהען דעם פאָלק צו שליסען פריעדען מיט דיא רוימער און האָט אויך פאָראויסגעזאָגט, אז זאָנסט וועט אונ־זער שטאָט צושטערט ווערן. דארום פאָרדער איך אייך אויף אָפ־צוגעבען אן עהרליכען אין אונפארטייאישען פסק".

דיא ריכטער האָבען ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. פון איין זייט האָבען זיי צוגעגעבען, אז רבי אליעזר פערדינט דעם טויט, ווייל ער האָט געפּרעדיגט פריעדען מיט דיא רוימער אין א צייט, ווען דער גאנצער ערפאָלג פון דעם אויפשטאנד העננגט אָפּ פון איי־ניגקייט; פון דער אנדער זייט האָבען זיי געוואוסט, אז דער רבי איז א הייליגער מאן און זיינען געווען אונטער דעם איינפלוס פון דעם פערשפּרייטען אבערגלויבען, דאָס זאָ לאנג ער וועט בלייבען לעבען, וועט ביתר ניט אונטערגעהן, נאָר בר־כוכבא איז ארויס פון געדולד און אין א מינוט פון ווילדער אויפרעגונג האָט ער זיך א וואָרף געטאָן אויף רבי אליעזר און האָט איהם אריינגעשטאָכען א שווערד אין הארץ.

נאָך אן אנדער מעשה איז רבי אליעזר געטויטעט געוואָרן פון בר־כוכבא דורך אן אינטריגע פון א סאמאריטאנער שפּיאָן. דיזער סאמאריטאנער האָט זיך צוגע'גנב'עט צום רבי, ווען דער לעצטער איז געווען פערטיפט אין א תפילה וויא געוועהנליך, און האָט איהם עפּעס אריינגעראמט א סוד, אום ארויפצוציהען א פערדאכט אויף איהם. אזוי וויא מען האָט געוואוסט, אז דער רבי איז געגען דיא מלחמה, האָט מען דעם סאמאריטאנער פערהאלטען און גע־

נומען פארנאנדערפרעגען, וואָס ער האָט איהם מיטגעטהיילט. ער האָט געגעבען אזא אנטוואָרט צו בר־כוכבא: „אויב איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, וועט מיין הערר מיך טויטען; אויב איך וועל האלטען דעם סוד, וועסטו מיך טויטען; אָבער איך וויל בעסער שטארבען פון דיין האנד וויא פון מיין הערר'ס". בר־כוכבא האָט ניט אנדערס גערעכענט, אז עס האנדעלט זיך עפּעס וועגען א פער־רעטהערישע פערשווערונג, און ער איז אזוי אין כעס געוואָרן אויף רבי אליעזער, אז ער האָט איהם דערלאנגט א זעץ מיט'ן פוס, דאָס דער אלטער איז באלד אויסגעגאנגען. דאן, הייסט עס אין דער לע־גענדע, האָט זיך דערהערט א בת־קול: „דו האָסט פערקריפּעלט דיא האנד פון ישראל און איהם בלינד געמאכט, דארום וועלען דיינע הענד און אויגען פערלירען זייער קראפט".

מיט אזעלכע לעגענדען, וויא געזאָגט, איז פערבונדען דיא גאנצע לעבענס־געשיכטע פון בר־כוכבא און פון דער מלחמה, וועלכע ער האָט אָנגעפיהרט אונגעפעהר פיער יאָהר. אָבער ניט אלע זיינען זיי אפילו בעגרינדעט אויף ווירקליכע פאסירונגען. דיא מעשה מיט רבי אליעזר האָט א גרונד אין דעם פאקט, דאָס ער איז אָפען ארויסגעטראָטען געגען דעם קאמפף און דאָס ער איז דערפאר פעראורטהיילט געוואָרן צום טויט אלס א פערעטהער.

מען קען אויך אָננעהמען פאר א היסטאָרישען פאקט, דאָס ביתר איז פערראטהען געוואָרן פון איינעם אָדער עטליכע סאַ־מאריטאנער, וועלכע זיינען אונטערגעקויפט געוואָרן פון דיא רוימער, דען דיא געשיכטען פון דיא סאמאריטאנער בעשטעטי־גען עס. יעדענפאלס איז עס זעלבסט־פערשטענדליך, אז דיא רוי־מער האָבען אָנגעהאלטען שפּיאָנען אין ביתר און אז דורך דיזע שפּיאָנען האָבען זיי ענדליך אויסגעפונען דיא געהיימע וועגען אונ־טער דער ערד, דורך וועלכע זיי האָבען זיך ארייננעריסען אין דער שטאָט.

אָבער וויא אזוי דיא רוימער איז ניט געלונגען ארייגצורייסען זיך אין דער שטאָט, נאָר אן אויסשלאכטונג האָבען זיי געמאכט א שרעקליכע אפילו נאָך יענע בארבארישע צייטען. דיא אידען

האָבען געקעמפּפט וויא לייבען און האָבען א פּאָר מאָל צוריקגע־שטויסען דיא אטאקעס פון דיא רוימער, וועלכע זיינען אלץ צו־ריקגעקומען אין גרעסערע צאָהלען, אָבער שליסליך האָבען זיי ניט געקענט אויסהאלטען דעם אנגריף. עס האָבען זיך וואהרשיינ־ליך ווידערהאָלט דיא זעלבע שוידערליכע סצענען וויא אין דער צייט, ווען טיטוס׳עס לעגיאָנען האָבען זיך ארייננעריסען אין ירושלים; נאָר עס פעהלען אירגענד וועלכע היסטאָרישע בעריכ־טען וועגען דעם. מען קען זיך פאָרשטעלען, אז דיא אידען האָבען טהייער בעצאָהלט פאר זייער לעבען. אין דיא טייכען בלוט, וועל־כע זיינען דאָרט פערגאָסען געוואָרען, זיינען אויך געוועזען גרויסע שטראָמען פון רוימישע בלוט.

דער קאמפף אין דיא גאסען האָט געדויערט עטליכע טעג. יע־דען פּונקט האָבען דיא רוימער געמוזט שטורמען, און ביי יעדער אטאקע זיינען פילע פון זיי געפאלען צוזאמען מיט דיא פערצווייי־פעלטע פאטריאָטען. סעווערוס האָט אזוי פיעל סאָלדאטען פערלאָ־רען, אז אדריאן האָט ניט געוואגט צו געברויכען אין זיין בעריכט צום סענאט אין רוים דיא געוועהנליכע ווערטער: „איך און דיא ארמעע זיינען וואָהל“. דער סענאט האָט אויך ניט בעוויליגט דעם קייזער א טריאומף־פּראָצעסיאָן, דען דער זיעג האָט צו טהייער גע־קאָסט. מען האָט נאָר ארויסגעלאָזען מעדאלען מיט א דאנק צו דער ארמעע.

לויט גריכישע און אידישע בעריכטען האָבען זיך דיא רוימער ארייננעריסען אין ביתר א געוויסען שבת, ווייל זיי האָבען צו גוט געוואוסט, אז דיא אידען פלעגען אויסמיידען צו פיהרען שלאכטען און צו געברויכען געוועהר אין דיזען טאָג. צוליעב שבת האָבען דיא אידען ניט איין מאָל פערלאָרען וויכטיגע שלאכטען. זייערע שונאים פלעגען געוועהנליך אויסקלייבען א שבת פאר זייערע אטא־קעס. ווען ביתר איז צושטערט געוואָרן, ווייס מען ניט גענוי. נאָך אידישע לעגענדען איז עס גראדע געשעהן תשעה באב, נאָר וואהרשיינליך האָט מען דיזען טאָג אויסגעקליבען, ווייל ער איז געוועזען גערעכענט פאר אן אונגליקליכען ביי אידען. מען האָט

הפנים געוואָלט, אז אין דיזען טאָג זאָל מען טרויערן חורבן ביתר צוזאמען מיט חורבן ירושלים.

ווען און וויא אזוי בר־כוכבא איז געפאלען, איז אונבעקאנט. וואהרשיינליך איז ער געטויטעט געוואָרען אין א שלאכט. א רוי־מישער סאָלדאט האָט געבראכט זיין קאָפּ צו גענעראל סעווערוס און האָט זיך נעריהמט, אז ער האָט עס געטויטעט דעם אידישען העלד; אָבער ווען מען האָט בעטראכט זיין קערפּער האָט מען געפונען, אז ער איז גאָר געטויטעט געוואָרען פון א שלאנג. א לעגענדע דער־צעהלט, דאָס סעווערוס האָט דערביי בעמערקט: „ווען גאָט'ס האנד וואָלט איהם ניט געטויטעט, וואָלט קיין מענשליכע האנד איהם ניט געקענט בייקומען".

זיכער איז עס, אז בר־כוכבא האָט העלדיש געקעמפּפט ביז דער לעצטער מינוט און אז ער האָט ניט פערידענט דעם שימפף־נאָ־מען בר־כוזיבא, וואָס מען האָט איהם געגעבען נאָך זיין נידער־לאגע און טויט. ער איז ניט געווען א „שטערן־זוהן", וויא אבער־גלויבישע מענשען האָבען איהם גערופען, ווען ער האָט בעזיעגט די רוימער, און ער איז ניט געווען א „זוהן פון ליגענס", ווען ער איז געשלאָגען געוואָרן. ווען איהם וואָלט געלונגען צו פעריאָגען דיא רוימער און אָנצוהאלטען דיא אונאבעהנגיגקייט פון ארץ ישראל, וואָלט מען איהם געוויס פערעהרט נאָך מעהר וויא יהודה המכבי; אָבער ער איז בעזיעגט געוואָרען און — וועה צו דיא בעזיעגטע! ער איז ניט געווען דער ערשטער און דער לעצטער העלד, וועלכער האָט בעצאָהלט מיט זיין לעבען פאר זיין טרייהייט און ליעבע צו זיין פאָלק און וואָס איז נאָך דערפאר נאכהער פערלוימדעט און געשענדעט געוואָרן. עס איז ניט געווען זיין שולד, וואָס זיינע בעגייסטערטע נאָכפאָלגער האָבען איהם ער־קלערט פאר א משיח, ווייל זיי האָבען ניט געקענט גלויבען, דאָס א מענש זאָל קענען בעזיעגען רוימישע ארמעען אָהן א געטליכע הילפע, און ער פערדיענט זיכער ניט דעם נאָמען „בר־כוזיבא", ווייל זיי האָבען זיך גענארט אין זייערע איינבילדונגען.

זעקסטער קאפּיטעל.

אדריאַן'ס שרעקליכע גזרות און דיא אויפבויאונג פון א געצענדיענערשע שטאָט אין ירושלים.

נאָך דיא צערשטערונג פון ביתר איז דער אויפשטאנד נא־טירליך געוועזן צו ענדע. דיא הייסעסטע פּאטריאָטען האָבען פער־לאָרען יעדע האָפנונג און האָבען נאָר געזוכט זיך צו רעטען פון רוימישע שווערדען. פיעלע פון דיא קעמפפערס אין ביתר האָ־בען זיך הפנים גערעטעט דורך געהיימע וועגען אונטער דער ערד, דען דער קייזער אדריאַן, וועלכער איז ארום דער צייט אליין גע־קומען נאָך ארץ ישראל, האָט אויסגעקליבען דריי סטראטעגישע פּונקטען, וואו אבטהיילונגען פון דער רוימישער ארמעע פלעגען אויפּפּאסען, אז פּאטריאָטען זאָלען ניט קענען זיך רעטען דורך א פּליטה אין דיא ארומיגע לענדער. ווער עס פלעגט אריינפאלען אין דיא הענד פון דיא רוימער סאָלדאטען, פלעגט גלייך געטויטעט ווערן.

אדריאַן האָט איינפאך געוואָלט אויסראָטען אלע אידען, וועל־כע זיינען נור געוועזן פעהיג צו טראָגען געווער. זיין האס צו דיא פּאטריאָטען איז געוועזן אזוי גרויס, אז ער האָט זיך ניט אָב־געשטעלט פאר דיא גרעסטע געמיינהייטען אפילו נאָך דיא באר־בארישע קריעגס־מנהגים פון יענער צייט. ער האָט נעמליך ארויס־געשיקט עסטאפעטען איבערן לאנד מיט א בשורה, אז די יעניגע, וואָס וועלען זיך פרייוויליג אונטערגעבען, וועלען בעגנאדיגט ווערן. א סך פּאטריאָטען האָבען זיך דאן בעהאלטען אין היילען און האָבען זיך ארומגעשלעפּט אין דיא פערוואָרפענסטע ווינקעלאך פון דיא בערג־געגענדען, ווארטענדיג אויף א געלעגענהייט צו אנטלויפען. ווען זיי האָבען דערהערט, אז אדריאַן וועט זיי שענקען דעם לע־

בען, אויב זיי וועלען זיך נאָר אליין אונטערגעבען, האָבען א טהייל פון זיי ביסלעכווייז פארלאָזען זייערע בעהאלטונגס־ערטער און זיך פערלאָזט אויף דיזען פערשפרעך. אָבער מען האָט זיי שענדליך אָבגענארט. מען האָט זיי אלעמען אוועקגעשלעפּט נאָך רמון, וואו מען האָט זיי אויסגעשלאכטעט אונטער אדריאן'ס אויגען.

דער גרעסטער טהייל פון גליל און פון דיא געגענדען ארום ביתר זיינען צושטערט און פערוויסטעט געוואָרן. דיא מענער זיי־נען אויסגעשלאכטעט געוואָרן, און דיא פרויען און קינדער האָט מען אוועקגעשלעפּט נאָך חברון און עזה, וואו מען האָט זיי פער־קויפט אין שקלאווערײ. אדריאן האָט אויך געלאָזט פיהלען זיין צאָרן דיא אידען, וועלכע האָבען געלעבט אין רוים און אין דיא פראָווינצען פון דער אימפּעריע. דיא ספּעציעלע טאקסע, וועלכע מען האָט אויף זיי ארויפגעלייגט נאָך חורבן ירושלים, איז יעצט פערגרעסערט געוואָרן און מען האָט איהר קאָלעקטירט פיעל שטרענגער. אויף יעדען טריט האָט מען דיא אידען געלאָזט פיה־לען, אז זיי זיינען דיא בעזיעגטע און אז זיי מוזען ליידען. דיא קריסטען, וועלכע מען האָט דאן צוזאמענגעמישט מיט אידען, אָב־וואָהל דיא מייסטע פון זיי האָבען עס שטארק געלייקענט און גע־זוכט צו בעווייזען, דאָס זיי זיינען אליין פיינדע פון אידישען פאָלק און ספּעציעל פון אידישען גלויבען, האָבען אויך פיעל גע־ליטען פון אדריאן'ס צאָרן.

וויא פיעל אידען עס זיינען פערבליבען נאָך דער שוידערלי־כער אונטערדריקונג פון דעם אויפשטאנד און נאָך דער צערשטע־רונג פון ביתר, ווייס מען ניט. דיא שטעט, וועלכע האָבען קיין אנטהייל ניט גענומען אין דעם אויפשטאנד אָדער אזעלכע, וועלכע האָבען זיך בעצייטענס אונטערגעגעבען, זיינען געבליבען גאנץ. נאָר דיא איינוואָהנער האָבען געהאט אויסצושטעהן א סך ערני־דערונגען און צרות. נאָר א קליינע צאָהל פון דיא קעמפּפערס איז געלונגען זיך צו רעטען. דיא מייסטע פון זיי האָבען זיך בעזעצט אין דיא נאָרדליכע טהיילען פון אראביען, וואו זיי האָבען געגרינ־דעט קאָלאָניעס און האָבען שפּעטער געשפּיעלט א וויכטיגע ראָלע

אין מאַהאמעד'ס צייטען(*). דיא גרענעצען צום זידען פון א"י ישראל, מייסטענס וויסטע געגענדען, זיינען ניט געווען אזוי בע־וואכט פון דיא רוימישע סאָלדאטען, וויא דיא גרענעצען פון גליל און דיא פּאָרטען. אין אראביען, וואוהין דיא רוימער, האָבען נאָך ניט דערגרייכט, האָבען זיך דיא אידען געפיהלט זיכערער וויא אנדערסוואו. דיא אנטלאָפענע האָבען אויך געפונען אין אאזיסען פון אראביען און אין דיא פרוכטבארע געגענדען לעבען דיא ברע־געם פון רויטען ים ברידער, וועלכע האָבען שוין לאנג עמיגרירט אהין. אזוי איז דאָרטען ענטשטאנען א צאָהלרייכע אידישע בע־פעלקערונג, וועלכע האָט ביסלעכווייז אָנגענומען דיא מנהגים פון דיא אראבען, זייערע שטיף־ברידער.

אין ארץ ישראל האָבען דיא פערבליבענע אידען שרעקליך גע־ליטען ביז דעם טויט פון אדריאן אין 138טען יאָהר, דריי יאָהר נאָך דער צערשטערונג פון ביתר, פון וועלכער עס זיינען נאָך ביז'ן היינטיגען טאָג פערבליבען אייניגע חורבות. אזעלכע פערפאָלגונ־גען האָבען דיא אידען וואהרשיינליך קיין מאָל ניט געליטען אין זייער פאטערלאנד. רופוס, וועלכער איז פערבליבען דער גובערנא־טאָר, האָט זיך אָפּגערעכענט פאר זיינע פריהערע נידערלאגען מיט דער גרעסטער רציחה. ער האָט נאָך איבערטראָפען דיא גרוי־זאמע בעפעהלען פון זיין אויבערהאר און האָט געשטיקט און גע־דריקט דיא אידען אונערטרעגליך.

אדריאן און רופוס האָבען געשטרעבט ניט נאָר צו ברעכען אזוי דיא אידען, אז זיי זאָלען מעהר ניט קענען א קאָפּ אויסהויבען, זאָנדערן אויך זיי אָפּצורייסען פון זייער רעליגיאָן, צו צווינגען זיי צו ווערען געצענדיענערס. צו דיזען צוועק האָבען זיי אויסגעפיהרט דעם פּלאן אומצו־וואנדלען ירושלים אין א געצענדיענערשע שטאָט. נאָך דער אונטערדריקונג פון דעם אויפשטאנד האָט שוין אדריאן געקענט טאָן מיט דער הייליגער שטאָט וואָס ער האָט געוואָלט.

(*) זעה דיא לעבענסבעשרייבונג פון מאהאָמעד, ארויסגעגעבען פון דער אינטערנאציאָנאלער לייברערי פּובלישינג קאָמפּאניע.

סעווערוס איז באלד נאָך דער צערשטערונג פון ביתר אוועק צוריק נאָך בריטאניא צו מאכען א סוף דאָרטען פון דעם אויפשטאנד, און רופוס האָט זיך גענומען צו דער ארבייט אויפצובויען א גריכישע שטאָט ארום דיא ערטער, וואו דער בית המקדש איז נאָך מיט 66 יאָהר צוריק געשטאנען. צוערשט האָט ער ארויסגעשיקט ארבייטער, וועלכע האָבען אָבגעראמט דיא חורבות און זיינען אריבער מיט אן אקער דעם בארג פון בית המקדש און איבער דיא ווינקטיגסטע קווארטאלען פון דער אמאָליגער הויפשטאָט. דאָס האָט פאסירט א יאָהר נאָך דער צערשטערונג פון ביתר און גראדע ווידער תשעה באב. דיא רוימער האָבען הפנים אויסגעקליבען דיזען אידישען טרויער־טאָג צום אנדענקען פון זייער זיעג אין דיא צייטען פון טיטוס.

רוים האָט אזוי אָבגעראמט פון דער ערד דיא לעצטע סמנים פון ירושלים. נאָר דיא נייע שטאָט, וועלכע האָט געקראָגען דעם נאָמען Aelia Capitolina (עליא קאפיטאָלינא), איז געבויט געוואָרן א ביסעל מעהר צום נאָרד וויא דיא אלטע שטאָט. מען האָט געבראכט ארבייטער פון אלע לענדער ארום און מען האָט דאָרטען בעזעצט אויסגעדיענטע סירישע און פעניקישע סאָלדאטען. דיא גריכיש־רוימישע שטאָט איז צוטהיילט געוואָרן אין זיעבען קווארטאלען און האָט געהאט צוויי מארק־פלעצער, א טהעאטער און א צירקוס. אויף דעם בארג פון בית המקדש האָט מען אוועקגעשטעלט א זייל צו עהרע פון אדריאן און דערביי האָט מען אויפגעבויט א טעמפעל צו יופיטער, דעם הויפט־גאָט פון דיא גריכען און רוימער. אין אנדערע פלעצער האָט מען געשטעלט געצקעס פון רוימישע, גריכישע און פעניקישע געטער. אויף דעם בארג גלגל (גאָלגאָטה) האָט מען אויפגעבויט א שעהנעם טעמפעל לכבוד ווענוס, דיא געטין פון ליעבע, און אין א הייל לעבען בית לחם האָט מען אוועקגעשטעלט א סטאטוע פון אדאָניס אָדער תמוז און מען האָט דאָרט געפראוועט דיא געוועהנליכע געצענדינערשע צערעמאָניעס, דיא עקעלהאפטעסטע עבודה זרה.

גראדע וויא א מאָל אנטיוכוס עפיפאנעס (ביי אידען בע־

קאנט אונטער דעם נאָמען אנטיוכוס הרשע), האָט אדריאַן גע־
זוכט צו שענדען דיא היילינסטע אידישע פלעצער מיט געצקעס
און געצענדיענסט; אָבער יעצט זיינען שוין דיא אידען געווען אזוי
נידערשלאָגען און אָפגעשוואכט פון דעם אונגליקליכען קאמפף מיט
רוים, דאָס זיי האָבען נאָר געקענט קרעכצען פון וויטאָג און הארצ־
קלעמענעס. דיא צייטען פון דיא חשמונאים זיינען אויף אייביג
פאָראיבער.... אדריאַן האָט אויך קיינע צערעמאָניעס ניט געמאכט
מיט דיא שמרונים: אויף זייער היילינען בארג, אויף דעם הר
גריזים, וואו עס איז א מאָל געשטאנען זייער בית המקדש, האָט
מען אויך אויפגעבויט א יופיטער־טעמפעל, אום איינצופיהרען דעם
גריכיש־רוימישען געצענדיענסט.

אדריאַן, וועלכער האָט אלץ מעהר גענומען האסען דיא אידען,
דיא קריסטען און איבערהויפט דיא מאָנאָטעאיסטישע סעקטען,
האָט מיט געוואלד געוועלט איינפלאנצען דעם גריכיש־רוימישען
גלויבען; אָבער ער איז דאָך ניט געגאנגען אזוי וויית, וויא דער
משוגענער גריכיש־סירישער טיראַן אנטיוכוס עפיפאנעס, דען ער
האָט וויינינסטענס ניט געצוואונגען דיא אידען און דיא קריסטען
זיך צו בוקען ־צו דיא געצקעס. ער האָט פערשטאנען, אז דערמיט
וועט ער נאָר אָבשטויסען נאָך מעהר דיא אידען פון דעם גריכיש־
רוימישען גלויבען און ער האָט דארום געזוכט זיי אָבצורייסען פון
זייער רעליגיאָן דורך א גאנצע רייהע פון גזרות. ער האָט
שטרענגסט פערבאָטען דיא אידען צו האלטען שבת און אנדערע
ימים־טובים און אויך מל צו זיין זייערע קינדער. פאר ניט פאָלגען
פלעגט מען גרויזאם בעשטראָפען. מען האָט איינגעפיהרט א מאסע
שפיאָנען, וועלכע פלעגען זוכען דיא געהיימע ערטער, וואו דיא
אידען פלעגען זיך צוזאמענקומען צו זייער גאָטעס־דיענסט. דיזע
שפיאָנען האָבען אויך געהאט אויסצוגעפינען, וועלכע אידישע
מנהגים מען בעדארף אָבשאפען, אום די אידען שנעלער צו בעקעהרן
צום געצענדיענסט. מען האָט אפילו אזוי פערבאָטען חתונות אם
מיטוואָך. אום וואָס מעהר צו ערגערן דיא אידען און שענדען זייער
גלויבען, האָט מען זיי אונטער א טויט שטראָף פערבאָטען ארייג־

צוקומען אין עליא קאפיטאָלינא דורך אַן אַנדער טויער, וויא דורך דעם זידליכען טייער, וואָס האָט געפיהרט צום וועג פון בית־לחם און וואָס איז בעציערט געוועזן מיט דעם קאָפּ פון א חזיר.....

דער סנהדרין איז נאַטירליך אָבגעשאַפט געוואָרען, און דיא תנאים און רבנים זיינען בעזאָנדערס גרויזאַם פערפאָלגט געוואָרן. דער סנהדרין פון יבנה, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן פון יוחנן בן זכאי באלד נאָך חורבן בית שני, האָט זיך אריבערגעצויגען נאָך אושא ניט ווייט פון עכו (אין נאָרד פון גליל) הפנים נאָך פאר בר־כוכבא׳ס אויפשטאנד. א סך פון דיא תנאים זיינען אומגעקומען אין דער צייט פון דער מלחמה, און דיא וואָס זיינען לעבען גע־בליבען, האָבען זיך פערזאמעלט אין געהיים אין א שטעדטעל אין לידא (לוד). צווישען זיי איז אויך געוועזן רבי עקיבא, וועלכער האָט זיך אזוי וויא מיט נסים ארויסגעדרעהט פון דיא רוימישע הענד.

דיא לאגע איז געוועזן אזא שרעקליכע און הערצרייסענדע, דאָס דיזע רבנים האָבען זיך דאן בעזאָנדערס בעשעפטיגט מיט דער פראגע, אויב אידען מוזען ניט אנדערש ערפילען אלע פאָר־שריפטען פון זייער רעליגיאָן, דיא וויכטיגע וויא דיא ניט־וויכטי־גע, ווען אפילו עס זאָל זיי פּאָרשטיין א מערטירער־טויט, אָדער זיי זאָלען צום שיין נאָכגעבען און פערבלייבען אידען אין הארצען. פיעלע אידען האָבען דאן געהאנדעלט אזוי וויא דיא מאראנען מיט 12 הונדערט יאָהר שפּעטער אין שפּאניען און פּאָרטוגאל, ווען דיא אינקוויזיציאָן האָט געצוואונגען דיא אידען אָנצונעהמען דעם קריסטליכען גלויבען.

אייניגע רבנים האָבען ערקלערט, אז דיא תורה איז געגעבען געוואָרן צו פיהרען א ריכטיגען לעבען, אָבער ניט צו שטארבען דורך איהר. נאָך א לאנגען ויכוח האָט מען בעשלאָסען אָפּצושטי־מען דיזע פראגע, פון וועלכער דאָס לעבען פון דיא אידען אין ארץ ישראל איז געוועזן אָפּהענגיג. דיא מאיאָריטעט איז געוועזן פאר דעם פּאָרשלאג, אז אום אויסצומיידען פיינינונגען, מעג מען

פערבייגען אלע פּאַרשריפטען פון דער תורה, חוץ עבודה זרה, גלוי עריות און שפכת דמים.

דאָס הייסט אלזאָ, אז מען האָט דאן ערלויבט אפילו ניט צו האַלטען פון מלה, פון שבת און פסח. דאָס צייגט אין וואָס פאר א שרעקליכען צושטאנד דיא אידען האָבען זיך דאן געפונען. נאָר וויא עס ווייזט אויס, האָט מען דערביי אין געהיים אָנגעזאָגט, אז מען זאָל וויא ווייט נאָר מעגליך אָבהיטען אלע פּאַרשריפטען. אָבער דאָס איז געוועזען איבעריג אָנצוזאָגען, דען זעהר ווייניג אידען זיינען דאן געוואָרען משומדים, אזוי ווי „אחר" (אלישע בן אבויה) פון וועלכען עס ווערט אזוי פיעל דערצעהלט אין דער גמרא.

דיא שפּאנישע אינקוויזיציאָן איז ניט געוועזען ערגער וויא דיא רוימישע אין אדריאן'ס צייט. דיא אידען האָבען געמוזט זיך פאר־שטעלען און זוכען דיא פערבאָרגענסטע ערטער פאר זייער גאָ־טעסדיענסט. רוימישע שפּיאָנען, וועלכע זיינען געהאָלפען געוואָרן פון עטליכע משומדים און אויך פון אידישע קריסטען, וועלכע האָ־בען דערמיט געוואָלט קריגען חן אין דיא אויגען פון דיא גרויזא־מע הערשער, פלעגען זיך נאָכיאָגען נאָך אידען אויף יעדען שריט. איין שפּיאָן האָט געכאפּט א געוויסען אלישע מיט תפילין אויף'ן קאָפּ, דערפאר האָט מען דעם אונגליקליכען צובראָכען דעם שארבען. אן אנדער שפּיאָן האָט דערזעהען, וויא א איד האָט אָנגעשלאָגען א מזוזה דערפאר האָט מען איהם בעשטראָפט צו בעצאָלען 1000 דענא־רען (אונגעפעהר 1000 פראנק). עס איז אפילו געוועזען געפהרליך צו טראָגען אידישע נאציאָנאלע קליידער. איינער פון דיא רבנים האָט אזוי בעשריעבען דיא דאמאָלסדיגע לאגע פון אידען אין ארץ ישראל: „ווארום הייסט מען דיך שמייסען? ווייל דו האָסט געטראָגען א לולב. ווארום הייסט מען דיך קרייציגען? ווייל דו האָסט געגעסען מצות אום פסח. ווארום הייסט מען אייך פער־ברענען אָדער צוהאקען מיט שווערדען? ווייל איהר האָט געלע־זען דיא תורה און האָט געלאָזען מל זיין אייערע קינדער."

רבי ישמעאל, וועלכער איז געוועזען דאפיר, אז אידען מעגען רע־טעי זייער לעבען דורך פערשטעלונגען און ניט פאָלגען דיא פּאָר־

שריפטען פון דער תורה, האָט אזוי ערקלערט זיין שטאנדפונקט: „אזוי וויא דיא זינדיגע רוימער פערפאָלגען אונז גרויזאם, לאָזען אונז ניט אָפּהיטען אונזערע געזעצע און פערוועהרען אונז בע־זאָנדערס דיא מצוה פון מילה, זאָ בלייבט אונז נאָר גאָר ניט חתונה צו האָבען. אָבער דאן וועלען דאָך דיא קינדער פון אברהם פער־שווינדען פון דער ערד. דארום איז עס גלייכער, אז דיא רעליגיאָן זאָל אויף צייט ניט געפּאָלגט ווערן“.

צווישען דיא תנאים זיינען געווען אזעלכע, וועלכע האָבען געפּרעדיגט צו פאָלגען דיא רוימער אום יעדען פּרייז. זייער פּיה־רער איז הפנים געווען יוסי בן קסמא, וועלכער איז געווען אין גרויס גנאדע ביי דעם גובערנאטאָר רופוס און ביי אנדערע רוי־מישע בעאמטע אין ארץ ישראל. פון איהם דערצעהלט מען, אז ווען ער האָט בעגעגענט דעם תנאי חנינה בן תרדיון, וועלכער איז געווען בערייט זיך אויפצואָפּפערן פאר דיא אידישע רעליגיאָן און איז טאקי געפּאלען וויא א מערטירער, האָט ער אזוי צו איהם גע־זאָגט: „דו קענסט זעהען, מיין ברודער, אז אפילו דער הימעל העלפט דיא רוימער: דער בית המקדש איז צושטערט; דיא פרומע זיינען אויסגעשלאכטעט, דיא בעסטע מענשען זיינען אויסגעראָ־טעט, און דאָך עקזיסטירט דיזע אימפעריע! וויא אזוי וואגסטו צו פּרעדיגען געגען דעם קייזערליכען געזעץ? עס וועט מיך ניט וואונ־דערן ווען מען וועט דיך פערברענען צוזאמען מיט דיא הייליגע שריפטען“.

דיזער תנאי, זאָל ער אונז מוחל זיין, איז איינפאך געווען אן אונטערלעקער און א פיינלינג. צו עהרע פון דיא דאמאָלסדיגע אי־דישע לעהרערס מוז מען זאָגען, אז דיא גרעסטע צאָהל פון זיי זיי־נען בערייט געווען זיך מוסר נפש צו זיין פאר זייער גלויבען און זיי־נען געווען פּאטריאָטען. א סך פון זיי זיינען טאקי הינגעריכטעט געוואָרן פון דיא רוימישע הענקערס און א סך זיינען זיך צולאָפען מייסטענס נאָך בבל, וואו עס האָט זיך ביסלעכווייז אויסגעביל־דעט אזא צענטער פון יודענטהום, וועלכער האָט פערנומען דעם פּלאַץ פון צושטערטען און געשענדעטען ירושלים.

דער נאָמען פון דער הויפּשטאָט פון אידישען פאָלק, וועלכער האָט נאָך מיט 70 יאָהר צוריק געגלאַנצט, איז פערגעסען געוואָרן. אין אלע אָפיציעלע רוימישע דאָקומענטען ווערט זיא דערמאָנט אונטער איהר געצענדיענערשען נאָמען „עליא קאפּיטאלינאָ“. אין דער גמרא ווערט זיא גערופען שלום (א פערקירצונג פון ירושלים), ווייל עס איז הפּנים פערבאָטען געוועזן צו געברויכען דעם ריכטי־גען נאָמען. מען דערצעהלט, דאָס אונגעפעהר מיט א יאָהר הונ־דערט שפּעטער, ווען א רוימישער גובערנאַטאָר פון פּאלעסטינא האָט געהערט, וויא א קריסטליכער בישקאָף האָט דערצעהלט, דאָס ער איז געקומען פון ירושלים, האָט ער געפרעגט, וואו געפינט זיך אזא שטאָט.....

זיעבעטער קאפיטעל.

רבי עקיבא׳ס מארטירער־טויט און דער פערבאָט צו בעער־ דיגען דיא געפאלענע פאטריאָטען.

צווישען דיא תנאים, וועלכע האָבען זיך מוסר נפש געוועזן פאר זייער גלויבען אין דיזער שרעקליכער צייט, איז דער גרעסטער און וויכטיגסטער געוועזן רבי עקיבא. אויבען איז שוין אָנגעצייגט געוועזן, אז ער איז געוועזן דיא נשמה פון דעם אויפשטאנד אונטער דער לייטונג פון בר־כוכבא און אז ער האָט זיך גערעטעט פון דיא רוימישע שווערדען נאָך דער צערשטערונג פון ביתר. אָבער שפּיאָ־נען האָבען איהם נאָכגעפאָלגט אויף יעדען שריט, און זיין לעבען איז שטענדיג געהאנגען אויף א האָאר, ווען אדריאן האָט בעפוילען ספּעציעל צו אונטערדריקען ישיבות און אומצוברענגען דיא לעהרערס. אדריאן און רופוס האָבען גאנץ גוט פערשטאנען, אז זאָ לאנג מען וועט צולאָזען אויסצובילדען נייע רבנים, וועט שווער זיין צו בעקעהרען דיא אידען צום גריכיש־רוימישען גלויבען. רופוס האָט דארום זיך א נעהם געטהאָן צו דיא גרעסטע תנאים און האָט פיעלע פון זיי אומגעבראכט נאָך שרעקליכע פייניגונגען.

דיא אידישע לעגענדען דערצעהלען וועגען צעהן בעריהמטע מארטירער, דיא עשרה הרוגי מלכות. דיא מייסטע פון זיי זיינען טאקי אומגעבראכט געוואָרען אין דער צייט, ווען דער הארצלאָזער רופוס האָט אויסגעפיהרט אדריאן׳ס גרויזאמע בעפעהלען, דיא איבריגע זיינען מארטירער פון אנדערע צייטען. דער ערשטער פון דיא תנאים, וואָס רופוס האָט הינגעריכטעט, איז געוועזן ישמעאל, א זוהן פון דעם כהן גדול אלישע. רבי עקיבא האָט איבערגעגעבען זיינע שילער, מיט וועלכע ער האָט געלערנט אין געהיים, וויא אזוי דיזער תנאי האָט זיך אויפגעאָפּפערט און וויא דיא רוימישע הענ־

קערס האָבען איהם געפּייניגט. צו ענדע האָט ער געזאָגט: „גרייט זיך צו צום טויט, דען שרעקליכע טעג קומען“. ער אליין איז געווען גרייט צום טויט.

מען האָט איהם געווארנט, אז ער זאָל ניט לערנען אין גע־היים מיט זיינע שילער און אז ער זאָל איבערהויפּט פערלאָזען ארץ ישראל, וואו מען האָט איהם שטארק נאָכגעשפּיאָנירט; אָבער ער האָט ניט געאכטעט דערויף ביז מען האָט איהם אריינ־געשליידערט אין געפענגנים. אזוי וויא רופוס האָט איהם בע־טראכטעט פאר דעם גייסטען פיהרער פון אידישען פאָלק, האָט ער איהם בעהאנדעלט נאָך גרויזאמער וויא דיא אנדערע תנאים און פּאטריאָטען. מען האָט איהם געפּייניגט מיט דיא גרעסטע רציחות. זיין הויט האָט מען אראָפּגעריסען מיט אייזענס פאר זיין טויט. מען דערצעהלט, אז דער מארטירער האָט דאן אויסגעשריען „שמע ישראל!“ און אז ער האָט ארויסגעלאָזען דעם לעצטען אָטהעם ביי דיא ווערטער „אדני אחד!“ מען דערצעהלט, אז ווען רופוס האָט געזעהען, וויא ר' עקיבא פערטראָגט געדולדיג דיא שרעקליכ־סטע פּייניגונגען און האָט איהם געפרעגט, אויב ער איז ניט א מכשף, האָט ער געקראָגען פאָלגענדע אנטוואָרט פון דעם מארטי־רער: „איך בין ניט א מכשף, אָבער איך פרעה זיך וואָס מיר איז בעשערט צו ליעבען גאָט מיט מיין לעבען“.

חנינא בן תרדיון, וועלכער איז אויך ארעסטירט געוואָרען פאר לערנען אין געהיים מיט זיינע שילער, איז ארומגעוויקעלט געוואָרן אין א ספר תורה און איז אזוי פערברענט געוואָרן אויף א פייער פון טרוקענע צווייגלאך. זיין פרוי איז אויך פעראורטהיילט גע־וואָרן צום טויט און זיין טאָכטער צו שקלאווערייא. ווען רופוס האָט געפרעגט דיזען מארטירער, ווארום ער האָט ניט געפאָלגט דעם קייזערליכען בעפעהל, האָט ער מוטהיג געענטפערט: „ווייל גאָט האָט מיר אזוי געהייסען!“

אפילו דיא טויטע אידען האָבען דיא רוימער דאן געשענדעט און פערפאָלגט. אדריאן האָט ארויסגעלאָזען א בעפעהל, אז מען זאָל ניט בעערדיגען דיא געפאלענע פּאטריאָטען, נאָר זייערע קער־

פערם זאָלען זיך וואלגערן אלס א ווארנונג פאר דיא לעבעדיגע. ערטערווייז זיינען הרוגים געלעגען אין גרויסע צאָהלען, און ווילדע חיות האָבען זיי געפרעסען. דיא לופט איז געווען פערפעסטעט, אָבער דיא רוימער האָבען זיך גאָר ניט געקימערט וועגען דעם. ווען מען פלעגט כאפען א אידען, וואָס פלעגט אין געהיים בע־ערדיגען א הרוג, פלעגט מען איהם צוהאקען אויף שטיקער.

אין דיזער צייט, רעכענט מען, איז עס אָנגעשריבען געוואָרן דער ספר טוביה, אין וועלכען עס ווערט בעזאָנדערס אָנגעצייגט, אז עס איז דיא היילינסטע פפליכט פון אידען צו בעערדיגען זייערע געפאלענע ברידער. דיזער בוך צייגט אויך, וויא אונגליק־ליך דיא אידען זיינען דאן געווען אין זייער אייגען לאנד.

אָט אזוי האָט עס געענדיגט אדריאן, וועלכער האָט געמאכט אזעלכע זיסע פערשפרעכונגען דיא אידען, ווען ער איז געוואָרן קייזער; אָט אזוי האָט ער זיך אָפּגערעכענט מיט זיי דערפאר, וואָס ער איז געצוואונגען געווען זיי צוצוזאָגען, אז ער וועט ער־לויבען צו בויען דעם בית המקדש. אנשטאט א בית המקדש האָט ער אויפגעבויט א טעמפעל צו יופּיטער, אָנשטאָט ירושלים איז אויסגעוואקסען א געצענדיענערשע שטאָט, וואו די אידען איז אפילו פערבאָטען געוואָרן אריינצוקומען אונטער א טויט־שטראָף; אָנשטאָט א געוויסע זעלבסט־פערוואלטונג — פערוויסטונג און בערג מיט הרוגים.

נאָר צו דיזע שרעקליכע לײדען איז געקומען אן ענדע נאָך דעם טויט פון דיזען האלב־פילאָזאָפישען, האלב־פעריקטען טיראן. ער איז געשטאָרבען דריי יאָהר נאָך דעם פאל פון ביתר, דריי פון דיא ערגסטע און שוידערליכסטע יאָהרען אין דער געשיכטע פון דיא ליידען פון אידישען פאָלק. כך הכל האָט ער געהערשט 21 יאָהר, נאָר אין דיזער צייט האָט ער אָנגעמאכט דיא אידען פיעל מעהר צרות, וויא אלע אנדערע רוימישע הערשער צוזאמענגענומען.

עס איז איבריג צו זאָגען, אז דיא נאכריכט וועגען זיין טויט האָט ארויסגערופען דיא גרעסטע שמחה צווישען אלע אידען און אויך קריסטען, וועלכע ער האָט אויך גרויזאם פערפאָלגט, ווייל ער

האַט זיי נאָר געהאַלטען פאַר א אידישע סעקטע. אין דיזער בע־
ציהונג האַט ער געוויסערמאַסען רעכט געהאַט, דען א טהייל פון
דיא דאַמאָלסדיגע קריסטען האָבען זיך געהאַלטען כמעט אָן אלע
אידישע מנהגים. נאָך מעהר האָבען זיי זיך געפרעהט, ווען זיין
נאָכפאָלגער אנטאָניוס, וועלכער האָט געקראָגען דעם נאָמען פיוס
(פרומער), האָט זיי גענומען בעהאנדלען מענשליכער.

דיזער אנטאָניוס איז געוועזן אדריאן׳ס אדאָפּטירטער זוהן און
האָט ניט פערפאָלגט דיא אידען און דיא קריסטען. ווען ער איז גע־
וואָרען קייזער, האָבען דיא אידען געשיקט צו איהם א דעפּוטאַ־
ציאָן מיט א ביטע, אז מען זאָל אויפהערען דיא פערפאָלגונגען
געגען זיי. א קורצע צייט נאָכדעם איז אָנגעקומען דיא פרעהליכע
בשורה, אז מען מעג בעערדיגען דיא קערפּערס פון דיא געפאלענע
פּאַטריאָטען, און עטליכע מאָנאַט שפּעטער האָט אנטאָניוס אָבגע־
שאַפט אדריאן׳ס גזרות. ער האָט אויך ערלויבט דיא מלה, אָבער
ניט פיר גרים. דער בעפעהל, אז אידען טאָרען ניט אריינקומען
אין עליא קאַפּיטאָלינא איז אבער פערבליעבען אין קראַפט; נאָר
דיא אידען האָבען אליין אויסגעמיידעט דיא געצענדיענערשע
שטאָדט וויא דיא פּעסט.

ע נ ד ע.

ספריה עממית בטורונטו
יידישע
פאלקס ביבליאטעק
טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO
9386 4
3

ספריה עממית בטורונטו
יידישע
פאלקס ביבליאטעק
טאראנטע
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

Digitized by the Internet Archive
in 2026

https://archive.org/details/lifeoffamousmen0003vari

Toronto Jewish Public Library

THIS BOOK MAY BE KEPT 21 DAYS

and may be renewed once, if no application has been registered for it.

…d,
…ast
…be
…l.

ביאגראפ

לעבענס־בעשרייבונגען פון
בערימטע מענער

421 ג ביא

NOV 23 '71	4508		
NOV 21 '72	9987		
AUG 25 '73	4375		

ביאגראפיע 4210

NOV 23 '71
NOV 21 '72
AUG 25 '73

OCT 2 '74

JUL 12 '82

Jan 29/87

MAR 15/87

MAR 29 199[illegible]

JUL 12 1999
AUG 3 1999

ספריה עממית בטורונטו
יידישע
פאלקס ביבליאטעק
טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO